STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00509

# SHMUESN VEGN BIKHER

Samuel Niger

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by Robin Siegel- Meares*
*in honor of*
*Priscilla Siegel*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ש. ניגער

# שמועסען וועגען ביכער

ערשטער טייל

פערלאַג אידיש, ניו־יאָרק

תרפ"ב — 1922

Copyright 1922
by S. Charney

# פאַרשמועסען

# פארשמועסען

עס וועט זיך רעדען אין דעם בוך אויך וועגען אזוינע ווערק, וואס זיינען ארויס נאך פאר דער מלחמה, פאר דער וועלט-ציטער־ניש: זיינען זיי דען ניט אלט, ניט פארעלטערט געווארען? האבען די רויטע שפורען פון קריג ניט געמאכט קיין פאס, קיין שארפען גרענעץ צווישען דעם, וואס פריער איז געווען און דעם, וואס קומט דערנאך?

איך בין גרייט צו ענטפערען אויף דער פראגע אי יע, אי ניין. און איך פארנעם אין מיינע געדאנקען א אינעווייניגסטען דיאלאג:

## I. ליטעראטור — און קריג.

### א.

— האט דער קריג ניט אויפגעמישט א ניי, גאר א ניי בלאט אין בוך פון דער געשיכטע?

— געוויס.

— ווירקט ניט דאס בוך פון דער געשיכטע אויף דער געשיכ־טע פון בוך? איז מעגליך, אז דאס, וואס האט אנגעמאכט אין אלע־מענס לעבען אזא צערודערונג, וואס האט חרוב געמאכט די יסודות פון דער אלטער פאלקסווירטשאפט, פון דער פאליטיק, וואס האט געמאכט אזוינע טיפע און שווערע שנויים אין די באציאונגען צווי־שען פאלק און פאלק, קלאס און קלאס, מענש און מענש — איז מעגליך, אז דאס זאל ניט צווינגען אונז ווארטען אויף עפעס נייעס

אויך אין דער ליטעראטור? איז מעגליך, אז די גייסטיגע פראדוק־ציע זאל בלייבן די אייגענע, וואס פריער, ווען אלץ ארום איז געווארן אנדערש?

— צי איז אבער אלץ ארום געווארן אנדערש? ווען אויבן איבער'ן ים בלאזן ווינטן, און שטורעמס שטורעמען, און דער אויבערפלאך פון וואסער בויגט זיך און ברעכט זיך און שוימט און שרייט מיט קולי קולות ביז'ן הימעל — בלייבן דען די אפ־גרונטן אונטן רואיג, ווי געווען?

— יע, זיי בלייבן רוהיג...

— ...און די ים־קעניגין, וואס זיצט דארט אויפ'ן שטילן דעק און קלייבט און שנירט אויפ'ן שנור די פערעל — שטעלט זי אפ איר שטילע ארבייט, הערט זי אויף בישופ'ן איר אייביגען בישוף, מחמת ערגעץ אויבן דארט טומעלט און רוישט?

— ניין...

— נו, איז די ליטעראטור, די קונסט, דען ניט געגליכען צו אט דער ים־קעניגין? קלייבט זי דען ניט אונטן דארט אין דער טיפער טיפעניש די אייביגע פערעל פון לעבען? אדער זי איז געגליכען גאר צו יענע ארעמע פייגלען, וואס מיט זייערע פליגעלער בארירען זיי גאר דעם אויבערפלאך פון וואסער? ניין, איר, דער קעניגליכער קונסט, גייט ניט אן, וואס אויבען טוט זיך, איר ארט ניט פאר'ן אויבערפלאך, פאר'ן שוים פון לעבען...

— אבער ניט קיין וואסער שוימט: עס גיסט זיך בלוט... און טרערען רינען...

— דער כוס פון טרערען איז קיינמאל ניט ליידיג גע־שטאנען; און ער איז ניט פול נאך... און בלוט? די ערד איז גע־וואוינט צו בלוט. און פאר דעם גייסט פון דער ערד — דער קונסט איז עס קיין נייס ניט. שוין דעם ערשטען מענשענס זון האט זיין ברודערס בלוט פארגאסען...

— שרייט דען ניט דאס בלוט פון דער ערד, וואס האט עס אריינגעזויגען?

— עס שרייט דאס בלוט. די ערד אבער שווייגט:
„און מארגען וועט די זון, ווי היינט, ווי נעכטען,

ווי אלע טאָג, א ליכטיגע, ארויסגיין
פון מזרח זייט, געמינערט ניט א האָר נישט,
און שאַ, שטיל, און גלייך ווי גאָר נישט״...

די נאַטור האָט שוין ניט איינמאָל אונז „מיט מילדער האַנט געשענקט א צווילינג — א שחיטה, מיט א פרילינג; דער גאָרטען האָט געבליט, די זון האָט געלויכטען — און דער שוחט האָט גע׳שחט׳ען״... צוליב דעם „שוחט״ האָט דער פרילינג ניט אויפגעהערט צו בליען און דער ווינטער צו רוען אין זיין ווייסער רו...

— אָבער עס בייטען זיך דאָך פאַרט די צייטען?

— פאַר אונז, ניט פאַר דער נאַטור. דור הולך ודור בא — והארץ לעולם עומדת. בלויז מיר ווייסען פון דורות, בלויז מיר האָבען דער ערד געגעבען צייטען, תקופות, „געאָלאָגישע עפּאָכעם״; זי ווייס ניט דערפון; צי אַזא תקופה, צי אַן אַנדערע, צי פאַר א מלחמה, צי נאָך — איהר איז עס אַלץ איינס, אָט דער „גלייכגילטיגער נאַטור״...

— אָבער דער קונסט איז ניט אַלץ איינס: זי איז א מענשען־קינד, זי ווייס פון טרויער און פרייד, פון נצחון און מפלה, פון האָפענונג און יאוש. דער דיכטער שרייט פון ווייטאָג און פון שאַנד און פון שרעק, ווען ער זעט, אַז „די זון האָט געלויכטען״, בעת „דער שוחט האָט געשאָכטען״...

— יע, ער שרייט און קרעכצט און שילט און טוט תפלה, אָבער ער הערט ניט אויף צו באַוואונדערען און באַזינגען אָט די זון, און דעם פרילינג, אויב ער איז געבליבען א דיכטער, אויב דער ווייטאָג און די שאַנד און דער שרעק האָבען ניט אָפּגעטעמפּט, ניט אָפּגעטויט, אין אים דעם חוש פון לעבען...

— און אויב יע? אויב דער בייזער געשריי, די שטים פון בלוט, וואָס שרייט ארויס פון דער ערד, וועט אָפּנעמען ביי אים דעם לשון, וועט מאַכען אים טויב צום געזאַנג פון דער ערד, וואָס איז אָנגעזאָפּט מיט בלוט, וועט מאַכען אים גלייכגילטיג צו דער „גלייכגילטיגער נאַטור״? אויב אין דעם וועט באַשטיין די ווירקונג פון דער מלחמה אויף דער קונסט?

— וועט עס הייסען, אַז די קונסט איז ניט געוואָרען, ניט —

אז זי איז אַן אַנדערע געוואָרען. אַז נאַטור איז ניטאָ קיין קונסט. אַהן אַ חוש פאַר דער נאַטור איז ניטאָ קיין קונסט־געפיל...

— מחמת די קונסט פאַדערט פון דעם, וואָס דינט איר, יענע רואיגקייט, יענע „גלייכגילטיגקייט", וועלכע איז פאַראַן בלויז אין דער נאַטור און אין דער וואונדערליכער פעאיגקייט מיט איר זיך צו באַהעפטען? מחמת יעדע אמת'ע קונסט מוז זיין „אינטערענסלאָז", לויט קאַנט, און „ווילנס־ריין", לויט שאָפּענהויער?

— אין מחמת גאָר אַ זאַך. די קונסט מוז ניט נאָר די אָביעקטיוויטעט פון דער נאַטור, זי מוז די נאַטור גופא האָבען. אַלע קונסט־ווערק, אחוץ די קרענקליכע און איינזייטיגע, האָבען געהאַט און וועלען האָבען צ ו ו י י עיקר־טעמעס: דעם מענש — און די נאַטור. פון די דאָזיגע ביידע קוואַלען איז די נאַטור פאַר יעדער קונסט דער פולסטער און דער פרישסטער באַגייסטערונגס־קוואַל... איז אַז דער קוואַל האָט זיך נישט געביטען: פאַרוואָס זאָל זיך בייטען די קונסט, כל זמן זי טרינקט פון אים ד. ה. כל זמן זי האָט אַ קיום?

— ווייל אַן אַנדערער איז געוואָרען דער, וואָס מאַכט זי אָנטרינקען פון קוואַל.

— דער קינסטלער?

— יע, דער קינסטלער.

— אָבער דאָס מוז ערשט באַוויזען ווערען: דאָס אַנדערש ווערען פון קינסטלער — דאָס איז דאָס אַנדערש־ווערען פון זיין קונסט, און מיר ווייסען נאָך ניט, אַז די קונסט וועט איצט, מחמת דעם וועלטקריג, מוזען ווערען אַן אַנדערע. מיר ווייסען עס, ווענינגסטענס, ניט בנוגע צו איינער פון אירע הויפּטעמעס — צו דער נאַטור, וועלכע האָט זיך ניט געביטען און וועט זיך ניט בייטען, וועלכע גיסט איר שיין אויף אַלץ, אויף אַלעמען גלייך, אויפ'ן גערעכטען, ווי אויפ'ן אומגערעכטען, אויפ'ן זיגער און באַזיגטען, אויף די פּגרים, וואָס פאַלען אין פעלד, און אויף די קראָען, וואָס עסען זיי... פאַרוואָס מוז זיך בייטען דער קינסטלער, ווען די נאַטור, וועלכע באַגייסטערט אים, איז די אייגענע, וואָס פריער?

— די דאָזיגע פראַגע איז זעהר לייכט צו פאַרענטפערען: די

נאטור באגייסטערט דעם קינסטלער, ער זאל ש א פ ע ן ; פריער אבער מוז ער זי שאפען, ד. ה. ער מוז אין איר ארייגבלאזען גייסט. לעבען...

— הייסט עס, אז די נאטור איז טויט אן דעם מענשען, אז זי עקזיסטירט ניט אן זיינע חושים...

— דאס איז אן אבסטראקט פילאזאפישע פראגע, וואס איז אהער ניט שייך. דער עיקר איז, וואס דער קינסטלער הויכט ארייז אין דער נאטור, וואס באגייסטערט אים, זיין א י י ג ע נ ע ם לעבענס־הויך...

— ...וואס גיוא האט געזאגט : „דעם שיינעם לאנדשאפט שאפען מיר אליין" ?

— ...און וואס עס האט געזאגט אן אנדער פראנצויזישער שריפטשטעלער, זאלא. ער, דוקא ער, וואס האט געפריידיגט אין דער קונסט נאטוראליזם, האט געזאגט און באוויזען דורך זיינע ווערק, אז קונסט איז א שטיק נאטור, ג ע ז ע ן ד ו ר ך ד ע ם ט ע מ פ ע ר א מ ע נ ט פון קינסטלער. אלזא, ווען די נאטור אליין אפילו בייט זיך ניט, בייט זי זיך אין און דורך דער קונסט, אונטער דער ווירקונג פון דעם קינסטלערס „טעמפעראמענט"... דער ג ר ו י ס ־ ש ט ע ט י ש ע ר מענש, צום ביישפיל, זעט — און מאלט — אנדערש די נאטור, ווי דער, וואס לעבט אין א דארפישער לופט. זינט אין דער נייער אייראפעאישער ליטעראטור האט אנ־געהויבען צו שפילען א ראלע די שטאט, האט זיך באוויזען אין איר, אינאיינעם מיט א נייעם טיפ מענשען, אויך א נייע נאטור. דער פייזאזש, וואס ווערט באזונגען פון אן עמיל ווערהארן, איז זייער ווייניג גערעטען אין דער נאטור, וואס פלעגט אנפילען די פאעזיע אמאל... היינט פארוואס זאלען מיר ניט זיין זיכער, אז די נייע עלעמענטען, וועלכע דער קריג וועט ארייגטראגען אין דער נאטור פון קינסטלער, וועלען ווירקען אויך אויף דער נאטור בכלל, ווי ווייט זי וועט אפלעבען אין דער נייער, נאך־מלחמה'דיגער. קונסט ?

— יע, דער אויספיר איז א ריכטיגער. אבער פון וואנען

איז געדרונגען, אז דער קריג וועט מאכען דעם ק י נ ס ט ל ע ר פאר אן אנדער מענשען?

— דער קריג וועט אונז אלעמען מאכען פאר אנדערע מענשען. פריער ווי אלץ אבער וועט עס געשען מיט'ן קינסטלער. ביי אים זיינען שארפער די חושים, איידער ביי אונז, געוויינליכע מענשען; ער האט פון ארומיגען לעבען מער איינדרוקען פאר אנדערע, און אפילו די אימפרעסיעס, וואס ער באקומט מיט אלע־מען גלייך, זיינען ביי אים שטארקער, אינטענסיווער, קלערער, ווי ביי אנדערע; ער מוז דער ערשטער דערפילען די ענדערונגען, וואס וועלען פארקומען אין לעבען בעת און נאכ'ן קריג...

— צי וועלען אבער די ענדערונגען זיין אזוי טיף, אזוי וויכ־טיג? צי לעבען מיר ניט אין טעות, ווען מיר מיינען, אז די ש פ ו ר ע ן פון א קאטאסטראפע זיינען גלייך צום ע ר ש ט ע ן א י י נ ד ר ו ק, וואס זי מאכט אויף אונז? צי ווערען די גרויסע קאטאסטראפאלע געשעהענישען ניט גיכער נאך פארגעסען, איידער יענע שטילע, פאמעלעכדיגע לעבענס־פראצעסען, וואס אפט מערקען מיר גאר ניט, ווען זיי הויבען זיך אן? א סאן־פראנציסקא אדער א מעסינא בויען זיך אפ צוריק, און מען מערקט גאר ניט, אז דא ניט לאנג האט די ערד געציטערט אונטער די פיס, און עס איז גע־ווען אן איבערקערעניש פון סדום ועמורה. פרובט אבער קומען אין א שטאט, וואו איר זייט ניט געווען א לענגערע צייט, וועט איר גלייך דערפילען די רעזולטאטען פון דער שטילער, פאמעלאכדיגער, בהדרגה'דיגער אנטוויקלונג. עס איז א באוואוסטע זאך, אז די נייע ארדענונג אין פראנקרייך איז געווען א רעזולטאט ניט פון דער גרויסער פראנצויזישער רעוואלוציע, נאר פון יענע קליינע, שטילע, פארבארגענע, „מאלעקולארע" א נ ט וו י ק ל ו נ ג ס־פראצעסען, וועלכע האבען זיך אנגעהויבען פאר דער רעוואלוציע און געצויגען זיך א צייט נאך איר. די רעוואלוציע האט נאר אויפגעדעקט די דאזיגע פראצעסען און געמאכט, זיי זאלען צוגיין גיכער, אינטענ־סיווער... אפשר וועט זיין אזוי אויך מיט דעם גרויסען וועלט־קריג? אפשר וועט אויך ער בלויז אויפדעקען און שטארקער מאכען יענע שטילע פארבארגענע לעבענס־אנטוויקלונגען, וועלכע האבען זיך

אנגעהויבענ שוין פריער און וועלבע וועלען נאך מוזען געדויערען א צייט, ביז די רעזולטאטען זייערע וועלען קלאר און זיכער ווערען? אפשר וועט אויך ער, אט דער גרויסער קאטאסטראפען־מאכער, שאפען בלויז אביסעל א פארגיכערטען המשך פון דעם, וואס פריער איז געווען?

— אויף דער דאזיגער פראגע מוז מען ענטפערען: י ע. ס'איז אבער גענוג אט די פארגיכערונג פונ'ם המשך. ס'איז גענוג וואס דער קריג וועט פאר דער פאמעלאכדיגער אנטוויקלונג פון פארשידענע לענדער און פעלקער שאפען נייע, גינציגערע אדער, פארקערט, אומגינציגערע תנאים. שוין דאס אליין וועט פירען דערצו, אז דאס לעבען פון מענשען און פעלקער וועט זיך אומ־ביימען, — און דער שינוי וועט זיך אפשפיגלען אויך אין דער לי־טעראטור...

— ווארט, מיט דעם לעצטען אויספיר זיינען מיר נאך ניט פארטיג. וואו שטייט עס, אז ליטעראטור, קונסט, איז אן אפ־שפיגלונג פון לעבען? ווער זאגט עס, אז איר ראלע איז אזא פאסיווע?

— נו, דאס איז א פראגע פון אויסדרוק. וועלען מיר ניט זאגען: די קונסט איז א ש פ י ג ע ל פון לעבען; דאס איז ניט קיין גערא‍טענער אויסדרוק. וועלען מיר זאגען: דאס לעבען איז דער מאטעריאל, וואס די קונסט נעמט אים אריין אין זיך, בכדי אים איבערצואורבייטען אין איר פורעם און ארויסברייגגען גאר א נייע זאך — א קונסט־ווערק. האבען די זכיה צו זיין ר ו י ע ר מ א ט ע ר י א ל פאר דער קונסט — וועט דעם לעבען שוין יע־דערער פארגינען... דער דאזיגער מ א ט ע ר י א ל וועט אבער נאכ'ן קריג זיין אן אנדערער, ווי פריער... איז עס דען גארניט? איז א סברה, אז דער מאטעריאל האט קיין שום ווירקונג ניט אויף דעם ווערק, וואס פון אים ווערט באשאפען? לערנט אונז דען ניט די געשיכטע פון דער ארכיטעקטור, פון דער סקולפטור, אז אפילו שטיין און האלץ ווירקט אויף דער קונסט? היינט אפשיטא שוין דאס לעבען פון מענשען?

— געוויס, ווירקען ווירקט עס, אבער ריין אויסווייניג...

—ריכטיג... אבער צווישען דעם מאַטעריאַל און דעם ווערק שטייט דער מייסטער — דער קינסטלער. וועט צו דער אויסווייניגסטער השפעה פון דעם נייעם מאַטעריאַל צוקומען די אינעווייניגסטע ווירקונג פון דעם אנדערש געוואָרענעם קינסטלער...

— קערען מיר זיך, אלזא, אום צוריק אום קינסטלער?

— יע, מיר קערען זיך אום צו אים. ער איז אין דער קונסט דער איינציגער אקטיווער כח. ווי פריי די קונסט זאָל ניט זיין — פון אירע אייגענע אינעווייניגסטע געזעצען קאָן זי ניט פריי ווערען: איר עצם פרייקייט איז דאָך ניט מער ווי אַ געזעץ פון איר אינעווייניגסטער נאַטור; אַזאַ געזעץ איז פאַר איר אָבער אויך — און קודם כל — די נאַטור פון דעם, וואָס שאַפט זי... ער קאָן זיין שאַפען ניט געבען מער, וויפיל ער פאַרמאָגט אליין, און אויב אין זיין אייגענעם פארמעגען, אין זיין אייגענעם גייסט וועט פאַרקומען אן ענדערונג, וועט, בהסכם דערמיט, פאַרענדערט ווערען אויך דאָס ווערק, וואָס ער שאַפט...

— און דער גייסט, די פסיכיק פון קינסטלער וועט טאַקע מוזען אריינגעמען אין זיך די אלע שנויים, וואָס דער קריג וועט מאַכען אין ארומיגען לעבען?

— וועגען דעם איז שוין גערעדט געווארען. נאָר מען מוז נאָך דערצו עפּעס צוגעבען: די שפורען, וואָס דער גרויסער קריג וועט איבערלאָזען אין לעבען, וועלען זיין געווים שוואכער, בלאַסער פון דעם ערשטען שטאַרקען איינדרוק, וואָס ער האָט אויף אלעמען געמאַכט. פאַר'ן קינסטלער וועט אָבער ניט פאַרלאָרען גיין אויך אַט דער ערשטער העלער איינדרוק, און אין דער קונסט וועט אויך ער זיך לאָזען פילען. אויף איר וועט די מלחמה דערפאַר אפשר נאָך מער ווירקען, ווי אויפ'ן לעבען. אירע סמנים וועלען אין דער ליטעראַטור זיין קענטיגער, שאַרפער — און דווערנדיגער איידער אין לעבען... דער טראָיאַנישער קריג איז אין דער ווירקליכקייט געוועזן אָדער ניט געוועזן — דאָס ווייסען מיר ניט; זיינע שפורען אין דער געשיכטע זיינען כמעט ווי ניט קענטיג; נאָר דער פאַקט, וואָס ער האָט געלעבט אמאָל אין באוואוסטזיין פון א פאָלק און וואָס שפּעטער איז ער געווארען אן אויפּטו

פון דער קונסט, פון דער — גריכישער און דערנאָך רוימישער — פּאָעזיע — דער דאָזיגער ריין גייסטיגער פּאַקט האָט אים פּ אַ ר־א י י ב י ג ט... די שפּורען פון׳ם פראַנצויזיש־פּרייסישען קריג זיינען אין דער לעבענסווירקליכקייט לאַנג צונויפגעמישט מיט די רעזולטאַטען פון אַנדערע היסטאָרישע געשעענישען: קלאָר און בולט זעען מיר זיי, אַט די שפּורען אין דער ליטעראַטור: אין די ווערק פון אַ מאָפּאַסאַן, אין די בריף פון אַ פלאָבער, אין דעם „טאַגבוך״ פון אַ דאָסטאָיעווסקי. און אויך איצט וועלען די בלוטיגע סימנים פון דעם גרויסען וועלט־קריג אין דער ליטעראַטור געוויס רויטער און דויערנדיגער זיין, ווי אין לעבען.

— דאָס איז מעגליך. אָבער עס בלייבט די פראַגע: צי איז עס פאַר דער ליטעראַטור אַזוי וויכטיג? צי האָט עס טאַקע אַ שייכות צום תוך, צום עיקר, צו דער טיפער טיפעניש פון לעבען, צו יענער טיפעניש, וואו די ליטעראַטור זוכט אירע גייסטיגע פּערל? צי זיינען די נייע מאָטיווען, די נייע שטימונגען, די נייע סיטואַציעס. וואָס דער קריג וועט אַריינברענגען אין דער קונסט — מער ווי געוויינליכע צייט־מאָטיווען, צייט־שטימונגען און צייט־טעמעס? און צי זיינען פאַר דער ליטעראַטור, פאַר דער קונסט ניט דער עיקר י ע נ ע פראַגען, רעטעניש, וואָס האָבען מיט דער צייט און מיט דעם אָרט ניט צו טאָן — יענע פראַגען און מאָטי־ווען, וואָס זיינען שטענדיג געווען און וועלען שטענדיג זיין? צי זיינען פאַר דער ליטעראַטור ניט די הויפּטזאַך אַזוינע א י י ב י ג ע שאלות, ווי די שאלות פון לעבען און טויט, וועלען און מוזען, סיבה און תכלית?

— געוויס! אַ ליטעראַטור שטייט אַליץ העכער, וואָס מער פלאַץ אין איר פאַרנעמען די אייביגע פּראָבלעמען פון מענשליכען גייסט...

— וואָס פאַר אַ ווירקונג אָבער קאָן אויף די ד אָ ז י ג ע פראַגען האָבען דער קריג, זיין גאַנג און אויסגאַנג? וועלען נאָך דער מלחמה דען מענשען און פעלקער זיין וועניגער אונטערגעוואָרפען דעם געזעץ פון לעבען און טויט? וועלען זיי קריגען אַ שליסעל

צו די רעטעניזשעו פון דער וועלט? וועט זיי קלארער ווערען דער זינען פון לעבען? פון זייער אייגענעם קאמף? וועלען אויפהערען פאר זיי צו עקסיסטירען אזוינע באגריפען, ווי גוט און שלעכט, שיין און מיאוס? וועט בכלל עפעס צוקומען אדער אפקומען אין די הויפטבאגריפען, אין די הויפטפאקטען פון מענשליכען לעבען? וועט אונזער א י נ ע ו ו י י נ י ג ס ט ע נאטור ניט בלייבען דען פונקט אזוי אומפארענדערט, ווי די נאטור א ר ו ם אונז?

— דאס איז א וויכטיגע שאלה, מען קאן זי אבער פרעגען אויף יעדער ענדערונג, אויף יעדער אנטוויקלונג אין דער ליטעראטור, ניט נאר אויף דער, וואס קומט פאר אונטער דער ווירקונג פון מלחמה־געשעעניזשען. דאס איז א שאלה, וואס רירט אגב אן דעם עצם באגריף פון אנטוויקלונג, ניט נאר פון דער ליטעראַרישער אנטוויקלונג; „סוב ספעציע עטערניטאטיס" איז בכלל ניטא קיין געשיכטע; דער אייביגער יש, די סובסטאנץ, דאס „דינג אן זיך" פון לעבען ענדערט זיך ניט און אנטוויקעלט זיך ניט. אז מען רעדט וועגען ענדערונג און אנטוויקלונג פון זאכען, מיינט מען אונזער מ ע נ ש ל י כ ע אויפנעמונג פון די דאזיגע זאכען, אונזער אויפ־נעמען זיי „אין צייט און רוים". אין די דאזיגע גרעניצען קאן מען רעדען אויך וועגען ענדערונג אין דער ליטעראטור, אין דער קונסט. מעג ווי אייביג זיין א געוויסער אינהאלט, וועט ער אין אונזער מענש־ליכען לעבען, פאר אונזערע מענשליכע השגות שטענדיג זיך בייטען, שטענדיג איבערגיין פון איין געשטאלט צו אן אנדערער, פון איין פארם צו א צווייטער. אין דעם זינען ענדערען זיך אויך די איי־ביגע מאטיוען פון דער ליטעראטור. יעדע תקופה לעבט איבער און באלייכט זיי אויף איר באזונדער שטייגער, פון איר באזונדערען שטאנדפונקט, מיט דער הילף פון אירע אייגענע ערפארונגען. אין דעם דאזיגען זינען וועט די נייע לעבענס־תקופה, וואס האט זיך אנגעהויבען מיט'ן גרויסען וועלט־קריג, עפענען א נייעם קאפיטעל אין דער געשיכטע פון דער ליטעראטור. ניט נאר נייע סיוזשעטען, נייע טעמעס — א נייע אינעווייניגסטע ערפארונג, א נייע באלייכטונג, א נייער ריטם וועט אנפילען די ליטעראטור, וואס נאך דער מלחמה.

— זיינען דען ניט געווען שוין צענדליגער, הונדערטער מלחמות?

— יעדע פון זיי האט, לפי ערך צו דער ראָלע, וואָס זי האָט געשפּילט אין לעבען פון פאָלק, געהאַט טאַקע אַ ווירקונג אויף דער ליטעראַטור.

— ווי אַ היסטאָרישע עראינערונג? ווי אַ פּאַטריאָטישער מאָטיוו?

— ניין, אויך טאַקע ווי אַן אוממיטעלבאַרע איבערלעבעניש, ווי אַן ערפאַרונג פון דעם פאָלקס און דעם דיכטערס פּסיכיק. ווען ניט זיינע אוממיטעלבאַרע מיליטערישע איינדריקען, וואָלט טאָלס־טאָי ניט אויפגעשריבען זיין „היסטאָרישען" ראָמאַן „קריג און פרידען"; איך רעד שוין ניט פון די „סעוואַסטאָפּאָלער ערציילונ־גען". לערמאָנטאָווס פּאָעזיע וואָלט גאָר אַן אַנדערע געווען, ווען ניט זיין קאַווקאַזער מלחמה־לעבען...

— אָבער דאָס זיינען ראיות פון איינציגע שרייבער, דערצו נאָך פון שרייבער — אַפּיצירען, קריגסלייט. דער היינטיגער קריג אָבער זאָל ווירקען אויף דער ליטעראַטור א י נ ג א נ צ ע ן, אויף א ל ע אירע אַנטיילנעמער?

— יע. וואָרום דער היינטיגער קריג האָט אויך דעם לעבען א י נ ג א נ צ ע ן ארומגענומען. ניט נאָר אַלע פעלקער — אין יעדען פאָלק באַזונדער האָט ער, ווי אַ וואַלד־שׂרפה, אַלע טיילען, אַלע צווייגען און וואָרצלען פון לעבען אין קאָך פון זיין פייער־שטורם אַריינגעכאַפּט. קיין „איינער אין אַ שטאָט און קיין צוויי אין אַ שטאָט" זיינען ניט געבליבען, וואָס זאָלען ניט פילען די נאָנטקייט פון פלאַקער. נענטער אָבער ווי אַלע צום ריזיגען קאַמף — אויב ניט לייבליך, איז גייסטיג, פּסיכיש נענטער — שטייען די גייסטיגע פירער פון די פעלקער, די שרייבער, די דיכ־טער... די נייע קאָלעקטיווע ערפאַרונג פון פאָלק, פון גאַנצען פאָלק, פון אַלע דיכטער, וועט זיך מוזען, אַלזאָ, געבען צו פילען אין דער ג א נ צ ע ר ליטעראַטור...

— און וואָס באַשטייט אָט די נייע ערפאַרונג?

— דאָס לאָזט זיך נאָך ניט אויסטייטשען.

— ווייל דער קריג איז נאָך ניט צו ענדע?*)

— אויך דאָז, ווען עס וועט נעמען א עק מיט'ן קריג, וועט עס ניט זיין אזוי לייכט.

— פאַרוואָס?

— ווייל אין קריג זיינען דא א סך צדדים. ביי יעדען פאָלק וועלען די נייע עלעמענטען, וואָס די מלחמה וועט אריינברייגגען אין זיין לעבען און פסיכיק, ווערען אנדערש קאָמבינירט.

— ווירקט דען ניט דער קריג אויף אלעמען גלייך?

אומעטום בויט ער בריקען און עפענט אפּגרונטען, פאַרבינט — און צושיידט: פאַרבינט די „אייגענע" און די „פריינט", מאַכענדיג ברייטער דעם אפּגרונט צווישען די „פרעמדע" און די „פיינט"; אומעטום וועקט ער אין מענשען די חיה רעה אנטקעגען דעם „שונא" און מאַכט אַדער וויל מאַכען מענשליכער, סאָציאַלער, פאַרענט־פערליכער די חיה, וואָס אין אונז, בנוגע צום „אייגענעם"....

— יע, דער גאַנג פון קריג ווירקט גלייך אויף אלע פעל־קער...

— און דער אויסגאַנג?

— דער אויסגאַנג — ניט. אין דעם לאַנד, וואָס זיגט, מוז דער קריג גאָר אַנדערע שפּורען לאָזען, ווי אין דעם בייגעקומענעם צד. דערפאַר מוז אויך די ווירקונג פון קריג אין דער ליטעראַטור זיין ביי איין צד איינע, ביי דעם אנדערן — גאָר אַן אַנדערע.

— קאָנקרעט?

— קאָנקרעט לאָזט זיך עס זייער שווער באַשטימען, דאָס וואָלט הייסען זאָגען נביאות... אָבער די סברה איז מחייב, אַז אין דער ליטעראַטור פון די פעלקער, וואָס וועלען באַקומען נייע מעג־ליכקייטען פון שנעלער אנטוויקלונג — וועלען פאַרשטאַרקט ווע־רען נאָך דער מלחמה יענע „דינאַמישע" און „פוטוריסטישע" (ניט אינ'ם שמאָלען זינען פון דער שולע „פוטוריזם") טענדענצען, וואָס האָבען זיך אַנגעהויבען ווייזען אין דער לעצטער צייט, ווי א סימן און א סימפּטאָם פון נייע צילען און נייע וועגען אין לעבען

---

*) געשריבען אין אָנהויב יאָהר 1915.

פון די קולטור פעלקער. פארקערט, דער צד, וואָס וועט כאַפּען די מפּלה און געשטערט ווערען אין דער פרייער אַנטוויקלונג פון זיינע כחות, וועט אַריינפאַלען אין עצבות, זוכען אַ טרייסט אין זיין אומ־גליק און קריגען גאַר אַ באַזונדער גוסט צו דער „נעאָראָמאַנטישער" און „מיסטיש־רעליגיעזער" שטימונג, וואָס האָט אין די לעצטע פאַר צענדליג יאָר באַוויזען צו פאַרכאַפּען אַ באַדייטענדען טייל פון דער „מיד־געוואָרענער" אייראָפּייאישער אינטעליגענץ און ליטעראַ־טור...

— דאָס איז די געוויינליכע סכעמע. עס לאָזט זיך פיל זאָ־גען קעגען איר. דער נעאָראָמאַנטיזם איז אויסגעוואַקסען אפשר גאָר דוקא ווי אַ פּראָטעסט קעגען יענער מעכאַניזירונג פון מאַטעריעלען און גייסטיגען לעבען, וועלכע עס האָט געבראַכט מיט זיך די „הויכ־אַנטוויקלונג" פון האַנדעל, אינדוסטריע און טעכניק. עס איז אפשר ניט קיין צופאַל, וואָס דער „נעאָ־ראָמאַנטיזם" האָט זיך פאַר דער לעצטער צייט ערב דער מלחמה געשטאַרקט דוקא אין דייטשלאַנד, וואו מעכאַנישער פּראָגרעס האָט פאַר'ן לעצטען פעריאָד דערגרייכט אַזאַ הויכע מדרגה, און ס'איז מעגליך, אַז דוקא דאָרט, וואו דער נצחון וואָלט פריי מאַכען דעם וועג פאַר דער פאַרשנעלערטער קאַפּיטאַ־ליסטישער אַנטוויקלונג, וואָלט זיך שטאַרקען דער ראָמאַנטיזם, ווי אַ קעגענגיפט צו דער אינדוסטריעלער מעכאַניזירונג פון לעבען...

— הייסט עס, אַז „פּראָגרעסיווע" ל ע ב ע נ ס־טענדענצען קאָנען זיך איינלעבען מיט אַ „קאָנסערוואַטיווער" ריכטונג אין דער ל י ט ע ר אַ ט ו ר?

— געוויס.

— הייסט עס דען ניט פאַרלייקענען די ווירקונג פון לעבען אויף ליטעראַטור?

— דאָס איז ניט קיין פאַרלייקענונג, נאָר אַ באַשטימטע אויס־טייטשונג פון דער ווירקונג, וואָס דאָס לעבען האָט אויף דער לי־טעראַטור, אַן אָנצוהערעניש, אַז די דאָזיגע ווירקונג איז ניט מחויב צו זיין דוקא אַ דירעקטע און אַן אָפענע, זי קאָן אויך זיין פאַר־שטעלט.

— אַלזאָ, איז די פריער דערמאָנטע סכעמע פון נצחון —

פראגרעס (דינאמיזם, פוטוריזם), מפלה — קאנסערוואטיזם (ראָ־מאנטיזם) אין דער ליטעראטור — ניט מער ווי... א סכעמע?

— אויך בנוגע צום לעבען איז עס ניט מער, ווי א סכעמע. אויך אין לעבען איז א נצחון אויפ'ן שלאכטפעלד ניט תמיד א זיג פון די אינעווייניגסטע כחות, פון די אנטוויקלונגס־מעגליכקייטען פון לאנד. און, פארקערט, א מפלה קאן אויך אין לעבען אמאל פירען דערצו, אז דאס פאלק זאל, אנשטאט אראפצופאלען ביי זיך, דערפילענדיג די געפאר, — זיך פלוצלונג אויפשטעלען און מיט די לעצטע כחות, מיט דעם לעצטען מוט, מיט „דעם מוט פון יאוש", זיך נעמען גרייטען צו א נייעם קאמף פאר דער צו־קונפט. שוין ניט איינמאל האט פאסירט אין דער געשיכטע, אז די טיפסטע דערנידערונג פון א פאלק האט געפירט צו דער פלוצ־לונגענדיגער אויפריכטונג און אנשטרענגונג פון אלע זיינע כחות...

— אלזא, איז ניט כדאי צו בויען סכעמעס און מאכען השערות וועגען דער קאנקרעטער פארם, וועלכע עס וועלען אננעמען אין דער ליטעראטור נאכ'ן קריג די נייע לעבענס־ערפארונגען און לעבענס־צילען?

— ניין, ניט כדאי. ס'איז גענוג פעסטצושטעלען, אז די שפורען פון קריג, וואסערע וועלען זיין, וועלען **אין דער אדער יענער פארם** זיך געבען צו פילען אין דער ליטעראטור פון יעדען פאלק.

## ב.

— און אויך אין דער אידישער ליטעראטור?

— אויך אין איר. אויך אין איר מוזען קענטיג זיין די סימנים פון דער וועלט־דראמע, וואס מיר לעבען איבער גלייך מיט אלעמען, די טיפע שפורען פון די אלע טראגישע נסיונות, וואס מיר האבען געהאט אויסצושטיין. אויך זי וועט האבען צו דערציילען פון די נייע וואונדען און נייע כחות, וואס דער קריג וועט אריינ־ברענגען אין אונזער לעבען, אין אונזער פסיכיק. פארוואס זאל זי

דען זיין אנדערש פון אנדערע ליטעראטורען? פארוואס זאל זי דען זיין אן אויסנאם?

— דערפאר, וואס זי  א י ז  אן אויסנאם.

— מיט וואס — מיט איהר יונגקייט?

— מיט איהר „גרינקייט". זי האט זיך נאך ניט איינגע־פונדעוועט אין אידישען לעבען. זי פארנעמט נאך ניט דעם ארט אין לעבען, וואס אנדערע ליטעראטורען פארנעמען.

— אבער דאס לעבען פארנעמט אין איר אזא ארט, ווי אין אנדערע ליטעראטורען.

— אויך ניט. זי איז א ליטעראטור נאך אלץ נאר פון איין טייל פון אידישען פאלק, פון די פאלקסמאסען, און אויך דעם לע־בען פון אט דעם טייל האט זי נאך ניט צייט געהאט אין זיך איינ־גאנצען אריינצונעמען.

— אבער זי ווייזט ארויס א טענדענץ, א שטרעבונג ארומצו־נעמען, וואס ווייטער, אלץ מער און מער זייטען פון לעבען.

— דערווייל איז עס נאר א טענדענץ, נאר א שטרעבונג...

— וועלכע שטארקט זיך אלץ מער...

— וועלכע איז נאך אבער ניט גענוג שטארק. די אידישע ליטעראטען, אחוץ א פאר אויסנאמען, זיינען נאך אלץ אזוי אפגע־שיידט, אפגעריסען פון לעבען, וואס קאכט ארום און האלט אין איין כוואליען זיך, אין איין בייטען די קאלירען. די אידישע שרייבער זיינען נאך אלץ אזוי ווי פרושים, יושב־אוהל'ניקעס. זעל־טען ווער עס קריכט ארויס פון זיינע ד' אמות. ווער עס איז גע־קומען פון קלויז, פון עקסטערן־צימערל, בלייבט אין דער לופט פון קלויז און עקסטערן־צימערל; ווער עס איז געזעסען ביים ווארשטאט, זעט ניט פיל ווייטער פון ווארשטאט...

— אבער וואס געהערט עס צום ענין? וואס האט עס צו טאן מיט דער פראגע, צי וועט די אידישע ליטעראטור ווערען אן עכא פון די מעכטיגע קריגס־קלאנגען?

— דאס האט זייער און זייער צו טאן מיט דער פראגע. א ליטעראטור, וואס הערט זיך ניט גענוג צו צום לעבען, קאן בלייבען טויב אפילו צו די שרייענדיגסטע שטימען זיינע. פאר אזא ליטע־

ראַטור קאָן אמאָל זײן אַלץ־אײנס — פ א ר, ב ע ת אדער נ א ד א װעלט־קריג. זי קאָן זיך אמאָל באַהאַלטען אין א װינקעלע, עד יעבר זעם, און דערנאָך אומצוקערען זיך צוריק צום שטעטעל, צום חסיד, צו דער בית־מדרש־ליריק, צו דער עקסטערן־דראַמע... װער קאָן אונז ערב זײן, אַז דאָס װעט ניט געשען?

— די ערבות, די בלוטיגע ערבות, גיט אונז דער קריג. דער רעש פון די האַרמאַטען האָט אַלע שלאָפעדיגע אױפגעװעקט. דער פײער פון די ריזען־שרפות האָט אַלע װינקעלאַך באַלױכטען, אַלע פאַרבאַרגענע און פאַרװאָרפענע װינקעלאַך... װער קאָן נאָך שלעפעריג בלײבען? װער האָט זיך נאָך ניט דערפילט װי א שרײפעלע פון עפּעס א מעכטיגער, א טײַװעלשער מאַשין? דאָס שרײפעלע בלײבט אַלײן אומבאַװעגליך, עס דרײט זיך אָבער אינאײנעם מיט דער מאַשין. װער פון אונזערע כתרילעװקער קאָן נאָך בלײבען פאַרמױערט אין די ענגע, שטיקענדיגע ד׳ אמות פון כתרילעװקע? און צי װעט כתרילעװקע גופא ניט נײ געבױרען װערען, װערען א נײ כתרילעװקע? די װעלט, די גרױסע װעלט האָט זיך אינאײנעם מיט׳ן קריג ארײנגעריסען אין די זיבען מאָל פאַרשלאָסענע טױערן פון יריחו — מאַזעפּעװקע! צי װעלען די װענט פון אָט דעם אידישען יריחו ניט פאַלען בײ די קרעפטיגע קלאַנגען פון די װעלט־שופרות? מען דאַרף זיך ריכטען, אַז אפילו דער פױליש־אידישער קיבוץ, אָט דאָס געזונטסטע קערענדעל אין דער צעפּױלטעסטער שאָלעכץ, װעט זיך א ריר טאָן פון אָרט, און אױפװאַכען אונטער די װײטאָגדיגע קלעפּ פון קריגס־האַמער...

— נאָר מחמת אָט דעם אױסענװײניגסטען שטױס?

— אױך מחמת אַן אינעװײניגסטער סיבה. צום פױליש־אידישען געטאָ האָבען זיך א צי געטאָן פעדים, שטאַרקע און קלעפּיגע פעדים, פון רוסלענדי׳שען אידישען קיבוץ: פריער פלעגען רוסישע אידען קומען אָפט קײן פױלען, די פױלישע אידען אָבער פלעגען זיך ניט רירען פון אָרט, איצט האָבען אין פײן און שרעק, הונדערטער, טױזענטער פױליש־אידישע משפחות געמוזט פאַרלאָזען זײערע ערטער און פאַרװאָגעלט װערען קײן ליטע, קײן רוסלאַנד...

— דאָס איז אַ קאַטאַסטראָפע...

— דאָס איז אָבער איינע פון די קאַטאַסטראָפעס, וואָס מאַכען אַז איבערקערעניש אין לעבען, אין דער פּסיכיק פון פאָלק. דער פּויליש־אידישער קיבוץ, וואָס האָט זיך איצט אַ ריר געטאָן פון אָרט פיזיש, וועט אויך גייסטיג זיך מוזען אַ ריר געבען. די נאָנ־טערע באַרירונג, וועלכע ער האָט איצט, צי ער וויל עס צי ניט, מיט די מער אַנטוויקעלטע און מער רירעוודיגע „רוסישע" אידען, וועט ניט גיין פאַרלוירען...

— און די „רוסישע" אידען גופא?

— אויך זייערע האָריזאָנטען מוזען ווערען ברייטער. אויך זיי מוזען אָנהויבען טיפער פילען, ווי פריער, אַז קאַבצאַנסק איז ניט פאַר זיך אַ וועלט, נאָר אַ פּונקט, אַ פּינטעלע אויף דער געאָגראַפישער קאַרטע פון לאַנד, פון אייראָפּע, פון דער גאַנצער וועלט. אויך זייער רינגעלע מוז איצט מער ווי אַלע מאָל פאַר־פלאָכטען ווערען אין דער קייט פון די וועלט־געשעענישען. אויך זיי וועלען דערפילען זיך ווי אַנטיילנעמער, ניט נאָר ווי קרבנות פון די גרויסע היסטאָרישע פּאַסירונגען... שוין דאָס אַליין, וואָס דער איד פון אַ גאַנץ יאָר באַקענט זיך מער מיט דער וועלט, אַ דאַנק דער מלחמה, וואָס יעדען טאָג הערט ער פון אַלץ נייע מקומות, פון אַלץ נייע באַציאונגען, פון אַלץ נייע פאַרבינדונגען און צוזאַמענשטויסען צווישען פעלקער און מלוכות, — שוין דאָס אַליין מאַכט זיין האָריזאָנט ברייטער, זיין בליק ווייטער. „מענדעל טוראַק", (מענדעל דער טערק), אָט דער קליינשטעטעלדיגער אונ־טעראָיוועץ־פּאָליטיקער, וואָס ש. אַנ—סקי באַשרייבט אים אין איינער פון זיינע דערציילונגען — האָט דאָך אַ ברייטערן „קרייז אינטערעסען", איידער די איבעריגע כתרילעווקער. מעגען זיינע השגות פון דער וועלט זיין ווי נאַאיוו, ווי אונטעראָיוועדיג, ווי פּאַרדרייט — האָט ער ד אָ ך שוין עפּעס אַ שטיקעל שייכות צו דער וועלט און ווייס, אַז הינטער זיין שטעטעל לאָזט זיך ניט אַראָפּ דער הימעל אויף דער ערד. בנימין השלישי, וועלכער לאָזט זיך אוועק זוכען די רויטע אידעלאַך הינטער דעם טייך סמבטיון, אָדער גנילאָפּיאַטעווקע, האָט ד אָ ך אין זיך שוין עפּעס אַ ניצוץ

פון די אמת׳ע „נוסעים“, פון די ע ר ש ט ע צוויי בנימינ׳ס. און איז ד א ד שוין ניט אזוי טעמפ, ווי זיין חבר, סענדערל די אידענע... אונזערע בנימין השלישי׳ס און מענדעל טערקס האבען אין די יארען פון דער ערשטער רוסישער רעוואלוציע און אויך גייענדיג אין חדר פון דער אידישער פרעסע, וועלכע האט זיך פון דאן אן גענומען מערען, א שטארקע פעולה געהאט, נאר זיי האבען נאך פיל צו לערנען, און עס איז קלאר, אז דער וועלט־קריג איז פאר זיי אן ערנסטע שולע (אמת, זי קאסט צו טייער!) דאס וואס די פרעסע האט אויפגעטאן אין יארען, וועט דער קריג באַ־ווייזען אויפצוטאן אין חדשים און וואכען... א ריזיגען פראזשעקטאר האט ער אנגעשטעלט קעגען אונז, מיר אלע געפינען זיך אין שטח פון זיין בלוטיגער, בלענדענדיגער שיין... איז מעגליך, אז די לי־טעראטור זאל זיך פארשפארען אין איר ווינקעלע און בלייבען אין שאטען? איז מעגליך, אז זי זאל טויב בלייבען צו א וועלט־געשריי, וואס האט שוין אפגעהילכט ווי א דונער אפילו אין דעם פארווארפענסטען אידישען געסעל? איז מעגליך, אז זי זאל בליי־בען שטום און ניט אפרופען זיך אויף די נייע מעכטיגע קלאנגען?

— געוויס וועט זי זיך אפרופען.

— אבער ווי?

— ווי דאס לעבען... ווי פון דארט, אזוי וועלען די קריגס־שופרות אויך פון דער ליטעראטור פארטרייבען דעם געטא־דבוק, דעם דבוק פון אפגעשלאסענקייט און וועלט־פרעמדקייט. ווי אין לע־בען, אזוי וועלען זיי אויך אין דער ליטעראטור אריינברייגען נייע באגריפען, נייע געפילען, נייע שילדערונגס־אביעקטען, א נייע ברייטקייט און ווייטקייט פון האריזאנט...

— הייסט עס, אז די הויפט־ווירקונג פון קריג וועט גיין א י ן ד ע ר ב ר י י ט?

— אויך אין דער טיף (פאר דאס וועלען שוין זארגען די גרויסע ליידען!), אבער פריער ווי אלץ — א י ן ד ע ר ב ר י י ט... ט י פ ק י י ט אין שאפען קומט פון אינעווייניג, ניט פון דרויסען...

— און אין דער ברייט הייסט — אין דער אלגעמיינער ברייט?

— אויך דאָס ספּעציעל אידיש לעבן וועט אַרומגעכאַפּט ווע־רען פון מער זייטן. דאָס וועט זיין אַ רעזולטאַט פון די ברייטער געוואָרענע אַ ל ג ע מ י י נ ע האָריזאָנטן.

— קאָן מען זיין אין דעם זיכער?

— עס איז פאַראַן אַ באַוויז, אַ גענוג קאָנקרעטער.

— דהיינו?

— דער אידישער אַרבייטער. ווער ווייסט ניט, אַז ער איז דאָס קינד פון דעם אידישען המון, פון אַט דעם קאָלעקטיווען עם־הארץ פון דער אידישער גאַס...

— און פונדעסטוועגען?

— און פונדעסטוועגען איז קיין שום ספק ניטאָ, אַז דער קרייז פון די אַלגעמיינע מענשליכע אינטערעסען איז ביי איהם ברייטער, ווי ביי דעם דורכשניטליכען אידישען בעל־הבית.

— פון וואַנען איז עס געדרונגען?

— טאַקע פון דער ליטעראַטור, וואָס ווערט פאַר איהם געשאַפען... פון די „בראַשורען" אפילו! דערמאָנט זיך נאָר אָן די נעמען, וואָס זיי טראָגען... דורכאויס אַ ל ג ע מ י י נ ע טע־מעס...

— פון בראַשורען איז קיין ראיה ניט.

— לייענט די סאָציאַליסטישע ליטעראַטור, וואָס ווערט פאַר־שפּרייט אין אַמעריקע אין צענדליגער טויזענטער עקזעמפּלאַרען. זעט די פראַגען, וואָס ווערען דאָרט באַאַרבעט; דאָס זיינען דורכויס אַלגעמיין־פּאָליטישע, אַלגעמיין־סאָציאַלע, אַלגעמיין־קול־טורעלע פראַגען...

— טאַקע, פון וואַנען נעמט זיך עס?

— דערפון, וואָס די העברעע שיכט פון דעם אידישען אַר־בייטער־קלאַס האָט, פּונקט אַזוי, ווי דער „העברעער" קלאַס פון אידישען פאָלק זיך פריער פאַר אַנדערע פאָלקסשיכטען גענומען באַפרייען פון דער געטאָ־פּסיכאָלאָגיע.

— „פּונקט אַזוי ווי דער „העברעער" קלאַס"... אָבער דאָרט איז עס געווען אַסימילאַציע.

— און דאָ — נאַציאָנאַליזאַציע... (אָבער דאָס געהערט ניט

צו אונזער ענין. דער עיקר איז, וואָס דער בעסערער אידישער ארבייטער האָט געגומען פארשטיין, אז זיין פראָבלעם איז אַ סך זייער וויכטיגע פרטים די פראָבלעם פון אַ גאַנצען — איבער די גרענעצען פון איין נאציע זיך פארשפרייטענדיגען — סאָציאַלען קלאַס, און אַז זיין פראגע איז די פראגע פון אַ וועלט, אין זיין אידעאַל — אַ וועלט־אידעאַל...

— אָבער דער געוויינליכער „איד פון אַ גאַנץ יאָר" געפינט זיך דאָך ניט אין דער לאַגע?

— אמת. פונדעסטוועגען וועט דער געטאָ־דבוק אויך אין אים ניט זיצען אייביג. אויך ער זוכט שוין צו באַפרייען זיך פון אים, און איינס פון די מעכטיגסטע און האָסטיגסטע באַפריי־אונגס־מיטלען איז דער וועלט־קריג. ער רייסט מיט געוואַלד אויף די אויגען און ווייזט אונז דאָס לאַנד, וואָס פאַר אים ווערט אונזער בלוט פארגאָסען, און ווייזט אונז די וועלט, וואָס מיר זיינען איצט, מער ווי אַלעמאָל, אַ רינגעלע אין איר קייט, אַ קרבן צווי־שען אירע קרבנות, אַ כח צווישען אירע כחות, אַ פאַקטאָר פון איר לעבען און שטערבען...

— און דאָס וועט ווירקען אויך אויף אונזער ליטעראַטור?

— י ע. דאָס וועט אויך זי אַרויסרייסען פון איר כתרילעוו־קע, פון אירע געטאָ־ד'־אמות... און דאָס וועט פארגרעסערען איר סאָציאַל־קולטורעלע ווערדע, איר לעבענס־ווערדע.

## ג.

— צי וועט עס אָבער פארמערען אויך איר ק י נ ס ט־ל ע ר י ש ע ווערדע?

— מען דאַרף האָפען, אַז יע.

— און אויב ניט?

— וועט אויך איהר סאָציאַל־קולטורעלע ראָלע דאַן זיין אומ־באַדייטענדיג.

— פאַרוואָס?

— דערפאַר, וואָס א ווערק, וועלכעס איז קינסטלעריש ניט איבערצייגענדיג, מוז אויך סאָציאַל־קולטורעל זיין אָן א ווירקונג.

— אָבער די געשיכטע פון דער ליטעראַטור דערציילט אונז דאָך פון פאַלען, ווען ביכער האָבען אין זייער צייט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע, כאָטש שפּעטער האָט זיך ארויסגעוויזען, אַז זיי האָבען זייער א קליינעם קינסטלערישען ווערט...

— דאָס זיינען אויסנאַמספאַלען. דאָס זיינען פאַלען, מאָמענטען, ווען אַן אידעע טראָגט זיך אום ממש אין דער לופט, און יעדע זאַך, אפילו די שוואַכסטע און אומבאַדייטענדיגסטע, איז פאַר איר אַ שטיץ. עס דוכט זיך אויס דאָן, אַז דאָס בוך האַלט־אונטער די אידעע פון דער צייט, אין דער אמת׳ען אָבער שטיצט גאָר די אידעע, דער גייסט פון דער צייט, דעם בוך...

— און אין געוויינליכע צייטען?

— אין געוויינליכע צייטען איז די סאָציאַל־קולטורעלע וואָג פון א קונסט־ווערק פּראָפּאָרציאָנעל צו זיין קינסטלערישער וואָג.

— פאַרוואָס אבער דאַרף מען גאָר מורא האָבען, אַז דער ריין קינסטלערישער ווערט פון דער אידישער ליטעראַטור וועט געמינערט ווערען, ווען זי וועט זיך אָפּרופען אויף די אַלע שינויים, וואָס דער קריג וועט אריינטראָגען אין אונזער לעבען?

— עס קאָן זיין, אַז מען זאָל דערפאַר נ י ט דאַרפען מורא האָבען.

— און עס קאָן זיין, אַז י ע?

— עס קאָן זיין, אַז י ע.

— אין וואָסער פאַל?

— ווען אונטער דעם שטאַרקען, צו שטאַרקען איינדרוק פון די מלחמה־איבערלעבענישען, וועט די ליטעראַטור זיך נעמען פאַר די נייע טעמעס און נייע איינדרוקען, צו גיך, צו האַסטיג. פאַר דער ליטעראַטור איז עס אַ שלעכטער סימן, ווען זי שטייט אָפּ צופיל פון לעבען, אָבער ניט קיין מעלה פאַר איר קינסטלערישער אַנטוויקלונג איז אויך י אַ ג ע ן זיך נאָכ׳ן לעבען, וועלען אויפכאַפּען זיין „לעצטען קרעכץ“, זיין פרישסטע מינע.

— און מיט דער אידישער ליטעראַטור קאָן דען טרעפען, אַז

פון איין עק, פון דער גרעסטער פאמעלעכדיגקייט, זאל זי זיך אי־בערכאפּען אין צווייטען עק — צו דער גרעסטער אימפּעטיגקייט?

— יע, עס קאן טרעפען. עס זיינען שוין געווען פּראָבעס — פּראָבעס, וואס דארפען אונז דינען פאר א התראה — איבערצו־שפּרינגען פון דעם פּאטריארכאלישסטען קליינשטעטעל צו דעם מאָדערנסטען סאלאן, פון די עלטסטע תקופות אין אונזער גע־שיכטע צו די נייעסטע עקספּערימענטען פון אונזער פּריש־צאפּעל־דיגער געזעלשאפטליכקייט...

— ליגט די סכנה אין דעם שפּרונג?

— ניין, אין דעם אומזיכערען, וואקעלדיגען פּונקט, צו וועל־כען ער ברענגט.

— וואס איז עס פאר אן אומזיכערער וואקעלדיגער פּונקט?

— דאס זיינען די נייע, נאך ניט איינגעשטעלטע, ניט איינ־געפונדעוועטע לעבענס־פארמען?

— זיינען זיי דען נאר פאר דער אידישער ליטעראטור גע־פערליך?

— ניין, פאר יעדער ליטעראטור זיינען זיי א סכנה. זעלטען, זייער זעלטען דערגרייכט מען א קינסטלערישען, אן אמת־קינסטלערישען ערפאלג, ווען מען זוכט צו פיקסירען דאס, וואס קאן נאך ניט פיקסירט ווערען, דאס, וואס יווירט נאך אין דער נשמה, ווי ניט איינגעשטאנענער וויין אין פאס, וואס שוימט נאך מיט'ן שוים פון ניט אפגעקילטע לעבענס־זאפטען... מען האט אמאל טשעכאוו'ן, בעת ער איז געווען אין אויסלאנד, געבעטען, ער זאל אנשרייבען א דערציילונג פון אינטערנאציאנאלען לעבען. „אזא דערציילונג, האט ער געענטפערט, קאן איך אנשרייבען נאר אין רוסלאנד, לויט מיינע עראינערונגען. איך קען שרייבען בלויז לויט מיינע עראינערונגען. איך האב קיינמאל ניט געשריבען אוממי־טעלבאר פון דער נאטור... פאר מיר איז נויטיג, אז מיין זכרון זאל דורכזייען דעם סיוזשעט, און אין אים זאל בלייבען, ווי אין א פילטער, נאר דאס, וואס איז וויכטיג אדער טיפּיש"... אזוי האט געזאגט טשעכאוו. און ביי פּושקינ'ען, וועלכער איז געווען ניט נאר א גרויסער פּאעט, נאר אויך דער גרעסטער פּסיכאלאג פון זיין

אייגענעם שאַפען — טרעפט איר אַן אויסדרוק: „עס איז אַוועק די ליבע, איז די מוזע געקומען”... אַז די מוזע פאַרשפּעטיגט און קומט, ווען די ליבע איז אַוועק, — ערשט דאַן איז זי אַ *מוזע*, ערשט דאַן איז די ליבע אַן אָביעקט פאַר קונסט.

— פאַרוואָס ערשט דאַן?

— ווייל ערשט דאַן איז זי געוואָרען אַן עראינערונג. נאָר דאָס *פּאַעטיש דערמאַנען זיך* אַן דער איבער־לעבונג גיט אונז די רו, די קלאַרקייט, די פרייקייט, וואָס איז נויטיג, אַזוי אומבאַדינגט נויטיג צום קינסטלערישען שאַפען. „עס איז אַוועק די ליבע, די מוזע איז געקומען, *און קלאַר איז געוואָרען דער טונקעלער פאַרשטאַנד*.” נאָר ווען דאָס געפיל גייט אַוועק, ווען מיר באַפרייען זיך פון אים, ווערט קלאָר אונזער „פאַרשטאַנד”, אונזער אויג און אויער, און מיר ווערען גרייט, צייטיג צום שאַפען. אַן אַנדער גרויסער פּאָעט, *היינע*, זאָגט אויף זיין — היינעשען — שטייגער: „דעם פרילינג דערקענט מען ערשט ווינטער, און די בעסטע מאַי־לידער שאַפט מען לעבען אויוועז”...*) נאָר דעם שטאַרקען, דעם גאָר שטאַרקען קינסטלער גיט זיך אַמאָל איין צו שאַפען *אין מאַי — אַ מאַי־ליד*, נאָר אַזאַ איינער קאָן אונז אַמאָל געבען אַ *ציטווערק*, וואָס זאָל האָבען אַ ווערט אויף *אַלע* צייטען...

— אַזאַ *איינער* קאָן זיך דאָך ווייזען אויך ביי אונז אין דער אידישער ליטעראַטור?

— געווים! אָבער מיר רעדען ניט פון אויסנאַמען, פון יחידים. מיר רעדען פון כלל.

---

*) און אונזער משה נאַדיר זאָגט: „...ווי שיין איז דער זומער אום ווינטער. ווי דייטליך, ווי קלאָר, ווי רייצענד. אָבער אין זומער־צייט גייט איר אים פאַרביי און באַמערקט אפילו ניט זיין גרינקייט, זיין זוניגקייט, זיין כשוף. ווי וואונדערבאַר איז דער גרין־בלאָער זומער, וואָס ווערט אויסגע׳חלומ׳ט אויף דער קאַנווע פונ׳ם גרויען טויטליכען ווינטער.”

— און דער כלל?

— דער כלל אידישע שריפטשטעלער, ווי ווייט מיר קענען זיי, האבען ניט גענוג אביעקטיוויטעט, גענוג רואיגקייט פאר דעם היינטיגען טאג.

— פארמאגען זיי עס אין א קלענערער מאס נאך, ווי אנדערע?

— יע, נאך אין א קלענערער מאס, ווי אנדערע. זיי זיינען קינסטלעריש נאר דאן, ווען זיי זינגען „מאי־לידער אין ווינטער". ווען זיי לעבען מיט'ן נעכטיגען טאג, מיט דער עראינערונג...

— אפשר דוכט זיך עס אונז?

— די גאנצע אידישע ליטעראטור זאגט אויף דעם עדות.

— די אידישע ליטעראטור האט זיך ביז אהער דערהויפט אפגעגעבען בלויז מיט דעם נעכטען; האט זי פשוט אפשר ניט געפרואווט צוגיין נענטער צום היינט?

— ניין, זי האט געפרואווט.

— און די פראבען זיינען ניט געלונגען?

— קינסטלעריש — ניט געלונגען. כמעט אלע ליטעראַרישע שאפונגען, וואס האבען געפרואווט זיך אפרופען אויף דעם מאדערנעם אידישען לעבען, אויף די מאדערנע שטרעבונגען און שטרעמונגען פון אידישען פאלק, פון דער אידישער אינטעליגענץ, האבען א סך מעלות אין זיך — מאדערניטעט, פרישקייט פון דער טעמע איז שוין אליין א מעלה — אבער עס פעלט זיי די הויפטזאך: קינסטלערישע שלמות. עס פעלט אין זיי אפטמאל, אפילו די עלעמענטארע קינסטלערישע טעכניק.

— ביישפילען?

— שלום עליכם'ס צייט־ראמאנען („דער מבול", „דער בלוטיגער שפאס"); אש'ס מאדערנער ראמאן „מערי", וואס איז ניט מער ווי א בוך פון שיינע שטעלען". ווי מען פלעגט רופען אמאל אזוינע זאכען אין דער דייטשער קריטיק; נאמבערג'ס „משפחה"...

— קאן מען דען פארגלייכען די דאזיגע אלע ווערק אייגס מיט דאס אנדערע?

— ניין. אבער אין איין זאך זיינען זיי אלע גלייך.

— אין וואס?

— אין דעם, וואס אין זיי אלע שטייען די פּראָפעסאָר ני־דעריגער פון זיך אליין.

— וואס הייסט עס?

— דאס הייסט, אז אין זיי אלע האבען די שרייבער ניט דער־גרייכט די קינסטלערישע מדרגה, צו וועלכע זיי זיינען געקומען אין אנדערע זייערע ווערק.

— אפשר איז עס א צופאל?

— ניין. דאס איז א כלל. כמעט די גאנצע ע פּ י ש ע ליטעראטור אונזערע איז קינסטלעריש בלויז דאן, ווען זי האט צו טון מיט דעם נ ע כ ט י ג ע ן ט א ג מיט דעם, וואס איז שוין געווארען א שטיק פארגאנגענהייט. עס זיינען פאראן נאר געציילטע אויסנאמען...

— און די ליריק?

— דער ליריק גיט זיך גראד איין אפט „אפּצושפּיגלען" אין זיך די שטימונג, די פּסיכאלאגיע פון דער „אידישער מאָדערנע"...

— איז עס א באזונדער פייאיגקייט פון דער אידישער ליריק?

— ניין, פון דער ליריק בכלל. די ליריק האט ווייניגער, ווי עפּיק, מורא פאר סוביעקטיוויטעט, אויך פאר אומקלארקייט. די ליריק האט ניט נויטיג אזא דיסטאנץ, אזא פעריאד פון „אפּשטיין זיך" צווישען דער אוממיטעלבארער איבערלעבעניש און דער פּאָ־עטישער באארבייטונג, ווי די עפּיק.

— איז, אם כן, י ע ד ע ר עפּיק, ניט בלויז דער אידישער, לייכטער בייצוקומען אזוינע 'שטאפּען, וואס האבען זיך שוין „אפּ־געקילט"?

— יע; אבער אין אנדערע ליטעראטורען האבען די קינסט־לער, די אמת'ע קינסטלער, אזויפיל א י נ ע ו ו י י נ י ג ס ט ע עפּ י ש ק י י ט אין זיך, אז אפטמאל גיט זיך זיי איין צו שאַ־פען עכטע קונסט־ווערק פון די פריש־צאפּעלדיגסטע, מאָדערנסטע שטאפּען. זיינען „די ליידען פון יונגען ווערטער" געטע'ס ניט געווען דען קיין עכטער צ י י ט ־ ר א מ א ן? זיינען די

ו ו ע ר ט ע ר ס דאָן ניט געווען קיין טיפּישע העלדען פון דער צייט? און דאָך איז „ווערטער“ א קונסט־ווערק, וואָס עד היום פאַרשאַפט עס אונז עסטעטיש פאַרגעניגען. אין דער קינסטלע־רישקייט פון אַזוינע מאָדערנע ראָמאַנען, ווי די, וואָס עס האָט געשאַפען, א שטייגער, סטרינדבערג, קאָן מען צווייפלען; אָבער די דראַמעס פון איבסען! דער קונסט־ווערט פון דעם מאָדערנעם ראָ־מאַן אין דער ה י י נ ט י ג ע ר רוסישער ליטעראַטור איז אויך זייער א מסופק'דיקער; אָבער „אננא קאַרענינא“! די נאָוועלען פון טשעכאָוו! און אין דער אידישער ליטעראַטור? סקיצען און נאָוועלען, וואָס האָבען א מאָדערנעם אינהאַלט און זיינען דאָך קינסטלעריש, קאָן מען געפינען ביי אונז. אָבער גרעסערע ווערק פון ה י י נ ט י ג ע ן לעבען, וואָס האָבען א קינסטלערישע באַ־דייטונג, זיינען ביי אונז אויסנאַמען.

— קאָן מען דען מעסטען די יונגע אידישע ליטעראַטור מיט דער מאָס פון דער אייראָפּעאישער? איז עס דען ניט קיין פאַל־שע — און דערצו נאָך אַן אָפּגעניצטע — מאָס?

— מיר מעסטען ניט. מיר קאָנסטאַטירען נאָר פאַקטען. א פאַקט איז, אַז די גאַנצע אידישע ליטעראַטור איז אַלץ קינסטלע־רישער, וואָס ווייניגער זי האָט צו טאָן מיט'ן ה י י נ ט, — די ג אַ נ צ ע אידישע ליטעראַטור, איך זיידע ר' מענדעלע ניט אויסגעשלאָסען...

— איז מענדעלע מוכר ספרים א י ן ז י י ן צ י י ט דען ניט געווען „מאָדערן“?

— אויף וויפיל ער איז געווען קינסטלער, איז ער ניט געווען „מאָדערן“. זאָל מען פּרואווען, אדרבא, איינטיילען זיינע ווערק אין צוויי מינים, אין אַזוינע, וואָס איך וואָלט זיי אָנגערופען ער־אינערונגס־ווערק, ווייל שוין דאַן, ווען זיי זיינען געשריבען געוואָ־רען, איז דאָס, וואָס פילט זיי אָן, פאַר'ן פאַרפאַסער, וועניגסטענס, געווען שוין בלויז אַן ערינערונג, און אין אַזוינע ווערק אַדער, ריכטיגער, אין אַזוינע ש ט ע ל ע ן, וואָס אין זיי האָט זיך גע־פילט די לופט, די גייסטיגע אַטמאָספערע, אין וועלכער עס האָט געלעבט דער דיכטער אַליין. — זאָל מען פרואווען איינטיילען ר'

מענדעלע׳ס שאַפעז אין אַזוינע צוויי טײלעז, וועט זיך אַרויסווײזעז, אַז וואָס מער אין אַ זאַך איז פאַראַן ע ר א י נ ע ר ו נ ג, וואָס מער עס רעדט זיך דאָרט וועגעז דעם, וואָס פאַר דעם באַוואוסטזיין פון פאָרפאַסער אַליין איז עס שוין געוועז אַ זאַך פון נעכטעז, — אַלץ מער איז פאַראַן דערין דאָס, וואָס איז ווערט אָנגערופעז צו ווערעז קונסט; פאַרקערט, כאַפּט זיך אַריין אין אַ ווערק צו אים עפּעס אַ צייט־מאָטיוו, עפּעס אַ ווינטעל פון דער געגענוואַרט, הויבט איר גלייך אָן צו עטעמעז מיט דער לופט פון פובליציסטיק, פון דידאַקטיק, פון — „ניט דאָס בין איך אויפעז"... „שלמה ר׳ חיימ׳ס" און „דאָס ווינשפינגערל" זיינעז די בעסטע, די קינסטלערישסטע ווערק מענדעלע׳ס ניט נאָר דערפאַר, ווייל זיי זיינעז די לעצטע און ממילא די צייטיגסטע ווערק זיינע; זיי שטייעז העכער פון אַלע אַנדערע ווערק מענדעלע׳ס אויך דערפאַר, וואָס זיי האָבעז צו טאָן דערהויפּט מיט זאַכעז, וואָס זיינעז געוועז אַמאָל און איצט זיינעז זיי ניטאָ, אָדער גלייך ווי ניטאָ; הויבט ר׳ מענדעלע אָן טאַקע אין דעמזעלביגעז ו ו י נ ש פ י נ ג ע ר ל צו רעדעז וועגעז דעם, וואָס ס׳איז פאַראַן איצט, וועגעז דעם, וואָס האָט נאָך וואָרצלעז טיפע אין דער געגענוואַרט, אַזוי שטאַרקט זיך אויך דאָ אין אים גלייך דער פובליציסט איבער דעם קינסטלער, און דער אומרואיגער בייזער סאַטיריקער — איבער דעם רואיגעז, געלאַסענעם, שמייכעלדיגעז הומאָריסט.

— און די ליטעראַטור, וואָס „נאָך" מענדעלע מוכר ספרים?

— ...איז ניט אָרימער אין אַזוינע ביישפּילעז. מיר האָבעז שוין דערמאָנט פריער שלום־עליכמ׳ס צייט־ראָמאַנעז: זיי זיינעז ניט קיין אויסנאָם. וואָסער ווערק שלום־עליכמ׳ס איר וועט נעמעז, וועט איר זעז, אַז וואָס ווייטער עס איז פון די נייע, מאָדערנע אידישע לעבענס־פאָרמעז, אַלץ נענטער איז עס צו קונסט.

— און פאַרקערט?

— און פאַרקערט.

— איז דער אויסגעצייכענטער מנחם מענדעל מיהופּעץ דעז ניט קיין שטיק אידישע געגענוואַרט? טרעפט דעז ניט די דאָזיגע קינסטלערישע קאַריקאַטור אויך דעם מאָדערנסטעז אידעז?

— לויט איר אינעווייניגסטער אידעע. איר פארקערפּערונג אבער, איר קינסטלערישער לבוש איז גענומען געווארן פון נעכטען, איידער פון היינט...

— איז דאָס אפשר כאראקטעריסטיש בלויז פאר דעם ערש־טען, פאָלקסטימליכען, „פאָלקלאריסטישען", פעריאָד פון דער אי־דישער ליטעראַטור, אָבער ניט פאר דער נייער, מער „אינטעלי־גענטישער", פּ ר ע צ' י ש ע ר, ריכטונג?

— ניין, דאָס איז ריכטיג אויך בנוגע צו פּרץ'ן און צו די, וואס שטייען „נאָנט" צו אים. אויך פּריצ'ס שאפען איז אלץ וויניגער פּראָבלעמאַטיש, וואָס מער עס נערט זיך פונ'ם פאָרצייטיגען אידישען לעבען, די ראָמאַנטיק פון זיין „חסידיש" און זיינע „פאָלקסטימליכע געשיכטען" וועקען ניט אזוי שטאַרק אין לעזער יענע ספקות, יענע אומזיכערקייט, יענעם שוועבען צווי־שען קונסט און... קונסט־עקספּערימענט, וועלכע עס רופען ארויס זיינע מאָדערנע און מאָדערניסטישע זאכען.

— און ווי האַלט עס מיט די יונגערע אידישע שרייבער?

— אז מען זאָל פון דעם דערמאָנטען שטאַנדפּונקט פאר־גלייכען איינע מיט די אנדערע די ווערק פון דעם גרעסטען טייל יונגערע אידישע שרייבער, וועט מען קומען צו די זעלביגע רע־זולטאַטען.

— הייסט עס, אז חוץ דעם ביסעל ליריק און קלענערע דער־ציילונגען פארמאָגען מיר נאָך ניט קיין אידישע ליטעראַטור, וואָס זאָל זיין קינסטלעריש און דערביי מאָדערן?

— אזוי ווייזט עס.

— איז ניטאָ גאָר קיין האָפענונג אויף אַ מ אָ ד ע ר נ ע ר, קינסטלערישער אידישער ליטעראַטור?

— האָפענונגען זיינען פאראן. און זיי הויבען שוין אָן אפילו מקיום צו ווערען.

— דער מאָדערנער קינסטלערישער ראָמאַן האַלט ביי באַשאַ־פען ווערען.

— קאָן מען, אַלזאָ, האָפען, אז די נייע תקופה, וואָס וועט אנטשטיין נאָך דעם גרויסען קריג, וועט זיין אַ נייע צייט — אַ

שניט־צייט — אויך פאר דער אידישער ליטעראטור, פאר דער אידישער קונסט?

— האפען קאן מען; אבער מען מוז זיין פארזיכטיג.

— ווער מוז זיין פארזיכטיג?

— דער שרייבער פריער ווי אלץ. ער מוז זיך היטען צו גיין אין פעלד שניידען די תבואה, איידער די זאנגען זיינען זיך אויסגעשטאנען און צייטיג געווארען. וואס איידעלער א פרוכט איז, אלץ מער דארף זי האבען זון. דער נייער ליטעראַרישער שטאף, וואס קלייבט זיך אן אין דער היים אנגעברענטער לופט פון דער מלחמה, איז אזא מין איידעלע פרוכט. זי וועט צייטיג ווערען ערשט דאן, ווען זי וועט אריינזויגען אין זיך גענוג ל י כ ט.

— און דערווייל?

— דערווייל ליגט אין איר גרויסער מעלה — אין איר פריש־קי־ט — אויך א גרויסער חסרון: איר רויקייט. מען דארף האבען צו איר זייער שטארקע ציין און זייער א געזונטען קינסט־לערישען פארדייאונגס־ארגאן...

— און ליריק? מיר האבען געזען, אז אונזער לירישע פאעזיע איז גראד מסוגל צו פרישע מאדערנע שטאפען. אפשר איז צו ווארטען, אז עס וועט אויסוואקסען ביי אונז א מלחמה־ליריק?

— גראד האט די מלחמה־ליריק אין דער אלגעמיינער ליטע־ראטור אפילו זייער א קליינעם ווערט: צופיל מישען זיך אריין אין איר אנדערע, זייטיגע עלעמענטען.

— עס זיינען דאך פאראן אבער איינציגע לירישע מלחמה־זאכען, וואס וועלען ב ל י י ב ע ן אין דער ליטעראטור?

— ביי אונז איז ניט צו ווארטען אפילו אויף ג ע צ י י ל־ט ע אזוינע זאכען.

— מחמת מיר זיינען ניט קיין מלחמה־פאלק? ניט קיין מלוכה־פאלק? מחמת אונזער מלחמה־ליריק וואלט אייגענטליך געקאנט זיין נאר א אנטי־מלחמה־ליריק?

— מחמת סיבות, וואס ליגען שוין צו ווייט פון דער ריינער

שאפונגס־פסיכאלאגיע, אז מיר זאלען זיך קאנען דא אויף זיי אפּ־שטעלען.

— אלזא, מחמת אט די סיבות (און מחמת דער טראדיציע פון דער אידישער קינסטלערישער ליטעראטור צו האלטען זיך וואס ווייטער פון דער געגענוואַרט), דאַרף מען מיינען, אז ניט אזוי גיך וועט קומען ביי אונז די צייט פאר די פרישע קערנדלאך, וואס זיינען פארזייט געווארען אין דער מלחמה־צייט און וואס אויפגיין וועלען זיי ערשט שפעטער?

— אזוי דאַרף מען מיינען.

— קאן מען זיך דערווייל הייסט עס אפּגעבען אויך מיט דער ליטעראטור, וואס איז באשאפען געווארען נאך פאר דער מלחמה?

— געוויס.

(1915)

## II אין יאָר 1917.

מיין פריינד, אַ שרייבער אַ אידישער, גייט אום פאַר׳מרה־שחור׳ט.

— ביזט ברוגז, פרעג איך אים, אויף דער וועלט?

— ניין, ענטפערט ער, מיט זיך אַליין בין איך ניט קאַנטעט. עס איז מיר אומעטיג אויפ׳ן הארצען...

— איז איצט, זאָג איך, אַ צייט צו טראַכטען, וועגען זיך, — איצט, ווען „וועלטען ווערען חרוב און געבוירען", אין פיין און שרעק?

— וועגען אַט די „וועלטען" טראַכט איך, זאָגט מיין פריינד. טראַכטענדיג וועגען זיי, דערמאָן איך זיך, ניט ווילענדיג, אַן זיך אַליין. איך וויל, אַז די דאָזיגע „וועלטען" זאָלען זיין מ י י נ ע, ד. ה., אַז אויך מיט מיינע אויגען זאָל איך זען זייער ליכט און ציל... איך מוז עס וועלען, ווייל נאָר מיט מ י י נ ע אויגען קאָן איך עפּעס זען...

— מיט פ ר ע מ ד ע אויגען, זאָג איך, קאָן קיינער גאָר־נישט ניט זען.

— אַט דאָס, זאָגט מיין פריינד, מיין איך טאַקע... שטעל זיך פאָר, אויב דו קאָנסט זיך עס פאָרשטעלען, אַז אין רוסלאַנד איז „געשען" אַ רעוואָלוציע, נאָר אידען זיינען, ווי פריער, געבלי־בען אָן רעכט, וועלען זיי פילען עפּעס אַ טעם אין דער רעוואָ־לוציע? אָדער: עס איז אין לאַנד געוואָרען אַן איבערקערעניש, נאָר פויערים האָבען ניט געקראָגען קיין ערד; וועט אַזאַ מין אי־בערקערעניש עפּעס האָבען אַ ווערדע? מיר דוכט, אַז ניט. אַט אַזוי מוז אויך איך קוקען אויף דער רעוואָלוציע מיט פ ר ע מ ד ע אויגען, כל־זמן זי האָט מיר מ י י ן פראַגע ניט פאַרענטפערט...

— וואָסער פראַגע מיינסטו? ווער איך שוין אַביסעל אומ־געדולדיג.

— איך מיין, זאָגט ער, איינפאַך, די פראַגע פון מיין „קלאַס מענשען“, די פראַגע פון דער אידישער ליטעראַטור, — און אין די אויגען ביי אים צינדען זיך אָן פייערלאַך... די ליטעראַטור — דאָס איז מיין ע ר ד, דאָס זיינען מיינע „פּראָוועס“, דאָס, וואָס גיט מיר ר ע כ ט צו לעבען אויף דער וועלט. און אויב איך פראַגע איז ניט פאַרענטפערט, הייסט עס, אַז עס איז אָן אַ תשובה געבליבען מיין „ערד“־ און „רעכט“־פראַגע...

— אָבער גאָט איז מיט דיר, — כאַפּ איך אָן מיין פריינד פאַר'ן אַרבעל, מען מעג דאָך שוין דרוקען אויף אידיש, און קיין צענזור איז שוין אויך מער ניטאָ... וואָסער ליטעראַטור־פראַגע מיינסטו?

— איך מיין, זאָגט ער, די א י נ ע ו ו י י נ י ג ס ט ע פראַגע, — די, וואָס ניט אַנדערע, נאָר מיר אַליין דאַרפען פאַר־ענטפערען. איך מיין די פראַגע וועגען דער א ט מ א ס פ ע ר ע, דער לופט, וואָס מוז זיין אַרום אַ ליטעראַטור, ווי אַרום יעדען לעבעדיגען אָרגאַניזם. די דאָזיגע לופט קאָן ניט באַשאַפען ווערען דורך געזעצען. עס מוזען זיין מענשען, לעבעדיגע מענשען, וואָס פילען־מיט און שאַפען־מיט...

— ווען האָסטו עס זיך אָנגעהויבען אַזוי נויטיגען אין „מענ־שען“? — פרעג איך מיין פריינד, וועלכער האָט, ווי אַלע קינסט־לער, ליעב צו רעדען תמיד מיט אַ ביטול־שמייכעלע וועגען „המון“.

— איך דאַרף ניט קיין מענשען, פאַרכאַפּט זיך מיין פריינד, אָבער איך דאַרף, אַז... זיי זאָלען מיך דאַרפען... אגב, מיט דיין פראַגע האָסטו מיך אָראָפּגעפירט פון וועג... איך בין איצט גאָר ניט אויפגעלעגט אַריינצולאָזען זיך אין חקירות. איך רעד, אגב, ניט וועגען יעדען איינציגען שרייבער, איך רעד וועגען דער ליטע־ראַטור, אינגאַנצען גענומען. אַן איינציגער שרייבער קאָן זיין אפשר אַ ראָבינזאָן קרוזאָ; נאָר ביז איצט האָבען מיר ניט געהערט פון אַ ל י ט ע ר אַ ט ו ר, וואָס זאָל באַשאַפען ווערען אויף אַן א ו מ ב א ז ע צ ט ע ר ו ו י ס פ ע...

— אויף אַז אומבאַזעצטער וויספּע?

— יע, יעדער פון די, וואָס חלומ'ען דעם חלום פון דער אי־דישער ליטעראַטור, לעבט אויף אַ וויסטען אינזעל... אַז איך הויב אויף מיין שטים, פאַרנעם איך ניט קיין אָפּקלאַנג, מיין זיפץ טראָגט אַוועק דער ווינט, און מיין טרער ווערט איינגעזאַפּט אין זאמד פון מדבר, וואָס אַרום...

— דו ביזט אַ ליריקער, זאָג איך צו מיין פריינד, — דאָס ווייס איך שוין פון לאַנג. היינטיגס מאָל וואָלט איך וועלען פון דיר הערען קלאָרע און פשוט'ע רייד — פּראָזע. איך וואָלט וועלען וויסען, מיין פריינד, מיט וואָס איז עס איצט, נאָך דער רע־וואָלוציע, געוואָרען ערגער, ווי פריער.

— ערגער, זאָגט מיין פריינד, איז געוואָרען דערמיט, וואָס עס איז שווערער איצט, ווי פריער, אַריבערצוטראָגען די עלענדקייט, ווארום עס איז שוין ניטאָ איצט מער די טרייסט, וואָס פריער איז געווען, — די טרייסט, אַז שולדיג אין אַלץ זיי־נען די אויסענווייניגסטע סבות, וועלכע לאָזען דעם פאָלק ניט אַנטפּלעקען זיין ווילען, זיינע פאַרלאַנגען, און אַזוי ווייטער. איצט זיינען ניטאָ מער שוין קיין אויסענווייניגסטע מניעות. אַרום קאָכט און רוישט, ווי, „אויפ'ן ים אין אַ שטור־רעמווינט". אפילו אין אונזער אידישען געמייזעכץ קאָכט כלמור'שט און ס'זידט. „נייע זעגלען ווערען אָנגעצויגען אויף די מאַסטבוימער", „פּאַנעס פלאַטערען": מען גרייט זיך אין וועג; אַ ניי לעבען און נייע הימלען גלויבט מען צו זען אין דער נאָענט־געוואָרענער צוקונפט... נאָר צי טראַכט עמיצער וועגען ציידה לדרך, וועגען יענער שפּייז, וואָס ליגט באַהאַלטען אין די שפּייכלערס פון גייסט? נייע פּאַרטייען, נייע אָרגאַניזאַציעס ווע־רען באַשאַפען, די אַלטע לעבען אויף; אין דער אייגענער צייט איז אין אונזערע „קולטור־חברות" און „ליטעראַטור־געזעלשאַפ־טען" טויטער נאָך ווי פריער. ניט נאָר קיין נייע ווערען ניט גע־שאַפען, אפילו די אַלטע שטאַרבען־אָפּ... די „טוערס" זיינען פאַר־נומען מיט אַנדערע, בילכערע, זאַכען... פריער איז „קולטור", „לי־טעראַטור" געווען במקום פּאָליטיק; איצט איז פאַראַן פּאָליטיק,

דאַרף מען מער ניט קיין במקום, קיין סוראָגאַטן... איצט זיינען אַלע פּאַרטײען אין פּאָליטיק...

— פּאַרדריסט עס דיר? — שטעל איך אַפּ מײַן פרײַנד.

— ניין, ענטפערט ער, — פאַרקערט: בעסער זאָל זיין פּאָליטיק אַ מאָדע, איידער קולטור... אין פּאָליטיק קאָן ע פּ ע ס אויפגעטאָן ווערען אפילו דאָן, ווען זי איז אַ מאָדע־זאַך; קולטור, ווי אַ מאָדע, איז ניט נאָר מאוס און עקעלהאַפטיג; קולטור, ווי אַ מאָדע־זאַך, איז טויט. און דאָס האָט זיך איצט ארויסגעוויזען. עס איז קלאָר געוואָרען, אַז די אַלע פריערדיגע רייד וועגען „קונסט" און „ליטעראַטור" און „שפּראַך" זיינען פּוסטע רייד געווען, גלאַט אין דער וועלט אַריין... כל־זמן מען האָט גאָרנישט ניט געקאָנט טאָן, האָט מען גערעדט; איצט, אַז מען קאָן עפּעס טאָן, האָט מען אויפגעהערט רעדען אפילו...

— און „תרבות"? — שלאָג איך איבער מײַן פרײַנד זיינע בעס'דיגע רייד. — „תרבות" טוט זייער פיל; איז „תרבות" ניט ק ו ל ט ו ר?

— „תרבות", — ווערט מײַן פרײַנד נאָך מער אין כעס, — איז פּ אָ ל י ט י ק...

— נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע פּאָליטיק, פּרואוו איך אים פאַרריכטען...

— נאַציאָנאַלע פּאָליטיק, לאָזט ער מיך ניט רעדען, איז אויך פּאָליטיק. אגב, רעד איך ניט וועגען די, וואָס „קולטור" איז פאַר זיי אַ „הייליגער חוב", אַן „ענין לאומי", אַ מצוה־זאַך. איך מיין די, וואָס האָבען אַלע מאָל גע'טענה'ט, אַז מען דאַרף צופרידען שטעלען די גייסטיגע ל ע ב ע נ ס ב אַ ד ע ר פ ע נ י ש ע ן פון דעם אידישען פאָלק. און וועגען אָט די, זאָג איך, אַז זיי האָבען גערעדט און גע'פּלפּול'ט זיך וועגען קולטור און קונסט און ליטעראַטור נאָר כל־זמן קיין אַנדער טעמע איז ניט געווען. איצט, אַז ס'איז דאָ אַן אַנדער ענין, האָבען זיי וועגען אָט די אַלע זאַכען אויפגעהערט צו רעדען: — אגב, דער איינציגער גוטער רעזולטאַט דערוויי...

— וואָס צייגט, האָב איך געפּרואווט אריינשטעלען אַ וואָרט,

אז ס׳וועלן זיין נאך אויך אנדערע, מ ע ר פ א ז י ט י ו ו ע, רעזולטאטן...

— פון וואנען וועלן זיי זיך נעמען? האט מיך מיין פריינד נישט געלאזן רעדן. האט דען דער אידישער אינטעליגענט ניט וואו צו שטילן איצט זיין „געזעלשאפטליכען טעמפעראמענט", וואו צו לעשען זיין דורשט נאך „ארבעט"?... מער דארף ער דאך ניט. עס איז ניט צו זען, ער זאל באמת האבן קולטור־באדערפענישען. א גוטע פארטיי, א „נאציאנאלע", א „דעמא־קראטישע" פראגראם — דערין נויטיגט ער זיך אפשר; אבער א אידיש בוך, א רעכט אידיש טעאטער — די דאזיגע אלע זאכען זיינען וויכטיג פאר אים, נאר ווי ווייט זיי האבען א שייכות צו דעם אדער יענעם פונקט פון „פראגראם". וועגען אלגעמיין־מענש־ליכע גייסט־פראגען, וועגען שלעכט און גוט, מיאוס און שיין, אמת און פאלש — וויל איך שוין גאר ניט רעדן. א איד א תלמיד חכם פון אלטען דור; א איד, וואס קוקט אריין אמאל אין א „בחינת עולם", אין א „תניא" און וואס לערנט תנ"ך ניט פון לשון־קודש וועגען — טראכט נאך אמאל וועגען אזוינע זאכען. א אידישער אינטעליגענט פון נייעם שניט איז פארטון אין „כלל־זאכען", און פאר דאס, וואס רופט זיך אן חשבון־הנפש, האט ער קיין צייט ניט...

— אבער צי דען ווייסטו ניט, מיין פריינד, זאג איך, אז גייס־טיגע קולטור, ווי אלץ, וואס לעבט, — וואקסט־אויס און ווערט צייטיג אין דער שטיל און פארבארגענהייט? ז ע ע ן מיר דען, ווי עס וואקסען די גראזען, ווי עס וויקלען זיך פונאנדער די בלומען, ווי עס גיסען זיך אן מיט זאפט די טייערסטע פרוכטען?

— אבער מיר זעען די ערד, זאגט מיין פריינד, פון וואנען עס זויגען, עס ציען די יניקה אט די גראזען מיט די בלומען, מיר זעען די זון, וועלכע ווארעמט זיי... ביי דער היינטיגער אידישער אינטעליגענץ איז ניט צו זען קיין ב א ד ע ן און קיין באַ־פרוכפערנדיגע ש ט ר א ל ע ן פאר קולטור־שפראצונגען — אט פון וואנען עס נעמט זיך מיין מרה־שחורה...

— פון וואנען נעמט זיך אבער דאס, האב איך געשטעלט

מיין פריינד א קלאץ־קשיא, וואס דו לייגסט דיינע אלע האפענונגען אויף דער „היינטיגער אידישער אינטעליגענץ“?

— אויף וועמען דען אנדערש, זאגט ער, זאל איך האפען? ווער דען אנדערש קאן שאפען ארום דער ליטעראטור יענע לופט, יענע גייסטיגע אטמאספערע, אן וועלכער זי קאן ניט אויסקומען, ווען ניט די אינטעליגענץ?

— אודאי, זאג איך, די אינטעליגענץ; אבער ניט די, וועגען וועלכער דו רעדסט...

— און וועגען וועלכער רעדסטו? פרעגט נייגעריג מיין פריינד.

— איך רעד וועגען יענער אידישער אינטעליגענץ, וואס קומט ניט פון אויבען און פון דרויסען, נאר פון אונטען און פון אינעווייניג — פ ו ן פ א ל ק... איך רעד וועגען יענער אידישער אינטעליגענץ, וואס ערשט איצט קומט איהר צייט...

— פארוואס עפעס ערשט איצט? פרעגט מיין פריינד. און וואו איז זי פריער געווען?

— פריער איז זי באהאלטען געווען, באגראבען צ ע ן איילען טיף אין דער ערד פונ׳ם פאלקסלעבען... געדיינקסטו די אגדה וועגען די אידישע קינדער אין מצרים, וואס די ערד פלעגט זיי איינשלינגען און ערשט שפעטער, ווען עס פלעגט קומען פ ר י ל י נ ג ־ ל ע ב, פלעגען זיי ארויסשפראצען פון אונטער דעם ע ר ד ב א ד ע ן אינאיינעם מיט די גראזען? די דאזיגע אגדה איז שייך אויך צו אלע שפעטערדיגע גלות׳ן. די לעבענס־זוימען פון גייסט, זיינע געבויר־כחות, ליגען טיף אין דער ערד, אין דער פאלקס־ערד באהאלטען, וואו זיי ווארטען אויף דער צייט, ווען די זון וועט ווידער אנהויבען שיינען און וועקען די דרעמלענדיגע כחות פון דער ערד... איצט קומט אן די צייט... דאס פאלק וועט פריי אפעטעמען, און מיט זיין געזונטען און פרישען אטעם וועט עס מאכען פריש און געזונט אויך די לופט, וואס ארום...

—נביאות? קאן זיך מיין פריינד ניט איינהאלטען.

— ניין, ניט קיין נביאות, ענטפער איך.

— וואס־זשע, סתם מליצה? ווערט מיין פריינד א ביסעל ברוגז.

— ניין, ניט קיין מליצה, ענטפער איך, נאר א פשוט'ער חשבון. די אידישע אינטעליגענץ האט אין דעם הינערפלעט, און דעם גייסטיגען כח־הקלע, אין וועלכען זי האט זיך געפונען, אנ־געוואוירען דאס געזונט און די לעבענס־פרישקייט, די אידישע מאסע איז אפגעשטאנען, אבער ניט אפגעשטארבען. די כחות, די זאפטען, די שאפונגס־מעגליכקייטען, וואס האבען זיך געקליבען אין איר, זיינען ניט אנטפלעקט געווארען, זיי זיינען אבער ניט גע־גאנגען לאיבוד. ביי דער ערשטער מעגליכקייט וועלען זיי, ווי די זוימען, וואס זיינען געלעגען אונטער דער אייזיגער שאלעכץ, וואס באדעקט די ערד ווינטער, ארויסשפראצען...

— ווי איך זע, זאגט מיין פריינד, קאנסטו פונקט אזוי ווי איך, ניט באגיין זיך אן ליריק...

— ווי ווייט, זאג איך, דאס אלץ איז נאך באהאלטען אינע־ווייניג, איז עס ליריק. אבער אינגאנצען באהאלטען איז עס שוין ניט. צום טייל איז עס שוין אנטפלעקט געווארען.

— וואו? פרעגט מיין פריינד.

— אין דער ליטעראטור אויף אידיש, וועלכע מיר פארמאגען.

— איז דען די דאזיגע ליטעראטור, זאגט מיין פריינד, ווי ווייט זי איז א וועלטליכע, געוואקסען פון אונטען און פון אינעווייניג, אויב שוין געברויכען דיין אויסדרוק?

— יע, ענטפער איך, ווי ווייט זי איז גע־זוגט און פריש און לעבענס־פעאיג, איז זי געוואקסען פון אונטען און פון אינעווייניג — פון פאלק. ווי ווייט זי איז אנגעטראגען געווארען פון דרויסען, פון דער פרעמד, מיט זייטיגע כחות, איז זי אן קראפט און אן זאפט. נעם די משכילים, וואס האבען געשריבען אויף אי־דיש, די, וואס זיינען געווען משכילים, און מער גארנישט. די, וואס האבען געוואלט נאר לערנען דאס פאלק, ניט אויך לערנען זיך ביי אים, די, וואס האבען געקוקט אויפ'ן פאלק, ווי אויף א נעמער, וואס איז ניט קיין געבער: וואס איז געבלי־בען פון זיי? וואס קאן א געוויינליכער אידישער לעזער, ניט קיין

היסטאָריקער, ניט קיין עטנאָגראַף, ניט קיין פילאָלאָג, געפינען איצט אין זייערע ווערק? דאָס ביסעל אידיש אפילו איז ביי אייניגע פון זיי פאַרדרייט און פאַרדאָרבען: די שפּראַך אפילו איז אייניגע פון זיי ניט אַנגעשטאַנען צו נ ע מ ע ן ביים פאָלק...

— און עטינגער'ס משלים? און א. מ. דיק'ס פאָלקס-מעשה'לעך? קאָן זיך מיין פריינד ניט איינהאַלטען: האָבען זיי איצט שוין גאָר קיין ווערדע ניט?

— אודאי, זאָג איך, האָבען זיי א ווערדע, אודאי איז א פאַרגעניגען זיי צו לייענען אויך איצט. אָבער ווייסטו, מיין פריינד, פאַרוואָס? דערפאַר, וואָס עטינגער און דיק געהערען טאַקע צו יענע משכילים, וואָס זיינען געווען ניט נאָר משכילים, צו יענע משכילים, וואָס פלעגען זיך נאָך פאַרגינען אמאָל אַראָפּצולאָזען זיך אין די טיפע ברונעמס פון פאָלקסשאַפען. אָט איז מענדעלע מוכר ספרים אויך א משכיל. אויך ער האָט אויפ'ן א ו י ב ע ר פ ל א ך פון פאָלקס-לעבען געזען נאָר שימעל. אָבער ער האָט ט י פ ע ר ג ע ג ר א ב ע ן אין לעבען פון פאָלק, פון קיבוץ, — האָט ער ה ע כ ע ר ג ע ש ט י ג ט, ווי אַלע אַנדערע... נאָר פאַרוואָס איז מענדעלע געווען אין יענע צייטען א יוצא מן הכלל? ווייל דאָן איז דער פ א ל ק ס - ב א ד ע ן, דער איינציגער באָדען, אויף וועלכען עס קאָן אַרויסשפּראָצען א ליטעראַטור אויף אידיש, געווען נאָך ניט געאַקערט, און נאָר אַזוינע פעטע און זאַפטיגע קערנער ווי מענדעלע'ס האָבען געקאָנט אויפגיין און פרוכטען געבען אויף אַזאַ ניט צוגעגרייטען באָדען; נאָר דורך ווענען, וואָס זיינען קיינעם, א חוץ אים, ניט באַקאַנט געווען, האָט מענדעלע געקאָנט צוקומען צו די פאָלקסקוואַלען, וואָס זיינען דאָן נאָך פאַרבאָרגען און פאַרשטעלט געווען... אָבער אָט האָבען די פאָלקס-מאַסען — פריער אין דער ליטע, שפּעטער אין פוילען — גענומען „אויפוואַכען פון הונדערט-יאָהריגען שלאָף". — און עס האָבען אָנגעהויבען שלאָגען קוואַלען, וואָס אין משך פון דורות זיינען זיי פאַרשטאָפּט געווען, איין שאַפונגס-כח נאָך דעם אַנדערען האָט זיך אַנטפּלעקען גענומען, איין טאַלאַנט נאָך דעם אַנדערען, אין א פּאָר צענדליג יאָר איז אויסגעוואַקסען אַ ליטעראַטור. און איר „זיידע",

וועלכער איז געווען פריער כמעט איינער אליין, האט פלוצלונג דערזען ארום זיך אייניקלאך מיט אור־אייניקלאך — א גאנצע משפחה... וועגען דעם איז א סך צו רעדען. דער עיקר וואס איך האב דיר געוואלט זאגען, מיין פריינד, איז אט דאס:

דארט, וואו עס איז דער מקור און דער שורש פון דער עצם ליטעראטור אויף אידיש, דארט און נאר דארט דארפען מיר זוכען אויך די לופט, די אטמאספערע פאר דער דאזיגער ליטעראטור. פון א ו י ב ע ן זיינען ניט געקומען קיין שרייבערס, וואס קאנען באפרוכפערען די ליטעראטור אויף אידיש; פון א ו י ב ע ן וועלען ניט קומען אויך קיין לייענערס, קיין אמת'ע מיטפילערס און מיטשאפערס. זיי וועלען קומען פון א ו נ ט ע ן, און קומען וועלען זיי דאן, ווען דארט אונטען וועט זיך א נ ה ו י ב ע ן א לעבען...

— אבער א „לעבען“, איראניזירט מיין פריינד, האט זיך שוין אנגעהויבען: עס רעדען שוין די רעדנערס, די הענט פאטשען בראווא, די רעדעלפירערס פירען און דאס רעדעל דרייט זיך...

— ניין, מיין פריינד, זאג איך, דו פארשטייסט דאך אליין, אז ניט דאס דאזיג „לעבען“ בין איך אויסען, ניט דאס לעבען, וואס שפראצט ארויס, ווי דאס גרעזעלע אין פעלד, ביי דעם ערשטען פרילינגס־שטראל. ביז עס וועט אויפבליען יענעם לעבען, וואס איז נויטיג פאר דער אידישער ליטעראטור, וועט ד ו י ע ר ע ן — אזוי ווי עס דויערט ביז עס ווערט צייטיג א טייערע פרי...

דאס פאלק האט איצט פרייהייט פון ווארט; אבער דאס ווארט איז נאך נישטא. דאס פאלק מעג איצט באפרידיגען זיינע גייסטיגע באדערפענישען, אבער די באדערפענישען זיינען נאך גאר קליין ביי אים. וואס ווייטער, אלץ ברייטער און טיפער וועלען זיי ווערען. און אינאיינעם מיט זיי וועלען וואקסען אויך די כחות, וואס זיינען נויטיג זיי צו באפרידיגען. און דער ערשטער פון די דאזיגע כחות איז... די אידישע ליטעראטור... גלויב, מיין פריינד, אין די אידישע פאלקס־כחות, אין דעם אידישען פאלקס־לעבען, וועסטו גלויבען אויך אין דער אידישער ליטעראטור... ווארט, ביז

דאָס פֿאָלק וועט אַנהויבן אַרויסגעבן פֿון זיך אַ לייטישע, אַ „וועלטליכע" אינטעליגענץ, פּונקט ווי עס פֿלעגט אַרויסגעבן אַמאָל אַ פֿרום אידישליכע אינטעליגענץ. וואַרט, ביז דאָס פֿאָלק, וואָס האָט שוין געבוירן י ח י ד י ם ־ טאַלענטן, וועט אַרויסברענגען אויף דער ליכטיגער שיין אויך אַ קבוץ, אַ פּ ו ב ל י ק ו ם, וואָס וויים צו שעצן די דאָזיגע טאַלענטן. — וועסטו זען, אַז דיין אומעט איז דער אומעט פֿון אַ מענשן, וואָס וויל ברענגען די גאולה פֿאַר דער צייט...

— אַלזאָ, ביזטו מודה, זאָגט מיין פֿריינד, אַז ס'איז ניטאָ זיך וואָס צו וואונדערן אויף מיין אומעט.

— איך האָב גאַרנישט געוואָלט, זאָג איך, פֿאַרטרייבן דאָס וואָלקענדל, וואָס גייט אַזוי צו דיין געזיכט... איך האָב נאָר געוואָלט, עס זאָל אַביסעל ווערן דורכגעלויכטן פֿון דער זונשיין. וואָס האָט אַזוי אומגעריכט פֿאַר אונז אַלעמען זיך אַריינגעגאָסן אין דער טונקעלקייט פֿון אונזער לעבן. איך האָב געוואָלט, אַז דער זוים פֿון דיין אומעט וואָלקענדעל זאָל זיך אַנהויבן זילבערן...

(פּעטראָגראַד, 1917)

## III דער הויכער פונקט.

### א.

אין זיין ארטיקעל: „וואס פעלט דער אידישער ליטעראטור?“ („דער פריינד“ נומ. 89, 1910)*) האט י. ל. פרץ געשריבען: „עס פעלט דער הויכער פונקט, פון וואנען דאס אלץ זאל געזען ווערען“. און פרץ האט זיך געשטעלט אויף אט דעם ה ו י כ ע ן פ ו נ ק ט, און פון דארט, פון דער הויך אראפ, קוקט ער אויף דער נייער אידישער ליטעראטור. אז מען קוקט פון אייפעל־טורם אויף פאריז, זעהט מען — „גאנץ פאריז“; פרואווט פון אזא הויך קוקען אויף... איישישיק, וועט איר איישישיק ניט זען; איר וועט זען קברים־בערגלאך... מילבען... און אט דאס זעט פרץ.

אונזער ליטעראטור איז, אמת, ניט „איישישאק“; זי איז א גרויסער בנין. מען האלט אים אבער ערשט אין בויען. קאן מען אים שוין דערפאר גופא ניט צוגלייכען צו אנדערע, שוין מיט א דאך און מיט טורעמס באקרוינטע הייזער, און זאגען: סארא ניעדריגקייט! געוויס מוז מען, כדי צו זען א זאך, שטעלען זיך העכער פון איר; ס'דארף אבער זיין א געוויסע פראפארץ צווישען דער ג ר י י ס פון דער זאך און דער ש ט ר ע ק ע, אויף וועלכע מען רוקט זיך אפ פון איר. י. ל. פרץ האט, רעדענדיג וועגען דער אידישער ליטעראטור, די דאזיגע פראפארץ ניט אפגעהיט, ער האט זיך געשטעלט צו הויך...

*) אין דער אויסגאבע פון פארלאג: אידיש, ניו־יארק — באנד X.

אבער דוקא א גרויסער שרייבער דארף זיך היטן צו מעסטן אנדערע מיט זיין מאס. דער קונסט־אלימפּ איז א בארג, וואוהין מען קאן ניט א ר ו י פ ש ל ע פּ ע ן דעם ניט־באפליגעלטן; צוקלעפּן פליגלען דעם אנדערן — אדער אפילו זיך — קאן מען ניט.

אגב, האט פּ ר ץ די ליטעראטור די אידישע געמאסטן מיט דער מאס פון זיין ש ט ר ע ב ע ן, ניט פון זיין ש א פ ע ן. ער האט געשטרעבט: צו דער „טראדיציע", — צום בריק, וואס פירט פון דער „גלאנץ־שטראלענדיגער פארגאנגענהייט" צו דער „פּראפעטיש גע'חלומ'טער צוקונפט"; צו „נעמען — און זיך ניט פארלירען"; צום „אידישען שטאנדפונקט", צו דער נאציאנאלער „סוביעקטיוויטעט" א. אז. וו. טיילווייז האט ער די דאזיגע צילען זיינע דערגרייכט, — און דערפאר איז ער געווארען, וואס ער איז; — אבער ניט מער, ווי טיילווייז! די „פאדערונגען", וואס ער האט געשטעלט צו זיך אליין, האבען ניט געהאלפען. ריכטיגער, די „פאדערונגען" האבען זיך באוויזען ערשט דערנאך, ווען זיי זיינען צום טייל שוין אויסגעפירט געווארען... ק י י ן דיכטער שאפט ניט לויט א פּראגראם; די „פּראגראם" איז א ר ע ז ו ל ט א ט פון די כחות, וואס זיינען אין אים אינעווייניג באהאלטען; ער דער־וויסט זיך פון זיי ערשט דאן, ווען זיי ווייזען זיך ארויס.

מיט א „פּראגראם", מיט „פאדערונגען" קאן מען ווירקען אמאל אויף דער (אויסענווייניגסטער) ריכטונג, אויף דער טעמע, אויף דער טעכניק פון א שרייבער, ניט אויף זיין פערזענליכקייט. זי קאן מען באפרוכפּערען, פארטיפען, ווען... מען טרעפט איר אן „אין פּינטעל", אבער דעם „פּינטעל" גופא איר געבען אדער אפּ־נעמען ביי איר — קאן מען ניט.

און דאס, וואס וועגען דעם רעדט זיך אין פּרצ'ס קריטיק פון דער אידישער ליטעראטור, איז שייך צום פּ י נ ט ע ל... „טראדיציע" — קאן מען זיך עס אויסלערנען? האט מען זי — איז גוט; אויסלייענען זי פון אן ארטיקעל קאן מען ניט. טרא־דיציע הייסט ניט געטריי זיין דער פארגאנגענהייט, נאר טראגען זי אין זיך. דער, וואס האט זי אין זיך, איז געטריי ניט דער

פאַרגאַנגענהייט, נאָר זיך אַליין, ניט דעם פאָלקס, נאָר זיין אייגענער נשמה. וואָרים זי געהערט אים ניט ווייניגער, ווי ער — איר. און דער, וואָס האָט נ י ט אין זיך אינעווייניג דעם פאָלקס נשמה, דעם פאָלקס ירושה, —און מיט מיטעלמעסיגע טאַלאַנטען טרעפט זיך עס זייער אָפט, — ד ע ר, ווען ער וועט זיך נעמען פאַר „טראַדיציע“. וועט ער ווערען אַ ק ב ר ו ת - מ אַ ן. וועט ער זיך אומפירען מיט אַן אַ ר ו ן. און וועט אונז ווייזען, אַנשטאַט דער נשמה, דעם סקעלעט פון פאָלק. ער וועט אויף זיך אַרויפציען אַ שלייער פון ראָמאַנטיק, אָבער ס'וועט זיין „אַרויפגעצויגען“, ניט מער... בעסער זיין געטריי זיך און ניט דער טראַדיציע, איידער — דער טראַדיציע און ניט זיך. בעסער אַן אייגענע רגע, ווי אַ פרעמדע אייביגקייט.

פרצ'ס רופען צו „טראַדיציע“, צו „אייביגקייט“, צו „פערזענליכקייט“ און צו אַנדערע גוטע זאַכען איז, ווי אַ ל י ט ע ר אַ ר י ש ע ר „אַ נ י - מ א מ י ן“, זייער וויכטיג, און עס וואָלט געווען גוט, ווען אויך אַנדערע גרעסערע דיכטער אונזערע וואָלטען פון צייט צו צייט דערציילט אונז, וואָס זיי „פאָדערען“ פון דער ליטעראַטור. פאַרדראָסיג איז, וואָס פרץ האָט עס געשריבען ניט אין אַ „לירישען“, נאָרן אין אַ „פראָגראַמאַטישען“ טאָן... „וואָס פעלט אונזער ליטעראַטור?“ — אַז מען שטעלט אַזאַ פראַגע, מיינט מען מיט'ן ענטפער צו פועל'ן, אַז דאָס, וואָס פעלט, זאָל באַשאַפען ווערען. מיט דעם ענטפער, וואָס פרץ גיט, קאָן אָבער פאַרמערט ווערען ביי אונז, האָב איך מורא, די קינסטליכקייט, ניט די קונסט, די אומפערזענליכקייט, ניט די פערזענליכקייט. אַ יונגען, נאָך ניט קיין „געשטעלטען“, שרייבער קאָן מען שאַדען ניט נאָר דורכדעם, וואָס מען פירט אים אַרויף, דורך פאַרשידענע היפנאָז-מיטלען, אויף אַ ש מ אָ ל ע ן און אַן ענגען וועג; מען קאָן אים שאַדען אויך דאָן, ווען מען ווייזט אים אַ ב ר י י ט ע ן, אָבער אַ ווייטען, אַ פ ר ע מ ד ע ן וועג: ער וועט זיך אומבלאָנקען אויף אים, אָנווערען די כחות און פאַרקריכען, סוף כל סוף, אין בויבעריק. די אויטאָריטעטישע ביטול-אַרטיקלען פון י. ל. פרץ קאָנען אויך פירען דערצו. די יונגע, וואָס שטייען נאָך ניט אויף די אייגענע

פּים, קאַנען קומען צו אַזאַ מין רעיון: ווי באַלד אַז דאָס, וואָס מיר פאַרמאָגען, איז גאָרנישט אָדער כמעט ווי גאָרנישט, ווי באַלד אַז אפילו ווענען מענדעלע׳ן רעדט זיך ווי וועגען „מענדעלע א י ז א ד ע ס" און שלום־עליכם איז „שלום־עליכם ד ע ר ק י ע ו ו ע ר" פון קיעוו; ווי באַלד אַז פון די, וואָס זיינען געקומען נאָך שלום־עליכמ׳ען און דינעזאָנ׳ען, זיינען ווערט מען זאָל דערמאָנען זייערע נעמען נאָר אַש, נאָמבערג, וויסענבערג און נאָך אַ פּאָר בנשימה אחת, וויבאַלד, אַז די „יונגע" זיינען ניט מער ווי „וואונדער־קינדער" אָדער פּראָסט קינדער („אינגלאַך", אויף צייטלינ׳ס לשון), — האָבען מיר דאָך ניט וואָס אַנצוּוואַרען, טאָ לאָמיר טאַקע ארויסקריכען פון „די שטיוועל מיט קאַלאָשען", זאָגען „זיי געזונט" דעם „ווילנער, ליטויער און פּוילישען קליינשטעטעל" און — נעמען זיך קלעטערן אויפ׳ן „העכסטען פּונקט"...

וואָס פון אַזאַ „קאַראַבקען זיך" קאָן אַרויסקומען, איז לייכט צו פאַרשטיין: די, וואָס „אין די שטיוועל מיט קאַלאָשען", אין טאָל פון טאָג־טעגליכען לעבען, האָבען זיי זיך קוים געהאַלטען אויף די פּיס, וועלען דאָ, קריכענדיג אויפ׳ן העכסטען באַרג, פאַרפרוירענע ווערען אינמיטען וועג, אָדער אַראָפּקייקלען זיך און... ברעכען האַלז און נאַקען...

— זאָלען מיר מער קיין צער ניט האָבען, וועט מען זאָגען: מיט זיי, ווי אַז זיי...

— אַ טעות! די ליטעראַטור, ווי אַ גאַנצעס גענומען, דאַרף האָבען אויך מיטעלע טאַלאַנטען! איז אַ טעמפּעל זיינען פאַראַן אי כהנים, אי משרתים. די גרויסע ב ו י ע ן נייע פעסטונגען אין דער ליטעראַטור, די „קליינע", היטען זיי; די ג ר ו י ס ע שאַפען נייע אידעען, נייע פאָרמען, די קליינע פאַרשפּרייטען זיי: ניט נאָר די וויסענשאַפט, אויך די קונסט האָט אירע פּאָפּולאַריזאַטאָרען. און דוקא פאַר דער טראַדיציע, דער מסורה, דער גאַנצקייט פון דער ליטעראַטור זיינען די מיטעלע, די מיטעלמעסיגע זייער ניצליך. די גרויסע גייען יעדערער אין זיין וועג, זיי ציען דורך ל י נ י ע ס איבער דער ליטעראַטור, ליניעס, —

וואָס גייען פון איין עק וועלט ביז דער אַנדערער, פון דער פאַר־גאַנגענהייט אין דער צוקונפט אַריין; די ליניעס זיינען אָבער אָפּגעטיילט, אָפּגעזונדערט איינע פון די אַנדערע. קומען די מי־טעלע, שטעלען זיך אין מיטען, ציען פעדים פון איין ליניע און פון דער אַנדערער, פאַרשפּינען און פאַרוועבען זיי און מאַכען אַ ג ע ץ, שאַפען אַן אָרגאַניזם... אין אַן אָרגאַניזם זיינען פאַראַן העכערע און נידעריגערע פונקציעס: די נידעריגערע דאַרף מען אויך ניט אַוועקמאַכען אונטער דער האַנט. מען דאַרף זיי ניט אַוועקמאַכען אונטער דער האַנט אַפילו דאַן — און אפשר דאַן דוקא — ווען די העכערע אָרגאַנען זיינען אַזוי ווי אָפּגע׳חלש׳ט...

נאָר כדי אויסצומיידען יעדע אומפאַרשטענדעניש, מוז איך נאָך אַמאָל אויסטייטשען, אַז איך בין ניט קעגען „פאָדערונגען“ בכלל. עס פאַרשטייט זיך, אַז מען דאַרף שטעלען פאָדערונגען דער ליטעראַטור, אָבער אַ ז ע ל כ ע, וואָס זיינען נוגע צו דער אויסענווייניגסטער ריכטונג, צו דער טעכניק, צום מאַטעריאַל: דאָס אַלץ קאָן דורך געדעכטער קריטיק געענדערט און פאַרריכט ווערען; אין אַ ג ע װ י ס ע ר מ אָ ס ווענדט זיך דאָס אַלץ אַן שרייבער. אָבער טאַלאַנט, גאונות — דאָס האָט דאָך קיין זינען ניט צו „פאָדערען“, דאָס קאָן דאָך ניט ווערען קיין פונקט אין אַ פּראָגראַם. דאָס איז אַ גאָט־זאַך. און אַז פרץ האָט טענות, וואָס ביי אונז איז ניטאָ, ווי ער מיינט, קיין טראַדיציע, קיין פּער־זענליכקייט, קיין אייגענאַרט. דאָס מיינט מען, ניטאָ קיין אמת׳ע טאַלאַנטען. (וואָרים אמת׳ער טאַלאַנט איז דער טייטש: טראַדיציע, פּערזענליכקייט, אייגענאַרט), הייסט עס, אַז ער האָט „טענות צו גאָט“.

נאָר אויב גאָט, אָדער איך ווייס ווי איר וועט עס אָנרופען, האָט אויסגעקליבען איינעם פון טויזענטער און געשענקט אים אַ פונק, כאָטש איין פונק פון זיין גרויסקייט און געבענשט אים מיט אַ מינוט, כאָטש מיט איין רגע פון זיין אייביגקייט, און יענער האָט אָנגעשריבען אַ שיינע זאַך, אַ גוט וואָרט געזאָגט, — דאַרפען מיר עס טייער האַלטען... פרץ האָט עס דאָס מאָל ניט געטאָן... פון

וויטעז, פוז דער הויד פוז זיין טורם האט ער אויף דעם טיילוויי׳
פוז אים אליין אנגעהויבענעם, נאר נאך ניט דערבויטעז בנין
א ר א פ ג ע ק ו ק ט און דורכגעשטאכעז אים מיט א הארטעז
און א קאלטעז שמייכעל...

ב.

ווען פרץ וואלט זיך ניט שטעלען אויף אזא הויכען — און קאלטען — פונקט, ווען ער וואלט ניט אראפגעקוקט, נאר געקוקט אויף אונזער יונגער ליטעראטור, — געקוקט פון דער דיסטאנץ, פון וועלכער מען דארף אויף איר קוקען, וואלט ער זיך געוואונדערט אויף דאס, וואס מיר ה א ב ע ן, ניט אויף דאס, וואס אונז „פעלט".

ער האט אנטקעגענגעשטעלט דער אידישער ליטעראטור, דער א י ד י ש - ליטעראטור, — דאס אידיש פאלק! דאס א י י ב י ג פאלק! פארשטייט זיך, אז די אידיש-ליטעראטור, אט די יתומה, וואס אקארשט האט מען זי, פון רחמנות וועגען, איין א אידישער שטוב אריינגענומען און אביסעל ארומגעוואשען, — פארשטייט זיך, אז די אידיש-ליטעראטור איז פון אזא אנטקעגענשטעלען ארויס א פ א ר ש ע מ ט ע! „איין אלט פאלק, א גלאנץ-שטראלענדע פארגאנגענהייט, א בלוטיגער, לאנגער מארטירער-וועג צו א פראפעטיש גע׳חלום׳טער צוקונפט"... פאוואס שפיגעלט די אידישע ליטעראטור איין זיך ניט אפ אט די שטראלענדיגע פארגאנגענהייט, אט די גע׳חלום׳טע צוקונפט? איך וויל ניט אנרופען די ווערק, וואו די פארגאנגענהייט און די צוקונפט שפיגלען זיך אפשר אפ; ניט וועגען איינציגע ווערק רעדט זיך דא, נאר וועגען דער ליטעראטור אינגאנצען. די אידיש-ליטעראטור אינגאנצען גענומען, ראנגעלט זיך דאך אבער ערשט פאר איר ארט אין דער אידישער געשיכטע, אין דעם אידישען לעבען; זי האט נאך דעם ארט ניט איינגענומען. דאס פאלק האט עס יעדענפאלס נאך ניט קאנקציאנירט. מען שרייט: יע! פאראן אבער נאך אויך נייז־

זאגער. אזוינע פראגען מוזען באשלאסען ווערען איינשטימיג; דער איינשטימיגער באשלוס איז נאך ניטא. ע ר  ו ו ע ט  ק ו מ ע ן — יעדער טראט, וואס די אידישע ליטעראטור מאכט אין דער טיף און אין דער ברייט פון לעבען, איז א טראט צום דאזיגען באשלוס, צום דאזיגען נאציאנאלען „חנוכת־הבית“ — ווען די אידיש־ליטעראטור וועט זיך איינפלעכטען אין דער „גאלדענע קייט“. דערווייל איז זי א  ר י נ ג,  וואס ליגט אן א זייט פון דער גרויסער, בלוט־געהייליגטער און צוקונפטס־געחלום׳טער, קייט, וואס ליגט און ווארט ביז די צייט וועט קומען און ס׳וועט ווערען א טייל פון גאנצען. קיינער ווייס ניט, ווען די צייט וועט קומען. „מיט דער צייט“. און אפשר וועט פלוצלונג, ווי די זון אין אנהויב פריילינג, זיך א ליכט באווייזען, א גאון, וואס ווייסט ניט פון פאמעלעד, — פון טריט ביי טריט גיין, וואס היפט איבער דורות און שטרעקעס און קערט איבער מיט איין מאל, מיט איין מאך פון זיינע פליגלען, עטליכע בלעטער אין דער געשיכטע... אפשר וועט  ע ר  קומען באלד... און אפשר שפעטער... מען קאן  א י ם  ניט פארויסזען, אויך ניט אויפהאדעווען. א וואונדער, א נס טרעפט, ווען  ע ר  קומט. זייער זעלטען טרעפט עס. דארף מען זיך ניט פארלאזען אויף נסים, נאר גיין בהדרגה, בדרך הטבע, מיט א רואיגען און א גלויביגען הארצען... און ווארטען, ווארטען, ביז  ע ר  וועט קומען; ווארטען — און בעטען גאט פאר  א י ם  און גרייט זיי  א י ם  באגעגענען — מיט א ריינעם הארצען און א ריינעם גלויבען. מיט קולות, מיט בייזערען זיך, מיט „קריטיק“ וועט מען  א י ם  ניט ארויסברענגען.

און אויב  ע ר  איז שוין דא, מער ניט ער ווייס דעם „וועג“ ניט, וועט  ע ר  אים אליין געפינען. דעם קינסטלער קאן מען אמאל  א פ ה א ל ט ע ן  צו זאגען, וואס ער דארף ניט; וואס ער דארף, וועט ער אליין זאגען. די שעדליכסטע זאך אין דער קונסט איז — אפוטרופסות גייסטיגער דעספאטיזם... און „שלאג דעם שטיין, וועט ער געבען וואסער!“ אבער דער קינסטלער איז קיין „שטיין“ ניט, און אויב איר וועט פון אים עפעס „אויסשלאגען“, וועט עס זיין... וואסער; זיין  ב ל ו ט  גיט ער אונז „מיט גוטען“...

## ג.

דאָך ווען עמיצער זאָל קומען, ווי משה, מיט'ן שטעקען, און באַפֿוילען: „עפֿען דיין קוואַל!" ווען עמיצער זאָל אונז ברענגען צו זיין בארג סיני און, מאַכענדיג „הר כגגית", זאָל ער זאָגען: „אַט איז די תורה, נעמט זי!" — וואָלט עס געווען ניט קיין נויטיגע, אַבער אַ שיינע, אַ וואונדערליכע זאַך. די תורה וואָלטען מיר ניט גענומען (אַ תורה גיט מען זיך אַליין, מען נעמט זי ניט); אַבער כורעים וואָלטען מיר געפאַלען פאַר דעם מענשען, וואָס האָט אַ תורה און איז אַזוי שטאָלץ ביי זיך, אַז ער וויל ז י י ן תורה מאַכען פאַר אַ ל ע מ ע נ ס.

די תורה, מיט וועלכער י. ל. פּרץ איז געקומען צו אונז דאָס מאָל, איז, צום באַדויערען, געשריבען אויף אַן אָפּגעריבענעם פּאַרמעט, די אותיות זיינען מטושטש, קוים וואָס מען באַמערקט זיי... טראַדיציע איז ווידער אַמאָל טראַדיציע... מען האָט שוין ניט איין מאָל גערעדט און געשריבען וועגען דעם... אַבער וואָסער „טראַדיציע?" משה רבינו'ס? ישעיה הנביא'ס? ר' יוחנן בן זכאי'ס? דעם ווילנער גאון'ס? דעם בעש"ט'ס? אָדער אחד־העם'ס?

„צוריק צו דער ביבעל!" רופט פּרץ. נאָר „צוריק צו דער ביבעל הייסט ניט: בלייבען שטיין ביי דער ביבעל"... היינט וואו זאָל מען שטיין בלייבען? ערגעץ „ניט שטיין געבליבען", „ניט סטאַטיש, נאָר דינאַמיש". אַבער די „דינאַמיק", די „באַוועגונג", וואָס האָט געשאַפֿען איין מאָל „שולמית", האָט אַן אַנדערש מאָל געגעבען אונז „פּישקע דעם קרומען". היינט פאַרוואָס איז „פּישקע", וואָס איז אַ טייל פון דער „באַוועגונג", אויך ניט אַ טייל פון דער „טראַדיציע?" רות איז מער אַן אייביג ווערק, ווי „דאָס שטעטעל". פאַרוואָס אַבער איז אין רות מער „אידישע" נשמה, ווי אין „שטעטעל"? וואו איז דאָס קריטעריום? ווייבאַלד די „אידישע נשמה" איז אַ זאַך, וואָס „באַוועגט זיך" און „אַנטוויקעלט זיך", היינט וואו איז דער פעסטער פּונקט, פון וועלכען די אידישע קונסט־פּראָבלעם דאַרף באַטראַכט ווערען? „די עטיש־פילאָזאָפישע באַלייכטונג!" אַבער די „עטיש־פילאָזאָפישע באַלייכטונג" איז

היינט אזוי און מארגען — אנדערש, ביי איינעם אזא, ביי דעם אנדערען — אן אנדערע... „קונסט איז סוביעקטיוויטעט"; אבער ניט נאר נאציאנאלע, נאר אויך — און פריער ווי אלץ — „אינדי־ווידועלע" סוביעקטיוויטעט. יעדע איינציגע פערזענליכקייט טראגט אין זיך די נאציאנאלע פערזענליכקייט, זי שאפט אבער, אויב זי האט אין זיך א שאפענדיגע קראפט, א סינטעז צווישען זיך און דער נאציאנאלער נשמה. נאציאנאלע פערזענליכקייט, ניט דורכגעלויכטען און ניט דורכגעלייטערט דורך א וועלכע עס איז איינציגע פערזענליכקייט — איז אן אבסטראקציע. און אויב עס לאזט זיך רעדען וועגען „עצם ענין" פון אידישקייט, איז עס, יעדענפאלס, א זאך, וואס איז אונטער אונזער באוואוסטזיין, א זאך, וואס מיר האבען פאר איר קיין ווערטער ניט, וואס יעדער דור און יעדער איינציגער מענש אינדיווידואליזירט זי, לעבט זי איבער אויף זיין אייגענעם אופן, לעבט זי איבער אן וויסען און אן חשבון... קאן מען דען מאכען אזא זאך פאר א קריטעריום אין דער קונסט? אז פאר דעם אליין האבען מיר קיין קריטעריום ניט!

„צוריק צו דער ביבעל!" צום ס ט י ל פון „ביבעל"? דאס זאגט ניט פרץ. צום גייסט פון דער „ביבעל"! אבער פון וועלכער? פון דער, וואס אידען האבען אויפ'ן בארג סיני גענומען אדער פון דער, וואס מיר האבען אין חדר געלערנט — „חומש מיט רש"י"? אין וועלכער „שולמית" זיצט די „אידישע" נשמה — אין דער, וואס איז געווען „די שענסטע פון אלע פרויען", אדער אין דער, וואס איז ניט מער ווי א משל אויף דער כנסת־ישראל?

## ד.

נייז, איידער קומען צו דער אידישער ליטעראטור מיט אזוינע אומבאשטימטע פאדערונגען, איז שוין גלייכער לאזען איר גיין איר וועג. דער עיקר איז, זי זאל ג י י ן, זי זאל זיין ניט קיין „שטייענדיג וואסער", נאר א קוואל, וואס פון אונטער דער ערד מוז ער זיך א וועג דורכשלאגען, א וועג דורך זאמד און שטיינער...

און ער שלאָגט זיך דורך, אַט דער קוואַל. און ס'איז טאַקע גאָר ניט בדרך הטבע... אומשטיינס געזאָגט, וואָס פאַר אַ כחות די אידישע ליטעראַטור האָט פאַרמאָגט נאָך דאָ גאָר ניט לאַנג? אַ ליטעראַטור מוז דאָך פריער ווי אַלץ האָבן מ אַ ר אַ ל י ש ע כחות: צוטרוי צו זיך, גלויבן אין דער צוקונפט, אַ וואָרצעל און אַן אָנהאַלט אין דער פאַרגאַנגענהייט... האָט עס די אידישע ליטעראַטור געהאַט? איך רעד שוין ניט וועגן צוטרוי, גלויבן, ליבע, — האָט די אידישע ליטעראַטור געהאַט כאָטש אַ כ ט ו נ ג צו זיך אַליין? האָט זי דען ניט געפילט, אַז נור פון רחמנות וועגן לאָזט מען זי „זשיוועו" אויף דער וועלט? פון דער ווייבערשער שול האָט זי זיך אויפ'ן שול־הויף אַראָפּגעלאָזט, פון דאָרט — איז מאַרק אַריין, צו מאַרק־מענשען. און אַז עס האָבן זיך געטראָפען פרומע לייט, גוטהערציגע, האָבען זיי ניט גענומען זי צו זיך, ווי אַ מוטער, ווי אַ שוועסטער, נאָר, ווי אַן עלענדע יתומה, האָבען איר אַלטע, אָפּגעניצטע, צעריסענע קליידער געגעבען (געשענקט)! און מיט די פון זייער טיש אַראָפּגעפאַלענע ברעקלאַך גענערט... אין אַזאַ מצב האָט זי מענדעלע דערזען — און דאָך האָט זי אים פאַרכישופ'ט! עפּעס אַ באַהאַלטענער חן איז איר געלעגען און פון אונטער די לאַטעס און שמאַטעס שטיל אַרויסגעקוקט... מענדעלע האָט עס דערזען, און ס'איז דורך אים אַנטפּלעקט געוואָרען פאַר דער וועלט...

— נאָר אפילו איצט, ווען ס'איז שוין אַנטפּלעקט געוואָרען, וואָס פאַר אַ מאָראַלישע כחות האָט אין זיך איצט די אידישע ליטעראַטור? אויף וואָס און אויף וועמען שטיצט זי זיך? אויף אַן עם־הארצ'ישער, אָרימער און דערשלאָגענער, מאַסע, אויף אַ מאַסע, וואָס ניט נאָר צו מאָדערנער קונסט, אפילו צום „ביט" (צו מיליע־שילדערונג) אין „שטיוועל מיט קאַלאָשען" איז זי ניט דערוואַקסען! אויף אַ הייפעל עקסטערנעס, אויף אַ הייפעל צערודערטע און צעטומעלטע, האַלב־הונגעריגע, האַלב־אינטעליגענטען! אויף „אַלטע" (צווישען די „יונגע" זיינען אויך פאַראַן אַלטע), וואָס שרייבען מיט דעם גיפט פון פאַרצווייפלונג און מיט אַ שרעק פאַר'ן מאָרגען, וואָס זיינען

קיינמאל ניט זיכער אין זיך און זיינען אויף אלעמען בייז און מ׳זעט אויף זייערע ליפען ניט קיין געטריי־גלויביגען שמייכעל, און אויף „יונגע", וואס אויב זיי ווערען ניט אלט, אויב זיי האבען נאך דעם מוט צו גלויבען אין זיך, באגעגענט מען זיי מיט שפאט און מען שפייט אויף זייערע צארטע, נאר־וואס אויסגעשפראצטע, פליגלען, ווייל... זיי זיינען ניט קיין אדלערס! אט דאס איז די מאראלישע אטמאספערע, וואס ארום דער אידישער ליטעראטור! און דאך... און דאך זעט, סאר א שטרעקע זי האט דורכגעמאכט! פון אמ״ד׳ס מעשה׳לאך — ביז צו פרצ׳ס „געשיכטען"! „מכירם־יוסף" — און די „גאלדענע קייט!" אדער — די דאזיגע עקען האלטען מיר נאךביידע אין די הענט — זייפערט און... בערגעלסאן! אליקום צונזער — און דוד איינהארן!*) „ווי שוואמען נאך א רעגען", ווייזען זיך יונגע, נייע טאלאנטען... ווער האט דעם רעגען געזען? ווער האט דאס פוסט און וויסט פעלד אונזערס באוואסערט? צי איז פאר־טאג, ווען מיר האבען נאך געדרימעלט, א טוי פון הימעל אראפגע־נידערט?

במעט אלע אידיש־שרייבער זיינען געקומען און קומען צו אונז פון „פאלק", — ניט פון „וועלט־פאלק", נאר פון יענער מאטעריעל און גייסטיג־ארימער פאלקס־מאסע, וואס ניט נאר די אייראפייאי־שע, אויך די אידישע קולטור, די אידישע טראדיציע, איז איר אין משך פון צענדליגער און הונדערטער יארען געווען פרעמד, פון יע־נער מאסע, וואס אמסטערדאם, פאלעסטינע, ארגענטינע, ראטשילד פון פאריז, לוצאטי פון רוים, און די אלע אנדערע וועלט־זאכען, וואס פרץ דערמאנט, און איר היים איז „דאס וואלינער, ליטווער און פוילישע קליינשטעטל". אין דאזיגען קליינשטעטל — ניט אין דער גרויסער „וועלט" — זיינען די אידיש־שרייבער אויסגעוואק־סען — און דאך האבען זיי עס איבערגעוואקסען! יע, איבערגע־וואקסען! אפילו דאס, וואס פרץ רעכענט אוים אין זיין ארטיקעל, „וואס פעלט דער אידישער ליטעראטור?" איז מער פון „וואלינער, ליטווער און פוילישען קליינשטעטל". און ניט אלץ רעכענט ער

---

*) געשריבען אין יאר 1910.

אוים. ער רעכענט ז י ך ניט: דאָס איז שוין אַליין אַ היבשע ציפער. און די ציפער וואָס ער ברענגט, זיינען ביי אים אויך קלענער, ווי זיי זיינען... „דער קיעווער שלום־עליכם (האָט געגעבען) דעם קאָמי־וואָיאַזשער, דעם נאַאיוו־נאַריש־איבערקלוגען פּרנסה־זוכעדיגען איבערזידלער פון דער קליינער אין דער גרעסע־רער שטאָט אַריין, און אַנטפּלעקט טביה דעם מיליכיגער'ס טראַגי־קאָמעדיע". דאָס הייסט, שטעלען די ציפער ניט איינע ל ע ב ע ן, נאָר איינע א ו נ ט ע ר דער אַנדערער: ניט 111 — הונדערט עלף, נאָר 1+1+1=דריי. ס'איז אַ פאַלשער חשבון. הינטער שלום־עליכמ'ס געשטאַלטען, וועלכע זיינען, אגב, מער ווי די ד ר י י מינים, וואָס ווערען דערמאָנט ביי פּרצ'ן, — הינטער שלום־עליכמ'ס געשטאַלטען שטייט שלום־עליכם אַליין. דאָס איז אַ גאַנצע וועלט — געזען מיט די א י י ג ע נ ע אויגען, דורך דער אייגענער נשמה. נעמען אַ שרייבער און צעטיילען אים צווי־שען זיינע העלדען — הייסט טאָן דאָס, וואָס די פאַלשע מוטער האָט מיט'ן פרעמדען קינד געוואָלט טאָן...

אויך מענדעלען איז איינג אין די דריי שורות, אין וועלכע פּרץ האָט אים אַריינגעשפּאַרט. מענדעלע איז נאָך עד היום דער איינציגער, וואָס ביי אים איז ניטאָ (ווען מען זאָל ניט רעכענען די ערשטע צופעליגע זאַכען זיינע) ק י י ן א י י ן פ ר ע מ ד ע ש ו ר ה. ער איז דורכוים — ע ר. „די ניט דיפערענצירטע מאַ־סע"! — אָבער דאָס הייסט: גענומען אַ הויפען ערד, אין פורם עם אַריינגעטאָן, — און ס'איז אַרויס אַ מענש מיט אַ גוף און אַ נשמה! צ ע נ ו י פ ג ע ש א ר ט זעמדעלאַך — און געמאַכט דערפון עפּעס גאַנצעס, פעסטעס, אָרגאַנישעס! דאָס זיינען ניט „אידען און אידענעס", דאָס איז אַ דור, אַן עפּאָכע, אפשר אַ פאָלק... דאָס ק ל א ס י ש ע, דאָס אייביגע אין מענדעלען וועט מען ערשט שפּעטער דערפילען ביז'ן סוף, ווען מען וועט זיך מער אָפּ־רוקען פון אים און ניט קוקען אַזוי אויף זיין הילוך...

און די ש פּ ע ט ע ר ד י ג ע, די, וואָס פּרץ רעכענט זיי אַלעמען צו (איך ווייס ניט פאַרוואָס) צו דער „רעוואָלוציע פון

וואוילערנער אין בית־מדרש" — איז עס טאקע ניט מער, ווי „מאמענט־אויפנאמס־ליטעראטור"?

און איז עס טאקע אזוי ווייניג פאר איין דור? ווארים, איך חזר איבער, די אידיש־ליטעראטור, איז איהר אויצטיגער געשטאלט, איז אין משך פון איין דור באשאפען געווארען. ס'איז אפשר ניט קיין געניאלער דור, ער האט ניט געבויט קיין כשוף־שלעסער (און — ווער וויים — אפשר מארגען וועלען זיי אויפגעבויט ווערען?). ער האט אבער א שטיין צו א שטיין גע־טראגען, א ציגעל צו א ציגעל — און א פונדאמענט פאר'ן בנין געמאכט. מארגען אדער איבער־מארגען, אז דער גאון (אויף פרצ'ם לשון: „דער פראפעט") וועט קומען, וועט ער ניט דארפען אנהויבען פון אנהויב, ער וועט אויפשטעלען גלייך די ווענט — און, אינאיינעם מיט זיינעם, וועלען דאן אויך אנדערע, פריערדיגע, קלענערע, נעמען אויף זיי אויסגעקריצט ווערען...

„איין אלט, דאס עלטסטע פאלק, און א יונגע, די יונגסטע ליטעראטור" — דאס איז שיין געזאגט! דאס איז אבער ניט קיין „טראגי־קאמעדיע", ווי פרץ מיינט, דאס איז א לעבענספולע דראמע, — א דראמע, וואס ניט איין מאל האט זי זיך שוין אפגעשפילט, און ניט איין מאל נאך וועט זי זיך אפשפילען אין דער געשיכטע פון פעלקער און קולטורען! שוין ניט איין מאל זיי־נען „גרייז־גראע לייט" צו „קינדער" אין חדר אריין געגאנגען. און אויב זיי האבען פון די „קינדער", פון די „יונגע" געהאט זיך וואס אפצולערנען, האבען זיי זייער גיך איבערגעיאגט די יונגע. מיט דעם יונגען בלוט האבען זיי אפגעפרישט און אויפגע־וועקט אין זיך דאס אלטע, דאס טיפ־פארצעלדיגע, — און ניט געהאט זיך וואס צו שעמען גיין צו די יונגע.

און אויך מיר האבען זיך ניט וואס צו שעמען דערמיט. בפרט, אז בנוגע צו עסטעטישער (ניט עטישער) ליטעראטור זיינען מיר גאר ניט אזוי „אלט", כ'מיין, גאר ניט אזוי געניט. טאמער האבען מיר אמאל געשאפען עפעס גרויסעס און אייביגעס אין דעם פרט, האבען מיר דערנאך אזא לאנגע צייט געלעבט מיט זכות אבות „על

חשבון הירושה", אז איצט, ווען דאס אידישע פאלק וויל אראפ פון „קעסט" ביי דער היסטאריע און אליין נעמען שאפען אן עסטעטיש־קולטורעלע געגענוואַרט און צוקונפט, — איצט וועט ניט שאדען, אז מיר וועלען גיין לערנען זיך דוקא צו די „יונגע", צו דער „יונגער" (איך רעכען, אז י. ל. פרץ וואלט ניט זאגען: „צעפוילטער") אייראפע, וועלכע האט אין ד ע ם פרט מער געניטשאפט און אפשר אויך אן עלטערע טראדיציע, ווי מיר.

די אידיש־ליטעראטור שאפט (דערהוייל) ניט דאס גאנצע א י ד י ש ע פאלק, נאר דאס „א י ד י ש־פאלק, ד. ה. א ט י י ל פון אידישען פאלק, א טייל, וואס ערשט איצט הויבט ער אן צו לעבען א ו ו ע ל ט י ש קולטור־ און ליטעראטור־לעבען, און אויב די (פיזישע און גייסטיגע) צעזייטקייט און צעשפרייטקייט, אויב דאס האנדלען און וואנדלען, די קרעמעריי און די פארמיטלעריי און די קריכעריי האבען נאך ניט פאר'סמ'ט אין אים דאס אלט, הייליג בלוט, און דער אלטער, הייליגער וויין האט נאך ניט אויסגעוועפט זיך איינגאנצען, וועט עס אויך דאס ניי בלוט, דעם נייעם וויין מאכען קרעפטיגער און וואוילשמעקעדיגער...

ניין, ס'איז ניט קיין „פארם", ס'איז א קולטור־היסטארישע דראמע... דער פארהאנג הויבט זיך ערשט אויף...

(1910)

## IV פריער און איצט.

...ווי דעם מענשענס פערזענליכקייט, אזוי קאן אויך די ליטעראטור, איר איידעלסטע און אינטימסטע שאפונג, זיך פריי און ברייט אנטוויקלען נאר ווי א ציל פאר זיך אליין. דאס איז זייער אן אלטער כלל. און אויך די אידישע ליטעראטור איז ניט קיין יוצא מן הכלל. אויך זי, די עלטסטע און יונגסטע צווישען די ליטעראטורען, האט געמוזט ווערען א זעלבסט־צוועק, ערשט דאן האט זי זיך געקאנט שטעלען אויף די אייגענע פיס, מיט ברייט און שטאלץ צעשפרייטע פליגלען. אויך זי האט געקאנט א ו י פ ל ע ב ע ן ערשט דאן, ווען זי האט גענומען ל ע ב ע ן, — אויף איר אייגענעם חשבון, פון אירע אייגענע קוואלען, פון זיך און פאר זיך... עס זיינען געווען אבער צייטען — און דאס איז געווען נאך דא גאר ניט לאנג, — ווען די עקזיסטענץ־בארעכטיגונג פון דער אידישער ליטעראטור האט מען געזוכט — און געפונען — ניט א י ן איר, נאר א ו י ס ע ר איר, ווען זי איז, מיט אנדערע ווערטער, געווען א מיטעל, ניט קיין ציל, — א מיטעל אפטמאל קעגען זיך אליין: דערמאנט זיך אן דער תקופה פון דער „הימעלשער טאכטער“, דער השכלה, אז יענע, וואס האבען געשריבען העברייאיש, כדי צו דערוויזען, ווי ניצליך עס איז צו לערנען... דייטש און רוסיש, אדער אז יענע, וואס האבען באנוצט א י ד י ש, מיט דעם ציל צו צייגען, ווי א ו מ נ י צ ל י ך עס איז... אט דאס אידיש.

דאס איז געווען דער פאר־היסטארישער פעריאד פון דער נייער אידישער ליטעראטור. דאס איז געווען א דור, וואס, ווי

אנדרזשעי אין „משיח'ס צייטען" איז ער געשטאנען „אויפ'ן שייד־וועג". וואנדערענדיג און וואגלענדיג פון דעם חשך־מצרים, וואס איז געווען אין די „אהלי־שם" פון געטא צום „געבענשטען לאנד" פון דער „יפיפותו של יפת", — האט ער דערווייל ארומגעבלאנדזשעט אין דעם וויסטען מדבר פון דער טרוקענער אפיקורס'ישער השכלה. ווי אן איבערגאנגס־דור האט ער ווייניג פארלאנגט און נאך ווייניגער פארמאגט; נאר וואס ער האט פארלאנגט, האט ער ניט געהאט, און וואס ער האט געהאט, האט ער ניט געוואלט האבען: ער האט געהאט צוויי שפראכען, איינע מיט א פארגאנגענהייט, די אנדערע מיט א געגענווארט, נאר ביידע, ווי עס האט זיך אים געדאכט, אן א צוקונפט.

צווישען די שפראכען איז געשטאנען אין אנהויב א מחיצה:— איין שפראך איז געווען א הייליגע, א צירונג, („היכל העבריה". „השפה היפה, השרידה, היחידה"...), האט געדינט צום שרייבען. די אנדערע איז געווען א וואכעדיגע, אן אנשיקעניש און א פארזעעניש („דער שמוציגער זשארגאן", „די שפראך פון די דינסט־מוידען"...) — נאר צום רעדען... שפעטער האט מען אראפגענומען די האנט פון הארצען — און די ראמאנטישע „גבירה", וועלכע איז צופיל געווען אויסגעטאן פון דער וועלט און צופיל פארטאן אין דער אייגענער פארגאנגענהייט, — האט געקראגען די פראקטישע „שפחה", וואס האט געדארפט נעמען אויף זיך די שווערע און ניט אנגענעמע התחייבות אריינצוזויגען אין זיך דעם רויך און טשאד פון קאך־שטוב, די פראזע און וואכעדיגקייט פון דער געגענווארט; פארענטפערענדיג זיך און שעמעוודיגערהייט — האט מען גענומען שרייבען „זשארגאן"... אבער ניט נאר אויף אידיש, אויך אויף העברייאיש האט מען געקוקט ווי אויף אן איבערגאנגס־שטאפעל. העברעאיש האט מען געשריבען נאר פון מצוה וועגען — וואס טוט מען ניט לטובת הכלל? — און אלץ מיט זייטיגע כונות, — צוליב זייטיגע צילען... אי די העברעאישע, אי די אידישע ליטעראטור, אויף וויפיל זי האט עקזיסטירט, האט געהאט דעם ציל צו ק ר י ט י־ק י ר ע ן אדער ק א נ ס ע ר ו ו י ר ע ן, אבער ניט צו ש א פ ע ן. אי דער העברעאישער, אי דער אידישער שרייבער

פלעגט צאָלען די ח ו ב ו ת פון זיין משכיל'ישען, נאַציאָנאַלען און געזעלשאַפטליכען געוויסען, אָבער ניט פאַרווירקליכען זיין ר ע כ ט אויף שאַפען. אין דעם „טעמפעל" פון דער אידישער ליטעראַטור זיינען די אידישע שרייבער געווען די ק ר ב נ ו ת, ניט די כ ה נ י ם . . .

אַט דער גרויער ווייניג־פּרוכפּערדיגער פעריאָד אין דער אידישער ליטעראַטור־געשיכטע האָט דורכגעמאַכט צוויי אַנטוויקלונגס פאַזען: אין דער ערשטער האָבען געהערשט די משכילים, און אין דער צווייטער — נאַציאָנאַליסטישע בעלי־תשובה'ניקעס.

דער פלאַכער, טרוקענער, „מתנגד'ישער" ניהיליזם פון ליליענבלום'ס „חטאות נעורים", איז פונקט אַזוי ווי דער קליינליכער, נאַאיווער, בטלנ'ישער „רעוואָלוציאָניזם" פון ברוידעס'עס „הדת והחיים" ניט פייאיג געווען צו פאַרשטיין און צו פילען די זעלבסטשטענדיגע, ריין־שעפערישע באַדייטונג פון דער אידישער ליטעראַטור. אויף אונזערע שרייבער האָט דאַן געהאַט אַ געוויסע ווירקונג דער „ניהיליסטישער" רעאַליזם, די „באַזאַראָוושצינאַ", וואָס האָט אין די זעכציגער יאָרען פון פאָריגען יאָרהונדערט אויפגעבליט אין דער רוסישער פובליציסטישער קריטיק; נאָר די אידישע „באַזאַראָוו'ס", די אידישע „פיסאַרעווס" זיינען ניט געווען קיין אַנטי־עסטעטיקער. — ביי אונז זיינען ניט געווען קיין „עסטעטיקער", קיין פושקינס און קיין ביעלינסקיס, און ס'איז ניט געווען ק ע ג ע ן וועמען צו קעמפען; אונזערע פיסאַרעווס זיינען, פשוט, געווען נ י ט קיין עסטעטיקער. און נאָך אַ אונטערשייד איז געווען צווישען דעם אידישען „ניהיליזם" און דעם רוסישען. די רוסישע „ניהיליסטען" האָבען אין דער רוסישער ליטעראַטור געגלויבט, האָבען זי געליבט און געשעצט; אויב זיי האָבען געקוקט אויף איר ווי אויף אַ נ ו צ ל י כ ע ן ג ע ו ו ע ר און ניט ווי אויף אַ זעלבסט־צוועק, איז עס נאָר דערפאַר, ווייל אַט דער אוטיליטאַריסטישער שטאַנדפונקט האָט געשטימט מיט זייער אַלגעמיינער עסטעטישער אָדער, ריכטיגער, אַנטי־עסטעטישער טעאָריע. דער אידיש־משכילישער „ניהיליזם" האָט געקראָגען גאָר אַ באַזונדער ביינגעשמאַק דורך דער ס פ ע צ י פ י ש ע ר באַציאונג פון

די משכילים צו דער *אידישער* ליטעראטור, ווי צו א צייט־ווייליגער פראפאגאנדע־ליטעראטור, ווי צו א ליטעראטור, וואס האט ניט און דארף ניט האבען קיין צוקונפט, ווי צו א ליטעראטור, וואס קיינער גלויבט ניט אין איר און קיינער ליבט זי ניט...

שטארק האט זיך די לאגע ניט געביטען אויך שפעטער, אין די אכציגער יארען, ווען נאך דער „קריטישער" עפאכע איז אין דער אידעאלאגישער אידישער וועלט אנגעשטאנען דער פעריאד פון „ארגאנישער" נאציאנאלער ארבייט, פון „קליינע מעשים" און נאך קלענערע אידעען, דער פעריאד פון פשרות און חרטה, צעקראכענקייט און סענטימענטאליזם, אנטוישונג און ראמאנטיק, נאציאנאליסטישע קרעכצען און אסימילאטארישען „על־חטא", — דער פעריאד פון „יהדות־נאציאנאליזם", ישוב ארץ־ישראל, שפה ברורה און אלע אנדערע „היסטארישע" און ניט היסטארישע אפגעטער. אויך אין דעם פעריאד האבען די אינעווייניגסטע שאפונגס־קרעפטען פון דער אידישער ליטעראטור נאך ניט ארויסגעווארפען פון זיך דעם הויקער פון פארשידענע זייטיגע רייז־אגיטאטארישע כונות. אויך דאן איז די אידישע ליטעראטור נאך באטראכט געווארען — אין בעסטען פאל — ווי א *פאקטאר* פון נאציאנאלער *אויפלעבונג*, ניט ווי א *פאקט* פון נאציאנאלען *לעבען*. מיט דעם נאציאנאלען *קולט*, ניט מיט דער נאציאנאלער *קולטור* איז פארבונדען געווען די אידישע ליטעראטור. העברעאיש, וואס מ'האט געשריבען אמאל צוליב השכלה און „מענשליכקייט", האט מען איצט גענומען שרייבען לשם אידישקייט און נאציאנאליזירונג, פונקט ווי אידיש האט מען געברויכט צוליב דעמאקראטיזם אדער דעמאקראטיזירונג... עס האט זיך געביטען דאס „ציל" פון דער ליטעראטור, זי אליין איז קיין ציל ניט געווארען. עס פארשטייט זיך, אז דער אידישער דיכטער, אויב נאר ער איז באמת געווען א דיכטער, האט אויך אין יענער צייט *געפילט*, *געמוזט* פילען דעם פראצעס פון שאפען ווי אן *אינעווייניגסטען*, *אינטימען* פראצעס. דער קינסטלער איז שטענדיג קינסטלער און נאר א קינסטלער. ווען עס צינדט זיך אן אין אים דער רוח־הקודש, ווען עס כאפט אים ארום, ווי א

פייערדיגער רייף, דער פיבער פון שאפען, — איז די קונסט פאר אים ניט קיין מיטעל און ניט קיין ציל, נאר עפעס א אינעווייניגס־טער פאקט, א פלאם, וואס לייכט ארויס פון די פארבארגענסטע נשמה־טיפענישען... און אויך פאר דעם אידישען שרייבער איז דאס שאפען געווען פריער ווי אלץ אן אינעווייניגסט גליק, — אלזא, א ציל פאר זיך אליין. נאר אט דאס נאטירליך אוממיטעלבאר גע־פיל פון דעם דעמאלטיגען אידישען שרייבער איז געשטערט געווא־רען דורך זיין פראקטישען, נאך נ ו צ ע ן זיך יאגענדיגען, ש כ ל, דורך דעם „שכל", וואס האט זיך אויפגעהאדעוועט אין דער אנטי־עסטעטישער משכיליש־ראציאנאליסטישער אדער בטלניש־אונטערראויוועדיגער געטא־לופט. אין דער פערזענליכ־קייט פון דעם אידישען שרייבער איז געווען א ריס, א שפאלט, — און אט דאס איז אויך געווען איינע פון די סבות, וואס האבען געשטערט דער פרייער ארגאנישער אנטוויקלונג פון דער אידישער ליטעראטור.

אין דער נייער צייט הויבט אט דער ריס זיך אן צו היילען.. פריער איז די טאן־געבערין אין דער אידישער ליטעראטור געווען די אינטעליגענץ; זי האט זיך געפילט אין דער אידישער ליטערא־טור ווי אין אן אכסניה, וואס דינט נאר אויף איבערצונעכטיגען, ניט ווי אין דער היים; זי האט ניט געקאנט געבען דעם אידישען שרייבער דעם מוט צו בויען אויפ׳ן „בלינדען", אבער שטארקען און זיכערען קונסט־געפיל, ניט אויף די „קלוגע" משכילישע אדער נאציאנאליסטישע פלענער... איצט זיינען אויף דער סצענע ארויס צום נאציאנאלען קולטור־לעבען און קולטור־שאפען די אויפגע־וואכטע פאלקס־מאסען. פאר זיי איז די קולטור־אסימילאציע דער פונקט פון גרעסטען ווידערשטאנד, זיי איז שווער און כמעט אומ־מעגליך ארויסצושפרינגען פון די נאציאנאל־היסטארישע קולטור־פארמען, און וועלכע עס גיסט זיך אוים זייער לעבען און קאמף. פאר זיי איז די נאציאנאלע ליטעראטור ניט אן „עטאפ" אויפ׳ן וועג, ניט א קאלטע אכסניה, נאר א היים, וואוהין עס ציט דאס הארץ. זיי פארהיילען דעם ריס אין דעם שרייבערס נשמה, זיי גיבען אונז מוט און גלויבען...

א דאַנק דער אויפוואכונג פון די פאָלקסמאַסעז, ווערט די אי־דישע גאַס בכלל ליטישער, אייראָפּייאישער, לעבענס־דורשטיגער און, ממילא, עסטעטישער... עס וואַקסען אוים נייע קולטור־באַדער־פעניש. „דער אייז צוגייט", דער דורשט צו לעבען צינדט זיך אַן און שטילערהייט און אומבאַמערקטערהייט בליט אויף ביי יעדערע: אין הארצען א רופענדיגער, צווייגהאַפטיגער, מיט גאָלדענע פּרוכ־טען באהאנגענער „עץ־החיים", שטומערהייט און שווייגענדיג־זיך וואכט אויף ביי יעדערען אין הארצען און אין דער נשמה דער אלטער לאַנג־לאַנג פארגעסענער אנטציקונגס־רוף: „מה נאה אילן זה! מא נאה ניר זה!" — „ווי שיין דער בוים איז! דאָס פעלד — ווי שיין!" דער אידישער שאפונגס־גייסט דאַרף זיך שוין ניט פאַרענטפערען פאַר זיין „אומנוצליכער" עקזיסטענץ. אוים מיט דעם אלטען, נאַאיווען, נאַאיוו־לייגענדיגען „התנצלות המחבר"! דער אידישער „מחבר" דאַרף שוין מער ניט אַפּריכטען קיין גלות און „וואַגלען און וואַנדערען" אויף דער דאַרער „קליאַטשע", מיט ר' מענדעלעס „טאַרבע" אויפ'ן רוקען, איבער די אידישע בתי־מדרשים, הקדשים, בית־עלמינ'ס און קהל־שטיבער, און זיין אַן עבד־כנעני ביי דער השכלה אָדער ביי דער „נאַציאָנאַלער אידעע": ער איז שוין אליין דער מקור פון ליכטיגקייט, „דער סימבאָל און די פאַרקערפּערונג פון דער „נאַציאָנאַלער אידעע"... און דער גרונט־סימן פון דעם מ אָ ד ע ר נ ע ם, ניט נאָר מ אָ ד ע ר נ י ס־ט י ש ע ן אידישען שרייבער, — דעם אַנזאָגער און צוזאָגער פון דער אידישער קולטור־צוקונפט — איז דאָס, וואָס ער שטעלט זיך שוין ניט מער קיינע זייטיגע, נאַציאָנאַלע אָדער סאָציאַלע צילען, וואָס ער מאַכט שוין ניט מער פון זיין קינסטלערישען פענזעל א מלמד'שען טייטעל, וואס ער מישט זיך שוין ניט מער אין קהל'שע געשעפטען, לעבט זיך אין זיין אייגענער אינעווייניגסטער וועלט, אין דער פרייער „קונסט־רעפּובליק", און שפינט זיך דאַרטען זיינע אייגענע שאפונגס־טרוימען, זיינע אייגענע נשמה־פעדים, און באַ־טראַכט שוין די אידישע ליטעראַטור ניט ווי א רויכערדיגען און מיט אש פאַרשאָטענעם מזבח, וואו ער איז זיך אליין מקריב פאַר א

ק ר ב ן, נאַר ווי אַן אייביג־שטראַלענדיגען טעמפּעל, וואו ער איז אַליין אַ כ ה ן, אַליין אַ גאָט...

דערמיט וויל איך ניט זאָגען, אַז די מאָדערנע אידישע ליטעראַטור האָט ניט, אָדער דאַרף ניט האָבען קיין סאָציאַל־פּעדאַגאָגישע באַדייטונג. ניין! די קונסט באַלייכט מיט אירע שטראַלען די פאַרבאָרגענסטע טיפענישען און פינסטערסטע געהיימנישען פון דער אינדיווידועלער און קאָלעקטיווער נשמה; ממילא וואַרפט זי אַריין אַ פונק, אַ גאָלדענעם פונק פון ליכט און וויסען אין די פאַרפּלאָנטעטע, טונקעלע און ווייטאָגדיגע באַציאונגען צווישען מענש און מענש, פּרט און כלל, גרופּע און גרופּע. ניט שטעלענדיג זיך לכתחילה קיין שום פּראַקטישע אוטיליטאַריסטיש־געזעלשאַפטליכע צילען, איז זי אומבאַוואוסט פאַר זיך אַליין, אַן אָרגאַן פון געזעלשאַפטליכען באַוואוסטזיין, אַ וועג־ווייזענדיגער שטערן פאַר דער סאָציאַלער פּראַקטיק, אַ פייער־זייל, וואָס באַלייכט דעם מדבר פון די געזעלשאַפטליכע סתירות. אָבער אָט דער ממילא׳־דיגער ווערט פון דער קונסט איז אַ רעזולטאַט פון קינסטלערס שאַפען, ניט זיין ציל און ניט זיין אימפּולס. און ניט ער איז איצט שוין אויך דאָס ציל און דער אימפּולס פון דעם אידישען קינסטלער.

און אויך דער אידישער לעזער איז אויסגעוואַקסען פאַר דער לעצטער צייט. דעם אידישען אַרבעטער און אַרבעטער־אינטעליגענט האָט דערעסען די העכסט ניט־אינטערעסאַנטע „קרייזל“־„ליטעראַטור“, דעם בריטען לעזער־פּובליקום האָט אויפגעהערט צו אינטערעסירען די „העכסט־אינטערעסאַנטע“ שול־הויף־ליטעראַטור. און פּונקט ווי די פּראָקלעמאַציעס ווערען איצט אַרויסגעשטופּט דורך צייטונגען און צייט־שריפטען, די פלוג־בלעטער — דורך ביכער, אַזוי ווערען דורך איבערזעצונגען פון אייראָפּייאישע קלאַסיקער און די אָריגינעלע ווערק פון די יונגע אידישע שרייבערס,— פאַריאָגט די שמרס און די בלאָשטיינס...

די אידישע לעזער, ווי אויך די שרייבער די אידישע געהערען דאָס רוב צו פּראָלעטאַרישע און קליינבירגערליכע פאָלקס־שיכטען, צו שיכטען, וואָס האָבען ניט קיין רייכע וועלטליכע קולטור־טראַ־

דיציעס, וואָס זיינען אָרים ניט נאָר מ אַ ט ע ר י ע ל, נאָר אויך קולטורעל. און אויב, ניט געקוקט אויף דעם, איז ביי אונז די לעצ־טע צייט אויסגעוואַקסען אַ באַדייטענדיגער ק ו ל ט ו ר ע ל ע ר לעזער־קרייז, אַזאַ, וועלכער זוכט שוין אין דער שיינער ליטעראַטור ניט נאָר אַ „העכסט־אינטערעסאַנטע" צייט־פאַרברייננונג, נאָר אויך אַ שטילונג פון זיין עסטעטישען דורשט און אַ שליסעל צו די איי־ביגע רעטענישען פון דער מענשליכער נשמה, איז עס אַ סימן, אַז די אידישע ליטעראַטור האָט אויף וואָס צו האָפען, אַז זי וועט זיך דורכשלאָגען אַ וועג, מעג ער זיין ווי שווער און מאַרטירעריש...

(1907)

## V פאָלק און פאָלקלאָר.

מיר זיינען אַן אַלט ליטעראַטור־פאָלק, זייער אַ יונג קונסט־פאָלק. ליטעראַטור איז ערשט די לעצטע צייט פאַר אונז געוואָרען קונסט. ריכטיגער: מיר ווילען, מיר מאַטערען זיך, זי זאָל ווערען קונסט.

פאַרזייט אין דעם פרייפעלד פון אונזער געצענדינערישער קינדהייט, האָט די ליטעראַטור אַרויסגעשפּראָצט, ווען דאָס פעלד פון אונזער לעבען איז שוין געווען פאַרצאַמט מיט איבערקינסטלערישע, איבערמענשליכע („געטליכע") צאַמען. אונזערע קינסטלערישע וואָרצלען האָבען געמוזט דורכזייען זייער זאַפט דורך די רמ"ח מצוות עשה און שס"ה מצוות לא תעשה פון אונזער תורה... זיי האָבען געמוזט זיך דורכ'גנב'ענען דורך די גרענעצען פון „לא תעשה לך פסל". און פאַרשטעלטערהייט האָבען זיי געוואָגט זיך צו ווייזען אויף דער ליכטיגער שיין. ווילען מיר זיי זען, מוזען מיר זיך גראָבען אין די פאַרשאָטענע פאַרהיסטאָרישע טיפענישען, וואו עס איז פאַרזייט געווען דער זוימען און עס זידט נאָך די אורזאַפט פון אונזער ניט דערשטיקטען, כאָטש פאַרשטיקטען, קינסטלערישען רצון. עס דאַרף ווערען וואָך אין אונז די אוראַלטע, די פאַרביבלישע צייט פון אונזער געשיכטע...

אַש'ס „ביבלישע מאָטיוועו" זיינען שיינע ליטעראַטור־זאַכען, ניט מער; אַש'ס „יפתח'ס טאָכטער" איז קונסט, ווייל דאָ האָט ער אַ הויב געטאָן פון עפּעס אַ טיפעניש אַ שטיק געצענדינעריי, אַ שטיק פאַרביבלישע מיטאָ־

לאַגיע... אין דער ביבעל גופא זיינען די טיילען, וואו עס ווערט פאַרהאַסט און פאַר׳מיאוס׳ט די „פרעמד־דינסט“, די בילדליכקייט און די „זינליכקייט“ פון אלהים אחרים — ניט מער ווי געזעץ אָדער כראָניק אָדער — אין בעסטען פאַל — ליריק; ע פּ י ש־קינסטלערישע עלעמענטען טרעפען זיך אין איר, וואו עס אָטעמט נאָך פריש און מעכטיג דער אור־מיטאָס פון פאַר מתן־תורה.

אָבער די דאָזיגע, פאַר־מתן־תורה׳דיגע, פּסוקים זיינען בלויז שטיקלאַך און ברעקלאַך, בלויז רעשטלאַך פון דעם פאַרגעסענעם פאָלקס־עפּאָס... דער גאַנצער תנ״ך איז, פון קונסט־שטאַנדפּונקט, אַ פעלד, וואָס איבער אים זיינען, ווי פאַרביגע פלעקען, פאַרשפּרייט רואינען און וואונדערליכע מצבות פון אַ פאַרשאָטענער און חרוב געוואָרענער מיטאָלאָגישער קונסט־וועלט...

ליריק — נשמה־געשטאַלטונג, אָנשטאָט וועלט־געשטאַלטונג — איז די קונסט־פאָרם, וואָס דער תנ״ך, דער יורש פון דער חרוב־געוואָרענער קונסט־וועלט, האָט זיך, ווי אַן אויסנאָם, פאַרגונען; און אויך זי, די ליריק, איז זעלטען ווען געווען פריי פון דינסט צום איינאָונאיינציגען גאָט אָדער גאָטס פאָלק... פון אונזער אַל־טען, אוראַלטען עפּאָס זיינען אויפגעהיט געוואָרען נאָר קליינע פראַג־מענטען...

איצט ווילען מיר, אַז אין אונזער אייזען־אָרימען בלוט, אין אונזער לירישען בלוט, זאָלען ווערען אַריינגעקאַפּעט טראָפּענס עפּיק. די איד־קונסט זעטיגט ניט מער אונזער אויסגעהונגערטען קונסט־איד. מוזען מיר זוכען אין אונזער איבער־ליטעראַרישען שאַפען דאָס פאַר־ליטעראַרישע, אין דער ביבעל — דאָס פאַר־ביבלישע.

כדי עס צו דערגרייכען, מוזען מיר זיך באַהעפטען מיט׳ן י ו ר ש, ניט נאָר מיט דער י ר ו ש ה פון אונזערע אַלטע תקופות: — מיר מוזען זיך באַהעפטען מיט׳ן פאָלק.

אים, דעם יורש, פעלט שוין אַ סך דערפון, וואָס די ירושה האָט אין זיך; דערפאַר טראָגט ע ר אין זיך קוואַלען און כחות, וואָס אין איר האָבען זיי זיך ניט אַנטפּלעקט אָדער ניט אינגאַנצען

אנטפלעקט: ער טראגט אין זיך פארבארגען די כחות, די אור־כחות פון די אוראלטע צייטן...

זיי האבן זיך תמיד געריסן, אט די פארשטיקטע כחות, צו דער ליכטיגער שיין. נאר זיי פלעגן אלץ צוריק ארייגעטריבן ווערן אינעווייניג, אין דער טיף, כדי ווידער ארויסצושפארען און ווידער פארשפארט צו ווערן, איבערלאזענדיג נאך זיך דעם שוים פון שמאכטענדיגער און ניט באפרידיגטער ליריק... דערמאנט זיך אז אונזערע גרויסע גייסטיגע מלחמות: די נביאים — קענען וואס פירען זיי זייער פלאמיגען שטרייט? קעגען דער געצענדינערייי, ד. ה. קעגען דעם פאלקס־יצר־הרע... דאס איז איין טייל, איין צד פון אונזער גייסטיגער דראמע: אים געדיינקען מיר; מיר דארפען ניט פארגעסען, אבער, אויך דעם צווייטען צד: דאס פאלק ראנגעלט זיך, ווי יעקב אבינו מיט'ן מלאך, — מיט די נביאים. דאס פאלק וויל ניט, קאן ניט נעמען אויף זיך דעם עול פון דעם אבסטראקטען „אחד“, פון דער גאט־אידעע, וואס איז גרייט צו פארשטעלען זיך אין אן א שיער מצוות און מעשים טובים, אבי ניט אנצוקליידען זיך אין א לעבעדיגער געשטאלט. דאס פאלק וויל מאכען פאלקיש (בילדעריש) זיין גאט, בעת זיי, די נביאים, ווילען מאכען געטליך זייער פאלק. דאס פאלק בענקט נאך קונסט־הייליגקייט, בעת זיי, די נביאים, לערנען אים הייליגקייטס־קונסט...

שפעטער ווערט דאס פאלק אפגעשוואכט, געעלטערט, זיין געצענדינעריש בלוט קילט זיך אפ, פירען זיי דאן אויס, די נביאים, די טאטעס פון די קומענדיגע, קונסט־פיינדליכע, רבנים. אבער אויך דאן ווערט אונזער איידעלע קונסט־תאוה, אונזער לאנגאניגער חשק צו ז ע ן גאטס ליכט, גאר אנדרעמעלט, ניט אויסגעלאשען אינ־גאנצען. פון יעדען הייסען ווינט וואכט זי אויף אין אונז און פלאקערט זיך פאנאנדער. אזא הייסער ווינט איז געווען די קבלה מיט איר עראטישער מיסטיק, מיט אירע בילדליכע וואונדערגעשיכ־טעס און פלאסטישע זעאונגען... און וואס איז דען דעם פאלק אזוי שטארק געפעלען געווען ביי די חסידים? די נייע תורה? דאס פאלק האט זי ווייניג און שלעכט פארשטאנען; מער ווי דעם רבינ'ס ת ו ר ה האט אים ארייגעבראכט אין התפעלות די

געשטאלט פון רבי׳ן, די פארקערפערטע געט־ליכקייט; מער פון דעם רבינ׳ס „מאמרים״ האבן אים געמומען דעם רבינ׳ס טיש, דעם רבינ׳ס געזאנג, די וואונדערליכע בילדשיינע און אין פאנטאזיע רייכע מעשיות, — די נייע אויפבליצונגען פון דעם אלטען אידישען עפאס, — וואס האבען זיך געוועבט און גע־פלאכטען ארום דעם צדיק... און ניט נאר אין דער תקופה פון חסידות — אין משך פון גאנצען אידישען מיטעלאלטער האט דאס פאלק, דער „געצענדינעריישער״, עולם־הזה׳דיגער״ המון־עם געזונ־גען לידער, געזאגט ווערטלאך, געשפונען מעשיות, ד. ה. קינסטלע־ריש געשאפען, בעת די תלמידי־חכמים, די וואוילערנער, די יראים ושלמים, די יורשים־עפיגאנען פון די נביאים, האבען פארפאסט חקירה, דרוש, פלפול, פיוט. דעם זעלבען אונטערשייד צווישען אויבען און אונטען זעען מיר אין דער נייסטער צייט. אין דער השכלה־צייט: בעת דער אייראפעאיזירונג פון אונזער הע־בערען, לומדישען קלאס, האט זיך ביי אונז געמערט און געפרוכ־פערט בלויז חקירה, מוסר און אבסטראקטע מליצה (רעכענט אראפ דעם „אהבת ציון״ און עטליכע שירים פון יל״ג און דעם איגגערען לעבענזאן — וועט אייך עפעס א פולע קונסט בלייבען פון דעם ערשטען, בעל־הבית׳יש־לומד׳ישען, השכלה־פעריאד?); ווי נאר אבער עס האט זיך אנגעהויבען דער צווייטער פאלקישער פעריאד פון דער השכלה־באוועגונג, ווי נאר עס האט זיך אנגעהויבען די קולטור אויפוואכונג פון המון, פון די פאלקס־מאסען, האט זי זיך פריער פאר אלץ אויסגעדריקט אין דעם, וואס אונזער ליטעראַ־טור האט גענומען ווערען ענליך אויף קונסט... פוילען, וואלין, וואו די פאלקסמאסען זיינען ווייניגער ווי אומעטום געווען פאר׳תלמיד־חכמ׳ט, פאר׳פלפול׳ט, האט מער, ווי אנדערע געגענדען, ארויסגע־געבען פון זיך געזונטע, פרישע ריין־קינסטלערישע טאלאנטען...

אלזא, דער קוואל איז דאס פאלק, זיינע אור־כחות, זיינע פאר־שטיקטע, אבער נים פארלאשענע, פאר־מתן־תורה׳דיגע קונסט־פיי־איגקייטען!

דאס פאלק, ניט נאר דער פאלקלאר! דער אידישער פאלקלאר איז אפטמאל א ליטערארישע נאכווייעניש, ניט שטענדיג

איז ער א פאר־ליטעראַרישע שאפונגס־אנטפלעקונג. גיט גוט א שמעק א אידיש פאלקס־ליד פון א געוויסען מין, וועט איר דערהערען דעם ריח פון א פסוק, פון א מדרש. אליהו הנביא, דער ליבערהארציגער העלד פון א סך אידישע פאלקס־מעשיות, איז *אמאל* געווען א *פאלקס־העלד*; אין אונזערע פאלקס־מעשיות איז ער אריינגענומען געווארען, ווי אן עכט *ליטעראַרישע* געשטאלט, ד. ה. ווי א געשטאלט, וואס איז שוין ניט איין מאל פריער געווארען „באארבעט“ דורך די בעלי־תנ“ך און בעלי־מדרש... היט זיך פון פאלק, וואס *ציטירט*, ווי א למדן. גייט צום פאלק, וואס זינגט, „ווי דער פויגעל זינגט“. גייט צום פאלק, וואס בוקט זיך (אין הארצען, אויב ניט אפען) צום מעכטיגען שטיין, צום בליענדיגען בוים, צום קוואל, צו דער זון. גייט צום פאלק, וואס איז נאך עד היום א „בן נח“, א שטיק עבודה־זרה׳ניק, א קינד און א קינסטלער. געפינט איר אים ניט *ארום* זיך, זוכט אים אין *זיך* אליין: דאס איז נאך בעסער.

זאל דער פאלקלאריסטישער פרימיטיוו פאר אונז זיין נאך א במקום פאלק, וואס וועקט און טרייבט אונז צו געפינען אין זיך דעם פאלק אליין, זיין מעכטיגע אלטקייט אינאיינעם מיט זיין יוגענטליכער מאכט. זאל דער אידישער פאלקלאר, וואס איז א געמיש פון קולטור און נאטור פאר אונז זיין א בריק, וואס פירט אונז פון אונזערע נייסטע, פיינסטע דערפארונגען צו די אין אונזער בלוט פארשלאסענע און פון אונז אליין פארהוילענע אוראלטע און נאך אלץ ניט אויסגעלעבטע קינסטלערישע כחות...

(1918)

## VI „אידישע קונסט“.

### א.

וואס איז אידישע קונסט? ווען עמיצער זאל עס פרעגען ביי מיר, וועל איך ניט וויסען, וואס צו ענטפערען. אידישע קונסט איז א זאך, וואס דארף ערשט באשאפען ווערען. און קיינער קאן ניט וויסען, ווי זי וועט אויסזען, ווען נאך פילע געלונגענע און ניט געלונגענע צוגויפפארונגען פון לעבענס־עלעמענטען וועט זי ענדליך, אין א מזל׳דיגער שעה, געבוירען ווערען. אפילו גאט אליין האט ניט געוואוסט, וואס פאר א פנים זיין וועלט וועט האבען, איידער ער האט זי „דערזען“.

אבער אויב מען קאן נאך ניט רעדען וועגען אידישער קונסט, ווי וועגען א פארטיגער זאך, קאן מען רעדען וועגען איינציגע עלעמענטען אירע. זיי זיינען שוין דא ביי אונז פון לאנג אן. און זיי אנטפלעקען זיך, אמאל רויערהייט און אמאל געלייטערט, אין אונזער שאפען.

איך וויל זיך דא ניט אפשטעלען אויף דער ביבעל. ווי ווייט זי האט אין זיך קונסט־ווערק, איז זי א מצבה אויף אונזער פ א ר־ב י ב ל י ש ע ן, מיטאלאגישען, שאפען. דאס זיינען רואינען, רעשטלאך פון א פארשוואונדענער קונסט־וועלט. וואס הייליגער דער תנ״ך איז געווארען, אלץ מער זיינען אפילו די קונסט־טיילען זיינע, וואס זיינען פארבליבען, ארומגעוועבט געווארען מיט א לופט פון הוילער, נאקעטער, ניט פארקערפערטער רוחניות. די ביבלישע קונסט וועט פאר דעם אידישען פאלק אויפלעבען, ווען דאס אידישע פאלק וועט אויפלעבען, ווי א פאלק, פאר דער קונסט. אבער איינציגע עלעמענטען פון תנ״ך — דער עטישער פאטאס פון

די נביאים, די לירִיק פון שיר השירים און תהלים, די קלוגשאַפט און עפּיגראַמאַטישקייט פון משלי — האָבן ניט אויפגעהערט צו פּילען זיך אין אונזער ליטעראַרישען שאַפען. און ווען אין דער נייער תקופה פון דער אידישער ליטעראַטור האָט זיך געוויזען ביי אונז אַ מענדעלע מוכר ספרים, האָבען מיר אין זיין לירישקייט, אין זיינע משלים, אין זיין סאַטירע, אין זיין זוכען צו דערגרייכען דורך קינסטלערישע מיטלען עטישע צילען, אין זיין באַוואוסטזיניגען קאַמף מיט דעם יצר־הרע פון ריינער קונסט, וואָס האָט געלעבט אין אים, אין דער פּראַגמענטאַרישקייט פון זיין עפּיק און אין דער גאַנצער אָפּגעזונדערטקייט און „ניט־אייראָפּייאישקייט" פון זיין סטיל — געזען אַ המשך פון דער אַלטער אידישער ליטעראַטור און דערהויפּט פון דער אגדה און די מוסר־ספרים. עפּעס אייגענס האָבען מיר געשפּירט אויך ביי שלום־עליכמ'ן, ניט געקוקט אויף זיין הומאָר, וועלכער איז דער אַלטער אידישער ליטעראַטור געווען פרעמד. און אַפילו ביי פּרצ'ן, וועלכער האָט אַזוי פיל גענאַשט ביי „אייראָפּע", איז דער אינטעלעקטועלער און דער עטישער שטריך און דער גאַנצער אומרו פון זיין שאַפען געווען „אידיש".

אַנדערש איז מיט די קינסטלער, וואָס זיינען געקומען נאָך פּרצ'ן. אויך זיי זיינען א י ד י ש ע קינסטלער; אָבער זייער אידיש־זיין איז אָדער טיף פאַרבאָרגען, אָדער ריין אויסערליך (אין די סיוזשעטען), אָדער בלויז אינהאַלטליך — אין זייערע געדאַנקען און געפילען, אָבער ניט אין דעם אופן, ווי זיי דריקען אויס זייערע געדאַנקען און געפילען, ניט אין דעם אופן און דעם סטיל פון זייער שאַפען. דער, וואָס איז ניט קיין איד, וועט אפשר דערשפּירען אין זייער שאַפונגסמעטאָד דאָס, וואָס שיידט זיי אָפּ פון ניט־אידישע קינסטלער. דער קומענדיגער היסטאָריקער, וועלכער וועט האָבען די פאַסיגע פּערספּעקטיוו, וועט עס אפשר אויך זען. מיר זעען עס ניט. פאַר אונז זיינען זיי אַנדערש פון אַלע איבעריגע אייראָפּייאישע (אָדער אַמעריקאַנישע) שריפטשטעלער נאָר דער־מיט, וואָס זיי שרייבען אויף אידיש און — פון אידישען לעבען. זאָל זייער טעמע זיין ניט קיין אידישע און זאָל מען אָט דאָס ווערק, וואָס איז געשריבען אויף ניט קיין אידישער טעמע, איבערזעצען

אויף אַן אַנדער שפּראַך, וועט מען זיך שוין לאַנג און שווער מוזן גריבלען אין אים, ביז מען וועט געפינען עפּעס אַזוינס, וואָס האָט אַ שייכות צו דער גרויסער טויזנט־יאָריקער „אידישער" ערפאַרונג, וואָס מיר טראָגן אַלע אין זיך.

דאָס איז ניט קיין פאָרוואורף. עס האָט ניט געקאָנט זיין אַנדערש. קונסט, ווי אַ ציל פאַר זיך אַליין, האָבן מיר געלערנט אין דער נייער צייט ביי די אייראָפּייאישע פעלקער. האָבן מיר איבערגענומען אויך זייער מעטאָד פון קונסט. און דאָס, וואָס הייסט אידישער נוסח, איז געבליבן... פאַר דער צוקונפט, ווען די נייע פּלאַנצונג — די וועלטליכע קונסט — וועט זיך ענטגילטיג צונעמען אויף אונזער באָדן, וועט אַנהויבן זויגן די זאַפט פון זיינע אַלטע טיפע וואָרצלען און ווערן איינס מיט אַלץ, וואָס האָט ווען עס איז אין אים געלעבט.

דערווייל ווייזן זיך פון צייט צו צייט נאָר שוואַכע שפּראָצונגען פון דעם, וואָס וועט שפּעטער ווען עס איז אויסוואַקסן און אויפהויבן זיך ביז צו דער מדרגה פון אידישער קונסט.

מיט אַ באַזונדערן ערפאָלג מיט זיך ל. ש אַ פּ י ר אַ צו גיין אויף די הויכע און שמאָלע וועגן, וואָס פירן צו דער נאָך פון אונז פאַרבאָרגענער אידישער קונסט...

ל. שאַפּיראַ געברויכט אַלגעמיין־קינסטלערישע מיטלען, אָבער אַ ציל וויל ער דערגרייכן אַזאַ, וואָס איז ניט קיין געוויינליך קונסט־ציל. ער וויל שאַפן עפּעס אַזוינס, וואָס איז קונסט און — א ו י ב נ י ט נ אָ ך ה ע כ ע ר. ער וויל ניט מאַכן די קונסט פאַר אַ מיטעל צו עפּעס אַן אַנדער ציל; ניין, פון דער ק ו נ ס ט ג ו פ א וויל ער אויסשמידן עפּעס אַזוינס, וואָס איז מער ווי קונסט. אין איר גופא טוט ער אריין עפּעס אַ דינאַמישען שטאָף, וועלכער ברענגט אייער זעל אין באַוועגונג און מאַכט זי ציטערן, אַנשטאָט זי צו באַרואיגן...

ער איז אַליין ניט רואיג; ער האַלט זיך נאָך איין. און וואָס מער ער האַלט זיך איין, אַלץ גרייטער איז זיין פאַרשפּאַרטער אימפּעט ארויסצושפּארען. הינטער דער אַנגעשטריינגטער רואיג־

קייט פון זיין שרייבען שטייט ער מיט א שטורעם, וועלכער איז יעדע רגע גרייט אייך אויפצוהויבען און אוועקטראגען אויף זיינע ווילדע משוגע׳נע פליגלען...

נעמט זיך עס דערפון, וואס ער האט זיך ארומגערינגעלט מיט דער „משוגענער“ לופט פון פאגראמען? ווירקט דא אפשר, פשוט, די טעמע?

יא, געוויס ווירקט אויך די טעמע; אבער דאס איז דאך כמעט די איינציגע זאך, וועגען וואס שאפירא פארגינט זיך צו שרייבען,— און עס איז ניט קיין צופאל, וואס ער האט „אויסגעקליבען“ גראד די טעמע און וואס ער האט זיך איר אינגאנצען אפגעגעבען.

ער האט זי אויסגעקליבען דערפאר, וואס זי רירט אן און שטרייכגט אן דעם גאנצען מענשען, ניט נאר דעם ארטיסט אין אים; דערפאר, וואס זי רודערט אויף אלע כחות און אלע קוואלען פון זיין נשמה ניט נאר די „ריין־קינסטלערישע“; דערפאר, וואס פאגראמען זיינען פאר אים, ווי פאר אונז אלעמען, ניט קיין שילדערונגס־אביעקט, ניט קיין געשטאלטונגס־פראבלעם, נאר די פראגע פון אונזער קיום...

און אט אין דעם זע איך דעם אנהויב און דעם אנזאג פון דער קומענדיגער „אידישער קונסט“. מיר ווייסען ניט אקוראט, וואס אזוינס זי וועט מיט זיך פארשטעלען. מיר ווייסען אבער, אז *קיין ציל צווישען אנדערע צילען*, ווי ביי דאס רוב היינטיגע אייראפייאישע פעלקער, וועט זי ניט זיין. זי וועט זיין *דאס ציל פון אלע צילען*. זי וועט זיין די זון, וואס ניט נאר זי באלייכט דאס לעבען, זי מאכט אויך, אז עס זאל שפראצען און וואקסען... אונזער גאנצע געשיכטע ציינט, אז ביי אונז וועט ניט זיין, ווי ביי אנדערע פעלקער, קיין *קונסט־לעבען*; ביי אונז קאן זיין נאר א *לעבענסקונסט*, ד. ה. אן אקטיווע און א דינאמישע קונסט, אזא, וואס שטראלט ארויס פון אונזער געוויסען, ניט נאר פון אונזער וויסען; אזא, וואס וועקט אונזער ווילען, ניט נאר אונזער פאנטאזיע; אזא, וואס איר רעזולטאט מוז זיין ניט „א נייע ערד און א נייער הימעל“, ווי א קינסטלערישע אילוזיע, נאר די אמת׳ע באנייאונג פון דער ערד,

וואס אונטער אונזערע פיס, און פון דעם אויסגעשטערנטען הימעל איבער אונזערע קעפּ... מיר וועלען מוזען אומבייטען דעם סדר פון דער קונסט, וועלכע זוכט צו דערגרייכען „אידעאלע צילען מיט רעאלע מיטלען"; אונזער קונסט וועט געברויכען אידעאלע מיטלען צוליב רעאלע צילען...

וואס פאר א צילען שטעלט זיך שאפּירא? געפינען אן אויס־דרוק פאר זיינע איינדרוקען? ווייזען אלעמען, וואס ער איינער נאר זעט? געוויס! אבער ניט דאס אליין. דאס אליין איז גענוג פאר א געוויינליכען קינסטלער. פאר א קינסטלער פון שאפּירא'ס שניט איז עס ווייניג. עס איז פאר אים ווייניג צו פארבייטען דעם לע־בענס־כאאס מיט דער הארמאניע פון דער קונסט. פאר דעם כאאס פון לעבען גופא זוכט ער א תיקון. ער גייט פון לעבען ניט אוועק. ער באפרייט זיך ניט פון אים דורך דעם, וואס ער גיט אים א פארם. און אויך אונז, לעזער, באפרייט ער ניט. פארקערט, ער פירט אונז צו נאענט, אימה'דיג נאנט צום אפגרונט, צינדט דארט ערגעץ אן ליכט, אימה'דיגע ליכט און זאגט, ווי א מעפיסטא:

— קוק!

און מיר מוזען קוקען.

ער זאגט:

— זעט דעם שרעק, די שאנד, דעם אומזין פון אונזער לעבען!

און מיר מוזען נאכזאגען:

— זעט דעם שרעק, די שאנד, די אומזיניגקייט פון אונזער לעבען!

ער זאגט:

— זעט, וואס פון אייך איז געווארען! ווערט אנדערע!

און מיר מוזען ווערען אנדערע. מיר מוזען ווייניגסטענס, וועלען ווערען אנדערע. שאפּירא וועקט אין אונז אט דעם ווילען. אזוי ווי ביאליק אין די „שירי זעם". און אויך אנדערש ווי ביאליק. יענער ווייזט אונז די לעצטע מדרגה פון אונזער אנמעכ־טיגקייט און געפאלענקייט, — און נאר זיין אייגענע גייסטיגע מאכט וועקט אין אונז דעם גלויבען, אז אונזער פאלק איז נאך ניט אינגאנצען — „גראז". שאפּירא האט פון דעם בלוט און מיסט

פון אונזער געשענדעטען לעבען געלאזט אויפגיין עפעס א רויטע בלום. ער האט אונז געוויזען דעם לעבען אונזערען א באפרוכ־פערטען פון די גיפטיגע קערנדלאך פון זיין האס. ער האט אזוי ווי געזאגט: איך קאן ניט זיין קיין גאט, וואס זאל באהערשען דעם כאאס, וועלכער רינגעלט אונז ארום; איך קאן אבער ווערען א כהן, וואס דינט צום כאאס. און ער האט אונז געוויזען אידען, וואס דרייען זיך אליין. פארדרייטע, אין דעם תהו ובהו פון דער בלוט־סטיכיע. ער האט אונז געוויזען אידען, וואס שענדען, ווען מען שענדעט זיי; אידען, וואס לעסטערן גאט, ווען ער לאזט מען זאל איהם לעסטערן; אידען, וואס ענטפערען אויף האס מיט האס, אויף טויט מיט טויט, אויף וואנזין מיט וואנזין...

ער האט אונז געוויזען אידען, וואס האבען ניט געקאנט בלייבען נאכ'ן פאגראם אזוינע, ווי זיי זיינען פריער געווען. עס האט זיך געמוזט אין זיי אלץ איבערקערען...

„איך זאגט שוין ווידער?" — פרעגט מנחם, דעם רב'ס זון, ווען ער קומט אריין נאכ'ן פאגראם אין שול און הערט ווי אידען זאגען סליחות... אין מנחמ'ן איז ווי א דבוק אריין דער „צער און צארן" פון ביאליק, און ער רעדט צו די אידען מיט דעם פאעטס סארקאזם:

„פאר א י י ע ר ע זינד? כא־כא! הינער האבען געזינ־דיגט! עמיצער האט געמוזט איבערהיפען א ווארט אין קטרת היינ־טיגס יאר, כא־כא־כא! איר האט דען כח צו זינדיגען? איר האט דען ש כ ל צו זינדיגען? נאר לעבעדיגע מענשען קאנען זינדיגען. און איר זייט נבלות, פגרים, מתים!" א. אז. וו.. א. אז. וו. אין גייסט פון ביאליק'ס „שחיטה־שטאט". אבער ער גייט ווייטער פון ביאליק'ן. ער מאכט א פראקטישען אויספיר פון זיין עקעל צו דעם אידענס נישטיגקייט. ער קאן, זאגט ער, ניט בלייבען מער אין דעם „ווערעמדיגען לעבען" און אז זיין טאטע, דער רב, ווייזט אים אן אויף דער טיר און זאגט: „גיי!" — ענטפערט ער אים „מיט א בליק פון שנאה און א קריץ מיט די ציין" — און גייט אוועק.

אין דער זעלביגער „דערציילונג" („די אידישע מלוכה") גייט

נאָך אַ איד אַוועק פון זיין פריערדיגען לעבען — גרשון דער שוחט. ער קאָן מער ניט זען קיין בלוט נאָכ'ן פּאָגראָם — און ער זאָגט זיך אָפּ פון שחיטה...

„אין לעבען" זיינען ניטאָ אַזוינע אידען? אָבער זיי האָבען געדאַרפט זיין. שאַפּיראָ'ס קונסט איז די קונסט פון דעם, וואָס דאַרף זיין. די קונסט, וואָס אַנשטאָט צו שטעלען זיך אַליין העכער פון לעבען, זוכט זי אויפצוהויבען דעם לעבען אויף אַ העכערער מדרגה. די קונסט, וואָס וויל זיין מער ווי קונסט און איז נאָך דערווייל ווייניגער ווי קונסט, ווייל עס פעלט איר נאָך די האַרמאָניע פון ציל און מיטעל און ווייל ספּעציעל ביי שאַפּיראָ'ן ליידט זי נאָך פון דער סתירה, וואָס איז דאָ ביי אים צווישען דער הייסקייט פון דעם אינהאַלט און דער אָפּגעקילטקייט פון דער שפּראַך, צווישען דער ווילדקייט פון דעם כאַאָס־שטאָף און דער קולטיווירטקייט פון דער פאָרם, וועלכע ער שמידט פאַר אים, צווישען דער ברייטקייט און שבור'דיגקייט פון די געפילען, וואָס ער שילדערט, און דער ענגער, ניכטערער, שיער ניט פּעדאַנטישער גענויאיגקייט פון זיין סטיל...

אַ קונסט, וואָס איז נאָך פיל מיט אומפּאַלקאָמענהייטען, ווייל עס פילט זיך אין איר צופיל דעם לעבענס הייסער, דורשטיגער, זינדיגער אָטעם. און ווייל... עס איז נאָך ניט געקומען איר צייט.

ב.

איך וויל קלערער מאַכען דעם רעיון, וואָס איך האָב געוואָלט אַרויסזאָגען. דאָס איז אַ רעיון, וואָס האָט צו טאָן ניט מיט דער אידישער קונסט, וואָס עקזיסטירט, נאָר מיט „אידישער קונסט", „וואָס דאַרף ערשט באַשאַפען ווערען" און וואָס קיינער קאָן נאָך דערווייל ניט וויסען, ווי זי וועט אויסזען, ווען זי וועט באַשאַפען ווערען. דאָס איז יענער אָפּגעזונדערטער, ספּעציפישער מין קונסט, וואָס קאָן, ביי געוויסע אומשטענדען, גע־בוירען ווערען און אויסוואַקסען ביי אַ פאָלק (און דערהויפּט ביי

אַז אַלטען פֿאָלק, און דערהויפּט — ביי אַזאַ אַלטען און אייגענאַר־
טיגען פֿאָלק, ווי מיר אידען זיינען), און וואָס קאָן אויך נ י ט גע־
בוירען ווערען, נאָר בלייבען פ אַ ר ב אָ ר ג ע ן און צ ע ר ו־
נ ע ן אין די אינגעווייטען פֿון דעם געוויינליכען, „גאַנציאַרדיגען“,
נאַציאָנאַלען שאַפֿען פֿון פֿאָלק. דאָס איז אַ קונסט, וואָס ברענגט
אונז אין באַרירונג ניט מיט דער „נשמה“ פֿון פֿאָלק, ווי געוויינ־
ליכע קונסט, נאָר מיט זיין „נשמה יתרה“. אַ קונסט, וואו דעם
פֿאָלק׳ס געזיכט אַנטפּלעקט אונז זיינע שאַרפֿסטע, קענטיגסטע, איי־
גענאַרטיגסטע און אינטימסטע שטריכען. אַ קונסט, וואָס דאַרף
ניט פֿאַנאַנדערגענומען און אויסגעפֿאָרשט ווערען אונטער אַ מי־
קראָסקאָפּ, כדי איר פֿינטעלע אינדיווידואַליטעט זאָל אַרויסגע־
בראַכט ווערען אויף דער ליכטיגער שיין. נאָר אַזאַ קונסט איז עס,
וואָס איר נאַציאָנאַלע אייגענאַרטיגקייט ליגט אַנטבלויזט פֿאַר אַלע־
מען און אַזוי ווי אויסגעקערט אויפ׳ן לינקען זייט: מיר דאַרפֿען
בלויז צוגיין און קוקען... אַ שטייגער, אונזער תנ״ך. ווען מען פֿאַר־
גלייכט עס מיט די וואָרטשאַפֿונגען פֿון אַנדערע — ניט סעמיטישע
אָדער סתם אָריענטאַלישע, נאָר אייראָפּייאישע — פֿעלקער, זעט
מען גלייך, אַז דאָס איז אַן אויסדרוק און אַ סך־הכל פֿון אַ גאַנץ
באַזונדערען נאַציאָנאַלען לעבען און שאַפֿען. אָבער אידען האָבען
אין דער ביבלישער תקופה געהאַט נאָך אויך אַנדערע וואָרטשאַפֿונ־
גען, אַחוץ דעם תנ״ך, און אויך זיי האָבען זיכער געאָטעמט מיט
א ו נ ז ע ר אָטעם. פֿאַרוואָס האָבען זיי זיך ניט אויפֿגעהיט?
עס זיינען געווען אַ סך סבות; איינע פֿון זיי איז די, רעכען
איך, וואָס זייער נאַציאָנאַלער שטעמפּעל איז געווען ניט גענוג טיף
און שטאַרק, אַז ער זאָל אין משך פֿון דורות אויפֿגעהיט און ניט
אָפּגעמעקט ווערען. אַזוי איז עס געווען אין די צייטען פֿון דער
ביבעל און אַזוי איז עס אויך אין אַלע אַנדערע צייטען. דאָס פֿאָלק
שאַפֿט, וואָס עס שאַפֿט, אין ז י י ן גייסט און לויט ז י י ן
גוסט, אָבער „אַלע טעג פֿון אַ גאַנץ יאָר“ שיידט זיך זיין גייסט
און גוסט גאָרניט אָפּ אַזוי שטאַרק פֿון דעם גייסט און גוסט פֿון
אַנדערע פֿעלקער, וואָס לעבען אין אַן ענליכער היסטאָרישער סביבה,
און נאָר אין געוויסע פּונקטען און אין געוויסע מאָמענטען ק אַ נ־

צ ע נ ט ר י ר ט ז י ך דעם פֿאָלקס אייגנאַרטיגע גייסטיגע ערפֿאַרונג, און ערשט דאַן שטראַלט זי אַרויס מיט אַזאַ קלאָרקייט און קריסטאַליזירט זיך אין אַזאַ פֿאָרם, וואָס איר אייגנאַרטיקייט קאַן שוין קיינער קיינמאָל ניט פֿאַרלייקענען...

אַלזאָ, ניט וועגן דער אידישער קונסט פֿון אַ ג אַ נ צ י אָ ר האָב איך גערעדט. די עקזיסטירענדיגע אידישע קונסט איז, בדרך־כּלל גענומען, אידיש אין דעם זינען, ווי די רוסישע קונסט איז רוסיש, די פֿראַנצויזישע — פֿראַנצויזיש א. ד. גל.; זי איז אידיש, ווייל זי ווערט געשאַפֿען פֿון אידען, פֿאַר אידען, אין אַ אידישער סביבה, אויף דער אידישער שפּראַך (איך רעד דאָ וועגען דער קונסט פֿון וואָרט). דאָס אַלץ לייגט אויף איר אַרויף אַ באַזונדער שטעמפּעל, ווירקט אויף דעם אויסקלייב פֿון אירע סוזשעטען, אויף זייער באַאַרבעטונג און אויך אויף דעם גאַנצען אופֿן שאַפֿען. אָבער דאָס איז ניט שטאַרק קענטיג און אָפֿט מערקט מען עס אַפּילו ניט, ווי מען מערקט ניט, אַז אַ באַזונדער צוקוקען זיך, די אייגנאַרטיגקייט פֿון אונזער ג ע ו ו י י נ ל י כ ע ן שטיין און גיין, הערען און זען, כּאָטש געווים זיינען מיר אייגנאַרטיג אין יעדער תנועה אונזערער, אין יעדען ריר און בויג. מען מערקט עס ניט, ווייל עס איז, אַזוי צו זאָגען, אַטאָמיזירט, צעשטויבט... און זאָל דעריבער, די טעמע, האָב איך געשריבען פֿריער, „זיין ניט קיין אידישע און זאָל מען אַט דאָס ווערק, וואָס איז געשריבען אויף ניט קיין אידישער טעמע, איבערזעצען אויף אַן אַנדער שפּראַך, וועט מען זיך שוין לאַנג און שווער מוזען גריבלען אין אים, ביז מען וועט געפֿינען עפּעס אַזוינס, וואָס האָט אַ שייכות צו דער גרויסער טויזענט־יאָרעדיגער „אידישער“ ערפֿאַרונג, וואָס מיר אַלע טראָגען אין זיך“. איך האָב ניט געלייקענט, אַז נאָך אַ לאַנגען און שווערען גריבלען זיך וועט מען אַפּילו אין אַזאַ אידישען ווערק, וואָס איז געשריבען אויף ניט קיין אידישער טעמע, געפֿינען עפּעס אידישעס, אָבער אַט דאָס „אידישע“ פֿילט זיך ניט שטאַרק און ווירקט ניט שטאַרק, ווייל עס איז פֿאַרבאָרגען און ניט קאָנצענטרירט. און אַט דאָס האָב איך געזאָגט ניט ווי אַ פֿאָרוואורף אָדער ווי אַ באַווייז, אַז אונזער קונסט גייט אויף פֿאַלשע וועגען. איך

האב בכלל ניט גערעדט אין דעם פאל וועגען ריכטיגע און פאלשע וועגען. איך האלט, אז אלע וועגען זיינען גוט אין דער קונסט, ווען זיי פירען צו דעם ציל, וואס זי שטעלט זיך. נאך בייראן האט געזאגט, אז יעדער דיכטער איז זיך אליין אן אריסטאטעלעס, דאס הייסט: יעדער דיכטער שאפט זיך אליין זיין קונסט־מעטאד, און קיינער קאן אים ניט איינזאגען קיין דעות, אויב נאר ער איז א דיכטער. און ווען איך האב געשריבען, אז דאס אידיש־זיין פון דעם גרעסטען טייל דיכטער אונזערע איז „אדער טיף פארבארגען, אדער ריין אויסערליך (אין די סוזשעטען), אדער בלויז אינהאלט־ליך — אין זייערע געדאנקען און געפילען, אבער ניט אין דעם אופן, ווי זיי דריקען אויס זייערע געדאנקען און געפילען, ניט אין דעם אופן און דעם סטיל פון זייער שאפען", — ווען איך האב דאס געשריבען, בין איך ניט אויסען געווען צו געבען די אידישע שרייבער „אנווייזונגען" (איך האלט זיך בכלל ניט פאר קיין „אנ־ווייזער"), און צו „פאדערען" פון זיי, אז זיי זאלען זייער „אידיש־קייט" מאכען קענטיגער (פון אזא „פאדערונג", וואלט סיי־ווי גאר־ניט ארויסגעקומען, ווארים קיינער קאן ניט געבען, וואס ער האט ניט). איך האב ביי קיינעם גארנישט ניט „געפאדערט", איך האב נאר ק א נ ס ט א ט י ר ט, אז די קונסט, וואס מיר האבען איצט, איז א א י ד י ש ע אין דעם געוויינליכען, אבער ניט אין יענעם ספעציפישען זינען, וועלכען איך האב געפרואווט פריער אויס־טייטשען, און אז נאר איינציגע עלעמענטען פון אט דער ספעצי־פיש־„אידישער קונסט", וואס וועט ווען עס איז אפשר ביי אונז באשאפען ווערען, איז צו מערקען ביי איינינע אידישע שריפט־שטעלער...

וואס זיינען עס פאר אן עלעמענטען?

די עלעמענטען פון דער קומענדיגער אידישער קונסט, וועגען וועלכע איך רעד, האבען יעדענפאלס ניט צו טאן מיט דער פראגע פון „אינהאלט", אלס אינהאלט. איך האלט ניט, אז מען דארף פאדערען פון א אידישען ליטערארישען ווערק דוקא „דעם פרינציפ פון א העכערער עטיק", דעם רעיון פון א „אידישער מיסיע", אדער אן אנדער „אידישען אינהאלט". איך האב בפירוש געשריבען, אז

„אינהאַלטליך — אין זייערע געדאַנקען און געפילען" — זיינען אַלע אונזערע דיכטער *אידישע* דיכטער. מיך אינטערעסירען אָבער ניט די געדאַנקען און די געפילען *אַלס אַזעלכע*. זיי זיינען וויכטיג פאַר מיר נאָר ווי ווייט זיי געהערען צו די פאַקטאָרען, וואָס באַשטימען דעם *אופן* פון *זייער אויסדרוק*, נאָר ווי ווייט זיי ווירקען אויף דעם אופן און סטיל פון שאַפען. אַלזאָ, ניט א „אידישען *אינהאַלט*" האָב איך אין זינען, ווען איך רעד וועגען אידישער קונסט, נאָר אַ „אידישען" *אופן*, א אידישען סטיל אין דער קונסט (אַלץ איינס, וואָס פאַר אַ עטישען און אידעען־אינהאַלט זי זאָל האָבען).

דער דאָזיגער אופן, אָדער נוסח, איז נאָך ניט באַשאַפען געוואָרען, עס זיינען דאָ נאָר *אַנצוהערענישען* אויף אים ביי איינינע אידישע שרייבערס, און וועגען אָט די *אַנצוהערענישען* האָב איך גערעדט. איך האָב ניט גערעדט וועגען זיי „קלאָר", ווייל זיי זיינען אליין אין זיך נאָך ניט „קלאָר". זיי געפינען זיך נאָך אין צושטאַנד פון „חומר היולי", ווי מען פלעגט זאָגען אין מיטעלאַלטער. דערצו האָב איך זיך אָפּגעשטעלט אויף זיי ניט צוליב זיי אַליין, נאָר צוליב דער שייכות, וואָס עס האָט צו זיי דאָס אייגענאַרטיגע שאַפען פון ל. שאַפּירא, און איך האָב דערפאַר גערעדט דערהויפּט וועגען יענעם עלעמענט פון דער קומענדיגער „אידישער קונסט", וואָס איז פאַראַן, לויט מיין מיינונג, ביי שאַפּירא'ן.

דעם דאָזיגען עלעמענט האָב איך געפונען ניט אין דער „עטישער אידעע" און בכלל ניט אין דעם „אינהאַלט", נאָר אין דעם *אימפולס* פון שאַפּירא'ס שאַפען. דעם אימפולס, ד. ה. דער כח, וואָס *טרייבט* אַ שרייבער צו שרייבען, איז דאָס, וואָס ווירקט מער ווי אַלץ אויף דעם אופן, דעם נוסח, דעם טעמפּוס און דער גאַנצער לופט פון זיין שאַפען. איך וועל ברענגען אַ ביישפּיל: ניטשע גלויבט צו זיין אין אַ גרויסען טייל פון זיינע פּאָעטיש־פילאָזאָפישע ווערק אַן אימאָראַליטעט, אויב ניט גאָר אַן אַנטי־מאָראַליסט; פונדעסטוועגען איז די אינעווייניגסטע לופט פון זיין שאַפען אַן *עטישע* לופט, ווייל איר פילט, אַז דער אימפּולס,

ווי טרייבקראַפט פון זיין שאַפען נערט זיך פון הייסען עטישען קוואַל. פאַרקערט, טאָלסטאָי האָט אַ גאַנץ באַשטימטע מאָראַל, וועלכע ער הערט ניט אויף צו פּרעדיגען; נאָר אַז איר לייענט זיינע קינסטלערישע ווערק (אפילו פון צווייטען פּעריאָד) פילט איר, אַז דאָס ריין־קינסטלערישע, ניט דאָס עטישע, איז דער אינעווייניגסטער קוואַל און דער אינעווייניגסטער אָטעם פון זיין שאַפען... אַלזאָ, ניט דער קאָנקרעטער, אויסערליכער, לאָגישער אינהאַלט פון אַ שרייבערס שאַפען, נאָר די אַלגעמיינע, אינעווייניגסטע, ווי ט אַ ל ע באַדערפעניש, וואָס זוכט דורכ'ן שאַפען באַפרידיגט צו ווערען, איז דאָס, וואָס שאַפט אַרום אים די אָדער יענע לופט און מאַכט אים אויף אונז אָטעמען מיט דעם אָדער יענעם אָטעם. דערפאַר האָב איך, וועלענדיג דערגיין, פון וואַנען עס נעמט זיך די באַזונדערע לופט, וואָס רינגעלט אַרום די ווערק פון ל. שאַפּיראָ, געווענדט זיך ניט צום „אינהאַלט", נאָר צום ס ט י מ ו ל פון זיין שאַפען. דעם „אינהאַלט" האָב איך באַנוצט נאָר כדי אויסצודריקען מיט זיין הילף דאָס וואָס איך טראַכט וועגען דעם אימפולס פון שאַפּיראָ'ס שרייבען. וואָרים נאָר פון דעם איינדרוק, וואָס עס מאַכט אויף אונז דאָס געשאַפענע, קאָנען מיר וויסען, וואָס האָט געטריבען דעם שאַפער צו שאַפען.

און דער איינדרוק, וואָס איך האָב געקראָגען פון שאַפּיראָ'ס ווערק, האָט מיר געזאָגט, אַז, אַחוץ דער אַלגעמיין־קינסטלערישער באַדערפעניש אויסצודריקען און צו געשטאַלטען געוויסע זאַכען, איז פאַראַן נ אָ ך ע פּ ע ס, וואָס טרייבט אַ קינסטלער פון שאַפּיראָ'ס שניט צו שאַפען. און אָט דאָס נ אָ ך ע פּ ע ס איז, לויט מיין מיינונג, איינער פון יענע עלעמענטען, וואָס וועלען שאַפען די קומענדיגע „אידישע קונסט".

אין וואָס באַשטייט אָט דאָס „נאָך עפּעס"? עס באַשטייט אין דעם „זוכען אַ תיקון, ווי איך האָב געשריבען, פאַר דעם לעבענס־כאַאָס גופא" און אין דעם ניט באַנוגענען זיך דערמיט, וואָס דער לעבענס־כאַאָס ווערט איבערגעאַרבעט אין אַ האַרמאָניע פון קונסט. עס באַשטייט אין דעם געהיימען פאַרלאַנג אויסצולייזען דאָס לעבען און ניט נאָר דערלייזט צו ווערען פון לעבען... און דאָס

הייסט ניט מאכען די קונסט פאר „דעם לעבענ'ס קאמערמיידעל". דאס הייסט ניט מאכען די קונסט פאר א מיטעל צו די צילען פון לעבען. דאס הייסט, פארקערט, מאכען די דאזיגע צילען פאר א טרייבקראפט פון קונסט. דאס הייסט, אלזא, ניט דערנידריגען, נאר, פארקערט, דערהויבען די קונסט. דערהויבען זי אויף יענער מדרגה, ווען זי הערט אויף צו זיין, ווי זי איז געוויינליך אין אייראפע און אויך ביי אונז איצט, א צ י ל צ ו ו י ש ע ן א נ ד ע ר ע צ י ל ע ן, און זי ווערט ד א ס צ י ל פ ו ן א ל ע צ י ל ע ן. ווען זי הערט אויף צו זיין, ווי זי איז געוויינליך, עפעס א מין ווארשטאט, וואו עס ווערען באשאפען קונסטווערטען, און זי פארוואנדעלט זיך אין א „כעמישע לאבאראטאריע", וואו עס ווערען געפרואווט און געלייטערט די לעבענסווערטען...

ווענגען עפעס ענליכעס האט גערעדט היינריך היינע, ווען ער האט אין זיין „ראמאנטישער שולע" געשטעלט אין א געוויסען זינען העכער שילער'ן פון געטע'ן דערפאר, וואס „געטע'ס דיכטונגען רופען ניט ארויס קיין טאטען, ווי דאס איז דער פאל מיט שילער'ס דיכטונגען". דער א י ד (ניט נאר דער רעוואלוציאנער) היינע האט ניט געקאנט ליבען, (הגם ער האט געוואוסט ווי צו שעצען) די זעלבסטצילינקייט און אומדינאמישקייט אדער, אויף זיין לשון, „אומפרוכטבארקייט" פון געטע'ס קונסט. ער האט געוואלט, אז קונסט זאל זיין ניט קונסט אליין... דאס אייגענע האט געוואלט אונזער י. ל. פרץ. ער האט עס אונז געוויזען מיט זיין שאפען, און אין איינעם פון זיינע ארטיקלען האט ער קלאר אויסגעדריקט. ער מאכט אן אונטערשייד אין דעם דאזיגען ארטיקעל צווישען דעם ד י כ ט ע ר און דעם ק י נ ס ט ל ע ר און ער שטעלט דעם ערשטען העכער פון דעם צווייטען. ער שרייבט: „דער דיכטער איז אייגענטליך קינסטלער; נאר דאס ליים, דער מארמאר, דער גראניט איז ביי אים אין די הענט — דאס פאלק, די וועלט, דאס לעבען; ז י י ע נ ד ע ר ט ע ר, ז י י מ א ד ע ל י ר ט ע ר, ז י י ש א פ ט ע ר א י ב ע ר". דאס ענדערען און איבערשאפען דעם לעבען — איז איינע פון די זאכען, צו וועלכע עס שטרעבט די קונסט ביי אונז אידען.

אויף זיין שטייגער האָט משה נאַדיר אויסגעלאַכט דעם „עגאָאישען אינזעל“ פון דער „קונסטמאַכעריי“. „אַרום דעם קליינעם אינזעל ברענט די וועלט, שמעלצען זיך די הימלען, ווערען די ימים פון שרעק פאַרשטיינערט, טראַגען זיך קולות פון דער משוגע־געוואָרענער פאַרצווייפלונג, פאַרגעסט דער רויטפאַרשלאָפענער טאָג די נאַכט איבערצובייטען. אָבער אַרום דעם קליינעם אינזעל, אַרומגערינגעלט מיט אַ פעסטונג פון קאָווע און קוכען, אָפּגעזונדערט פון דער גרויסער וועלט מיט אַ נאַכט פון בלאָע נאַכטיגאַלען, אַרומגערינגעלט מיט אַ רינג פון דין געקייטעלטע זעפיר־ווינטען און געשיצט דורך וועלטוויכטיגע זשעסטען פון קולטורעריי זיצען זיי, די קונסטפּריסטער, אין דער פאַרביגער בלאָטע פון זייער אָפּגעזונדערטען אינזעל, און זיי שפּילען זיך מיט גאָלדענע שמעטערלינגען, מיט ווייסע לעמעלאַך, מיט רויטע קאַרשען, מיט רויזענסענטימענטען, מיט ליליען־חלומות. און וואָס גייט זיי אָן די גרויסע וועלט? וואָס פאַר אַ שייכות האָבען זיי מיט אַזוינע אומפּאָעטישע זאַכען, ווי ערדציטערנישען? וואָס גייט זיי אָן אַזאַ קלייניגקייט, ווי אַ וועלטאונטערגאַנג? אין זייער פאַרביגער בלאָטע זיצען זיי און שפּילען זיך, די ליבע קינדער“... אָט דאָס ש פּ י ל ע ן  ז י ך איז פרעמד דעם גייסט פון דער קונסט, וועגען וועלכען איך רעד. „אויך די עסטעטיק, זאָגט דער אידיש־עסטרייכישער דיכטער פּעטער אַלטענבערג — אויך די עסטעטיק קאָן קומען נאָר פון די מיסטעריעזע טיפענישען פון האַרצען; אַ ניט איז זי אַ בליאונג, וואָס פאַרוועלקט און ווערט פאַרדאַרט צוליב איר אייגענער אומפאַרשעמטער קאַלטקייט. נאָר דאָס האַרץ האָט אייביג באַלעבענדיגע טראָפּישע וואַרמקייט. שיינקייט אַליין דער׳הרג׳עט! “ די שיינקייט מוז באַלעבט און אָפּגעפרישט ווערען דורך דער „טראָפּישער היץ פון האַרצען“.

די דאָזיגע „היץ פון האַרצען“ איז שטענדיג געווען דער שטרייטפונקט צווישען אידעאַליזם און נאַטוראַליזם אין דער קונסט, דער שטרייטפונקט צווישען „אידישקייט און גוישקייט“ אין דער וועלטקולטור. אין אירע בריף צום רעאַליסט פלאָבער האָט דזשאָרדזש זאַנד, די פאַרשטייערין פון דעם ראָמאַנטישען אידעאַ־

ליזם, ניט אויפגעהערט צו שטעלען דעם טראָפ אויף דעם פונקט. „קאָן מען, האָט זי געשריבען, אָפּטיילען איינעמס גייסט פון איי־נעמס האַרץ? זיינען עס דען צוויי פאַרשידענע זאַכען?... קאָן דאָס לעבען זיך אליין טיילען? מיר דוכט, מיט איין וואָרט, אַז ניט אָפּ־געבען זיך אײנגאַנצען דעם איינענעם שאַפען, איז פונקט אַזוי אוממעגליך, ווי וויינען מיט עפּעס אַנדערש, ווי מיט די אויגען, אָדער דענקען מיט עפּעס אַנדערש, ווי מיט'ן מאָרך". די קונסט איז איר העכסטער מדרגה, האָט זי געשריבען אין אַן אַנדער בריף, איז וויזהייט, יענע ווייזהייט, וועלכע נעמט אין זיך אַריין אי שיינקייט, אי וואָרהייט, אי גוטסקייט...

צי קאָן דאָס די קונסט מיט אירע מיטלען דערגרייכען? — דאָס איז אַ פראַגע, וואָס איך וויל דאָ ניט אַנרירען. מיך אינטע־רעסירט דאָ נאָר דער אימפּולס צו שאַפען אַזאַ מין קונסט, וואָרים ער אליין, אויב נאָר ער איז עכט און שטאַרק, איז גענוג אַריינצואָטעמען אין איר אַ נייעם, הייסען אָטעם און צו מאַכען זי ציטערען מיט עפּעס גאָר אַ נייעם ציטער, מיט יענעם מער ווי בלויז „עסטעטישען" (און דאָך קינסטלערישען) ציטער, וואָס אַז אַנזאָג אויף אים איז דאָ אין דעם גאַנצען אידישען שאַפען — פון דער ביבעל ביז ביאַליק'ן און איינינע פון די אינגסטע...

## ג.

מיר איז אין די לעצטע יאָרען ניט אויסגעקומען צו לייענען די שריפטען פון י. ח. ברענער, איינעם פון די וויכטיגסטע און אייגענאַרטיגסטע פאָרשטייער פון דער נייער העברעאישער ליטע־ראַטור; נאָר פון אַמאָל איז ביי מיר געבליבען אַן איינדרוק, אַז וויל ער איז צו הייס פאַראינטערעסירט אין דעם לעבען און אין די מענשען, וואָס ער זעט, קאָנען זיי ניט ווערען פאַר אים קיין אָביעקט פון רואיגער, „עסטעטישער" באַטראַכטונג. ווייל ער איז צופיל אַריינגעטאָן אין זיין אייגענעם, אינעווייניגסטען, חשבון הנפש, איז ער ניט מסוגל צו פירען די חשבונות פון אַנדערע, פרעמ־

דע, וועלטען... אזא איינדרוק איז געווען ביי מיר, און מיר דוכט, אז — ניט נאר ביי מיר אליין.

אנדערע זיינען געגאנגען אזוי ווייט, אז זיי האבען פארוויגט ברענער'ן אין א וויגעלע פון א „פובליציסטישען" דיכטער — און עם עקזיסטירען פאר זיי שוין בלויז זיינע ספקות, זיינע פראבלעמען, זיין דרייסטקייט, זיין איינזאמקייט, זיין אויפריכטיגקייט און ניט זיין אייגענטליך קינסטלעריש שאפען. אזוי ווי עס וואלט געווען אויף דער וועלט טאקע נאר איין מין קונסט — א רואיגע, אן „אלימפישע". אין דער אמת'ן הערען זיך שוין לאנג די געבורטסשטימען פון אן אנדער מין קינסטלערישקייט, וועלכער איז באזונדערס נאנט אונז, אידען, און אלע אנדערע אומרואיגע און דורשטיגע נשמות. דאס איז א קונסט, וואס טרינקט פון לעבענס־כוס, ווען ער איז נאך שוימיג, און איר ארט ניט, אז ער גיסט זיך איבער און עם בלייבען „פלעקען" אויף איר ווייסען קלייד. א קונסט, וואס גוט אדער שלעכט איז פאר איר כמעט דאס אייגענע, וואס שיין אדער מיאוס, און וואס דערפאר איז דער מענש — דער איינציגער טייל פון דער נאטור, וואס ווייס פון גוט און שלעכט — פאר איר א ל ץ. א קונסט, וואס שטייט אויפ'ן גרענעץ פון מאראל און רעליגיע — און האט קיין מורא ניט אויך איבערצוגיין דעם גרענעץ. א קונסט, וואס איז ניט קיין שפראך צווישען די שפראכען און קוואל צווישען די קוואלען פון מענשליכען גייסט, נאר די שפראך פון אלע זיינע שפראכען און דער קוואל פון זיינע אלע קוואלען...

די דאזיגע קונסט האט שוין לאנג געלאזט הערען פון זיך — אין די דונערן און בליצען פון בארג סיני, אין די זעאונגען און שטורעמס פון די נביאים, אין די הייליגע רייד פון די אלט־אינדישע דיכטער און אין דער נייער צייט — אין די הייסע אמת־זוכענישען און גערעכטיגקייט־דורשט פון א טייל פון דער רוסישער, סקאנדינאווישער און ניי־אידישער ליטעראטור... היינט פארוואס זאל אויך ברענער ניט גיין אין די וועגען פון דער דאזיגער קונסט? פארוואס זאל אויך ער ניט טארען ציטערן און פלאטערן און בלוטען אין זיינע ווערק, ווען זיין הארץ איז פארוואונדעט? פארוואס זאל ער ניט

טאַרען אַטעמען היים און פיבערדיג? ווער האָט עס די מאָס צו מעסטען די טעמפּעראַטור פון אַ דיכטער און צו באַשטימען, ווען זי איז „נאָרמאַל" און ווען — ניט?

דער עיקר איז — ער זאָל זיין אַ קינסטלער, ד. ה. ער זאָל פון זיין אינעוויינינגסטער וועלט מאַכען אַ וועלט, וואָס עקזיסטירט פאַר אונז אַלעמען; אַ וועלט, וואָס האָט אַ פאָרם און אַ געשטאַלט און וואָס מיר נעמען זי אויף מיט אונזערע חושים, ניט נאָר מיט'ן הוילען געדאַנק. און אַזאַ — פון זיין איך ניט אינגאַנצען אָפּגע־טיילטע, אינטים־ציטערנדיגע, פיבערנדיגע, אָבער דאָך פאַר אונז אַלעמען עקזיסטירענדיגע — וועלט, האָט אונז געגעבען ברענער אין דעם ראָמאַן, וואָס טראָגט דעם אַלטמאָדישען נאָמען: „כשול וכשלון או ספר ההתלבטות".

ער האָט זי אונז געגעבען שטיקערווייז, פלעקענווייז (אויף'ן שטייגער פון די אימפּרעסיאָניסטישע מאָלער). די פלעקען צאַפּלען זיך און וואַרפען זיך יעדערער באַזונדער, אָבער אַז איר רוקט זיך אָפּ אַביסעל אַן אַ זייט און געפינט דעם ריכטיגען פונקט, וואו זיך צו שטעלען און פון וואַנען צו קוקען, דערזעט איר פאַר זיך אַן איינהייטליך און אייגענאַרטיג בילד.

אַ בילד פון אַ לעבען, וואָס קריכענדיג, ווי אַ וואָרעם אַ האַלב צעטראָטענער, איז עס דערקראָכען צום אָפּגרונט, און דאָ, ביי זיין געפערליכען ברעג, ביים מויל פון זיין אַלץ־פאַרשלינגענדיגער פּוסטקייט, האָט עס זיך „באַרואיגט".

איז עס דען ניט דאָס לעבען — און דער סוף — פון י ח ז ק א ל ח פ ץ, דעם „העלד" פון ראָמאַן? האָט ער ניט געפּויזט ווי אַ וואָרעם, זוכענדיג בלינד פאַר זיך אַביסעלע גליק? און איז ניט געוואָרען סם אין אים יעדער זיסער טראָפּען? און איז, צום סוף, אים ניט געוואָרען זים דאָס מיט סם־פולע לעבען? האָט ער ניט געמאַטערט זיך צו זוכען רו ביים ברעג פון אָפּגרונט?

ער פאָרט אוועק פון ארץ־ישראל, וואו ער האָט אינאיינעם מיט אַנדערע אידישע יונגעלייט געאַרבייט פאַר'ן כלל — און ער האָפּט און חלומ'ט אין דער שטיל, אַז דאָרט, אין די גרויסע, פרייליכע

שטעט פון אייראפע, וועט ער געניסען אביסעל פון לעבען. און אט האלט שוין טאקע דערביי, אז זיין חלום זאל מקוים ווערען: ער קריגט ליב א מיידעל אין איינער פון די שטעט, וואו ער וואנדערט ארום, און ווערט איר חתן. קומט באלד אן אנדערער און נעמט זי צו ביי אים. און ווי נעמט ער זי צו? גראב, ברוטאל, מיאוס. און ווער איז דער, וואס נעמט זי צו ביי אים? א קליינליכער, עקעל־האפטער נפש, וואס זיין לעבען איז זאטע באקוועמליכקייט און טעמפע חיה'שע זעלבסטצופרידענקייט. ער קריגט, וואס ער וויל, ווייל ער וויל ווייניג, און דערהויפט, ווייל ע ר ט ר א כ ט נ י ט: ניט טראכטען — ווער עס קאן עס, וועט שוין אזוי אדער אנדערש קריגען זיין ביסעלע עולם־הזה. יחזקאל חפץ קאן עס ניט. ער מוז טראכטען. ער טראכט אפילו דאן, ווען מען דארף ניט — ווען מען דארף טאן. ער גריבעלט זיך אין לעבען, אנשטאט צו לעבען. דאס איז זיין אומגליק און — זיין איינציג „פארגעניגען". אבער אפילו יחזקאל חפץ קאן זיך מיט דעם „פארגעניגען" אליין ניט צופרידענשטעלען, און אז ער קומט צוריק קיין ארץ־ישראל, טראכט ער ווידער וועגען ליבע, און ווידער ליבט ער ניט, נאר ער ט ר א כ ט. און דער סוף איז דער אייגענער, וואס פריער. די, וואס ער טרוימט וועגען איר, די יונגע, שיינע מרים, פארליבט זיך אין אן אנדערען — טאקע אין יענעם אויסגעפוצטען און מאראליש עקעלהאפטען כמילינען, וועלכער האט שוין איינמאל ביי אים צו־גענומען זיין געליבטע — און די, וועלכע קריגט אים ליב, מרים'ס עלטערע שוועסטער, די פארוועלקטע אסתר, וועקט אין אים נאר עקעל און רחמנות. אזוי, אז זיין ליבע צו מרים'ען און די ליבע צו איהם פון מרים'ס שוועסטער, איז פאר אים נאר א קוואל פון ליידען.

אבער ניט אט די ליידען — און אויך ניט די אייביגע גריב־לענישען און טראכטענישען — פון יחזקאל חפץ, איז דער תוך פון דעם ראמאן. זיין תוך איז — דער אומגעריכטער שלוס, צו וועלכען עס קומט, צום סוף, יחזקאל חפץ, — אז כאטש עס איז אזוי שווער און אזוי ביטער צו לעבען אויף דער וועלט, איז דאך גוט צו זיין א לעבעדיג באשעפעניש. אמת טאקע, ער האט אין

לעבען ניט געפונען קיין שום גוטע זאך, וואס עס זאל זיין וואס אנצונעמען, וואס עס זאל האבען עפעס א ממשות, וואס זאל זיך לאזען אויסדריקען אין א געדאנק און אין ווערטער („נתפס במחשבה ובדברים“). פארקערט, זיינע אלע יארען איז ער אפגעקומען, האט געליטען, אומענדליך געליטען, גייסטיג און פיזיש, קיין איין וואונש זיינער איז ניט דערפילט געווארען. אבער דאס לעבען אליין, דאס אטעמען אליין איז א גליק, ווייגיגסטענס א מעגליכקייט פון גליק, און מיר דארפען זיך קלאמערען אן איר מיט אונזערע לעצטע כחות, מיט אונזער גאנצען ארימען און איינגעשפארטען ווילען. צו אט דעם שלום קומט יחזקאל חפץ נאך די אלע גרויסע יסורים, וואס ער האט זיך אנגעזען און אנגעליטען — און אינגיכען (ווי מיר דערוויסען זיך פון פראלאג צום ראמאן) *גייט ער אראפ פון זינען* (שוין צום צווייטען מאל). אלזא, די פילאזאפיע פון „געבענשט זאל זיין דאס לעבען!“ — אלץ איינס וואס פאר א לעבען דאס איז — האט ניט געהאלפען: ער האט דעם עלענד ניט געקאנט אריבערטראגען! און די אלע געדאנקען זיינע וועגען דעם לעבען, ווי וועגען א ציל פאר זיך אליין, זיינען אפשר טאקע געדאנקען נאר פון א משוגענעם אדער אן ערב־משוגענעם. אבער ניט די געדאנקען אליין זיינען דאך דער עיקר, הגם מען מוז זאגען, אז ברענער האט אין זיי אריינגעלייגט זייער פיל דורכגעלויכטענע און דורכגעליטענע לירישקייט. דער עיקר איז: די פסיכאלאגישע מעגליכקייט און אומפארמיידליכקייט פון אזוינע געדאנקען. דער עיקר איז (אזוי פארשטיי איך דעם זין פונ׳ם ראמאן): צו ציינגען ווי דער מענש — יעדערער אויף זיין שטייגער און לויט זיין מדרגה — זוכט עפעס אויס, *מוז* עפעס אויסזוכען אין לעבען, כל־זמן ער איז נאר אביסעלע כאטש ביים זינען. ער מוז אויסזוכען כאטש עפעס א תירוץ, א צוטשעפעניש, אן איינרעדעניש, אן אידעע, א „פילאזאפיע“ — כאטש די פילאזאפיע, אז דאס עצם לעבען (מעג עס זיין אפילו דאס עלענד אומזיניג לעבען פון יחזקאל חפץ) איז א גליק — אבי קאנען אריבערטראגען די ליידען. אזא געדאנק *ארויסזאגען* איז ניט קיין קונץ און ניט קיין גרויסער אויפטו. דער אויפטו איז — ארומרינגלען אונז

מיט דער אטמאספערע פון אט דעם געדאנק און ווייזען אונז אים א פארקערפערטען אין פלייש און בלוט.

און דאס טוט ברענער אין זיין נייעם ראמאן. ער טוט עס דורך דעם, וואס צייגענדיג אונז דעם שוידער פון יחזקאל חפצ׳ם (און אלעמענס) לעבען, לאזט ער אים מיט אמאל אויפלייכטען אין דעם געלייטערטען שמייכעל פון א הייליגען, ביז ער ווערט צוריק פארזונקען אין משוגעת און פינסטערניש. ער לאזט דעם הויפט־העלד זיינעם, יחזקאל חפץ, צופיל רעדען, צופיל טענה׳ן מיט זיך אליין און חקירה׳ן זיך און גריבלען זיך; ער לייגט אים אפט, צו אפט אריין אין מויל זיינע אייגענע, ברענערשע, רייד. אבער מיר הערען דאך נישט נאר די — אגב, טיף דורכגעלעבטע און ביז צו דרייסטקייט אויפריכטיגע — רייד פון יחזקאל חפץ; מיר הערען אויך זיין פולס, זיין אטעם. און אחוץ אים זיינען דאך דא אין ראמאן נאך אנדערע וויכטיגע געשטאלטען — און עטליכע פון זיי זיינען קינסטלעריש נאך בולט׳ער ווי ער, דער הויפט־העלד, אליין. דערהויפט איז געלונגען ברענער׳ן די קולטור־היסטארישע פיגור פון דעם אלטען משכיל, יוסף חפץ. דאס איז א מאנומענטאלע געשטאלט. ער האט געדארפט זיין אייגענטליך דער צענטער פון גאר א זעלבסטשטענדיגען ווערק. דא שטערט ער אביסעל די פראפארציע. מיט דער פולקייט פון זיינע (אויסערליכע און אינערליכע) שטריכען און מיט דעם גאנצען פארנעם פון זיין, ווי פון איין גוס געמאכטער, געשטאלט, פארשטעלט ער און פארטונקעלט דעם הויפט־העלד, יחזקאל חפץ. אבער אויב ער שטערט אביסעל די ארכיטעקטור, פאסט ער זיך דאך גוט אריין אין דער אטמאספערע פון ראמאן: ער העלפט זי מאכען שווער און יאוש׳דיג. ער פילט זי אן מיט יענעם אפענעם, נאקעטען, נאאיווען און דאך קרענקליכען מאניאקאלישען עגאצענטריזם (אדער, פשוט, עגאאיזם), פון וועלכען עס ליידען — ווער אויף אן איידעלערען און ווער אויף א גראבערען אופן — כמעט אלע פארשוינען ברענער׳ס, און פון וועלכען עס זוכט — און געפינט ניט — קיין אויסוועג דער הויפט־פארשוין פון דעם ראמאן, יחזקאל חפץ.

אין י ו ס ף חפץ, ווי אין די איבעריגע פאָרשוינגען אין דער גאַנצער אַלט־אָרץ־ישראל׳דיגער סביבה פון דעם ראָמאַן, זיינען דאָ נאָך זייער פיל שטריכען און שטריכעלאַך, וואָס זיינען וויכטיג און אינטערעסאַנט, סיי קינסטלעריש און סיי פובליציסטיש, אָבער איך וויל זיך דאָ אויף זיי ניט אָפּשטעלען. דאָ וויל איך נאָר זאָגען, אַז ווען מען לייענט דורך דעם ראָמאַן פון י. ח. ברענער, זעט מען, אַז דער עטישער, אָדער, ריכטיגער, אידישער טעמפּעראַמענט פון דעם שרייבער שטערט אים ניט צו שאַפען לעבעדיגע קינסטלערישע געשטאַלטען. פון דעם פאַרפאַסערס אומרואיגקייט, צעוואָרפענקייט און לירישער פאַראינטערעסירטקייט ליידט אביסעל די געוויינליכע אַרכיטעקטאַנישער גאַנצקייט פון דעם ווערק; דערפאַר אָבער אָטעמט עס מיט אַ הייסען ציטערנדיגען און אָנשטעקעדיגען אָטעם פון לעבען.

### ד.

די אידישע ליטעראַטור האָט זיך פון תמיד־אָן אָפּגעגעבען מער מיט׳ן כלל, ווי מיט׳ן פרט, מער מיט כל ישראל, ווי מיט רב ישראל. אפילו שולמית, די שוואַרצאויגיגע, איז געוואָרען ביי אונז אַ משל אויף דער כנסת ישראל...

האָט זיך עס גענומען דערפון, וואָס אונזערע ספרים זיינען געווען דאָס רוב היילינע ספרים, „געטליכע ביכער“, ווי מען פלעגט זיי רופען אין מיטעלאַלטער — און גאָט, אונזער אידישער גאָט, רעדט צום פרט נאָר דורכ׳ן כלל?

אָדער איז עס דערפאַר, וואָס דער פרט גופא איז געווען ביי אונז אַזוי אויסגעבונדען און אויסגעמישט מיט׳ן כלל, אַז זיין אייגענעם, אָפּגעזונדערטען איך האָט ער ווייניג געפילט?

אָדער, גאָר פשוט, דער „קראַנקער צושטאַנד“ פונ׳ם כלל־ישראל האָט אונז געצוואונגען זיך אָפּצוגעבען מיט אים נאָכאַנאַנד און שענקען איהם אונזער גאַנצע אויפמערקזאַמקייט און אונזער שאַפונגס־ווילען?

אַזוי צי אַזוי — אָבער עס איז אַ פאַקט, אַז די אידישע נאַציאָ

איז ניט בלויז די שאפעריז, דער סוביעקט פון דער אידישער ליטע־ראטור, נאר אין א גרויסער מאס אויך איר אביעקט...

אין אנדערע ליטעראטורעז „שפיגעלט זיך אויך אפ“ דאס לע־בען פון דער נאציע. אבער דאס לעבען פון דער נאציע איז ניט די נאציע אליין... פושקין, גאגאל, טאלסטאי אדער דאסטאיעווסקי אטעמען געוויס מיט דעם אטעם פון דעם רוסישען פאלק, אבער יעווגעני אנעגין, כלעסטאקאוו, פירשט באלקאנסקי, די ברידער קאראמאזאוו און אנדערע העלדען זייערע זיינען דאך ניט דאס רוסישע פאלק, נאר איינציגע רוסען, בעת דער „הויפטהעלד“ פון אונזער ליטעראטור איז דאס גאנץ אידיש פאלק. זיין כלל־גורל, ניט דער גורל פון דער איינציגער פערזענליכקייט, איז דאס, וואס פילט־אן די לופט פון אונזער ליטעראטור... די „נביאים“, וועלכע רעדען וועגען פאלק און פעלקער, זיינען עד היום אונז נענטער, דאכט זיך מיר, ווי „איוב“, „משלי“ אדער אפילו „תהלים“, וואו עס טרעט אויף דער יחיד... מיר האבען זיך ניט אויסגעלערנט צו ד א וו נ ע ן ביחידות, כאטש מיר זיינען „אזוינע אינדיווידוא־ליסטען“ אין וואכעדיגען לעבען — און דער אידישער שרייבער איז, פריער ווי אלץ, א שליח צבור...

אמת, דער „צבור“, דער כלל, דאס פאלק פארנעמט א גרויסען פלאץ אויך אין אנדערע ליטעראטורען, אבער דאס איז דערהויפט אין דעם ערשטען, „פארהיסטארישען“ פעריאד פון זייער אנטוויק־לונג... נאך האמער׳ן, וואו מיר זעען דאס לעבען — און די פאנ־טאזיע — פון דעם גריכישען כ ל ל, קומען די — ניט ווייניגער נאציאנאלע — גריכישע טראגיקער, וועלכע גיבען זיך שוין אפ מיט׳ן פ ר ט. און אפילו ביי האמער׳ן זיצט אויבענאן ניט דאס פאלק, נאר זיין העלד, די גרויסע פערזענליכקייט. און אזוי איז עס אין יעדען „הערעאאישען עפאס“: די געשיכטע פון פאלק איז די גע־שיכטע פון העלדען... ביי אונז איז, פארקערט, די געשיכטע פון די העלדען אפילו — די געשיכטע פון פאלק...

אונזער ליטעראטור איז אומפערזענליך, פונקט אזוי ווי אונזער גאט. און אזוי ווי ער, איז זי נאציאנאל, אפילו דאן, ווען זי זעט אויס צו זיין (אויך אזוי ווי ער) אוניווערסאל. אפילו דאן, ווען

זי דערוויטערט איר בליק ביז צו אשור און בבל, צור און צידון און אלע אנדערע קעניגרייכען פון דער וועלט — איז ניט די וועלט, נאר א ו נ ז ע ר ארט אין איר די רעטעניש, וואס זי זוכט צו טרעפען...

איז עס גוט אזוי? — דאס איז א פראגע, זייער אן ערנסטע פראגע, וואס איך וויל זיך דא ניט אפשטעלען אויף איר. אבער צי גוט צי שלעכט — עס איז אזוי באשערט, אז דער הויפט־דיאלאג זאל אין דער אידישער ליטעראטור זיך פירען אדער צווישען גאט און דער כנסת ישראל, אדער צווישען די, וואס זוכען גאט און דער כנסת ישראל...

אפילו די נייע אידישע ליטעראטור און אפילו די נייסטע, וואס האט געזאגט: „לאמיר בויען א טעמפעל פאר דעם איינציגען מענשליכען איך!" — אפילו זי האט ניט פארטריבען דעם שאטען פון כלל, וואס גייט נאך אונז נאך. א געוויסע צייט איז ער געווען ניט צו באמערקען, אזוי ווי די מרידה פון דער איך־ליטעראטור וואלט אים אינגאנצען שוין פאריאגט, און די נאציאנאלע מאטיוען ביי א טייל פון די יונגע האבען אויסגעזען צו זיין הוילע איך־מאטיווען. אבער דער גייסט (אינאיינעם מיט'ן וויטאג און מיט דער שאנד, וואס איז נאך גרעסער פאר'ן וויטאג) פון כלל האט אויפגעוואכט ווידער, און ווידער האט זיך אנגעהויבען אין דער אידישער ליטעראטור דער אלטער געשפרעך צווישען דער כנסת ישראל און אונז, אירע קינדער...

דער דאזיגער געשפרעך דריקט זיך אין דער פראזע ביי אונז אויס דערהויפט אין אידיש־היסטארישע דערציילונגען, ראמאנען און דראמעס, אבער אין דער ליריק שפייזט ער זיך מיט אקטועלע נאציאנאלע טעמעס, דערהויפט מיט דער פאגראם־טעמע... אן א שיעור אידישע לידער פון די לעצטע יארען טראגען ווידער אויף זיך, ווי אמאל די קינות און פיוטים, די בלוטיגע צייכענס פון אונזער צרת הכלל, די צייכענס, וואס האבען זיך די לעצטע צייט אזוי איינגעשניטען אונז אלעמען אין דער נשמה...

קיין נייע „משא נעמיראוום" זיינען ניט באשאפען געווארען, אבער עכאס פון יענעם מעכטיגען דונער הערען זיך נאך עד היום

אין דער אידישער ליריק. און ניט נאָר די „צער און צאָרן״־מאָטיוועז, אויך אַנדערע, ביאַליק׳שע, כלל־ניגונים הערען ניט אויף זיך איבערצו׳חזר׳ן אין דער העברעאישער און אידישער פּאָעזיע... קענטיג, אַז דער איד־ליריק, וועלכער האָט זיך פאַרשטאַרקט אַזוי, איז דאָך ניט באַשערט צו פאַרטרייבען די כלל־מאָטיוועז פון דער אידישער פּאָעזיע. זיי האָבען ביי אונז צו טיפע וואָרצלען און אַ צו גרויסע טראַדיציע, און זיי האַלטען איצט ניט ביי פאַרוועלקען, נאָר גיכער אין אויפבליען.

(1920)

## VII די נייע מיסיע פון דעם אידישען בוך.

מיר האָבען אידישע צייכנערס, מאַלערס, סקולפּטאָרס מער, וויפיל אידישע שרייבערס. און טאַלאַנטען זיינען אויך דאָ צווישען זיי זיכער ניט אין א קלענערע צאָל, ווי צווישען די פאָרשטייער פון דער אידישער ליטעראַטור. און דאָך איז די קונסט ניט געוואָרען נאָך אין לעבען פונ'ם אידישען כלל אַזאַ כח, ווי די ליטעראַטור. די אידישע קינסטלער האָבען ניט געשאַפען נאָך קיין אידישע קונסט. עס זיינען דאָ איינציגע אידישע קונסטווערק, זיי האָבען זיך נאָך אָבער ניט אויפגעגאָסען אין יענער העכערער איינהייט, וואָס וואָלט געקאָנט הייסען: נאַציאָנאַלע אידישע קונסט...

די „בילדענדע" קונסט איז נאָך אַלץ ביי אונז א זאַך פון יחיד, ניט פון כלל. דער כלל האָט אויך אויף דער וואָרט־קונסט (ווי ווייט זי איז ב ל ו י ז קונסט) ניט געגעבען נאָך קיין הכשר. אָבער זי גנב'עט זיך דאָך אַריין ביסלאַכווייז אין זיין לעבען און אפילו אויך אין זיין באַוואוסטזיין. זי האָט די געשטאַלט פון ספרים — און ליטעראַטור, ספרים זיינען תמיד אונז געווען טייער...

עס איז געווען ביי אונז אַן אונטערשייד צווישען אמת'ע ספרים און ספרים חיצונים, טריף־פּסול'ען; אָבער די לעצטע האָבען שוין געפונען אַ וועג, ווי זיך צענויפצעמישען מיט די ערשטע, אַזוי, אַז מען זאָל זיי ניט פאַרוואַרפען. האָט דער איד זיך צוגעוואוינט צו זיי און ביסלאַכווייז הויבט ער אָן צו פילען אין זיי אַ טעם גאָר ווי אין די אַלטע ספרים... דאָס ו ו אָ ר ט האָט ער שטענדיג ליב געהאַט, הויבט ער אָן צו ליבען אויך די ק ו נ ס ט פ ו ן ו ו אָ ר ט.

אָבער די קונסט פון צייכענען, מאָלען אָדער קלעפּען — זי האָט זיך נאָך ניט אָן וואָס אָנצושפּארען אין דעם אידישען לעבען. עס זיינען ניטאָ נאָך פאַר איר אונטען קיין וואָרצלען און אַרום איר קיין לופט... זי איז אָן אַ טראַדיציע... עס זיינען ניט געווען קיין פּאַלאַצען אין געטאָ, און עס האָט זיך ניט געקאָנט ביי אונז אַנטוויקלען קיין אַרכיטעקטור. מיר האָבען ניט געהאַט קיין פּלאַץ און קיין זיכערקייט פאַר גרויסע מאָנומענטען, זיינען געווען ביי אונז מצבות־קריצער, ניט קיין סקולפּטאָרס. און אונזער מאָל־ און צייכען־קונסט איז געווען אַ „מזרח" אויפ'ן וואַנט, די „מזלות" אויפ'ן סופית פון שול, אַ לייב, וואָס איז ענליך אויף אַ קליינשטעטעלדיגען רב, אָדער עטליכע „מענשעלאך" אין דער הגדה...

די קינסטלערישע אינסטינקטען האָבען ביי אונז ניט אינגאַנצען געפעלט. די זאמלונג פון אידישע קונסט־זאַכען, וואָס עס פאַרמאָגט די פּעטערבורגער אידישע „עטנאָגראַפישע עקספּעדיציע" (געשאַפען און אָנגעפירט פון ש. אנ—סקי) און אַנדערע אידישע קונסט־זאַמלונגען צייגען, אַז אַמאָל דאָ און אַמאָל דאָרטען פלעגט אויפבליצען ביי אידען אַ חשק און אַ טאַלאַנט צו קונסט, — און דער זעלביגער פאָלקס־גייסט, וואָס האָט געשאַפען וועלטליכע לידער און מעשיות, כאָטש מען האָט „ניט געטאָרט", האָט אויך געשניצט שיינע ארון־קודש'ן, געגאָסען חנוכה־לעמפּלאַך, מיט „צאַצקעס", גראַווירט אַ הדס'ל, אַן אתרוג־פּושקע, אַ קדוש־בעכער, אויסגעהאַפטען אַ פּרוכת, אַ מענטעלע, אָנגעשריבען אַ מגלה מיט באַפּוצונגען, אָפּגעדרוקט אַ טייטש־חומש אָדער אַן הגדה מיט צייכענונגען און בילדער... די קונסט־כחות, וואָס האָבען זיך געשטיקט אין דער פאָלקס־נשמה, זיינען ניט דערשטיקט געווען אינגאַנצען; אָבער קיין פרייהייט צו אַנטוויקלען זיך האָבען זיי ניט געהאַט. די פירענדיגע גייסטער פון פאָלק, די רבנים און לומדים, די, וואָס האָבען פאָרמירט און פאָרמולירט דעם פאָלקס מיינונג, האָבען ניט געהאַלטען פון קונסט און געלאָזען איר (אין בעסטען פאַל) נאָר דינען דער רעליגיע און באַשיינען אירע הייליגע חפצים... ביי די קריסטליכע פעלקער האָט די קונסט אין מיטעלאַלטער ג ע מ אַ כ ט ז י ך, אַז זי איז אַ דינסט ביי דער קירך, אין דער אמת'ן האָט

זי די קירך און די רעליגיע אויסגענוצט צוליב אירע אייגענע, קינס־טלערישע, צילען. ביי אונז, אז עס פלעגט זיך ווייזען אמאל א קינסטלער, פלעגט ער אדער אוועקגיין פון אונז, אדער ער איז גע־ווען טאקע נאר א שמש ביי דער אמונה.

און אז עס איז געקומען איצט דער וועלטליכער קינסטלער, האט ער זיך ניט צו וואס צוצוקלעפען און וואו אנצו־ווענדען זיינע כחות. פון דער רעליגיע מיט אירע חפצים און אינס־טיטוציעס איז ער אפגעריסען, און אויך דאס פאלק איז שוין ניט אזוי צוגעבונדען צו איר, ווי אמאל, און עס גיט שוין ניט ארויס פון זיך מער קיין אריגינעלע „מזרח"־מאלערס און ארון־קודש־שני־צערס... אין דער אידישער רעליגיעזער קונסט קאן א נייעס לעבען ארייבלאזען נאר א נייע רעליגיעזע באוועגונג צווישען אידען. און צו א וועלטליכער קונסט איז דאס אידישע כלל־לעבען ניט צוגע־גרייט, ניט צוגעוואוינט.

עס זיינען (אויסערליך) צו איר צוגעגרייט געוויסע קליינע גרופען פון די „העכערע קלאסען" און דער אינטעליגענץ; אבער זיי לעבען ניט קיין אידישען לעבען און קאנען ניט שאפען קיין לופט פאר אידישער קונסט. דאס, וואס זיי שיצען און שטיצען איז אידישקייט־קונסט (אידען אין טליתים, אידענעס, וואס בענשען ליכט, יום־כפור־בילדער, מנורה־צאצקעס א. ד. גל.) אבער אידיש־קייט־קונסט איז ניט קיין קונסט, פונקט ווי קונסט־אידישקייט (דאס איינציגע, וואס יענע אידען פארמאגען), איז ניט קיין אידיש־קייט. דאס איז נאר א בענקעניש; דאס איז א פוסטקייט, וואס האט זיך דערשראקען פאר זיך אליין און זוכט „נאציאנאלע" קמיע'ס און אפשפרעכענישען... צווישען די „נאציאנאל־געשטימ־טע" אידען פון די העכערע קלאסען קאן, קיין אידישע קונסט זיך ניט אנטוויקלען, פונקט אזוי ווי זי קאן זיך ניט אנטוויקלען צווישען די ניט־נאציאנאלע אידען פון די דאזיגע קלאסען, און קיי־נע פון די ביידע גרופעס קאן ניט שפילען ביי אונז די ראליע פון קונסט־שטיצער, וועלכע עס שפילען די „העכערע"־שיכטען ביי אנ־דערע פעלקער.

בײ אונז מוז קומען אַלץ „פֿון אונטען“, פֿון פֿאָלק. מיר מוזן זײַן דעמאָקראַטען פֿון רײַן קינסטלערישען שטאַנדפּונקט. נאָר דאָרט, וואו עס איז דאָ אַן אײגענער לעבענסשטײגער — נאָר בײ די אידישע פֿאָלקסמאַסען — קאָן זײַן אַן אײגענער סטיל אין שאַפֿען. און ווי די אידישע ליטעראַטור, אַזוי וועט אויך די אידישע קונסט קומען פֿון פֿאָלק — אָדער זי וועט גאָרניט קומען.

דאָס פֿאָלק אָבער וועט האָבען אין זײַן לעבען אַ פּלאַץ פֿאַר „בילדענדער“ קונסט נאָר דאַן, ווען עס וועט אויסבויען אַזוינע נײַע געבײידעס און שאַפֿען אַזוינע נײַע חפצים, וועלכע וועלען פֿאַרנעמען אין זײַן לעבען אַזאַ חשוב’ן אָרט, ווי עס האָט אַמאָל פֿאַרנומען די שול, דער בית מדרש און אַלץ, וואָס איז שײך צום רעליגיעזען לעבען.

דער מענש פֿון פֿאָלק קאָן זיך בײ די הײנטיגע אומשטענדען ניט אָפּגעבען מיט קונסט אַלײן, פּריוואַט, ביחידות, ווי דאָס טוט דער מענש פֿון די אויבערשטע געזעלשאַפֿטליכע שיכטען. ער קאָן עס ניט, ער זאָל אפילו האָבען גענוג צײַט און הרחבת הדעת. ער האָט פּשוט ניט קײן געלד צו לאָזען מאָלען פֿון זיך פּאָרטרעטען; ער קאָן ניט קויפֿען קײן בילדער בײ קינסטלער און האָט זײ ניט אפילו וואו אויפֿצוהענגען בײ זיך אין שטוב; און צום סקולפּטאָר און אַרכיטעקט האָט ער געוויס ניט קײן צוטריט... ער קאָן געברויכען דעם קינסטלער נאָר אינאײנעם מיט אַנדערע פֿאָלקס־מענשען. אַזוי ווי ער פֿאַראײניגט זיך מיט אַנדערע ל י י כ ט ע ר צו מאַכען זיך דאָס לעבען, אַזוי קאָן ער אויך ש ע נ ע ר אים מאַכען מיט פֿאַראײניגטע כחות. ער שאַפֿט אינאײנעם מיט אַנדערע מיט־גלידער פֿון זײַן פּאַך אָדער קלאַס יוניאַנס, קאָאָפּעראַטיווען, פּאָליטישע פּאַרטײען; ער בויט פֿאָלקסהײַזער, „לײבאָר לײסעאומס“, סאַנאַטאָריעס; פֿאַרוואָס זאָל ער זײ ניט בויען מיט געשמאַק? אין די געזעלשאַפֿטליכע געבײידעס, וואָס דאָס פֿאָלק שאַפֿט מיט זײַנע אײגענע מיטלען, קאָן זײַן פּלאַץ פֿאַר דעם אידישען מאָלער, סקולפּטאָר, אַרכיטעקט. דאָס, וואָס עס קאָן זיך ניט פֿאַרגינען דער יחיד פֿון פֿאָלק, קאָן — און דאַרף — זיך פֿאַרגינען דער כלל...

און נאָך אַ מעלה האָבען מיר, ווען מיר זײַנען אינאײנעם: מיר

זיינען ארומגעוועבט דאָן מיט אַן אייגענער לופט, מיט אַ כּלל־לופט, וועלכע נעמט אויך אַרום דעם קינסטלער, ווען ער קומט מיט איר אין בארירונג, גיסט אים צונויף מיט זיך, מאַכט שטאַרקער פּולסירען אין אים דאָס בלוט פון די דורות, דאָס גע׳ירשנ׳טע בלוט, און עפענט אויף פאַר אים דעם וועג צו די סודות פון דעם קאָלעק־טיווען שאַפען און נאַציאָנאַלען סטיל...

איך בין דערפאַר זיכער, אַז דער וואוקס פון דער סאָציאַלער און קולטורעלער קראַפט פון די אידישע מאַסען, די פאַרגרעסערונג פון זייער קאָלעקטיווען שאַפען אויפ׳ן סאָציאַלען און קולטורעלען געביט וועט געבען די מעגליכקייט צו אַנטוויקלען זיך אויך דער אידישער קונסט. איך גלויב אין דער צוקונפט פון דער אידישער קונסט, ווייל איך גלויב אין די אידישע פאָלקס־מאַסען... ווער האָט מיט פערציג — פופציג יאָר צוריק גערעכענט, אַז די „חשב׳דיגע אידישע מאַסע" וועט אויף איר „אַרימען זשאַרגאָן" שאַפען אַ קינסטלערישע ליטעראַטור? פונדעסטוועגען האָט זי זי געשאַ־פען. אַזוי וועט זי אויך אַרויסברענגען פון זיך מאָלעריי, סקולפּטור און אפילו אַרכיטעקטור... איך זע אין מיין פאַנטאַזיע אידישע טעאַטערס אין אַן אייגענאַרטיגען סטיל געבויט, פון אידישע מאַ־לערס דעקאָרירט, מיט די ווערק פון אידישע סקולפּטאָרס באַפּוצט... איך זע אידישע מוזייען און אידישע פאָלקס־הייזער, וואו עס רוט די שכינה פונ׳ם אידישען שאַפען, ווי זי האָט גערוט אַמאָל אויפ׳ן געמאָלטען עמוד און געשניצטען אַרון־קודש... איך זע, ווי אידישע פּרויענהענט נייען אויס זיידענע פאַנען און סאָציאַלע עמבלעמס מיט דער זעלביגער צאַרטער און ציטערדיגער ליבשאַפט, מיט וועל־כער זיי האָבען אַמאָל געהאַפטען פּרוכת׳ן און תפילין־זעקלאַך...

אָבער עס וועט נאָך דויערן, — ווער ווייס וויפיל עס וועט נאָך דויערן, — ביז עס וועט אויפוואַכען און אויסלייטערען זיך אין די אידישע מאַסען דער געשמאַק פאַר וועלטליכער קונסט און ביז די נייע, וועלטליכע, בנינים, וואָס זיי בויען, וועלען לאָזען אין זייער לעבען אַזוינע טיפע וואָרצלען ווי די, וואָס עס האָט געהאַט אַמאָל די שול מיט אַלע אירע טייערע און הייליגע כּלים. און ביז דאַן איז אין אונזער לעבען דאָ פּלאַץ נאָר פאַר איין קונסט — דאָס

איז די קונסט פון גראפיק. פאר איר איז דא א וועג צום אידישען לעבען — דער וועג, וואס דאס בוך האט פאר איר אויסגעטראטען. דאס בוך האט שוין לאנג ווארצלען אין אונזער לעבען; קאן זי זויגען זיינע ווארצלען. איך וויים ניט, צי קאן זי העלפען דעם בוך פארשפרייט און באליבט ווערען; זי קאן אבער זיכער זיך אליין באהעפטען, א דאנק אים, מיט דעם באוואוסטזיין פון פאלק.

זי איז, אגב, ניט אזא נייעס פאר דעם אידישען עולם, ווי מאלעריי אדער סקולפטור. עס איז דא ביי אונז א געוויסע טראדיציע פון גראפישער קונסט. דאס האט מען נאר אין די לעצטע צייטען ביי אונז געדרוקט ספרים אז געשמאק און אן קיין שום ברעקעל אינטערעס צו זייער אויסזען. אמאל פלעגט מען דרוקען אידישע ספרים מיט ליבשאפט און אפט מיט קונסט. מען פלעגט זארגען פאר דער שיינקייט פון דעם שריפט, פון דעם זאץ און דער גאנצער „חיצוניות“ פונ'ם ספר; מען פלעגט באפוצען די ספרים מיט שיינע שער־בלעטער, מיט האלצשניטצייכענונגען און מיט כל־ערליי וויניעטען. אין דער ביבליאטעק פון דעם „אזיאטישען מוזיי“ אין פעטערבורג און אייניגע אנדערע ביבליאטעקען קאן מען זען הגדה'ס און אנדערע אידישע ספרים, וואס זיינען, פון גראפישען שטאנדפונקט, אמת'ע קונסטווערק.

אפילו איצט דרוקט מען נאך מגילות, הגדות, טייטש־חומשים און ענליכע פאלקס־ספרים מיט צאצקעס און „מענשעלאך“. עס איז אפילו אז־אד־און־ווי צו די היינטיגע צאצקעס מיט די היינטיגע מענשעלאך; זיי זיינען דאך אבער א זכר פון יענע צייטען, ווען אידישע דרוקערס און ארויסגעבערס האבען געוואוסט, אז אויב פאר'ן למדן איז גענוג, אז מען גיט אים די קליינע אותיות־לאך מיט די שווארצע פינטעלאך, איז עס פאר דער פרויענצימער, דעם קינד און מענשען פון פאלק — ווייניג: זיי מוז מען, אינאיינעם מיט די אותיות און די נקודות, געבען אנדערע, מער לעבעדיגע, מער בילדליכע, צייכענס...

די נייע אידישע ליטעראטור איז ביז דא גאר ניט לאנג געווען אזוי ווי פאר'שיכור'ט פון איר אייגענער בילדליכקייט און קינסטלערישקייט, און איר איז ניט אנגעגאנגען קיין שום אנדער קונסט,

אחוץ איר אייגענער; איר האט ניט אינטערעסירט אפילו די קונסט, וואס איז איר צום נאנטסטען — די דרוק־קונסט און די גראפיק. אבער אין די לעצטע יארען מערקט זיך א גרויסע ענדערונג אין דעם פרט. די גראפישע קונסט רייסט זיך ווי מיט גוואלד אריין אין די גרענעצען פון דער אידישער ליטעראטור. די אידישע קונסט האט אזוי ווי דערפילט מיט אמאל, אז דאס בוך איז דער זיכערס־טער וועג, וואס קאן זי פירען אין אידישען לעבען אריין — און זי האט זיך מיט אימפעט און האפענונג געלאזט אויף דעם דאזיגען וועג. אידישע קינסטלער האבען זיך אנגעהויבען צו קלעפען און צו טוליען זיך צום אידישען בוך. וואו נאר זיי קריגען אין אים א פרייען פלאץ, פילען זיי אים אן מיט זייערע צייכענונגען און בילדער.

גראפיק איז געווארען א מאדע, א מאניע. פונקט ווי כמעט אלע אידישע מאלער זיינען געווארען גראפיקער, פלאך־מאלער און בוך־קינסטלער, אזוי זיינען כמעט אלע אידישע ביכער געווארען „קונסט"־ביכער. אייניגע פון זיי זיינען לכתחילה ארויסגעגעבען געווארען ניט אזוי צוליב זייער ליטעראַרישען, ווי צוליב זייער גראפישען מייל. אזוינע זיינען די אויסגאבען פון דער קינסטלער־גרופע „שמיר" אין מאסקווע, „די תבה" אין ווארשע, „יונג־אידיש" אין לאדז... וואס פאר א גראד קינסטלערישקייט עס האבען די אלע אויסגאבען — דאס לאז איך איבער פאר פאך־לייט, זיי זאלען זאגען; מיך אינטערעסירט דא נאר דער פאקט, וואס ארום דעם אידישען בוך הויבען זיך אן צו גרופירען די אידישע צייכ־נערס און מאלערס, ניט נאר די אידישע שרייבערס, און דאס אי־דיש בוך ווערט אויף דעם אופן דער פארשפרייטער (דערוויייל דער איינציגער פארשפרייטער) פון קונסט איבערהויפט, ניט נאר פון ווארט־קונסט צווישען אידען. דאס גיט צו דעם אידישען בוך נאך א נייע חשיבות און לייגט אויף אים ארויף נאך א נייע פאראנט־ווארטליכקייט.

(1920)

## VIII ראָמאַן און ראָמאַנטיזם.

### א.

— וואָס פאַרמאָגט די היינטיגע אידישע ליטעראַטור, וואָס האָט זי אויפגעטאָן?

אויף דער דאָזיגער פראַגע איז נאָך ניט געקומען די צייט צו ענטפערן. ווען אַ דור האָט אָפּגעטאָן זיינס, ערשט דאַן קאָן מען וויסען, וואָס ער האָט אויפגעטאָן. דער היינטיגער ליטעראַרישער דור איז נאָך ניט אַוועק אין זיין רו אַריין.

גרינגער איז צו געבען אַ תשובה אויף דער פראַגע: „וואָס וויל די היינטיגע אידישע ליטעראַטור, וואָס זוכט זי?“

דער ווילען פון אַ כלל רעדט מיט מעשים. קוקען מיר זיך צו צו דעם, וואָס טוט זיך אין אונזער איצטיגער ליטעראַטור, באַקומען מיר אויף דער שאלה: „וואָס וויל די היינטיגע אידישע ליטעראַטור, וואָס זוכט זי?“ דעם פאָלגענדען ענטפער: די היינטיגע אידישע ליטעראַטור וויל שאַפען אַ ראָמאַן, און אירע זוכענישען זיינען ראָמאַנטיש.*)

ראָמאַן — אין דער פאָרם, ראָמאַנטיזם — אין אינהאַלט. דאָס זיינען די צוויי טענדענצען, די צוויי הויפּט־שטרעבונגען פון דער היינטיגער אידישער ליטעראַטור.

מיט עטליכע יאָר צוריק איז געווען אַ מאָדע אויף דראַמע. די עלטערע שרייבער האָבען געשריבען דראַמעס, די אינגערע —

---

*) געשריבען אין יאָר 1913.

דראַמעס, די אַנהויבער — דראַמעס, די גראַפאָמאַנען — דראַמעס... אין די קליינע שטעטלאך האָט די מאָדע, ווי דער שטיינער איז, פאַר־שפּעטיגט — זיינען נאָך איצט די קערב פון די רעדאַקציעס פול מיט פּיעסעס, ס'רוב פינף־אַקטיגע... דאָס איז געווען עפּעס אַ מין איבערגאַנג, אין וועלכען מען האָט פון היץ גערעדט מיט דיאַלאָגען. זעלטען ווער פון די פריש־געבאַקענע „דראַמאַמאַנען" איז אויסען געווען צו ווייזען זיך מיט זיינע פאַרשוינען אויף דער סצענע, זעל־טען ווער פון זיי האָט געוואוסט, גאָר געוואָלט ווייסען, וואָס איז דאָס אַזוינס סצענע; מען האָט געשריבען ניט פאַר'ן טעאַטער, מען האָט געשריבען — „דראַמעס"...*) איך געדיינק, ווי פאַרשעמט איינער אַ שטילער מענש מיט אַ באַהאַלטענעם שטאָלץ, אַ ליריקער בטבע, האָט מיר איינגערוימט אין אויער אַ סוד וועגען אַ פּלאַן פון אַ דראַמע, וואָס ער האָט אין קאָפּ. ער האָט זיך געשעמט, ווייל ער האָט געפילט אַליין, אַז ניט ער, נאָר דער דיבוק פון דער צייט רעדט פון אים; אָבער פּטור ווערען פון ד י ב ו ק האָט ער ניט געקאָנט: די גאַנצע לופט אַרום איז געווען אַזוי ווי אָנגעזעטיגט מיט די באַצילען פון דער דראַמע־מגפה.

און עס קאָן זיין, אַז ס'איז גראָד געווען ניט בלויז קיין מאָדע־קאַפּריז, און ניט בלויז קיין קנאה־געפיל צו די פּאָר אידישע טע־אַטער־שטיק, וואָס זיינען דאַן אויפגעפירט געוואָרען אויף דער איי־ראָפּייאישער בינע, נאָר עפּעס אַן ערנסטערע משוגעת. דער „שטור־רעם און דראַנג" פון יאָר 1905 האָט אויפגערייצט דעם ווילען — אָבער נאָר אויפגערייצט. זיינען די רעשטלאך, וואָס זיינען געבליבען פון דעם צעשאָסענעם לעבענסווילען, אַוועק אין דער ליטעראַטור אריין: פון „ווילען צום קאַמף" איז געוואָרען אַזוי ווי אַ מין „ווילען צו דראַמע" (דראַמע איז דאָך אויך קאַמף, נאָר אי־נעווייניג אין מענשען גופא).

אָבער דער לא־יוצלח אין לעבען — דער רעוואָלוציאָנערישער קאַמפּס־ווילען — איז געווען נאָך אַ גרעסערער שלימזלניק אין דער ליטעראַטור. און אַנדערש האָט עס ניט געקאָנט זיין. די צייט

---

*) דאָ רעדט זיך וועגען רוסלאַנד, ניט וועגען אַמעריקע.

נאָך די קאַטאַסטראָפעס פון די יאָרען 1905—1906 איז געווען אַ צייט פון צווייפעל און פאַרצווייפלונג, פון שוואַכקייט און מידקייט און — ליריק; ניט קיין צייט פון זיכערקייט און קאַמף און ענער־גיע און כאַראַקטער — ניט קיין צייט פון דראַמע... דער חשק צו דראַמעס איז געווען אַפּנים ניט מער, ווי אַ קרענקליכע אילוזיע, אַ נאָכצאַפּלעניש, אַ ליטעראַרישע ספּאַזמע פון דער נאָר וואָס אָפּ־געקרענקטער לעבענס־דראַמע...

נאָר אַחוץ דער סיבה, וואָס איז געלעגען אין דער פּסיכאָלאָ־גיע פון דער צייט, איז פאַראַן נאָך אַ טיפערער טעם, פאַרוואָס די דראַמע־פּלאַנצונג האָט זיך ביי אונז אַזוי שלעכט צוגענומען. די אידישע ליטעראַטור האָט ניט געקאָנט איבערגיין אַזוי גיך און גרינג צו דראַמע. דראַמע איז אַרכיטעקטור. ליטעראַרישע אַרכיטעק־טאָניק דאַרף מען זיך, ערשטענס, לערנען; צווייטענס, מוז מען האָבען דערצו אַ גאַנץ באַזונדערען טאַלאַנט, גאָר אַן אַנדערען, אַ פיל קעלטערען, אַ זיכערען, רואיגערען און „איינגעזעסענערען“, ווי דער, וואָס מיר, אידען, פאַרמאָגען... צי ליגט עס אין דער נ אַ־ ט ו ר, צי אין דער ג ע ש י כ ט ע פון אונזער פאָלק, — נאָר ס'איז אַ פאַקט: מיר, אידען, ה אָ ב ע ן נ י ט ק י י ן ר ו, קיין ג ע ד ו ל ד צו בוימייסטערשאַפט. מיר האָבען אַ היינע, אָבער ניט קיין איבסען. און זאָל ביי אונז געבוירען ווערען אַ גרוי־סער דראַמאַטיקער, אַ ליטעראַרישער אַרכיטעקט, וועט עס זיין ניט קיין נאַציאָנאַלער גאון, נאָר אַ וואונדער אַ נאַציאָנאַלער. אין דער צייט, וואָס מיר רעדען וועגען איר, זיינען קיין וואונדער ניט גע־שען: איז קיין דראַמע אין דער אידישער ליטעראַטור ניט באַשאַ־פען געוואָרען... אפשר איז פאַראַן ביי אונז איצט אַן אָנצוהערעניש אויף אַ נאַציאָנאַלער קאָמעדיע („דער אוצר“ פון ד. פּינסקי), אפשר קאָן מען אָפּזוכען געציילטע, מער אָדער ווייניגער באַדייטענדיגע, דראַמאַטישע בילדער און מאָטיווען ביי אש'ן („יפתח'ס טאָכטער“!), ביי קאָברינ'ען, ביי הירשביינ'ען, אַ פּאָר אין געשמאַק, נאָר מיט אַ געניטער בריה'שער האַנט געמאַכטע טעאַטער־קאָמפּילאַציעס — ביי דעם געשטאָרבענעם גאָרדין און זיינע ניו־יאָרקער „תלמידים“; קיין אמת'ע דראַמאַטישע ליטעראַטור האָבען מיר ניט, סיידען מען

זאל רעכענען די כל'ערליי אין דראמאטישער פארם געשריבענע נאָ־וועלען, די כל־ערליי „דראמאטיזירטע" איינפאלען, „אינסצענירטע" לידער אין פראָזע, דיאלאגיזירטע שטימונגען...

פון ליריק איבערגיין צו דראמע איז געווען פאר אונז אפנים צו שווער. גרינגער און נאטירליכער איז דער איבערגאנג צו עפיק, צום ראמאן.

א תקופה פון ראמאנען האבען מיר געהאט, אגב, שוין אמאל. דאס איז געווען די צייט, ווען די נייע וועלטליכע ליטעראטור אויף אידיש האט ערשט אנגעהויבען וואקסען און בליען.

עס זיינען דאן געשריבען געווארען אויך דראמעס (עטינגער'ס „סערקעלע"; „קבצן־עושר־שפיל" און אנדערע פיעסעס פון אקסענ־פעלד; גאטלאבער'ס „דעקטוד"; שפעטער מענדעלע'ס, גאלדפא־דענ'ס, ליליענבלומ'ס, פאלקאוויטש'עס, קאצענעלענבאגענ'ס און פיל אנדערע דראמאטישע ווערק). נאר די דאזיגע אלע קליינע און גרויסע שרייבערס, אחוץ א. גאלדפאדען און נאך א פאר, האבען, אזוי ווי די שפעטערדיגע „דראמאמאנען", ניט געהאט אין זינען דעם טעאטער און ס'רוב האבען זיי פארפאסט ניט קיין דראמעס, נאר שורות גוטע אדער שלעכטע דיאלאגען. פאר דעם איצטיגען אידישען רעפערטואר וואלט מען פון די דאזיגע אלע „טעאטער־שטיק", אחוץ פון גאלדפאדענ'ס אפערעטעס, קוים געקאנט עפעס אויסקלייבען.

צווישען די ר א מ א נ ע ן פון דער דעמאלטיגער צייט אבער זיינען פאראן פיל, וואס ווערען נאך איצט געלייענט און ווע־לען לאנג, לאנג נאך געלייענט ווערען. אייגענטליך האבען אלע עלטערע שרייבער אונזערע, אחוץ פרצ'ן, געשריבען ראמאנען... אמת, „ראמאנען אן ליבע" קומען ניט אן אזוי גרינג, (דער איינ־ציגער פרואוו צו שאפען א „ראמאן אן ליבע", וואס איז געמאכט געווארען פון שלום־עליכמ'ען, איז ניט שטארק געלונגען), און „לי־בע" איז אין דער אידישער גאס געווען אמאל א זעלטענע אורח'טע. שטילע, שטומע ליבע האט ניט געפעלט; עס האט געפעלט אבער די ליבע, וואס רעדט הויך אויפ'ן קול, די ליבע, וואס האלט מלחמה מיט מניעות און שטרויכלונגען — די „ראמאן־ליבע". האט מען

זיך אַז עצה געגעבן. מען האָט גענומען „העלדען" פאַר די ראָמאַ־נען אין דער פּ ע ר י פ ע ר י ע פון אידישען לעבען, דאָרט, וואו עס זיינען דעמאָלט שוין געווען אייגענע לעבענספירונגען און אַז אייגענע, פרייערע, מאָראַל: צווישען די אָרימע לייט, וואָס גייען אַרום איבער די הייזער („פישקע דער קרומער"), צווישען די וואַנ־דערנדיגע כלי־זמר און משוררים („סטעמפעניו", „יוסעלע סאָלאָ־וויי"), צווישען די אַרבייטער־געזעלען, משרתים און דינסט־מייד־לאַך. וואָס זיינען שוין אין די 70־גער יאָרען און אפשר נאָך פריער געווען „רייף" צו שמ"ר'ס און אַנדערע, מער רעאַלע, ראָמאַנען („דאָס קליינע מענשעלע"); צווישען די משכילים (רפאל אין „ווינש־פינגערל"; י ו ס ף אין „שוואַרצע יונגערמאַנטשיק") א. אַז. וו. צו דער דאָזיגער פּעריפעריע, וואָס האָט שוין ניט געלעבט דורכוים בשלום מיט די אַלטע קהל'שע מנהגים, האָבען געהערט אָבער נאָר די „העלדען" פון די ראָמאַנען; די עצם פּאַסירונגען פלעגען זיך אַפּשפּילען אין רעכטען מיטען פּאַרצייטיגען אידישען לעבען, דאָרט, וואו אַלץ איז געווען איינגעפּאַסט אין אַ שטייפער ראָם פון אַ סקאַרבאָוועז, פאַר אַלעמען גילטיגען און פון אַלעמען הייליג גע־האַלטענעם לעבענסשטייגער...

אָבער ווען אַט דער אַלטער איינגעוואָרצעלטער לעבענס־נוסח האָט אויפגעהערט צו זיין דער איינציגער נוסח אין דער אידישער ליטעראַטור. דאַן איז אָנגעקומען די תקופה פון נאָוועלען און סקיצען, די תקופה, וואָס הויבט זיך אַן (גייסטיג, אויב ניט כראָנאָלאָ־גיש) מיט פּרצ'ן. פּרץ איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט געשריבען בלויז קורצע זאַכען. און דאָס איז ניט קיין צופאַל. פּרצ'ן, ווי וו י י ט ע ר א י ז פּ ר ץ, האָט אפילו אינ'ם אַלטען אידי־שען לעבען א י נ ט ע ר ע ס י ר ט מער דער יוצא מן הכלל, ווי דער כלל; דערצו, איז דער כלל גופא ביי אים שוין ניט אַזוי פון איין גוס, מעור אחד, ווי ביי מענדעלען; ער האָט שאַרף געפילט און פיין אויסגעדריקט די דיפערענצירונג און אינדיווידואַליזירונג פון כלל: מ אַ נ י ש איז ניט געקומען, ווי די „געכאַפּטע" פון דער פריערדיגער ליטעראַטור, בלויז מיט נייע ג ע ד אַ נ ק ע ן; — מיט נייע ג ע פ י ל ע ן, מיט אַ נייער נ ש מ ה, מיט אַ נייעם

א י ד איז ער געקומען: די געבורט פון „מאניש" איז די געבורט פון יחיד, אין דער אידישער ליטעראטור. דער איד־גייסט, דער אינדיווידואליזם, איז אבער ניט גינסטיג פאר א ראמאן; בפרט נאך, ווען צו דער דיפערענצירונגס־טענדענץ פון א ר ו ם קומט צו דער דיפערענצירענדיגער, אין דער טיף, ניט אין דער ברייט זוכענדיגער, גייסט פון דיכטער. א ראמאן איז מעג־ליך, וואו עס איז דא א כלל־לעבען, אן עדה מיט אן איינגעשטעלטער, איינגעפונדעווטער סביבה פון מנהגים און פירונגען און באציאונ־גען, מיט א סביבה, וואו עס זיינען דא ט י פ ע ן. פרץ'ן, וואס אים האט דאס אינדיווידואליזירטע אינטערעסירט תמיד מער, ווי דאס טיפּישע, האט דאס, וואס ער האט א ר ו ם זיך געזוכט, ווי אויך דאס, וואס ער האט געפונען א י ן זיך, ניט געלאזט ווערען קיין ראמאן־שרייבער.

צו פרץ'ן האבען זיך פונדסעטוועגען געצויגען נאך פעדים פון דעם אלטען, שטייפען, פעסטען כלל־געוועב. פרץ'ס אינדיווידוא־ליזם איז דער עיקר געלעגען אין זיין שרייבערישער פסיכאלאגיע, אין זיין אייגענעם גייסט, ניט אין די פארשוינען, וואס ער האט גע־שילדערט: זיי זיינען אלע, פארקערט, מיליע־מענשען. אפילו די צווישען זיי, וואס שטייען העכער פון דער ארומיגער סביבה, שטייען דאך א י ן איר: דער העכסטער בוים אין וואלד איז אויך א טייל פון וואלד...

די יונגע, וואס זיינען געקומען נאך פרץ'ן, האבען ס'רוב שוין געהאט נאר זכרונות פון „וואלד", פון דער סביבה, וואו זיי זיינען אויסגעוואקסען. זיי אליין זיינען נאך מער געווען אפגעריסען פון איר, ווי די פארשוינען, וואס זיי האבען געשילדערט. זיי האבען געלעבט, געשוועבט אין עולם־התוהו פון דער גרויס־שטאטישער באהעמע. דאס איז געווען ניט אן אינדיווידואליזם, וואס שפּראצט ארויס אין א קיבוץ, וועלכער האלט זיך ערשט אין דיפערענצירען, דאס איז געווען ניט א אינדיווידועלע פארטיפונג פון כ ל ל־גייסט: דאס זיינען געווען פרטים, וואס האבען זיך איגנאנצען שוין אפגע־ריסען פון כלל. דאס זיינען געווען אינטעליגענטען און האלב־אינ־טעליגענטען, באהעמע־לייט, וואס אינאיינעם מיט'ן הימעל האבען

זיי אנגעוואוירען אויך די ערד, די סאציאלע סביבה, פון אידישען פאלק, און זיינע געבליבען היינגען אין דער לופטען. „צווישען הימעל און ערד“. ווי עס רופט זיך אן א נאוועלענזאמלונג פון איינעם פון די דאזיגע יונגע... א בענקשאפט נאך דעם פאלקס הימעל און ערד. א ראמאנטישען כלל־אטעם האט אויפגעהיט — און אפגעהיט — אין זיך שלום אש; אבער ער איז געווען טאקע מער מענדעלע׳ס, איידער פרצ׳ס, יורש. די יורשים פון י. ל. פרץ פלעגען אנטפלעקען פאר אונז בלויז זייער אייגענע, יחידישע, נשמה, וועלכע איז, ווי געזאגט, געווען נאך נאקעטער, עלענדער און צעריסענער, ווי די נשמות פון זייערע „העלדען“. אין א גליקליכער רגע פלעגט זיי געלינגען אמאל זאגען עפעס וועגען אנדערע אדער וועגען זיך אליין, ווי וועגען אן אנדערען: דאן פלעגען זיי נאך ארויסציען פון זיך אמאל א ביסעלע הומאר (נאמבערג!) פלעגט עס שאפען א אילוזיע פון אינעווייניגסטער זיכערקייט, פון עפיק. דעם דאזיגען פארגעניגען אבער צו שטעלען זיך העכער פון זיך אליין, פלעגען זיי זיך פארגינען זייער, זייער זעלטען. ווארים דאס וואלט הייסען מפקיר זיין דאס לעצטע, וואס זיי האבען פארמאגט (וואס האבען זיי דען פארמאגט נאך, אחוץ זייער אייגענעם א י ך ?) פלעגען זיי טאן און גריבלען זיך אין זייער אייגענער נשמה, און דאן איז זייער גאנץ פארמעגען געווען ל י ר י ז ם, ש ט י מ ו נ ג: דאס איז ווייניג, זייער ווייניג פאר א ראמאניסט.

זיי האט, אגב, געפעלט ניט נאר דער עפישער געמיט־צושטאנד, עס איז ניט געווען ביי זיי אויך קיין אויסענווייניגסטער ש ט א ף פאר א גרעסערען עפישען ווערק: דער עצם מאטעריאל פון זייערע זאכען איז געווען „סקיצענהאפט“, פראגמענטאריש. מענדעלע אדער שלום עליכם — אז זיי פלעגען אונז דערציילען וועגען קליינע מענשעלאך מיט קליינע השגות, פלעגען זיי די ווערק זייערע מיט דעם ניט קליין מאכען: זייערע קליינע מענשעלאך זיינען געווען גלידער פון א גרויסען קיבוץ, די קליינע השגות זיינען געווען די השגות פון א גאנצען דור; די אומבאדייטענדיגסטע פארשוינען זייערע פלעגען וויכטיג ווערען דורך דער לופט פון דער סביבה, פון כלל, וואס זיי פלעגען ברענגען מיט זיך; הינטער דעם

קלענסטע פראגמענט פון זייערע ווערק איז געשטאנען א וועלט. ביי
די שאפער פון דער אינטעליגענטען־ און האלבאינטעליגענטען־לי־
טעראטור איז געווען פארקערט : זייערע גרעסטע ווערק וואלטן גע־
ווען נאר פראגמענטן ; ווען איינער פון זיי וואלט אנגעשריבן
אפילו א ראמאן, וואלט עס געווען ניט מער ווי א שנירעל סקיצען,
ווארים זייערע פארשוינען זיינען געווען ניט קיין צווייגן פון א
טיף איינגעווארצעלטע בוים, נאר בלעטער, הערבסט־בלעטער, וואס
פאלן, וואוהין דער ווינט טראגט זיי, יעדערם פאר זיך. זייערע
פארשוינען פלעגן קומען צו אונז ווי פון מדבר, ניט פון ישוב :
„ניטא קיין טאטע, ניטא קיין מאמע, ניטא קיין גאט“ — דאס איז
געווען זייער יחוס־בריף... גייסטיגע און סאציאלע יתומים — זיינען
עס דען העלדען פאר א ראמאן ?

די יתומ׳עשאפט, די פרעמדקייט צו דער סביבה, די עלענד־
קייט האט געמוזט אויפהערען, כדי עס זאל ווידער ווערען מעגליך
א ראמאן אין דער אידישער ליטעראטור. און דאס האלט איצט
אין געשען. דער איצטיגער אידישער דור מאטערט זיך שאפען א
באדען אונטער זיינע פיס, א הימעל איבער זיין קאפ. ער קאן מער
ניט פארטראגען די יחידישע אפגעזונדערטקייט, די אפגעריסענקייט.
און אויך די ליטעראטור קאן עס ניט פארטראגען מער. איינזאמ־
קייט איז א פריווילעגיע פון שטארקע פערזענליכקייטען און אינדי־
ווידואליזם איז פרוכפערנדיג נאר דארט, וואו עס איז דא אינדיווי־
דואליטעט. פאר געוויינליכע בשר־ודמ׳ס (און געוויינליכע טאלאנ־
טען) איז אינדיווידואליזם א וויסטעניש. די צענדליגער און הונ־
דערטער סקיצען, וואו עס זיינען געשילדערט געווארען די א י ד־
גריבלערייען פון אונזערע „איינזאמע“ לערערס, בוכהאלטערס און
עקסטערנעס האבען עס קלאר באוויזען : — דאס דאזיג א י ד
האט קוים געקלעקט אויף א סקיצע פון עטליכע זייטלאך, און אנ־
דערש האט עס ניט געקאנט זיין. ווארים איינזאם זיינען די דאזיגע
העלדען געווען ניט ווייל זיי זיינען מיט׳ן גוטען ווילען אוועק פון
דער הבל־הבלים׳דיגער געזעלשאפט, נאר ווייל זיי זיינען פון איר
ארויסגעשטופט געווארען. די איינזאמקייט איז פאר זיי געווען א
נויט־זאך, א שטראף פון גאט, א קללה... און די, וואס האבען נאר

געקאנט, זיינען געלאפען פון איר, ווי פון א שלאנג. אין איר גופא איז געלעגען דער כח, וואס האט געטריבען פון איר לויז צו ווערען...

אין דער צייט פון דער רעוואלוציע איז מען געלאפען אין די פארטייען אריין, צו דער „מאסע"; אפילו נאמבערג'ס העלדען שייקער און שלימזל האבען געפרואווט זיך דארט ראטעווען פון זייער עלענדקייט. שפעטער, אז ס'איז אויף א צייט געווארען אויס פארטייען, האט מען אנגעהויבען זוכען א היים ערגעץ אנדערש־וואו: אין דער פאמיליע, אין שול, אין אידישקייט, אין „פאלקסטימליכקייט". דער נייער געזעלשאפטליכער קאלעקטיוו, וואס אז אים האט מען זיך געוועסט געהאלטען, איז צערונען געווארען. האט מען גענומען זיך טוליען, ווי א קינד, צו דער מאמעס פארטוך, צום כלל־ישראל. די, וואס האבען געשעמט זיך עס טאן אפען, האבען געבענקט און געטרוימט וועגען דעם אין דער שטיל. עס איז ביי דער אינטעליגענץ געווארען כמעט א מאדע שלאגען זיך על חטא. פון דער אינטעליגענטישער תשובה איז, אזוי ווי פון דעם „השבינו נאזאד" נאך די פאגראמען פון די 80־גער יארען, די אלטע אידישקייט ניט אויפגעריכט געווארען: דער חורבן פון דער מיטעל־אלטערליכער אידישקייט ליגט אין די תנאים פון דער נייער צייט, ניט אין דער אפיקורסות פון דער אינטעליגענץ, וואס איז אליין ניט מער ווי א פראדוקט פון דער צייט מיט אירע נייע לעבענס־באדינגען. אבער דאס אליין, וואס אין די געדאנקען האט די אידישע אינטעליגענץ (און איר באוועגליכסטער טייל — די שריפטשטעלער) אנגעהויבען ציען אהיים, צוריק, צו דער אלמער, „קהל'שער", „פאלקסטימליכער" אידישקייט, — שוין דאס אליין האט געהאלפען ארויספירען די אידישע ליטעראטור פון די יונגע, קרומע הינטערגעסלאך פון אי ד־שטימונגען און צוריק זי ארויפברייגנען אויפ'ן ברייטען וועג פון אידישען פאלקס־ און געזעלשאפטס־לעבען, אויף דעם וועג, וואס זי איז געשטאנען אויף אים דאן, ווען יעדער אינדיווידואליזם איז איר געווען פרעמד.

די אטמאספערע פון „איינזאמקייט" איז אויך איצט ניט אינגאנצען בטל געווארען; אבער עס וועבט זיך שוין ארום איר א

געזינטערע, לופט, די לופט פון דעם, וואס די רוסען רופען אן „ביט“... יע, עס קומט אונז מזל־טוב: דער אלטער בחור, וואס האט דא גאר ניט לאנג נאך אנגעפילט מיט זיין שווערען נודנעם אומעם די גאנצע אינטעליגענטישע סקיצען־ליטעראטור, האט... חתונה געהאט. די אידישע ליטעראטור האט פארלאזען אין א מזל׳דיגער שעה דעם איינזאמען צימער אויפ׳ן פינפטען שטאק; מיר האבען דערפילט די לופט פון א פאמיליען־וואוינונג... אפילו ד י בחורים און מיידלאך, וואס האבען קיין שידוך ניט געטאן, זיינען ׳שוין ניט אזוי עלענד, ווי פריער: זיי האבען איבעראניים געקראגען טאטעס און מאמעס; אנדערע, פרימערע, — אפילו א גאט... מיר האבען זיך דערוואוסט, אז, אחוץ ספקות, איז פאראן נאך אויך גלויבען אין אידישען פאלק, אז אחוץ אלטע בחורים און פארזעסענע מיידלאך, פארמאגען מיר נאך אויך באווייבטע, גרויסע בעל־מטופל׳ס, שוין ניט גערעדט פון פעטערס און מומעס, וואס זיינען ביי קיין אומה ולשון, דאכט זיך, ניטא אזוי פיל, ווי ביי אונז... עס איז, קורץ, דערגאנגען דערצו, אז נ א מ ב ע ר ג, וואס האט אונז געוועסט באשענקט מיט א גאנצען אלבום, מיט א קאלעקציע אלטע בחורים, — האט אנגעשריבען א פיעסע, וואס רופט זיך: — „ד י מ ש פ ח ה“. דאס איז ניט קיין צופאל. דאס איז א סימן, כמעט א סימבאל פון די נייע ווייענישען. „די משפחה“ איז ניט קיין נעסט פון פאמיליען־גליק, פון רו און איינגעזעסענקייט; מיט א קלוגער, הארטער קאנסעקווענטקייט, מיט א גרויזאמער כמעט אויסגערעכענטקייט ווייזט דא אונז נ א מ ב ע ר ג, ווי אזוי איינער איז דעם אנדערען א וואלף אין דער „משפחה“. אבער מיר זעען דא דעם „וואלף“ שוין ניט אליין, בלאנדזשענדיג משוגע׳נערווייז איבער די וועגען: מיר זעען אים אין „וואלד“, אין דערהיים, צווישען אייגענע. די שיינע פרי, נ ח ו ם פ י נ ק ע ל ג ר י ז, דער יונגער העלד פון דער דראמע, וואלגערט זיך ניט אויפ׳ן וועג הינטער א פארקאן; מיר קענען דאס בוימעלע, וואס ניט ווייט פון אים איז דאס עפעלע געפאלען; מיר קענען זיין טאטען, ר׳ ג ד ל י ה ׳ן, זיין מאמען, ח י ה ׳ן, זיין שוועסטער, ס א נ י ע, זיין קליין שוועסטערל, ע ט א ׳ן... צווישען

די פריערדיגע העלדען נאמבערג׳ס האבען ניט געטראפען אזוינע. וואס זאלען האבען עפעס א יחוס־בריף: פ ל י ג ע ל מ א ן איז ווי פון א שטיין געבוירען; דאס אייגענע — ב ע נ ד ע ר: ער האט ערגעץ א געליבטע, נאר צי האט ער א מאמען, א טאטען, צי וויים ער, פון וואנען ער שטאמט, צי טראכט ער גאר וועגען דעם? פרעגט ניט, איר וועט ניט קריגען קיין תשובה: פ ל י ג ע ל מ א ן. ב ע נ ד ע ר האבען „וויכטיגערע" פראגען, צו ענטפערען אויף זיי: דאס זיינען די פראגען און פראגעלאד פון זייער ארימען, עלענדען, יתום׳דיגען א י ך. פ ל י ג ע ל מ א ן, ש ו ו א ר צ ו ו א ל ד, ב ע נ ד ע ר, און ווי זיי האבען דארט אלע געהייסען, זיינען באשאפען געווארען אין דער צייט, ווען אין דער אידישער אינטעליגענטען־ און האלבאינטעליגענטען־ליטעראטור האט געוויים די לופט פון עקסטערן־צ י מ ע ר ל: מער ווי פאר איינעם, אן איינזאמען. איז אין אים קיין פלאץ ניט געווען. איצט פארגינט מען זיך שוין — און דאס איז דאס נ י י ע. וואס אין דער „משפחה" — דעם לוקסוס פון א פאמיליען־זואוינונג! וויים שוין דער העלד פון דער פיעסע, נ ח ו ם, כאטש ער איז נאך אלץ אן עלענדער, אן אפגעריסענער (און כאטש ער טראגט נאך א גרעסערען עקעל אין הארצען צו זיך אליין, ווי די פריערדיגע העלדען נאמבערג׳ס). ו ו ע ר ער איז און פון ו ו א נ ע ן ער איז.

ער וויים עס שוין צו גוט. נ א מ ב ע ר ג לאזט אים איינמאל און נאך אמאל איבער׳חזר׳ן דעם געדאנק, אז די משפחה, די פאמיליען־סביבה, ניט ער אליין, איז שולדיג אין זיין פארדארבענקייט, אין זיין פוסטקייט, אין זיין ניהיליזם. קענטיג, אז דעם אויטאר גופא איז שטארק טשיקאווע אט דער נייער, שוין ניט אינדיווידואליסטישער, נאר סביבה־ און ירושה־שטאנדפונקט: א נייע און טשיקאווע זאך איז מען געוואוינט איבערצו׳חזר׳ן...

זאגט ס א נ י ע אויף איר קליין שוועסטערל:

— די מאמע אוים׳ן אויג. אזא קליינע און האט שוין אלע מיאוס׳ע העויות גע׳ירש׳נט...

זאגט נ ח ו ם:

— א קללה ליגט אויף דעם הויז...

און וועגען ס אַ נ י ע ן:

— ...אַ געטרייע טאָכטער פון אַ געטרייען הויז...

און וועגען זיך מיט איר איינאיינעם:

— ...ווייל דער שורש אונזערער, סאַניע, איז בלאָטע, גראָע וואָכעדיגקייט...

און נאָך אַמאָל:

— ...מיין ליבע צו איר — דאָס איז מיין שנאה צו דיר, צו אונז אַלע, צ ו א ו נ ז ע ר ה ו י ז...

און צו זיין טאַטען זאָגט ער:

— ...איך בין אַ קינד פון אַ פאַרדאַרבען הויז, אַ פאַרדאַרבענער זון פון פאַרדאַרבענע עלטערן...

— ...אויב איך האָב קיין גאָט אין האַרצען ניט, ביזטו שולדיג; אויב איך האָב קיין שום גלויבען ניט, אויסער אין געגום און וואָול־טאָג, ביזטו שולדיג; אויב קיין זאַך אין דער וועלט איז ביי מיר ניט הייליג, ביזטו שולדיג; אויב איך בין אַן עגאָאיסט, און אַ געמיינער טרוקענער עגאָאיסט, ביזטו שולדיג. דיין קינד בין איך. די עפּעלאָך פאַלען ניט ווייט פון בוים...

נאָך מיט מער חשק און פליים, ווי מען האָט פריער אין דער ליטעראַטור ביי אונז געפּאַלמעסט יעדען ע פּ ע ל ע און יעדען ווערימעל, וואָס טאַטשעט אים, — האָט מען זיך איצט צוגעכאַפּט צום ב ו י ם — צום ש ו ר ש, צום כ ל ל, צו דער סביבה...

ע ל י אַ ש, דער צווייטער בחור אין דראַמע, וואָס ב ל י י ב ט נ י ט ק י י ן ב ח ו ר (נייע צייטען!) נאָר שרייבט תנאים אין סוף מיט סאַניע'ן, אַזוי ווי נחום — מיט שרה'ן — ע ל י אַ ש איז אויך פריער געווען אַ כ ל ל־מענש; ער האָט געהערט צו אַ פּאַרטיי; אַבער דער כלל, וואָס צו אים האָט ער געהערט אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע, איז געווען ניט קיין איינגעפונדעוועטער, ניט קיין היסטאָרישער כלל: עס זיינען ווייניג געווען אין אים יענע ג ע' י ר ש' ע ט ע, אומבאַוואוס־טע, א י ר ר א צ י אָ נ אַ ל ע קניפּלאָך, וואָס זיי, נאָר זיי אַליין מאַכען יעדען קיבוץ שטאַרק, ניט אויפצובינדען, ניט צו צע־רייסען... דער בונד צווישען ע ל י אַ ש, דעם רב'ס זון, און

ד ב ו ר ה, דער שניידערקע, אַט די פאַרקערפּערונג פון דער אַר־בעטער־באַוועגונג, האָט זיך געהאַלטען אויף אינטערעסען און אי־דעען, ניט אויף בלוט און ליידענשאַפטען. ער איז געווען מער אוי־סענווייניג, ווי אינעווייניג, און דאָס איז די סבה, וואָס ע ל י א ש און זיינע חברים האָבען דאָ. ווען זיי האָבען דעם לעבען זייערען אָפּגעגעבען די פּאָליטישע פּאַרטייען, ניט געקאָנט ווערען קיין העל־דען פון אַ ר אַ מ אַ ן. באַטש ז י י זיינען שוין דאַן געווען גע־זעלשאַפטס־ און ניט איך־מענשען. דער ברייטער געוועב פון אַ ראָ־מאַן קאָן זיך אויסשפּרייטען אין אַ געזעלשאַפט, אין אַ סביבה, וואו די מענשען זיינען שוין פון לאַנג אַן און אינעווייניג פאַרבונדען און פאַרקניפּט איינע מיט די אַנדערע; אַ צייטווייליגע און ריין אויסען־ווייניגסטע סביבה קאָן געבען שטאָף אפשר פאַר אַ אינטריגעס־ראָ־מאַן, ניט פאַר אַ פּסיכאָלאָגישען ראָמאַן און אַ פּשיטא שוין ניט פאַר אַן עכטען סאָציאַלען ראָמאַן. דעריבער איז אונז באַשערט גע־ווען צו קלאָגען זיך אויף דעם כלומר׳שטען פּאַראַדאָקס, וואָס דאַן, ווען אין די טיפּענישען פון אונזער געזעלשאַפט האָט אָנגעהויבען „שלאָגען, ווי אַ קוואַל״, דאָס פּאָליטיש לעבען, — דוקא דאַן האָט זיך אין דער ליטעראַטור צו אונז פאַרקליבען דאָס „קליין שד׳ל״ פון קליינעם און קליינליכען אינדיווידואַליזם, דוקא דאַן האָט די סקיצע פאַרנומען אַלץ מער און מער דעם אָרט פון ראָמאַן און די „שטי־מונג״ — דעם אָרט פון „ביט״... מען האָט דאַן אויפגעוואָרפען דעם אידישען בעלעטריסט זיין ווייטקייט פון לעבען און מען האָט פאַר־געסען, אַז דוקא דאָס דעמאָלטיג לעבען, וואָס האָט געטאָן און געבויט מחיצות צווישען אונז און דער אַלטער, איינגעשטעלטער אי־דישער סביבה, צווישען אונז און אונזערע עלטערן, דוקא דאָס דע־מאָלטיג לעבען האָט דורך דער אומרואיגקייט פון זיין פּערמאַנענ־טען קריגסצושטאַנד ניט געלאָזען, אַז אנשטאָט די אַלטע זאָלען זיך שפּינען נייע פעדים, פעדים פון פעסטע כלל־באַציאונגען, יענע סביבה־פעדים, וואָס אַז זיי מוז דאָס ברייט און גאַנץ בילד פון לעבען צעפאַלען (פאַר׳ן קינסטלער, ווייניגסטענס) אין בילדעלאַך און סקיצען...

דאָס בילד פון אידישען לעבען האָט ווידער אָנגעהויבען אַנט־

פלעקען זיך פאר'ן דיכטער, ווי ברייט עס איז דאן, ווען דער שטרוים, וואס איז צערודערט געווארען דורכ'ן שטורעם פון דער רעוואלוציע, האט צוריק גענומען זיך איינשטעלען און איינשטי־לען.. ע ל י א ש האט צוריק געשטעלט זיך מיט'ן פנים צו דעם קיבוץ, וואס פריער האט ער זיך געוועסט אויסגעדרייט צו אים מיט'ן רוקען, און ער האט אנגעהויבען מתודה זיין זיך מיט א ווייַ־נער, הארציגער שטים:

— עס האט זיך מיר פארבענקט נאך מיין שטעטל, נאך מיין טאטען, דעם רב...

מיט זיין פריערדיגער געליבטער, דער ש נ י י ד ע ר ק ע, האט ער גענומען רעדען:

— אונזערע וועגען האבען זיך צעשיידט. דו ווייסט, דו איינע אליין ווייסט דאס גוט, אז מיר איז שטענדיג געווען ענג צווישען אייך. אין מיר האט גערעדט דאס בלוט פון דורות, לאנגע דורות פון רבנים און פירער פון פאלק, פון ג א נ צ ע ן פ א ל ק, דבורה.

דער בונד פון ר ב ' ס ז ו ן, ד. ה., פון דער גאנצער בעלי־הבת'ישער אינטעליגענץ אונזערער מיט איין טייל, מיט דעם רע־וואלוציאנערסטען טייל פון פאלק איז געווען אן אויפריכטיגער, אן ערליכער, אבער ניט קיין אייביגער בונד:

— איך בין געווען צווישען אייך, — זאגט ע ל י א ש, — און מיט זיין מויל רעדט א גרויסער טייל פון דער ג ע ו ו ע ז ע־נ ע ר לינקער אידישער אינטעליגענץ: — איך בין געווען צווישען אייך, ווייל דאס האט מיר אויסגעזען דאס שענסטע און דאס ניצ־ליכסטע פאר'ן פאלק. איצט איז די צייט געקומען, איך מוז גיין אליין זוכען מיין אייגענעם וועג. איך וועל גיין קיין אמעריקע, קיין ארץ־ישראל, קיין ארגענטינע, אומעטום, וואו דאס פאלק זוכט א קאפ אנצושפארען, און זען און באטראכטען מיט אייגענע אויגען און געפינען דעם וועג...

ע ל י א ש, דער פארשטייער פון דער אידישער אינטעליגענץ, איז אוועק פון דעם אינדיווידואליזם אן אינדיווידואליטעט און דעם קאלעקטיוויזם אן קאלעקטיוו. ער האט זיך ווידער אמאל דער־

פילט, אדער, ווייניגסטענס, גענמיט זיך צו דערפילען, ווי א פער־דימעל, איינגעוועבט אין דער מאטעריע, וואס טראגט זיך איבער דער וועלט אונטער דעם נאמען איך — און ער איז ווידער געווארען... ראמאן־פייאיג.

יע. דער ר א מ א נ ט י ז ם האט געשאפען פאר'ן אידישען ראמאן יענעם יסוד — דעם יסוד פון דער ס ב י ב ה — וועלכען ער האט פריער געהאט א דאנק דעם ר ע א ל י ז ם...

ניט אלע ראמאנען, וואס זיינען ארויס פאר דער לעצטער צייט האבען א ראמאנטישע טענדענץ; זיי אלע אבער זיינען מעגליך גע־ווארען נאר א דאנק דעם ראמאנטיזם, וואס האט אויפגעוועקט אין אים א בענקשאפט צום כלל און — ווייניגסטענס — גייסטיג אים צוגעבונדען צוריק צו דער סביבה, צו דער פאלקס־סביבה, וואס פי־זיש איז ער נאך אלע פון איר אפגעשיידט...

## ב.

די ראמאנטישע שטימונג, די גלוסטונג צו באהעפטען זיך צו־ריק מיט דער אלטער, אייגעפונדעוועטער, אידישער כלל־סביבה, מאכט מעגליך די ברייטע ראמאן־פארם.

צי איז אבער טאקע פאראן ביי אונז באמת א ראמאנטישע באוועגונג? דער ראמאנטיקער — דאס איז דער מענש, וואס שטייט מיט'ן פנים, מיט פארבענקטע, בעטענדיגע אויגען צום מערב, צו דער פארגייענדיגער זון, צו דער פארגאנגענער זון... ער יאגט זיך נאכ'ן שאטען פון טאג, וואס ער האט געלאזען פארביי־גיין: א זאך ווערט אים ליב, ווען פון איר איז געבליבען בלויז א שאטען...

אבער ניט יעדער, וואס בלאנדזשעט אום אין לאנד פון שא־טענס, וואס כאפט א קוק צוריק, אויף פארגאנגענע, חרוב געווא־רענע וועלטען, ניט יעדער, וואס בלעטערט אין בוך פון עבר — איז א ראמאנטיקער. דער היסטאריקער האט צו טאן מיט'ן עבר; פונ־דעסטוועגען איז ער ניט קיין ראמאנטיקער. פארקערט, ער הערט אויף צו זיין היסטאריקער, ווען ער ווערט ראמאנטיקער! ער זעט

שוין דאָן ניט מער קיין גרענעץ צווישען נעכטען און היינט; ער איז דאָן אַליין אַ שאָטען צווישען שאָטענס, איינער פון די, וואָס וועגען זיי דערציילט ער: דערציילט ער וועגען זיך מער, ווי וועגען זיי; ער איז דאָן אַליין אַן אַמאָליגער; ווערען די אַמאָליגע ביי אים היינ־טיגע, לעבעדיגע, ווייס ער פון זייער לעבען, ניט פון זייער טויט... די היסטאָריע איז אָבער געקומען אויף דער וועלט אינאיינעם מיט'ן טויט! — קאָן דער היסטאָריקער ניט זיין קיין ראָמאַנטיקער.

קאָן מען, אין פלוג, די ליבע צו היסטאָריע, וואָס ווייזט זיך ביי אונז די לעצטע צייט, ניט האַלטען פאַר ר אָ מ אַ נ ט י ש ע ר ליבע. דער ראָמאַנטישער פאַרליבטער וויל דאָס גוסס'ע אַפשרייען. דער ה י ס ט אָ ר י ש ע ר אינטערעס צו דער פאַרגאַנגענהייט איז, פאַרקערט, אַ סימן, אַז מען קוקט אויף איר שוין טאַקע, ווי אויף אַ נעכטיגען טאָג, וואָס וועט זיך שוין ניט אומקערען און ניט ענדערען. און מען קאָן אים דערפאַר רואיג פיקסירען און מאַכען זיין סך־הכל... אַ לעצטע, אַז אונטערשטע שורה שרייבט מען אויף מיט גרויסע אותיות, און מען האָט ניט מער צו טאָן מיט די איינציגע שורות, וואָס פון זיי איז זי צונויפגעשטעלט... ביי די מערב־אייראָ־פייאישע אידען האָט זיך דער אינטערעס צו דער פאַרגאַנגענהייט געשטאַרקט טאַקע אינאיינעם מיט דער אָפּשוואַכונג פון גלויבען אין געגענוואָרט; דעם אַ מ אָ ל האָבען זיי גענומען פאַרשען, ווען זיי האָבען דערשפּירט, אַז ער האָט שוין ניט מער קיין ווירקונג אויפ'ן אַ י צ ט; און וואָס ווייטער דער אַ מ אָ ל איז געווען פון אַ י צ ט, וואָס קלענער עס איז געווען זיין שייכות צום היינ־טיגען לעבען, וואָס ווייניגער ווערדע ער האָט געהאַט פאַר אים — אַלץ מער כבוד האָבען זיי אים אָפּגעגעבען, אַלץ מער ליבשאַפט האָ־בען זיי צו אים אַרויסגעוויזען... — די פראַגע איז, אַלזאָ, צי איז דער אינטערעס צו די דענקמעלער פון אונזער עבר, וואָס גיט זיך צו פילען ביי אונז די לעצטע צייט, טאַקע אויך ניט מער ווי אַ ריין וויסענשאַפטליכער, אַרכעאָלאָגישער אינטערעס? צי ווילען אויך מיר טאַקע נאָר לערנען די געשיכטע פון אונזער פאָלק און ניט — זיך לערנען פון איר? צי זיינען אויך מיר אויסען טאַקע קענען נאָר אונזער פאַרגאַנגענהייט און ניט — דורך איר זיך אַליין דערקע־

נעז? צי זיינעז אויך מיר בלויז „היסטאָריקער" — אָדער מיר זיי־נעז עפּעס אנדערש וואָס?

אַז מעז טראַכט זיך אריין אין דער היסטאָרישער ליטעראַטור, וואָס ווייזט זיך ביי אונז די לעצטע צייט, זעט מעז, אַז מיר זיינעז ווייניגער אָדער מער ווי היסטאָריקער. מעז זעט, אַז אונזער גע־וויסעז, ניט בלויז אונזער וויסעז, זוכט ענטפערס אויף זיינע פּראָ־געז אין דער אידישער געשיכטע. עס איז ניט קיין צופאַל, וואָס דיביידע אידישע אויסגאַבעז אויף רוסיש, וועלכע פאָרשעז די אידישע געשיכטע, גיבעז זיך זייער פיל אָפּ מיט דער נ אָ נ ט ס ט ע ר פאָרגאַנגענהייט פון אידעז אין רוסלאַנד, מיט דער פאָרגאַנגענהייט, וואָס מיט אירע פעדים פאָרוועבט זי נאָך די גענענוואַרט... געווים ווירקט דאָ, וואָס וועגעז די עלטערע תקופות איז נאָך דאָ ווייניג מאַטעריאַל; אָבער דאָס איז נאָר איינע פון די סיבות, וואָס די היסטאָריקער אונזערע גייעז ניט אוועק צו ווייט פון אונזער היינטי־געז לעבעז. די צווייטע סיבה איז, וואָס די היסטאָריקער אונזערע זיינעז טאַקע ניט בלויז היסטאָריקער. דער בלויז היסטאָריקער, דער אַרכעאָלאָג, האָט ווילד הנאה פון אַלטע זאַכעז, פון אָפּגעריבענע מטבעות, פון האַלב פאַרמעקטע היראָגליפעז, וואָס זאָגעז עדות אויף אַ לעבעז, וואָס איז לאַנג, שוין לאַנג פאַרשוואונדעז; וואָס ווייטער דאָס דאָזיג לעבעז איז פון איצט, וואָס טיפער עס דרינגט אריין אין דער פינסטערניש פון די אַלטע פאַר־היסטאָרישע צייטעז, אַלץ טשיקאַווער איז עס פאַר דעם היסטאָריקער, דעם פאַר־מענשעז. אונ־זערע היסטאָריקער אָבער אינטערעסירט אין דער פאָרגאַנגענהייט מער ווי אַלץ דאָס, וואָס האָט אַ ווערדע פאַר דער גענענוואַרט: ביי אונז איז נאָך ניט שאַרף קענטיג דער גרענעץ, וואָס טיילט אָפּ היסטאָריע פון פּובליציסטיק. דער אמת'ער היסטאָריקער קוקט זיך צו גוט צום איצטיגעז לעבעז, כדי זיך קלערער פאָרצושטעלעז דעם לעבעז פון אַמאָל. ביי אונז איז פאַרקערט: מעז זוכט אינ'ם אַמאָל די כחות, וואָס קאָנעז באַלעבעז דעם היינט; מעז פאָרשט אויס די היסטאָרישע תקופות, וואָס דער חיות איז זיי נאָך ניט אויסגעגאַנ־געז און וואָס מעז קאָז זיי נאָך מאָראַליש, ניט נאָר וויסענשאַפטליך, געניסעז: וועגעז חסידות שרייבט מעז ביי אונז מער ווי וועגעז אַלע

אנדערע פעריאָדען פון אידישען גייסטיגען לעבען; וועגען די נביאים — מער ווי וועגען די חכמי־התלמוד... און אַז מען קריגט זיך ביי אונז וועגען דער היסטאָרישער ווערדע פון רמ"בם און רבי יהודה הלוי, איז עס ניט קיין מחלוקת לשם היסטאָריע, לשם וויסענ־שאַפט, נאָר צוליב אידעען און שיטות, וואָס האַלטען מלחמה צווישען זיך אין דער געגענוואַרט... מען קאָן זיך ביי אונז ניט פאָרשטעלען, אַז איינער זאָל שרייבען וועגען ישוע הנוצרי און דערביי פאַרגעסען אַז ס'איז דאָ אויף דער וועלט אַ "שמד־באַוועגונג"! — מען קאָן זיך ניט פאָרשטעלען ביי אונז איינעם, וואָס פאָרשט די פאַרגאַנ־גענהייט, ווי אַ רייזענדער — אַ פרעמדע מדינה, וואָס ניט זיין זאַך איז צו מישען זיך אין אירע אינעווייניגסטע אַנגעלעגענהייטען... די אַפּאָלאָגעטיק לגבי דער אויסענווייניגסטער וועלט, וואָס איז נויטיג געוועזען דעם דור פון אַסימילאַציע, האָט ווייניגער געשטערט דער אָביעקטיווער פאָרשונג פון דער פאַרגאַנגענהייט, ווי אונזער איצטי־גע, אינעווייניגסטע אַפּאָלאָגעטיק.

ניט יעדע תקופה אין דער געשיכטע פון אונזער פאָלק האָט געקאָנט דינען דעם צוועק פון דער עמאַנסיפּאַציע; ס'איז אָבער שווער צו געפינען אַ בלאַט אין אונזער היסטאָריע, וואָס עס זאָל ניט מעגליך זיין אים אויסצוניצען פאַר די צילען פון דער אינעווייניגסטער באַפרייאונג, פון דעם אינע־ווייניגסטען קאַמף, פון דער אינעווייניגסטער אַפּאָלאָגעטיק...

קורץ, אונזער אינטערעס צו היסטאָריע איז ווייניגער אַ היס־טאָרישער, אַ וויסענשאַפטליכער און מער אַ לעבענס־אינטערעס. און ער דריקט זיך אויס טאַקע ניט אַזוי אין דער אָפּזוכונג און פאַרעפענטליכונג פון דאָקומענטען, וואָס נאָר ספּעציאַליסטען האָבען אַ שייכות צו זיי, ווי אין דער פּאָפּולאַריזירונג פון ווערק, וואָס איי־גענטליך דאַרפען זיי אָנגערופען ווערען קלאַסישע, ניט היסטאָרישע ווערק.

מיר אינטערעסירען זיך מיט דער קלאַסיק, ניט סתם מיט דער פאַרגאַנגענהייט פון דער אידישער ליטעראַטור. אַ ראיה דערצו זיינען די דערוויילן נאָך ניט געלונגענע, אָבער עקשנות'דיגע פּראָ־בעס, וואָס ווערען געמאַכט איבערצוזעצען פון דאָס ניי תנ"ך אויף

דער שפּראַד פון פאָלק. די דאָזיגע פּראָבעס זיינען אויסען ניט נאָר צו באַקענען, נאָר אויך צו פאַרבינדען אונז מיט דער אַלטער ליטע־ראַטור פון אונזער אַלטען פאָלק. עס איז ניט קיין מעלה, וואָס מיט ביבעל־איבערזעצונגען האָבען זיך אָפּגעגעבען ביז אַהער מענשען, וואָס קוקען אויף זייער אַרבעט ניט ווי אויף אַ ווויסענשאַפטליכער אויפגאַבע און וואָס פאַרמאָגען ניט די נויטיגע ווויסענשאַפטליכע מע־טאָדע: — דאָס איז ניט קיין מעלה; אָבער כאַראַקטעריס־טיש איז עס: דער דיכטער, דער פּעדאַגאָג, דער נאַציאָנאַלער טוער, ניט דער ווויסענשאַפטס־מענש, ניט דער פילאָלאָג זוכט ביי אונז דעם שליסעל צו די אוצרות פון עבר. דער דיכטער, דער פּע־דאַגאָג, דער נאַציאָנאַלער טוער — מיר אַלע האָבען ניט קיין געדולד צו וואַרטען, ביז עס וועט קומען דער אידישער לוטער, וואָס וועט פאַראייניגען אין זיך פאָלקסטימליכקייט און רעליגיעזען ברען מיט פילאָלאָגישען ערנסט, אומענדליכע ליבשאַפט צום הייליגען ספר מיט דער טריישאַפט צו דעם פאָלקס שפּראַד: די ווויסענשאַפט האָט געדולד, זי וואָלט געקאָנט וואַרטען; דאָס לעבען קאָן ניט וואַר־טען. ווייזען זיך אין רוסלאַנד און אין אַמעריקע תנ״ך־איבערזע־צונגען, וואָס שטעלען אונז ניט צופרידען, וואָס זיינען אַלע אָבער סימנים, גוטע סימנים פון אונזער דור, פון אַ דור, וואָס איידער ער לאָזט זיך גיין אין וועג צו דער צוקונפט, וויל ער וואָס מער זיך אָנגרייטען צידה לדרך פון די רייכע אוצרות פון דער פאַרגאַנגענ־הייט...

צידה לדרך — אָט דאָס איז דער וויכטיגסטער טעם, פאַרוואָס מיר שטייען איצט און קוקען מיט אַזאַ דאַרשטיגען קוק אויף דער ירושה פון אונזערע אבות. מיר פילען, אַז פון דעם אָרט, וואָס מיר זיינען ביז אַהער געשטאַנען אויף אים, ווערען מיר אָפּ־געשטופּט; מיר מוזען אים פאַרלאָזען, מיט גוטען, צי מיט בייזען; ווילען מיר ניט אַוועק פון אים מיט ליידיגע הענט...

אַז די מערב־אייראָפּייאישע אידען האָבען געדאַרפט זיך שיידען מיט'ן אַלטען, אין זיך אַליין איינגעשלאָסענעם, אידישען לעבען, האָ־בען זיי געפילט, אַז צווישען דער אַלטער, אידישער, קולטור און דער נייער, דער פרעמדער, וואָס צו איהר גייען זיי איבער, ליגט אַ

ג ר ע נ ע ץ: איבערטראגען עפעס פון איין זייט אויף דער אנדערער וועט זיין מעגליך נאר אויפ׳ן שטייגער פון קאנטראבאנדע. האבען זיי דעם פעקעל ירושה פון דער אידישער פארגאנגענהייט געמוזט לאזען אויף ד ע ר זייט, און נאר א מצבה האבען זיי געשטעלט, אז אהל אויסגעבויט אויף דעם ארט, וואו דאס געביין פון די אבות איז געבליבען, כדי אז טאמער וועט זיך זיי פארגלוסטען אמאל קומען אהין אויף קבר אבות, זאלען זיי לייכט קאנען אויסזוכען די קברים. מיר איצט, שיידענדיג זיך מיט די לעבענספארמען פון אידישען מיטעלאלטער, גייען מיר ניט איבער צו גאר א נייער, א פרעמדער, קולטור: מיר בלייבען אויף דעם פריערדיגען וועג, נאר מיר גייען ווייטער; קאנען מיר מ י ט נ ע מ ע ן פון דעם ביזאהעריגען גייסטיגען סקארב אונזערען אלץ, וואס איז נאר מעגליך. און ניט נאר מיר קאנען — מיר מוזען עס טאן. אפילו פעלקער־נאמאדען טראגען מיט זיך פון איין ארט אויף דעם אנדערען דאס ביסעלע מטלטלין, וואס זיי פארמאגען. פון איין ת ק ו פ ה אין דער אנדערער איבערגיין מיט ליידיגע הענט איז אבער נאך געפערליכער, ווי איבערוואנדערען מיט א פוסטער טארבע פון איין א ר ט אויף דעם צווייטען. מען מוז האבען צידה לדרך. די, וואס עקשנ׳ען זיך איין און ווילען בלייבען שטיין אויף די קני מיט אראפגעלאזטע קעפ פאר די הייליגע אוצרות, וואס ליגען באהאלטען אין דער אלטער שפראך, און האבען מורא זיי רירען פון ארט, ארויסציען פון זיי דאס הייליגע מענטעלע, טאמער וועט, חלילה, פון זיי עפעס אפפאלען, — די זיינען גרייט אפנים צו בלייבען אליין מיט די הייליגקייטען, ווי א מין גייסטיגע עכברא דשכבי על דינרי, און עס מאכט זיי גאר ניט אויס, וואס דאס פאלק וועט פון דער ירושה גארנישט באקומען און וועט אוועקגיין פון הייליגען ארט הונגעריג און דארשטיג. די, וואס ווילען, אז דאס פאלק זאל די אנגעקליבענע אוצרות נעמען מיט זיך אויפ׳ן וועג פון נייעם לעבען, אויף וועלכען עס לאזט זיך — די ציען אראפ דאס הייליגע מענטעלע פון ספר און עפענען אים פריי פאר אלעמען... עס קאן זיין, אז אויף א ו י פ צ ו ה י ט ע ן דעם אלטען זיסען ווייז, א שטייגער, פון די אגדתות, איז דער ס פ ר ה א ג ד ה און דער ע י ן י ע ק ב

א בעסער, א פאסיגער געפעס, ווי די אויף אידיש ארויסגעגעבענע „אידישע אגדות”. ג ע נ י ס ע ן אבער דעם וויין וועט מען פון דער לעצטער, וואכעדיגער, כלי מער, ניט אין ערד מער, ווי פון דער ערשטער, דער הייליגער.

און אט דער ברענענדיגער וואונש צו ג ע נ י ס ע ן די פארגאנגענהייט און צו מאכען, אז אירע ווערטען זאלען זיין ל ע־ ב ע נ ס־ווערטען, אט דער וואונש פילט זיך ניט נאר אין דעם, וואס מען פארשפרייט און מען באארבעט אויף אידיש תנ"ך, אגדה, שירים פון ר' יהודה הלוי (אבער ניט אזוינע זאכען, וואס האבען איצט שוין נ א ר א היסטארישען ווערט); ער דריקט זיך אויס אויך אין דעם הייסען אינטערעס צום אידישען פאלקלאר, וואס ווערט די לעצטע צייט אלץ שטארקער. ווארים אויך די פאלקס־לידער און פאלקס־מעשיות ווערען געזאמעלט ניט אזוי צוליב דעם היסטארישען, עטנאגראפישען און פילאלאגישען ווערט, וואס זיי האבען, ווי צוליב דעם לעבעדיגען אינהאלט זייערען: די פאלקס־מעשה'לאך ווערען באארבעט פון אונזערע דיכטער, די פאלקס־לידער ווערען געזונגען אויף אווענטען, וואנדערען איבער פון ווארשטאט אין סטודענטישען צימערל אריין... נאך עד היום האבען מיר ניט קיין איין מער אדער ווייניגער וויסענשאפטליך ארויסגעגעבענע זאמ־ לונג פון אידישע פאלקס־מעשיות, נאר די אידישע ליטעראטור איז פול מיט זיי: פרץ, בערדיטשעווסקי, יהודה שטיינבערג — א שולע האבען זיי געשאפען מיט זייערע חסיד'ישע און אנדערע פאלקס־ מעשיות. פונקט דאס אייגענע, ווי מיט דער ביבעל: קיין איין ו ו י ס ע נ ש א פ ט ל י כ ע איבערזעצונג, כמעט ניט איין היס־ טאריש־קריטיש ווערק וועגען דער ביבלישער ליטעראטור — אבער דעם שרייבטיש פון יעדען כמעט אידישען פאעט באשיינען פראג־ מענטען פון ביבעל־איבערזעצונגען! אפילו אברהם רייזען האט דא ניט לאנג געלאזט דרוקען ביבלישע לידער — אפילו דער ר ע א־ ל י ס ט ש ב ר ע א ל י ס ט רייזען! ווארום — איך חזר איבער נאך אמאל — ניט דאס פארגאנגענע, וואס אין דער פארגאנגענהייט, זוכען מיר, נאר דאס לעבעדיגע, וואס אין איר, דאס אייביגע, דאס באפרוכפערענדיגע. מיר זוכען עס ניט ו ו י י ל,

נאָר *כאָטש* עס איז אין דער פאַרגאַנגענהייט. ניט אויף צו *ווייסען* — אויף צו *מאַכען* אונזער היסטאָריע ברויכען מיר עס! מיר ברויכען עס ניט ווי אַ פאַרטיגען בניז, נאָר ווי צעמענט פאַר אַ נייעם געביי... דאָס איז ניט קיין „היסטאָריזם“.

נאָר צי איז עס ראָמאַנטיק? ניין, דאָס איז אויך ניט קיין ראָמאַנטיק.

דעם ראָמאַנטיקער גלוסט זיך אומצוקערען צוריק דאָס, דוקא דאָס, וואָס קאָן זיך ניט אומקערען. ער יאָגט זיך נאָכ'ן טאָג, וואָס פאַרשווינדט און לאָזט איבער שאָטענס נאָך זיך... דער ראָמאַנטישסטער צווישען אַלע ראָמאַנטיקער, נאָוואַליסט, האָט דעם גאַנצען פיין פון זיין ליבע צו סאָפּיע פאָן קיהן דערפילט ערשט נאָך איר טויט: דאָס איז די עכטע ראָמאַנטישע ליבע — ליבע נאָכ'ן טויט. היינע איז גערעכט, ווען ער זאָגט, אַז דאָס *דייטשע פאָלק* האָט, אין דער צייט פון די ראָמאַנטיקער, געוואָלט זיך זעגענען מיט'ן מיטעלאַלטער, נאָר ווייל עס איז סענטימענטאַל, האָט עס זיך געזעגענט מיט אַ קוש; אָבער די דייטשע *ראָמאַנטיקער* האָבען ניט געוואָלט זיך שיידען מיט'ן מיטעלאַלטער, זיי האָבען עס געוואָלט פאַרהאַלטען, און פאַרהאַלטען האָבען זיי עס געוואָלט טאַקע דערפאַר, ווייל עס איז געווען טויט... דער ראָמאַנטיקער שיידט זיך אָפּ פון היסטאָריקער דערמיט, וואָס יענער קאָנסטאַטירט דעם טויט, בעת דער וויל אים גובר זיין: יענעם אינטערעסירט דאָס געוועזענע, ווייל עס איז *געוועזן*, דעם — ווייל ער וויל, אַז עס זאָל זיין אויך איצט. דאָס גלייכצייטיג זיין און ניט־זיין פון אַ זאַך — איר זיין אין אונזער וואונש און גערעכעניש און ניט־זיין אין דער ווירקליכקייט — אָט דאָס מאַכט זי ראָמאַנטיש... ווען אויך מיר זאָלען בענקען נאָך די זאַכען, וואָס שוועבען אויפ'ן גרענעץ פון זיין און ניט־זיין, ווען אויך מיר זאָלען ליבען די ביז־השמשות־ווערטען פון אונזער קולטור, די, וואָס אויף זיי ליגט אויסגעגאָסען דער קילער, שטילער שיין פון אַ זון, וואָס פאַרגייט, — וואָלטען מיר געווען ראָמאַנטיקער. אָבער מיר ליבען ניט דאָס פאַרגייענדיגע; פאַרקערט, מיר ליבען דאָס, וואָס איז ניט פאַרגאַנגען, דאָס, וואָס האָט ניט אָנגעוואוירען זיין חיות אין דער געשיכטע...

אונז אינטערעסירט שטארק די נאנטסטע פארגאנגענהייט! דאס קאן אויף אונז ווארפען א חשד פון ראמאנטיק; — זי אינטערעסירט אונז אבער נאר, ווי ווייט זי האט אין זיך נאר פארמען און ווערטען, וואס קאנען זיך פרוכפערן אויך אין דער איצטיגער צייט. נאר די, וואס די אידישע שפראך איז פארגעסען געווארען פון זייער מויל, און זיי דוכט זיך, אז זי געהערט שוין צום נעכטען אדער צום פארגייענדיגען היינט, — מיינען, אז דער קולט פון אידיש איז א ראמאנטישער קולט, א פארגעטערונג פון א זאך, וואס ווערט אונז ליב, ווען מיר דארפען זיך שיידען מיט איר. וואלטען מיר האלט געהאט אידיש ווי א זאך, וואס גייט אוועק און וועט זיך שוין מער ניט אומקערען צוריק, וואלטען מיר געוואלט זי דאן אויפהיטען אין אונזער זכרון, ווי זי איז, אן קיין שום ענדערונגען; מיר וואלטען געציטערט, עס זאל ניט פאלען אויף איר, חלילה, קיין שפּרינקעלע פון דער נייער צייט: וועט זיך דען אויפהויבען די האנט ביי אונז צו מאכען נייע, מאדערנע, קריצונגען אויף אן אלטען ירושה־בעכער? די ראמאנטיקער פון אידיש, די, וואס האבען ליב אונזער שפּראך טאקע נאר ווי א זיסע ערהאינערונג, ווי א פארנאכטיגע בענקעניש, — זיי זיינען בייז, ווען מען טראגט אין איר אריין נייע עלעמענטען, נייע פארמען, ווען מען פאסט זי צו צו די באדערפענישען פון לעבען, פון דער נייער צייט. אונז טוט עס הנאה. ווייל פאר אונז איז איר טראדיציע ניט קיין רעשטעל פון דעם אפּגעברענטען טאטענס הויז, נאר א ווארצעל פון א בוים, וואס האלט אין רעכטען בליען. פאר אונז איז עס א לעבענס־ווערט, א לעבענס־געוועהר, ניט קיין הוילע ראמאנטיק.

און דאס אייגענע איז אויך מיט דעם אינטערעס, וואס ווייזט זיך ארויס ביי אונז די לעצטע צייט צום חסידיזם, צום אידישען פאלקלאר, צו דער אידישער פאלקס־מוזיק און צו אנדערע ווערטען פון דער נאנטער פארגאנגענהייט. א סימן פון ראמאנטיק וואלט עס געווען נאר דאן, ווען מיר וואלטען אין דער אייגענער צייט זיך ניט אינטערעסירט אויך מיט די עלטערע תקופות פון אונזער געשיכטע. אבער אונזער דארשט צו טרינקען פון דעם

לעבעדיגען קוואל פון דער ב י ב ע ל ציינט, אז ביי אונז איז דא א בענקשאפט נאך קלאסיק, און אז אונזער א תקופה איז, אין תוך גענומען, ניט קיין ראמאנטישע, נאר א רענעסאנס־תקופה, וואס, ווייל זי גרייט זיך צו גרויסע מעשים, ווייל זי וועט מוזען פיל ארויס־געבען פון זיך, מוז זי פיל אין זיך ארייננעמען און לאזען זיך באַ־פרוכפערען פון יענע היסטארישע כחות, וואס עד היום נאך זיינען זיי פול מיט לעבען...

און דאך שטעקט אין אונזער תקופה, אינאיינעם מיט דער בענקשאפט נאך קלאסיק, אויך א שטיק ראמאנטיק. אינאיינעם מיט די, וואס די פארגאנגענהייט איז פאר זיי נאר א קוואל אויף אנצוטרינקען די פעלדער פון דער צוקונפט, נאר א רע־זערוואואר, א שפייכלער פון ענערגיע, וואס איז געוועסט געווארען לאטענט און מוז ערשט איצט ווידער ארויסגיין מכח אל הפועל, — זיינען פאראן צווישען אונז אויך אזוינע, וואס זעען טאקע גארנישט פ א ר זיך און אלץ — ה י נ ט ע ר זיך, אזוינע, וואס די צו־קונפט איז פאר זיי א מדבר, און דער ישוב ליגט אין היילינען לאנד פון עבר, דארט, וואוהין עס גלוסט זיך זיי אזוי און וואוהין עס איז שוין קיין שום האפענונג ניטא אומצוקערען זיך צוריק... זיי זיינען ניט די שטארקערע צווישען אונז, אט די צוריק־קוקענדיגע, אבער זיי זיינען מער צוגעפאסט צו דער איצטיגער איבערגאנגס־צייט און זיי וויקלען זי איין אין שאטענס פון ראמאנטיק.

אבער אויך זיי זיינען נאר האלבע ראמאנטיקער, ווייל זיי האבען דעם וואונש, אבער ניט דעם גלויבען פון אמת'ן ראמאנטיזם. זיי האבען ארייננעזויגען אין זיך דעם עקעל, וואס דער ראמאנטיקער פילט צו דער געגענווארט, אבער זיי פעלט דער מוט צו דער פארגאנגענ־ה י י ט. דאס זיינען קרבנות פון דער ראמאנטיק, ניט אירע כהנים. דאס זיינען צארטע אדער איינפאך שוואכע נאטורען, וואס אין דעם איצטיגען לעבען איז זיי ענג, פינסטער, און ניט נאר קיין כח אי־בערצומאכען דעם לעבען האבען זיי ניט, עס פעלט זיי אפילו די פייאיגקייט צו שאפען זיך אן א י ל ו ז י ע פון א ברייטערען, ליכטיגערען, לעבען, און אז זיי יאגען זיך נאך דעם ליבען טאטען

פון דער פארגאנגענהייט. ווייסען זיי, אז ס׳איז א שאטען, און געפינען אין דעם ניט קיין האפענונג און קיין טרייסט...

„וואוהין גייסטו?“ בעטען זיי זיך אינאיינעם מיט איינהארנ׳ען ביים זיידען: — „וואוהין גייסטו? פארלאז מיך ניט אליין צווישען די חורבות. מיט וועמען וועל איך בלייבען? זיידע, זיידע!“ זיי האבען מורא צו בלייבען אליין צווישען די חורבות — אט פאר־וואס זיי טוליען זיך צום זיידען! עס שרעקט זיי די צוקונפט — אט פארוואס זיי קערען זיך צו דער פארגאנגענהייט.

און אט פארוואס זיי קערען זיך — און קערען זיך ניט אום צו איר. אין א. ווייטער׳ס דראמע „דער שטומער“, וואס איר הויפטווערט ליגט אין דעם, וואס זי איז, ווי די פריערדיגע דראמע ווייטער׳ס „אין פייער“, זייער כאראקטעריסטיש פאר די נייע שטימונגען פון דער אידישער אינטעליגענץ, — איז פאראן א פארעל א גאנצעם, אלכסנדר און אסיא, וואס קערען זיך, קערען זיך — און קערען זיך ניט אום צו די אלטע. אי ער, אי זי זיינען פריער געווען נע ונד, זיינען אויסען געווען, וואו די וועלט האט אן עק, איבערגעדינט אלע עבודה זרה׳ס, נאר אט האבען זיי זיך פארבענקט „אהיים“, און נאך מיט מער האסט, ווי עליאש אין נאמבערג׳ס „משפחה“, ווארפען זיי זיך אין די ארעמס פון טאטע־מאמע. זיי זיינען געקומען צוריק אין שטעטל, וואו די עלטערען זייערע וואוינען, און ווילען חתונה האבען כדת משה וישראל. „אייערע קינדער, זאגט אלכסנדר, איך און זי —ביידע פארבלאנדזשעטע, זוכען א וועג פאר זיך“. „זאל זיין, זאגט ער, אלץ ווי ביי אידען. זיך פארבענקט נאך אידען, נאך אידיש־קייט, גלייך ווי אויסגעהונגערט זיך. האב איך חתונה אין דער אייגענער שטאט, אין אידישען שטעטל; א חתונה מיט אלע אידי־שע מנהגים“... און אויך זי זאגט: „איך וויל זיין, ווי מיין מאמע איז געווען. א אידיש מיידעל האט חתונה... האט קינדער, האט א מאן, האט א הויז. איך קאן ניט מער, ווי עס איז געווען“.. דארף מען נאך קלערערע רייד, נאך עכטערע בעלי־תשובה׳ניקעס? און דאך לאזט זיך גארנישט ניט אויס פון די רייד און פון דער תשובה. גראד אין דעם טאג, ווען עס דארף זיין די חופה, קומט צו פארען פון

ערגעץ א ל כ ס נ ד ר ׳ ס אז אמאליגער פ ר י י נ ד, וואס
איז, ווי עס ווייזט זיך אויס שפּעטער, אויך א ס י א ׳ ס א
פריינד און, ווער ווייס, אפשר ניט נאר אז אמאליגער. און ער, אט
די לעבעדיגע עראינערונג פון אסיא׳ס און אלכסנדר׳ס פארגאנגענ־
הייט, זאגט יעדעס מאל, ווען ער הערט, ווי זיי רעדען פון זייער
אומקערען זיך צוריק צו טאטעזמאמע: — „ע ס א י ז ש ו י ן
נ י ט מ ע ג ל י ך.״ די אלטע היים אונזערע איז שטאלץ און איי־
פערזיכטיג — זי האט פיינט, אז מען קערט זיך אום צו איר נאר,
ווייל עס איז ניטא וואו אהין צו טאן זיך. שטעטל האט קיין צוטרוי
ניט צו די יונגע בעלי תשובה׳ניקעס. מען ציטערט אינאיינעם מיט
די אומגעקערטע זאלען ניט קומען צוריק אויך די שאטענס פון
זייערע זינד. און די מורא איז ניט אומזיסט. אין דער געשטאלט
פון פ ר י י נ ד לויפען אז די שאטענס, פאר וועלכע מען האט
מורא, און עס ווייזט זיך דער שטן, וואס צעשטערט די אידיליע צווי־
שען אלכסנדר׳ן און אסיא׳ן... אין לעצטען אקט זעען מיר
אלכסנדר׳ן אין שול, זיצענדיג שווייגענדיגערהייט ביי א ספר, און
נאר איין מאל נאך הערען מיר אים רעדען, זיך מתודה זיין. דאס איז
דאן, ווען זיין פאטער קומט צו גיין און דערמאנט אים אז דער מא־
מען, וואס איז אלט און גרא געווארען. „פאטער, זאגט אלכסנדר,
טשעפּעט מיר ניט... איך האב אלעמען מוחל געווען. זייט מיר אויך
מוחל. זאל די מאמע ניט וויינען. לאזט מיר, טייערע! איך וויל
זיין אליין. איך וויל זיין אפגעזונדערט. עס איז שלעכט, טאטע;
ב י י מ י ר ה א ט ז י ך א ל ץ צ ע ב ר א כ ע ן. ג א ר־
נ י ש ט ג ע ב ל י ב ע ן פ ו ן א ל ץ... א ו ן פ א ר־
ד י כ ט ע ן א י ז ש ו י ן א ו מ מ ע ג ל י ך״... ער בלייבט
זיצען אין שול א ש ט ו מ ע ר... פון זיין שטומקייט שרייט אבער
צו אונז די וואונד פון דעם היינטיגען אידישען ראמאנטיקער, וואס
וויל זיך אומקערען צוריק — און קאן ניט, די וואונד פון דעם רא־
מאנטיקער, וואס איז נאר א האלבער ראמאנטיקער, ווייל ער האט
דעם יאוש, אבער ניט דעם גלויבען פון דעם אמת׳ן ראמאנטיקער...
א ל כ ס נ ד ר, דער שפּעטערדיגער ש ט ו מ ע ר, זאגט
אין איין ארט, אז ער געהערט ניט צום „ע ר ש ט ע ן ד ו ר״ פון

די נייע, נאָר צום לעצטען פון די אַלטע. אין דער אמת'ן געהערט ער אויך צום לעצטען ניט: ער שטייט צווישען די אַלטע און די נייע.

אַט דער צווישען־דור גיט אַרויס פון זיך צווייער־ליי טיפּען. איינעם, אַזאַ, וואָס געפינט זיך ניט קיין אָרט ניט צווישען די אַלטע און ניט צווישען די נייע, אַזאַ, וואָס זיין נשמה איז אַזוי אַנגעזעטיגט מיט'ן עקעל צום היינט, אַז עס בלייבט אין אים קיין אָרט ניט פאַר'ן גלויבען אין נעכטען אָדער אין מאָרגען. דאָס איז דער אומגליקליכער, דער ניט צוגעפּאסטער צווישען־טיפּ, וואָס האָט קיין אנדער ברירה ניט, ווי „אנשטומט" צו ווערען, ד. ה. אַוועקצוגיין, ווי אלכסנדר, פון לעבען מיט זיינע אַלטע חורבות און נייע בנינים. אַחוץ דעם שלימזל'דיגען פאַר־שטייער פון צווישען־דור איז פאַראַן אַבער נאָך איינער, דוקא אַ בריה, וואָס פּאַסט זיך זייער גוט צו צו זיין צווישען־לאַגע און פירט באַקאַנטשאַפט אי מיט די אַלטע, אי מיט די נייע, זינגט לויב־געזאַנ־גען דעם עבר און פאַרגעסט אויך ניט אויפצוהויבען זיין שטים אין כאָר פון דער צוקונפט־מוזיק. אַזאַ איז סימא, אויך אַ פאַר־שטייער פון איצטיגען צווישען־דור, אין ווייטער'ס דראַמע „אין פייער": „פאָטער, צום זיידען צוריק, צום עלטער־זיידען!" און אין אַ רגע אַרום: „דער אמת'ער איד שטייט נאָך הינטער אונז. ער דאַרף נאָך אַנקומען. נאָר איד, מיר מאַכען אַ וועג פאַר אים, אַ וואָרע — פאַר'ן צוקונפטיגען אידען"... אויך עליאש אין נאָמבערג'ס „משפחה" גלויבט אין דער אייביגקייט, אין דער צו־קונפט פון אידישען פאָלק: „...מיר לייטערען זיך, זאָגט ער, מיר ווערען שטאַרקער און געזינטער, גייסטיג און פיזיש. מיר בויען אומעטום לעבענס־צעלען. מיר זיינען בעסער, ווי אונזערע עלטערן, אונזערע קינדער וועלען בעסער זיין פון אונז א. אַז. וו." פונדעסט־וועגען, אַז ער איז אַפּ צוויי וואָכען אין דערהיים ביי זיין אַלטען טאַטען, דעם רב, טראַכט ער: „פאַרוואָס האָב איך זיך אָפּגעטיילט און אָפּגעזונדערט פון דעם אַלטען לעבען, פון דער גאַנצער עדה אי־דען, וואָס לעבט אין נויט — און אין גלויבען? פאַרוואָס קאָן איך ניט פאַרטרעטען מיין טאַטענס אָרט נאָך זיין טויט און זיין אַ רב

און אַ פירער פון דעם פאָלק, ווי מיין טאַטע, מיינע זיידעס און על־טער־זיידעס זיינען געוועזן? דאָס פאָלק איז בלינד? איז נאַריש, אבערגלייביש? — פאַרוואָס־זשע אַנטלויפען פון אים? פאַרוואָס ניט בלאָנזשען מיט אים צוזאַמען?" א. אז. וו. אי ער האַפט אויף דער צוקונפט, אי עס לעבט אין אים אַ צוגעבונדענקייט, אַ טיפע בענ־קעניש נאָך דעם עבר... איז עס אַ סתירה? ניין, עס איז די פּסיכאָ־לאָגיע פון איבערגאַנגס־דור, וואָס ניט האָבענדיג קיין באָדען אונ־טער זיך אין דער געגענוואַרט, שטרעבט ער צו דער צוקונפט, נאָר וויל זי איז נאָך ווייט פון אים, וויל זי האָט נאָך קיין בילד ניט און קיין געשטאַלט, טרייסט ער זיך דערוויל מיט דעם בילד און די געשטאַלטען פון דער פאַרגאַנגענהייט. ער וויל ערשט שאַפען נייע, פעסטע, לעבענס־פאָרמען. אַנשטאָט די איצטיגע, די צעקראָכענע און צעבראָכענע; אָבער אַט זיינען אַמאָל שוין געוועזן אַזוינע פעס־טע, זיכערע פאָרמען: היינט ווי זאָל ער ניט בענקען נאָך זיי? ס י מ א ווייס גאַנץ גוט, אַז דער „צוקונפטיגער איד" וועט אין פיל פּרטים ניט זיין ענליך צום זיידען און עלטער־זיידען; אין איין פּרט אָבער וועט ער זיין גלייך צו זיי: ער וועט אויך ב ו י ע ן, ניט נאָר ברעכען, ווי דער א י צ ט י ג ע ר איד; שרייט ער דערפאַר: „צום זיידען, צוריק, צום עלטערזיידען!" אויך ע ל י א ש ווייס, אַז ווען ער זאָל ווערען אַ פירער פון זיין פאָלק, וועט ער אים פירען אויף נייע וועגען, ניט אויף די, וואָס זיין פאָטער, דער אַלטער רב, איז געגאַנגען אויף זיי; פונדעסטוועגען זעט ער פאַר זיך אַ מוסטער אין זיין פאָטער, וויל, ווי יענער, אַזוי וויל אויך ער גיין א י י ן ו ו ע ג מיט'ן פאָלק, ווי יענער, אַזוי וויל אויך ער אינאיינעם מיט'ן פאָלק גלויבען און בלאָנדזשען, און ניט, ווי די איצטיגע אינטעליגענץ, אָפּגעטיילט און אָפּגעזונדערט פון פאָלק... אַט די אַלע ס י מ א ס און ע ל י ש א ס, וואָס דאָס פאַרצייטיג, גאַנץ, ניט צעבראָכען אידיש לעבען געפעלט זיי נאָר דערפאַר, וואָס אין אים זעען זיי די יסודות, וואָס אויף זיי מוז זיך בויען דאָס ניי, קומענדיג לעבען. — אַט די אַלע צאַצקען זיך מיט דער פאַרגאַנ־גענהייט, כאָטש זיי וואָלטען גאָר ניט וועלען, אַז זי זאָל זיך אומ־קערען צוריק. זיי אַלע זיינען ראָמאַנטיקער קעגען זייער אייגענעם

ווילען. זיי זיינען געגליכען צו איינעם, וואס ליבט א פרוי נאר דערפאר, וואס געוויסע שטריכען פון איר קערפער אדער נשמה דער־מאנען אים אן דער, וואס איז ווייט פון אים און ניט צו דערגרייכען.

דער דאזיגער ראמאנטיזם איז, פונקט אזוי, ווי דער יאוש־ראמאנטיזם פון די, וואס קערען זיך צו דער פארגאנגענהייט, נאר ווייל זיי האט דערעסען די געגענווארט, — פול מיט סתירות און וואק־לענישען. און ער קאן ניט געבען אייגענטליך קיין שטאף פאר א דראמע, וואו דער עיקר איז כאראקטער און אויסגעהאלטענקייט. ער איז, אגב, פאסיוו — און אויך דערפאר טויג ער ניט פאר א דראמע. ער איז אבער אנגעמאסטען פאר ליריק. „און דעם אידישען פאעט, לייענען מיר ביי א מאדערנעם אידישען שרייבער, — דעם אידישען פאעט בעט איך, ער זאל נעמען די הארבסט־הארף און זינגען זאל ער מיר וועגען אן אלטען פאלק, וואס בויגט זיך שוין פאר אלטקייט; זאל ער זינגען וועגען דער אלטער שול, וועלכע ווערט חרוב און וועגען דעם איין־איינציגען גרויסען רב, וואס איז ערגעץ פארבליבען; זאל ער זינגען וועגען דעם, וואס וועלקט, גייט אונטער און איז דאך אזוי שיין" (ש. גארעליק, „די ליבע פראווינץ".) אויף דער דאזיגער ראמאנטישער הארף האט געשפילט דא ניט לאנג פאר אונז דוד איינהארן אין זיין זאמלונג „מיינע לידער". און אויך אנדערע לירי־קער שפילען אויף אט דער הארף און באזינגען די הארבסט־שיינקייט פון דער אונטערגייענדיגער וועלט, וואו „גאט געבענשטער פרידען האט געהערשט אין גאס, אין יעדען הויז" —

„און קינדער האבען זיך געשפילט מיט זייערע פאטערס לאנגע בערד,
און איבער אלטע ספרים זינגענדיג, און שטענדיג טיף פארקלערט
געזעסען זיינען טאג ווי נאכט פיל עדעלע און יונגע לייט.
און מיידלאך האבען תפלין־זעקלאך אויסגענייט פון גאלד און זייד.
און אלע מיידלאך האבען אויגעלאך געהאט, ווי שטערן ריין.
און אלע זיינען שעמעוודיג געווען, און גוט און ליב און שיין.
און אלע האבען זיי די מאמעס זייערע הארציג ליב געהאט,
און ווי אין פרילינג בליט די בלום אין פעלד און אויפ'ן בוים
דאס בלאט,

אַזוי האָט רואיג, פרידליך אויפגעבליט אַ דור און נאָך אַ דור
און ווי גאָלד'נע קיוט געצויגען האָבען זיך פיל הונדערט יאָר"...
(מ. ל. האלפערין, „אין דער פרעמד").

אָט אַזוי ווערט דאָס, וואָס האָט נאָך דאָ גאָר ניט לאַנג גע־הייסען „פינסטערע געטאָ", געשילדערט, ווי עפּעס אַ זיסע, ליכטיגע אידיליע, און צום אַלטען, אידישען גאָט, וואָס איז שווין, דאַכט זיך, גאָר פאַרגעסען געוואָרען, ווערט געשיקט אַ הייסע, האַרציגע תפלה:

„...גרויסער גאָט פון מיין פאָטער! אנטפלעק דיין געזיכט —
— — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — —
גרויסער גאָט פון ישראל! באַווייז זיך! באַווייז!"
(י. י. שווארץ, „פון דער טיפעניש").

אָט די „ראָמאַנטישע" אויסגעשרייען, וואָס פילען אָן די לופט פון דער איצטיגער אידישער ליטעראטור, זיינען ניט די צ ו ק ו נ פ ט־טענדענץ פון דער אידישער ליטעראטור, נאָר דאָס איז אָן אָפּקלאַנג פון דער איצטיגער א י ב ע ר ג א נ ג ס־צ י י ט. איצט זיינען נאָך דאָ אַ סך, וואָס ווייל די נייע פעסטע נאַציאָנאַלע פאָרמען, צו וועלכע זיי שטרעבען, זיינען נאָך ניט באַשאַפען געוואָרען, קוקען זיי מיט ליבשאַפט און בענקשאַפט אויף די אַלטע פאָרמען, אויף די, וואָס האָבען עקזיסטירט דאַן, ווען דער אידישער יחיד איז נאָך געווען איינגעשלאָסען אין כלל. בענקענדיג נאָך יענער צייט, פאַרגעסען זיי זייער עלענדקייט און אָפּגעריסענ־קייט און באַהעפטען זיך, כאָטש אין די געדאַנקען, מיט'ן כלל ישראל, מיט זיין גאָט און זיין אייביגקייט... און אָט דאָס, כאָטש נאָר גע־דאַנקליך, איינוועבען זיך אינ'ם כלל־געוועב, אָט דאָס פּרואווען אויפריכטען די גאַנצקייט און ברייטקייט פונ'ם אידישען לעבענס־בילד, האָט געמאַכט מעגליך דעם ראָמאַן אין דער אידישער ליטע־ראַטור.

(1913)

# ראָמאַנען

# דוד בערגעלסאָן: נאָך אַלעמען*)

א שווערער אומעט, א הארבסט־וואָלקען, א טונקעלקייט הענגט איבער'ן בוך. מ י ר ע ל, די „העלדין" פון ראָמאן, איז עלענד און אַליין, אפּגעריסען פון איר סביבה. זי איז זייער ניט צופרידען מיט איר לעבען; זי בענקט נאָך עפּעס אַנדערש. זי קאָן זיך אבער ניט העלפען: זי איז אַ פּאַסיווע...

אומעט, עלענדקייט, אומצופרידענקייט, בענקעניש, פּאַסיוויטעט — זיינען עס ניט קיין אַלטע מאָטיווען? באַגעגענען זיי זיך ניט אויף שריט און טריט — אין די דערציילונגען וועגען דעם לערער, דעם בוכהאַלטער, דעם עקסטערן, דער קורסיסטין אין איינזאַמען צימערל אויפ'ן פינפטען שטאָק? זיינען זיי אונז ניט גוט באַקאַנט פון די אונז אַלעמען מיאוס געוואָרענע סקיצען? און נאָך אַ פראַגע: איז עס ניט קיין סתירה צו אונזער מיינונג, אַז דער נייער ראָמאַן אויף אידיש איז מעגליך געוואָרען, ווען די ליטעראַטור אונזערע האָט פאַרגעסען אַן אַלטען, איינזאַמען בחור און גענומען זיך פאַר'ן משפּחה־מענשען, ווען זי האָט געלאָזען דעם פּרט און פאַרטיפט זיך אין כלל, אַוועקגעוואָרפען דעם בלאַט און געווענדט זיך צום צווייג און צום בוים און צום וואָרצעל פון בוים? וואו איז אין בערגעלסאָנ'ס ראָמאַן דער איבערגאַנג פון איך־גריבלערייען צום סביבה־ און כלל־לעבען?

אויף דער דאָזיגער פראַגע קאָן מען — אידישליך — ענטפערען מיט אַנדערע פראַגען: פירט אונז דען ניט אַריין דער מחבר

---

*) ווילנער פאַרלאַג פון ב. א. קלעצקין, ווילנע, 1913.

אינעווייניג איז הויז פון ר׳ ג ד ל י ה דעם יורד? גיט ער אונז דען ניט צו עטעמען די לופט פון דעם אויפגעקומענעם ב ו ר־נ ע ם ׳ ע ם פאמיליע? פון די ט א ר א ב י י ס, אט די כלומר׳שט שוין אויסגעאיידעלטע פארוועניו׳ס? פון די ז י י ד ע־נ א ו ו ס ק י ס, די שוין האלב־פארגרעבטע מיוחסים? שטייט דען ניט פאר אונזערע אויגען דאס קליין שטעטל, וואו מ י ר ע ל וואוינט מיט אירע עלטערן? פילען מיר דען ניט דעם אטעם פון כרד און זיין פארשטאט, וואוהין מ י ר ע ל ציט זיך אריבער? זיינען דאס אלץ ניט שטיקער מיליע־ און כלל־לעבען?

אבער דאס איז נאך ניט קיין תשובה אויף דער פראגע. ווארים די דאזיגע אלע סביבה־ און כלל־עלעמענטען זיינען ניט דער עיקר אין בערגעלסאנ׳ס ראמאן. דער עיקר איז מ י ר ע ל. ניט נאר די הערצער פון ו ו ע ל ו ו ע ל ב ו ר נ ע ם, ש מ ו א ל ׳ י ק ז י י ד ע נ א ו ו ס ק י, מ א נ ט ש י ק, נ ת ן ה ע ל ע ר און אלע אנדערע יונגע לייט, פראסטע און איידעלע, קלוגע און נאר־רישע — ציען זיך צו מ י ר ע ל, ווי זומער־פליגעלאך צום פייער: — א ל ץ. וואס אין ראמאן איז פאראן, ציט זיך צו איר, צו דער „העלדין״, ווי א ראדיוס צום מיטעלפונקט פון קרייז; א ל ץ, וואס ווערט געשילדערט אין ראמאן, איז נאר א ראם פאר איר בילד. אויב „נאך אלעמען״ אנטציקט אונז מיט זיין טעכניק, ניט געקוקט אויף דער אומפראפארציאנעלער לאנגקייט פון ערשטען טייל, איז עס נאר מחמת אט דער „איינהייט אין דער פארשידענארטיג־קייט״. וואס אין קיין ווערק אויף אידיש האט זי ניט דערגרייכט אזא הויכע מדרגה, ווי דא; נאר צוליב דעם, וואס מ י ר ע ל, אט די שוואכע, ציטעריגע, טרויעריגע „פרינצעסין״, זיצט, באמת, ווי אויף א טראן, וואס דערהויבט זיך איבער אלץ, וואס ארום, און מאכט אלץ און אלעמען זיך אונטערטעניג; און וואס דערפאר האט בערגעלסאנ׳ס ראמאן מיט א סך מער רעכט, ווי א ש ׳ ס „מערי״*) געקאנט טראגען אויף זיך דעם נאמען פון זיין הויפט־העלדין — מ י ר ע ל. מירעל איז ניט די הויפטזאך, זי איז א ל ץ. איז אלזא, די פראגע, צי האט מ י ר ע ל, אט דער תוך פון גאנצען ראמאן, א שורש אין דער סביבה, אין דער פאמיליע,

וואו זי איז אויסגעוואקסען? צי איז מ י ר ע ל ׳ ס אומעט און מ י ר ע ל ׳ ס בענקשאפט א כלל־אומעט און א כלל־בענקשאפט, אדער עס איז נאר אלץ דער נודנער אומעט און די פוסטע בענקע־ניש פון די אונז גוט, שוין צו גוט באקאנטע איינזאמע אינטעלי־גענטישע צימערלאך?

מירעל איז צו קיינעם, אחוץ אפשר צו איר פאטער, ר׳ ג ד ל י ה ׳ ן, ניט צוגעבונדען; מ י ר ע ל ליבט אין פלוג קיי־נעם און קיין זאך ניט; אז זי האט חתונה, וויל זי מיט איר מאן קיין קינד ניט האבען, און ווען זי שפירט דאס אונטער׳ן הארצען, פילט זי צו דעם אן עקעל. ווי קאן מען איינוועבען אט דעם איינ־זאמען אפגעריסענעם פעדימעל אין כלל־געוועב? אבער מען מוז עס טאן. מען מוז זיך פארטיפען אין דער סאציאלער און פאמי־ליען־סביבה, וואו מ י ר ע ל איז אויסגעוואקסען, און וואו זי פארברענגט אירע טרויעריגע, וואלקענדיגע טעג, אויב מען וויל טרע־פען די רעטעניש פון איר מאדנעם, קאפריזנעם, שטאלצען, שוואַ־כען, עקשנות׳דיגען, בת־יחידה׳שען א י ד. וועט איר זי נעמען אליין, ווי זי איז, פאר זיך, וועט איר ניט פארשטיין גאר דעם חן, וואס שטראלט פון איר ארויס, און וועט ניט וויסען דעם מקור פון דעם טיפען טרויער, וואס לייכט אין אירע בלויע אויגען, אונטער די לאנגע, שווארצע וויעס. איהר מוזט וויסען, פון וואנען זי שטאמט און פארוואס זי טויג ניט פאר׳ן לעבען, ערשט דאן וועט איר פילען א טעם אין דעם אומעט און כשוף, וואס ליגט אין אט דער שלאנקוואוקסיגער בת יחידה; ערשט דאן וועלען די פרטים פון איר לעבען, וואס יעדער פון זיי באזונדער איז, דאכט זיך, גאר־נישט ניט ווערט, זיך צונויפגיסען אינאיינעם און באלויכטען ווע־רען דורך דער שיין פון איר נשמה, פון אט דער איידעלער, צאר־טער נשמה, וואס „די נודנע לידער פון דער ערד" קאנען ניט פאר־בייטען איר די קלאנגען פון דער וועלט. וואו זי איז געווען אמאל און וואוהין עס בענקט זיך איר אזוי...

וואו איז זי געווען אמאל? וואס פאר אן אומרואיגע נשמה איז

---

*) זע פאלג. קאפיטעל.

אין איר מגולגל געווארען, און מאכט זי טרויעריג, און מאכט זי שוואך, און מאכט זי שטאלץ און ווייט אויף איר אַן אַזוינע פיינע, געווירצטע, געהיימע אַראַמאַטען?

דאָס איז די נשמה פון דער אַלטער יחוס־פאַמיליע הורוויץ. אין מ י ר ל ע ן לעבט, אין איר שטאַרבט, ריכטיגער, די נשמה פון אַ כלל, וואָס, אונטערגייענדיג, פאַרשפּרייט ער אַרום זיך דורכזיכ־טיגען טרויער און שטראַלענדיגע וואַלקענדלאַך און אַ לעצטען שיי־נעם, שטילען פאַרבען־שפּיל, ווי די זון, בעת זי פאַרגייט — אין אָנ־הויב הארבסט. די פאַמיליע הורוויץ איז אַ צווייג פון דער אַל־טער אידישער אַריסטאָקראַטיע. אַמאָל איז זי אַ דעמב געווען; אַ גאַנץ פאָלק האָט אין זיין שאָטען גערוט. האָבען גענומען טריקענען אונטען די זאַפטען, און אויבען האָט זון געפעלט, זיינען די צווייגען פאַרדאַרט געוואָרען; נאָר אין יעדען וועלקענדיגען צווייג בליט דער שטאָלץ פון בוים, פון אַלטען בוים, און דער ריח פון טיף אין דער ערד איינגעגראָבענע וואָרצלען גרייכט צו אונז פון בלאַט, וואָס פאַלט... וואָס איז ר׳ ג ד ל י ה  ה ו ר ו ו י ץ, מירעל׳ס פאָטער? אין פלוג איז ער ניט מער, ווי אַ איד, וואָס ביי אים גייען די גע־שעפטען שלעכט. נאָר זעט, ווי אידען פאַרהאַלטען זיך צו אים. ווי צו אַ פשוט׳ן יורד? מיט אַ געפיל פון רחמנות? ניין, מיט דער טיפסטער אכטונג. און קיין איין זאַך גיט אונז ניט צו פילען אַזוי דעם פאַרבאָרגענעם יחוס׳דיגען טעם פון אָט דעם האַלב־פאַר־וועלקטען צווייג, ווי אָט דאָס פאַרהאַלטען זיך צו אים מצד די אָרו־מיגע. זיי שפּיגלען און צאַצקען זיך מיט אים, ווי מיט אַ טייערען ירושה־בעכער. טאָן מיט אים אַ שידוך — האַלט יעדער פאַר אַ זכיה. אפילו דאַן, ווען ער איז שוין גאָר פאַראָרימט, איז ער זיך מתחתן מיט די ז י י ד א ו ו ס ק י ס, וואָס זיינען גרויסע גבירים, און דערצו נאָך אויך שטיקלאַך יחסנים. און אַז ער שטאַרבט, איז די שטעטעל ווי פאַר׳יתומ׳ט: ניטאָ, ווער עס זאָל פאַרנעמען זיין אָרט... אַלע פילען, אַז ער איז אַ ל ע צ ט ע ר. פאַר די א ו י פ־ג ע ק ו מ ע נ ע איז עס אַזוי ווי די ל ע צ ט ע מעגליכקייט זיך איינצוקויפען אין יחוס, זיך איינצופלעכטען אין דער גאָלדענער קייט פון דער אידישער אַריסטאָקראַטיע, און זיי איילען זיך אַריינ־

באפען אט דאס גליק... קיין אנדערע קינדער, אחוץ מירלען, בלייבען ניט נאך ר' גדליה'ן: אונטערגייענדיגע אריסטאקראטישע משפחות פרוכפערען זיך ניט און מערען זיך ניט...

די אויפגאבע פון ראמאן איז שילדערען אויף אן אייגענארטיגען שטייגער אט דעם אונטערגאנג, די יורד'ישקייט. בערגעלסאן ציינט אונז דעם יחוס ר' גדליה'ס ניט אין זיין גלאנץ, ווען ער האט געלויכטען, נאר ווען ער לעשט זיך. מיר זעען און פילען אט דעם יחוס ניט דאן, ווען ר' גדליה קומט מיט גרויס פאראד אויף שבת אהיים און פארפארט צום רב, אים פירען אין באד אריין, אדער דאן, ווען מען גרייט זיך אויפ'ן נגיד'ישען שטייגער צו מירעל'ס חתונה ביי ר' גדליה'ן אין שטוב, נאר דאן, דוקא דאן, ווען די געשעפטען גייען שלעכט ביי ר' גדליה'ן, ווען מען האט שוין פארטאן מירעל'ס נדן און די עטליכע טויזענט רובל פון עפעס א קרוב, עס קומען די בעלי־חובות, און ר' גדליה'ס ווייב, גיטעלע, איז גרייט צו פארען ערגעץ פארלייגען די צירונג. אין שטוב איז שטיל, ר' גדליה שווייגט... דער טרויעריגער סוד פון אן אלטער שיינער משפחה, וואס איז געקומען פון ערגעץ ווייט, און איצט גייט זי צום גרונט, פילט זיך אין זיין שווייגען. און נאך טרויעריגער איז אט דער סוד אויף מירעלעס תנאים, ווען ר' גדליה'ן דוכט זיך אויס, אז שוין ניט אים צוליב זיינען געקומען אהער די אלע געסט, נאר צוליב די זיידענאווסקיס, די רייכע מחותנים פון ווייטליכען כרך!" ר' גדליה איז פון בייטאג אן געווען שטארק אומעטיג און געפאלען און ניט געוואוסט, וואס מ'רעדט צו אים. זיצענדיג נעבען דעם מחותנ'ס לינקער האנט, האט ער די גאנצע צייט געשוויגען. געהאט אן אראפגעלאזענעם קאפ מיט יורד'ישע געדאנקען און געוואוסט, אז די אלע געסט זיינען זיך שוין אהער צונויפגעפארען ניט צוליב אים, ר' גדליה דעם אנזעצער, נאר צוליב דעם רייכען מחותן יעקב יוסלען, וואס האט ביי א האלבען מיליאן און קנאקט אויפ'ן גבירישען שטייגער; אז ער, דער גאוה'דיגער און מונטערער מחותן, ווייס דערפון, און קוקט זיך צו אים דערפאר ניט אום. און זיי, די געסט, האבען דערפאר אויף אים, ר'

גדליה׳ן, רחמנות און לאָזן אים אויך צו רו״... דאָס „רחמנות״, וואָס די געסט פילן צו אים, איז אפשר גאָרניט קיין איינפאַך רחמנות, עס ליגט אפשר גאָר פאַרבאָרגן אין אים דער אפשיי, וואָס ר׳ גדליה׳ס שווייגנדיגע טרויעריגקייט וועקט אין די אַרו־מיגע. אָבער עס ווערט דערפון ר׳ גדליה׳ן ניט גרינגער. אינעווייניג, אין זיך, פאַרשטעלט פון פרעמדע אויגן, טראָגט ר׳ גדליה דעם הארבסט, און נאָר ערגעץ אין אַ פאַרבאָרגענער טי־פעניש פון זיין נשמה פאַרנעמט ער די ווייטע, מידע קלאַנגען פון דעם אָפּגעשטאָרבענעם פרילינג, פון דער שיינער צייט, ווען זיין בוים, דער שטאָלצער דעמב, האָט געבליט און איז געווען פול מיט זאַפטען, און זיין שאָטן איז געווען ברייט, און די וואָרצלען זיינע — מעכטיג... ווי אַ לייכטער וואָלקן, שוועבט אַרום אים זיין חשיבות. דער שאָטן פון זיין טרויער, דער אָפּקלאַנג פון זיינע מידע טריט, פון יעדן וואָרט זיינעם לויפט פאַר אים און וואָרענט שטיל: ר׳ גדליה גייט, ר׳ גדליה רעדט... האָבן אַלע אפשיי. אָבער פילן, פאַרשטיין אים, ווי געהעריג איז, קאָן נאָר מירעל, ווייל אויך זי זעט, ווי עס פאַלן געלע בלעטער פון די ביימער, וואָס האָבן געבליט אַמאָל, ווייל אויך ביי איר אין האַרץ איז קיל דער הארבסט און טרויעריג דער אָפּקלאַנג פון פרילינג, וואָס האָט געבליט אין איר נשמה איידער זי איז געבוירען געוואָרן אין איר איצטיגער, הארבס־טיגער, יורדישער, געשטאַלט...

די נשמה׳שע גאָנטקייט מירעל׳ס צו ר׳ גדליה׳ן, אָט דעם פאַקט, וואָס איז זייער וויכטיג פאַר׳ן גאַנצען ווערק, גיט אונז בערגעלסאָן צו פילן, ווי זיין שטייגער איז, דווקא דורך אַ קליינינקייט. ער דערציילט, ווי אַזוי זיצענדיג עלענד און טרויעריג און שווייגענדיג צווישען די געסט, וואָס זיינען געקומען אויף מירעל׳ס תנאים, האָט זיך ר׳ גדליה „אַביסעל דער־שראָקען פאַר גיטעלע׳ן, וועלכע איז צו אים פּלוצים נאָך זיינע שלי־סעלאך צוגעגאַנגען. איינגעהויקעטערהייט האָט ער זיך אויף די פיס אויפגעשטעלט, ניט געוואוסט, וואו ער איז אין דער וועלט, און האָט לאַנג, מיט טאַפּענדיגע הענט, אַרומגעשאַרט פון איין קעשענע צו דער צווייטער. מירעל האָט דאָס געזען פון דער ווייט. דאָס

האַרץ האָט מיט גרויס רחמנות צו אים אַ צי געטאָן, איז זי צו אים צוגעגאַנגען.

— „אַט זיינען זיי דאָך, די שליסעלאַך... ביי דיר אין אויבערשטען טאַש ליגען זיי."

איבערלייענענדיג די דאָזיגע, אין פלוג, גאַנץ אומבאַדייטענדיגע ווערטער, דערזעט איר דעם קוק, וואָס מ י ר ע ל'ס טרויעריגע, בלויע אויגען האָבען בעת מעשה געטאָן אויף ר' גדליה'ן, און אַט דער קוק, וואָס מאַכט פּלוצלונג פאַר אייך לעבעדיג מירעל'ס אויגען און זייער כשופ'דיגען טרויער, עפענט פאַר אייך דעם שותפ'ישען מקור פון זייערע ביידענס, ר' גדליה'ס און מירעל'ס, נשמות. און איר וואונדערט זיך אויף אַט דער שטילער און נאָר דעם אמת'ן קינסטלער געגעבענער פייאיגקייט, וואָס בערגעלסאָן פאַרמאָגט, צו עפענען פאַר אייך אַ מענשליך האַרץ און אַן אָפּגרונט פון אַ האַרץ דורך איין וואונק, דורך איין קוק... אָבער דאָס געהערט ניט צום ענין. אונז איז דאָ וויכטיג דערווייל ניט דער טאַלאַנט פון דיכטער, נאָר זיין ווערק, — זיין ווערק, וואָס ניט אַלע פאַרשטייען אים ריכטיג, כאָטש אַלע פילען זיין צויבער... מיר קערען זיך אום צו ר' ג ד ל י ה ' ן. ער איז, ווי מיט אַ כיוון, געמאָלט מיט בלאַסע פאַרבען. וואָרים דער עיקר איז דאָך מ י ר ע ל. דורך איר צאַרטער, איידעלער, בת־יחידה'שער נשמה, דורך איר אַריסטאָקראַטיש־יורד'ישער אומבאַהאָלפענקייט און עקעל צו די אַרומיגע, דורך איר פיינליכער גלייכגילטיגקייט צו די, וואָס ליבען זי, דורך דער פיינקייט און ראַפינירטקייט פון אירע געפילען, וואָס קיינער קאָן זיי ניט פאַרשטיין און נאָך ווייניגער צופרידענשטעלען — וויל אונז דער פאַרפאַסער געבען צו פילען דעם סוד און די טראַגעדיע פון דער אונטערגייענדיגער אַלטער אידישער אַריסטאָקראַטיע, וואָס פון אַלע זייטען רינגלען זי אַרום און באַלאַגערען און באַלעסטיגען זי פאַרוועניו'ס, אויפגעקומענע גבירים, וועלכע ווילען זיך איינקויפען אין יחוס, אָדער פּראָסטע מענשען, וואָס מיט זייער געזונטען אינסטינקט פילען זיי די טרויעריגע, ניט צו דערגרייכענדיגע שיינקייט פון דער דאָזיגער אונטערגייענדיגער וועלט, נאָר זיי פעלט די צאַרטקייט זי צו געניסען... דורך דער געשטאַלט פון ר' גדליה'ס

איינציגער טאַכטער וויל דער קינסטלער אונז ציינגען עפּעס אַ רייף־ווערען צום טויט און צו אַ נייעם, קינפטיגען, לעבען, עפּעס אַ גאָלדענעם האַרבסט, וואָס אַ פאַרבאַרגענע האַנט האָט די רייכע פרוכטען פון אים אָפּגעריסען און געלאָזען אים שטיין אין טרויע־ריגער, איינזאַמער, ציטעריגער, וואַרטענדיגער נאַקעטקייט... מירעל איז פאַר דעם מחבר די הויפּט־זאַך; אַנדערע פּערזאָנען דאַרפען נאָר געבען איר די געלעגענהייט זיך אַרויסצואווייזען! האָט ער אונז גע־געבען גאַנצע און פולע פאָרטרעטען נאָר פון די פון זיי, וואָס זיינען ניט קאָמפּליצירט און ווענדען ניט אויף זיך צופיל דאָס אויג פון לעזער; פון אַ ר׳ ג ד ל י ה׳ ן אָבער, ווען ער וואָלט זיך מער מיט אים אָפּגעגעבען און ניט באַנוגענט זיך מיט עטליכע אויבענ־אויפיגע שטריכען, — פון אַ ר׳ ג ד ל י ה׳ ן וואָלט אויסגעוואַק־סען אַ געשטאַלט, וואָס וואָלט קאָנקורירען מיט מ י ר ל ע ן און ניט לאָזען איר ווערען דער צענטער פון ווערק. פון אַזאַ פעלער האָט דעם אַ ר כ י ט ע ק ט בערגעלסאָנ׳ען געמוזט אָפּהיטען דער קינסטלערישער אינסטינקט, וואָס לעבט אין אים. האָבען מיר פון ר׳ גדליה׳ן טאַקע דערפאַר נאָר ראשי פּרקים אין ראָמאַן...

אויב אָבער מיר ווילען ניט נאָר מיטפילען און מיטלעבען מי־רעל׳ס טרויער און שיינקייט, נאָר אויך דערגיין דעם מקור, פון וואַ־נען זיי שטאַמען, מוזען מיר זיך אָפּשטעלען לענגער, ווי דער פאַרפאַ־סער, אויף ר׳ ג ד ל י ה׳ ן. ר׳ ג ד ל י ה איז דער שליסעל צו מ י־ר ע ל׳ ס נשמה. דורך זיין יורד׳ישען יחוס איז זי געוואָרען, וואָס זי איז. ניט אומזיסט איז ער דער איינציגער מענש, וואָס זי גיט זיך אים אונטער, ווען ס׳איז נויטיג. זי, אַט דאָס שוואַך, צאַרט, אומבאַהאָלפען קינד, קאָן זיין גרוזאַם אי צו זיך, אי צו אַנדערע, ווען זי דאַרף אָפּהיטען איר נאָכגעגעבענע פּערזענליכקייט; צוליב ר׳ ג ד ל י ה׳ ן אָבער איז ביי איר רעכט חתונה האָבען מיט אַ מענשען, וואָס זי פילט צו אים אַן עקעל — מיט ש מ ו א ל י ק ז י י ד ע נ אַ װ ס ק י... האָט זי אים אַזוי ליב, איר פאָטער? ניין, זי טוט עס ניט אַזוי אויס ליבע, ווי — ווידער אַמאָל — אויס שטאָלץ: אַ באַליידיגונג פאַר ר׳ ג ד ל י ה׳ ן (אַ באַנקראָט, צום ביישפּיל) וואָלט אויך פאַר איר געווען (כאָטש געוויס נאָר

אויף אַן אַנדער אופן) אַ באַליידיגונג. און ניט פאַר איר אַליין, — פאַר די אַלע דורות, וואָס לעבן אין איר: דורך ר׳ גדליה׳ן איז אין איר בלוט אַריינגעגאָסן געוואָרן דער יחוס פון דורות...

ר׳ גדליה איז דער לעצטער רינג אין קייט. דער לעצטער און שוואַכסטער. ניט נאָר מאַטעריעל איז ער אַ יורד; ער איז אויך פיזיש קראַנק; אין זיין גאַנצן באַנעמען זיך פילט איר די שוואַכ־קייט און די אומבאַהאָלפענקייט פון אַ דעגענערירענדיגער אַריס־טאָקראַטישער פאַמיליע... פונדעסטוועגן איז ר׳ ג ד ל י ה נאָך ניט אינגאַנצן אַ יורד. אין מסחר, אין געשעפט געוועלטיגט שוין ניט ער, נאָר די נייע, די אויפגעקומענע ט אַ ר אַ ב י י ס און ב ו ר נ ע ס ע ס אָדער די רעשטלאָך פון אַלטן יחוס, וואָס האָ־בן זיך צוגעפּאַסט צום נייעם לעבן — די ז י י ד ע־נ אַ ו ו ס ק י ס; מאַטעריעל איז ר׳ גדליה געפאַלן; גייסטיג איז ער נאָך דער יחסן. אַפילו אַ נ ח ו ם ט אַ ר אַ ב י י, וואָס פּרואוט שוין נאָכמאַכן די אַרומיגע פּריצים, און וואָס זיין טאָכ־טער האָט שוין „אויסגעהאַלטען אויף זעקס קלאַסען". און זיין קלע־נערער זון, א י ס א ק, „ווערט, אי״ה, איבער צוויי יאָר אינ־זשינער" — אַפילו נחום טאַראַביי, אַט דער זעלבסטצופרידענער נייער נגיד, ווייס און פילט, אַז דער אמת׳ער שיינער איד איז — ר׳ ג ד ל י ה.

ר׳ ג ד ל י ה האָט ניט בלויז איידעל בלוט אין זיך, ער האָט בירושה אויך די פיינע, רייכע גייסטיגע קולטור פון דער אַלטער פאַמיליע הורוויץ. פילט ער ניט קיין פוסטקייט אין לעבן אַפילו דאַן, ווען די אַלע אַרומיגע זיינען אים ניט נאָר צום האַרצן. אין דעם גייסטיגען אוצר, וואָס ער האָט גע׳ירשנ׳ט, אין דער אַלטער אידישער רעליגיע, האָבן אַ שטיקעל חלק אויך די נייע, די אויפ־געקומענע: מאַכט עס זיי נענטער צו אים און פאַרקלענערט זיין עלענדקייט. וואָלט ער געקאָנט רואיג שטאַרבן, ווי רואיג און גלייכגילטיג עס פאַלט פון בוים אַראָפּ אַ בלאַט, ווען עס פאַר־וועלקט. נאָך זיין טויט אָבער דערוויסען מיר זיך פון א ב ר ה מ׳ל ד ע ם ר ב, אַז „שוין נאָר ביים לעצט" האָט ער, ר׳ ג ד ל י ה, אים אַ זאָג געטאָן: „וואָס ווייסטו?... נאָר איינער, ווען איך פיל,

אז איך לאָז עמיצען איבער נאָך זיך, וואָלט איך געגאַנגען אהין, ווי צום טאַנץ"... מיר דערוויסען זיך, אז ר' גדליה האָט שוויי־גענדיגערהייט איבערגעלעבט א טראַגעדיע. ער האָט געפילט, אז ער איז א לעצטער אין דער משפחה הורוויץ, — ניט א לעצטער איד. ר' גדליה קען נאָר דעם אייביגען, ניט דעם לעצטען אידען; — ער איז אָבער דער לעצטער אידישער מיוחס, מיט דער טאָפּעלטער קרוין — פון תורה און גדולה; ער שטאַרבט אַז א יורש פאַר אַט דער אַלטער הייליגער קרוין.

מירעל ירשנ'ט דאָס איידעל, יחוס'דיג בלוט דעם טאַ־טענס, אָבער ניט זיין תורה, ניט זיין גייסטיגען פאַרמעגען: מירעל לעבט אין דער לופט פון דער נייער, ניט אידישער, קולטור. ווי א חורבה פון אַן אַלטען שלאָס, פון אַן אַלטען טעמ־פעל, בלייבט שטיין איר טאַטענס שטוב נאָך זיין טויט. און די פוסטקייט פון אַט דער חורבה, פון אַט דעם טעמפּעל, קלייבט זיך אריין צו מירלען אין הארצען. א פוסטקייט, וואָס איז פול מיט שאָטענס פון אַלטע צייטען, מיט שאָטענס, וואָס שעפּטשען זיך שטיל און רופען ערגעץ און לאָזען ניט רוען. א פוסטקייט, וואָס די אויגען פון צענדליגער דורות קוקען אַרויס פון איר, ווי שטערן פון טונקעלען הימעל, ווי שטערן פון שיקזאַל, און שרעקען און מאַ־נען און זאָגען צו עפּעס... יע, מירעל'ס טרויער נעמט זיך דערפון, וואָס די „פוסטקייט", וועלכע האָט זיך באַזעצט ביי איר אין הארצען, איז די פוסטקייט פון א טעמפּעל, וואָס אין זיינע חורבות פלאַטערען נאָך אום עבאָס פון הייליגע געזאַנגען... איר גאַנצע בענקעניש נעמט זיך דערפון, וואָס זי פילט, אַז אין איר לעבט עפּעס א כח, א ווילען, א זין, נאָר זי קאָן אים ניט אויסדריי־קען, זי קאָן אים ניט פאַרקערפּערען...

דאָס, וואָס זי איז אומפייאיג אויסצודריקען איר פאַרבאָרגענעם גע'ירשנ'טען ווילען, מאַכט זי אומרואיג; אָבער דאָס, וואָס אין איר לעבט פאַרט דער דאָזיגער וואונדערליכער ווילען, גיט איר אין די ביטערסטע מינוטען פון איר לעבען דעם גלויבען, אז דאָס, וואָס זי וואַרט אויף דעם, וועט קומען. ווי אַזוי? דאָס ווייס זי ניט. זי ווייס, אַז ס'וועט קומען. אויף וואָס וואַרט זי? דאָס ווייס זי אויך

ניט אויף קלאר, אזוי ווי עס האט עס, אגב, ניט געוואוסט אויך ר׳ ג ד ל י ה און אזוי ווי עס ווייס ניט דער נאך גרעסערער מיוחס און נאך גרעסערער יורד, ווי ר׳ ג ד ל י ה — דאס פאלק ישראל, ווען עס זאגט יעדען טאג הויך אויפ׳ן קול אדער שטילערהייט: ואף על פי שיתמהמה, און מעג ע ר זיך זאמען,ווארט איך, טאג־איין טאג־אויס, אויף זיין קומען. אזוי איז שוין די טבע פון אריסטאקראט, וואס איז געווארען א יורד, צו ווארטען און צו גלויבען, אז אט־אט וועט עפעס געשען, און ער וועט צוריק קומען צו זיין רעכט און צו זיין רום...

דאס דאזיג אייביג ווארטען, דער דאזיגער אומבאשטימטער, אבער פעסטער גלויבען, איז דאס איינציגע, אחוצ׳ן בלוט, וואס מירעל האט פון די פריערדיגע דורות גע׳ירשנ׳ט. ביי ז י י איז עס אנגעקליידט געווען אין א פארם, — אין דער פארם פון משיח־גלויבען; זי האט די פארם פארלוירען. אבער דער תוך איז, ווי א הייסער אומרואיגער פלאם, געבליבען אין איר ברוסט. און עס טרעפען מינוטען, ווען זי פילט און ווייס, אז ניט פון זיך אליין, נאר פון עפעס א ווייטען פארבארגענעם פלאקער צינדט זיך אין איר אט דער הייליגער פייער. דאן דוכט זיך איר אויס, „אז פון דארט, פון רויטען עק הימעל, קוקט צו איר ארויס א צווייטע, פייערדיגע, מירעל און ווינקט צו איר פון דער ווייט: „קיינער, ווינקט זי צו איר, ווייס ניט, צוליב וואס ס׳בלאנדזשעט ארום מירעל הרוויץ. און איך, מירעל, וואס איך ברען אין פייערדיגען עק הימעל אויפ׳ן האריזאנט, — כ׳האב שוין אמאל אויך ארומגעבלאנדזשעט און האב אויך ניט געוואוסט, צוליב וואס...״

מ י ר ע ל ווערט א סימבאל — א סימבאל פון אייביגען אהאסווער, וואס בלאנדזשעט ארום איבער דער וועלט, פון איין עק האריזאנט צום צווייטען, און ווייס ניט, צוליב וואס און צוליב ווען. מ י ר ע ל  ו ו ע ר ט  א  ג י י ס ט. טויזענטער יארען האט ער ארומגעשוועבט, דער גייסט, אין חלל פון דער וועלט, פול מיט גלויבען און געוויסהייט, אן קשיות און אן ספקות. פלוצלונג — דאס איז געשען אין אונזער דור — האט ער זיך אפגעשטעלט, דערזען, אז א מדבר, א וויסטעניש, א פוסטקייט רינגעלט אים ארום פון אלע

זייטען. — און ער פרעגט, וואוהין, צוליב וואס גייט ער. פרעגט — און גייט ווייטער... ער זעט דעם פוסטען רוים, וואס ארום; ער זעט אבער אויך דעם שטערן, וואס ווינקט אים פון טונקלען הימעל, ווינקט און רופט...

אבער נאר איין אויגענבליק שטייט מ י ר ע ל אויף אט דער העכסטער, סימבאלישער, הויך. בערגעלסאנ'ס קינסטלעריש אויג איז צופיל געוויינט צו זען אלץ, וואס עס זעט, א י ן ב י ל ד, אין פלייש און הויט אנגעטאן, און בערגעלסאן קאן ניט לאזען אויף לאנג שוועבען מירעל'ס געשטאלט, ווי לייכט און שוועבעדיג זי זאל ניט זיין, אין וואלקענס, אין דער לופטען. נאר אויף איין אויגענבליק לאזט ער אונז זי זען ד א רט. די גאנצע צייט האלט ער זי ד א, אונטען, אויף דער ערד; אין פארשיידענע קליידער צייגט ער זי אונז, אין וואכעדיגע און אויך אין יום־טוב'־דיגע, אבער די דאזיגע אלע אנקליידונגען אירע זיינען רעאלע, ממשות'דיגע, כאטש דער שטאף, וואס זיי זיינען געמאכט פון אים, איז זייער אן איידעלער... אויב איך האב געפרואווט אראפציען אויף א ווייל דעם שלייער פון מ י ר ע ל ס גייסט און אויסזאגען פון אים מער אפשר, ווי דער פארפאסער האט געוואלט, איז עס נאר, כדי אז אט „די פייערדיגע מירעל", די מ י ר ע ל ש ל מ ע ל ה, וואס אנטפלעקט זיך פאר אונז אויף איין רגע אין עק הימעל, זאל העלפען אונז פארשטיין די ליידען פון דער איינפאכער מ י ר ע ל, וואס פון אויבען־אויף קאנען זיי מאכען דעם איינדרוק פון א... „קליינשטעטעלדיגער טראגעדיע", ווי עס זאגט האלב אירא־ניש, האלב ערנסט ה ע ר ץ. (אגב, דער איינציגער פארשוין און „נאד אלעמען", וואס איז געבליבען אן קינסטלערישע פלייש און בלוט.)

וואו ליגט דער אמת'ער זינען פון דער דאזיגער טראגעדיע? ער ליגט אין דעם שוין פריער דערמאנטען אונטערשייד, וואס ס'איז פאראן צווישען ר' ג ד ל י ה'ן און מ י ר ל ע ן. ר' ג ד ל י ה האט, אינאיינעם מיט'ן גייסט פון די אלטע, מיוחס'דיגע דורות, גע־ירשנ'ט אויך א לבוש פאר דעם דאזיגען איידעלען גייסט, א לבוש, וואס אויך אנדערע קליידען זיך אין אים, אלץ איינס, צי ע ר

קלײדט זײ, צי ניט: דאָס איז דער אַלטער אידישער קולטור־פאַר־מעגען. מ י ר ע ל טראָגט אָבער אין זיך נאָר דעם גײסט און נאָר דאָס בלוט דאָס אַריסטאָקראַטישע, — דאָס, װאָס בײ די אױפגעקומענע, און אױך בײ די „שיריים“, די עפּיגאָנען פון אַלטען יחוס, איז עס נ י ט אָ: האָט זי זיך ניט װאו אַהין צו טאָן, און זי געפינט זיך ניט קײן אָרט אין לעבען. זי איז ארומגערינגעלט פון מענשען, פון קרובים, פון פרײנד — און איז אײנזאם. אַלעמען ציט צו איר, אָבער איר ציט צו קײנעם ניט. איר האַרץ איז דאַרשטיג, און ס'איז ניטאָ, װער עס זאָל שטילען איר דאָרשט. װי אַ פאַר'כשופ'טע פרינצעסין, װאַרט זי האַלב־װאָך אױפ'ן פרינץ, װאָס װעט קומען און זי אױסלײזען — נאָר ער קומט ניט. עס קומען אַנדערע — ניט ער.

ס'קומט װ ו ע ל װ ו ע ל ב ו ר נ ע ס. ער איז דער זון פון אַן אױפגעקומענעם גביר, אַן אױסגעאײדעלטען עם־הארץ. „גאַנצע פיר יאָר — אַזױ הױבט אָן דעם ראָמאַן בערגעלסאָן, װאָס װי אַ געניטער שװימער, װאַרפט ער זיך גלײך אַרײן אין רעכטען מיטען שטרוים פון די געשעעניסען און מאַכט ניט קײן לאַנגע שהיות און הקדמות — גאַנצע פיר יאָר האָט זיך צװישען זײ געצױגען דער הײמישער קלײנשטעטעלדיגער שידוך, און געענדיגט האָט ער זיך אָט װי אַזױ:

— זי, ר' גדליה הורװיצ'ס בת יחידה, מירעלע, האָט אים סוף כל סוף די תנאים אָפּגעשיקט און אַלײן װידער אָנגעהױבען אַרומצושפּאַצירען מיט'ן קרומען סטודענט ליפּקים...

צוליב װאָס האָט זי געטאָן אָט דעם שידוך און פאַרװאָס האָט זי אים אָפּגעלאָזט? געטאָן האָט זי אים, אפּנים, דערפאַר, װאָס ר' גדליה'ס געשעפטען זײנען דאַן שױן געגאַנגען זײער שלעכט, און זי האָט ניט געקאָנט לאָזען דעם טאַטען פאַלען; און אפשר איז עס געװען אַ קאַפּריז פון אַ בת־יחידה; און אפשר האָט איר גערײצט די ליבע, װאָס האָט אָנגעפילט ביז איבער די ברעגעס װעלװעל'ס רײנע און ענגע נשמה און ניט געלאָזען דאָרט קײן אָרט פאַר קײן שום אַנדערע געפילען. אַזאַ נאַאיװע טיפע ליבע, װי װ ו ע ל װ ו ע ל'ס, האָט

געמוזט אויפוועקן א סטרונע א פארבארגענע אין איר דארש־טיגן פרויען־הארץ... ווי עפעס א כשוף האט געצויגן אט דעם קינדיש־פראסטן בחור צו זיין קאנטראסט — דער ראפינירט־אייד־לער, געפיעסטעטער בת־יחידה (די שילדערונגען פון וועלוועל'ס שטילער, שטומער, איינגעשפארטער ליבע צו מ י ר ל ע ן גע־הערן, אגב, צו די שענסטע זייטלאך אין דער נייער אידישער ליטעראטור), און מ י ר ע ל איז איר גאנץ לעבן טאקע דאנק־באר אים דערפאר. אבער דאנקבארקייט — קאן זי דען פארבייטן ליבע? ליבן ו ו ע ל ו ו ל ע ן האט מ י ר ע ל ניט געקאנט: ער איז צו איינפאך, זי — צו קאמפליצירט פאר אזא ליבע; זי איז א געמין אין זיינע אויגן, זי דארף אבער, ע ר זאל זיין א גאט... חתונה האבן מיט ו ו ע ל ו ו ל ע ן וואלט דערצו נאך הייסן בלייבן אין שטעטל, אין בורנעס'עם הויז, וואו עס לעבט ו ו ע ל ו ו ע ל'ס טאטע, דער אויסגעאיידעלטער עם־הארץ, און זיין מאמע, די נידעריגע און שטארק־גראבע אידענע מיט'ן אסטמא־פעלער; וואו די בוימלאך פאר די פענסטער זיינען יונג, ווייל „ביי יעדן אויפגעקומענעם גביר זיינען שויז, אפנים, יונג און קליין די בוימלאך, וואס פאר די פענסטער". בלייבן אין שטעטל וואלט הייסן פארברענגען די טעג און אווענטן אין דער געזעלשאפט פון הינקענדיגען סטודענט ל י פ ק י ס, פרא־וויזאר־געהילף ס א פ י א ן, לערער שאבאד, אקושערקע ש א ץ; בלייבן אין שטעטל, וואלט הייסן פארען אויף „בעלער" צו די ט א ר א ב י י ס, וואו שטעלענדיג צום טיש אלע מאל נייע פולע פלעשער, געוואלדעוועט עפעס א מגושמ'דיגער, רויטער און פאר־שוויצטער געשוועסטערקינד ט א ר א ב י י'ס מיט אן אומגע־לומפערט הויכן קול און מיט א ניגון פון „אתה הראית":

„— אט דאס שטעלט דער פעטער נחום פאר'ן עלטערן זון באריס'ן, וואס דינט אין לאדזער באנק און וועט, איה"ש, אינגיכן ווערן די—רעק—טאר:

— אט דאס שטעלט די מומע נחמקע פאר דער עלטערער טאכ־טער, טאניען, וואס האט פאר סבות אויסגעהאלטן אויף זעקס קלאסן!

— אַט דאָס שטעלט דער פעטער פאַר'ן קלענערען זון, איסאַק'ן, וועלכער ווערט, איה"ש, איבער צוויי יאָר אינזשינער!"

די שטילע מייסטערשאַפט, וואָס מיט איר האָט בערגעלסאָן אונז געגעבן צו פילן דעם פּאַרוועניר־כאַראַקטער פון די אויפגעקומענע שטעטעלדיגע גבירים און גביר'ישע קינדער (די אויסגעצייכנטע באַל־שילדערונג!) און די פאַרבלויזיגקייט און גייסטיגע אָרימקייט פון דער שטעטעלדיגער אינטעליגענץ — פאַרשפּאָרט אונז צו רעדן אַ סך וועגן די סיבות, פאַרוואָס מ י ר ל ע ן איז ענג און שלעכט און לאַנגווייליג אין שטעטעל. די אַקושערקע ש אַ ץ, דאָס ליטווישע מיידעל מיט דעם איראָניש־שמייכעלדיגן געזיכט, איז די איינציגע, וואָס מ י ר ע ל קאָן מיט איר אַמאָל אויסרעדן אַ וואָרט אָדער שווייגן אַ מינוט. אָבער אויך זי, די האַלב־מאַנסבילדיגע אַקושערקע, מיט דעם פּאַפּיראָס אין מויל, איז כּוף כּל סוף נענטער צום פּראָוויזאָר־געהילף סאַפּיאַן מיט די פאַרבלויזע אויגען, ווי צו מ י ר ל ע ן. און דער נאַרישער פאַרליבטער סטודענט ל י פּ ק י ס איז מירלען געווים ניט קיין חבר; זי דאַרף נאָר, ער זאָל איר נאָכהינקען, ווען זי גייט אין שטעטעל אָדער הינטער'ן שטעטעל איבער די שנייפעלדער שפּאַצירן, זי זאָל אים קאָנען לאָזן אין מיטן דערינען און אָפּקערן זיך צו איר געוועזענעם חתנ'ס שטוב, זי זאָל, ענדליך, האָבן אויף וועמען אויסצוגיסן איר אומעט... ו ו ע ל ו ו ע ל ב ו ר נ ע ם, איר חתן, געהערט ניט צו די לאַנגווייליגע „אינטעליגענטען" און ניט צו די קליינליכע „בעלי־הבתים" פון שטעטעל: מ י ר ע ל און זיין ליבע צו איר האָבן אַזוי ווי איבערגעלאָזן אויף אים עפּעס אַ צאַרטען אָפּשיין, אַזוי ווי אַרומגערינגעלט אים מיט עפּעס אַ שווייגן, וואָס זונדערט אים אָפּ פון די אַרומיגע; נאָר ו ו ע ל ו ו ע ל, האָבן מיר שוין געזאָגט, איז צו פּרימיטיוו, צו פּראָסט פאַר מ י ר ל ע ן.

דערצו קומט אָן אַנדערער, אַן „אינטערעסאַנטערער" — נ ת ן ה ע ל ע ר. ער קומט פון שטאָט. ער איז אַ חנ'עוודיגער, אַ יונגער בחור. אויף אַ ווײַלע פאַראינטערעסירט ער זי! „ווער זי זיך מיט איר חתן — וועלוועל בורנעם — פאַנאַנדערגיין, און ער וועט

דעם פּאָליטעכניקום ענדיגען, וועט אַן אינזשינער אין אַ ווייטער פאַבריק ווערען און וועט דאָרט מיט איר, מירלען, אינאיינעם אין אַ פּאַרוואַקסענעם שטיבעל וואוינען".

הערט זי עס און הערט, ווי ער חזר'ט איר עס, ביז — „איינ־מאָל אין שפּעטע פרילינג־בין־השמשות האָט זיך איר, מירלען, אַזוי קלאָר פאַרגעשטעלט, ווי אין צוויי יאָר אַרום נאָך דער חתונה מיט העלער'ן ליגט זי נאָך דער פאַרנאַכטיגער טיי אויפ'ן דיוואַן, וואָס אין יענעם פאַרוואַקסענעם פאַבריק־שטיבעל, ליגט דאָרט איינע אַליין און טראַכט גלייכגילטיג און אַן אַ שום ווילען אין האַרץ:

— ער... נתן... ער האָט זיך שוין אַזוי פיל מאָל פון דער פאַב־ריק אַהיים אויף נאַכטלעגער אומגעקערט... געווים וועט ער היינט אויך אַהיים קומען... און נאָך אין יענע זעלבע בין השמשות האָט זי העלער'ן איבער'ן שטעטעל געזוכט, אים צולעצט געפונען און אים געזאָגט:

— „ס'וועט פון דעם גאַרנישט ניט זיין, און ער, העלער... ער מעג נאָך היינט פון שטעטעל אוועקפאָרען".

זי האָט דערפילט אינסטינקטיוו, אַז העלער איז ניט דער, וואָס זי וואַרט אויף אים, ניט דער, וואָס וועט זי פון דער אַרומיגער וואַכעדיגקייט אַרויספירען. און זי איז געווען גערעכט. העלער איז אַ פאַרשטייער פון דער גרויסשטאָטישער אידי־שער אינטעליגענץ, ווי אַ סאַפּיאַן אָדער אַ סטודענט ליפּקים אָדער אַ לערער שאַבאַד — פון דער קליינשטעטעלדיגער. אין שווינד־לענדיגען טומעל פון דער גרויסער שטאָט פילט זיך מירעל נאָך עלענדער און איינזאַמער, ווי אין דער לאַנגווייליגער שטילקייט פון שטעטעל! אין דער גרויסער שטאָט איז די פּוסטקייט נאָך גרעסער, ווי אין קליינשטעטעל. זי איז דאָ ניט אַזאַ נודנע, דער־פאַר אָבער נאָך אַ שרייענדיגערע און חוצפּה'דיגערע, ווי אין קליינ־שטעטעל. אַחוץ דעם פּוסטען און טומעלדיגען העלער'ן, וואָס קלייבט זיך אַרויסצוגעבען אַ קאַפּיקע־צייטונג, איז דאָ נאָך פאַראַן אידאַ שפּאַליאַנסקי — אַן אויסגעלאָסענער שטאָט־פאַרשוין, „וואָס איז שטאַרק רייך און וואָס פעלשט אַן אוועקגעפאַרענעם מאַן". און ריקעל, — „אַ וואוקסיג 19־יאָ־

ריג מיידעל, וואס האט אקארשט פאריגען זומער די גימנאזיע געענדיגט, זעט אוים עלטער ווי אויפ'ן אמת, פארשפרייט ארום זיך א געפיל צי פון מידקייט, צי פון גלייכגילטיגקייט און איז אינגאנצען, מיט'ן גרויסען הוט און מיט'ן פארקעם, וואס זיינען ביידע א ביסעל אנגערוקט אויף א זייט, ווי געמאכט געווארען נאכ'ן גרויסשטאטישען פאסאן... ס'דוכט זיך, אז זי רעדט קיינמאל ניט קיין קלוגע זאכען נאר דערפאר, וואס זי איז צופיל מיד. נאר אין דער אמת'ן איז גאר ביי איר דער קאפ, ווי ביי איר מוטער, צופיל טעמפ, און ס'ווערען אין אים זעלטען מחשבות געבוירען"... פון די ווייבס־פארשוינען איז, אגב, פאראן נאך דא אין שטאט מ ר י ם ל ו ב א ש י ץ, א געוועזענע קורסיסטין, די זיידענאווסקי'ס א קרובה, וועלכע ווייזט אונז, אז פון דער פריערדיגער ג ע ז ע ל ש א פ ט ל י כ ע ר באוועגונג, וועלכע פלעגט אפט ווארפען אויף מענשען א שיין, וואס פלעגט זיי מאכען אינטערעסאנטער און אינהאלטסרייכער, ווי זיי זיינען געווען אין דער אמת'ן, — פון דער דאזיגער באוועגונג איז איצט אין כרך, וואו די זיידענאווסקים וואוינען, קיין זכר ניט געבליבען: „פאר דער חתונה", דערציילט מיט א זעלבסטצופרידענעם געלעכטער דער סטודענט ל י ו ב א ש י ץ וועגען זיין שוועסטער מרים — „פאר דער חתונה, געדענקט ער, איז זי עפעס געווען, און אין די קרייזלאך האט מען ביי יעדער נארישקייט איר נאמען דערמאנט. און איצט איז דאך פון איר ניט מער ווי א פשוט'ע ניאנקע געבליבען". זי, די געוועזענע קעמפערין, איז איצט א געזעצט שטוביג ווייבעל; וועגען כל־ערליי משפחה־אנגעלעגענהייטען איז מען זיך מישב מיט איר. די בעל־הבתיש־רעוואלוציאנערישע אינטעליגענטען, וואס דא גאר ניט לאנג, האבען זיי וועלטען איינגעלייגט, האבען זיך אומגעקערט צוריק אהיים און פילען זיך דא, ווי פיש אין וואסער, — אזוי ווי עס איז גארנישט ניט געווען. דאס אייגענע איז מיט די פייערלאך פון דעם געוועזענעם בעל־הבתישען יום־טוב, דעם ציוניזם: אויך זיי זיינען אויסגעלאשען געווארען. מ א נ ט ש י ק, דער יונגער, צעטראגענער, גרויסשטאטישער געשעפטסמענש, איז גרייט צו געבען אויפ'ן נאציאנאלפאנד, אז מען שטייט צו אים צו, פון

ציוניזם אַבער האַלט ער ניט; און שלום זיידענאַווסקי, דער האַלב־סוחר, האַלב־משכּיל, וואָס צוליב נדן האָט ער חתונה מיט אַן איבערגעוואַקסענעם דאַר־גוף׳יגען מיידעל און איז אַנגעשטויסען אויף דער גאַנצער וועלט — שלום האַלט סתם ניט פון דער אידישער יוגענט: „ביי אונז, זאָגט ער, קאָנען ניט זיין קיין געזונטע טיפּען“...

צווישען אַט דער ברוגז׳ער אָדער זעלבסטצופרידענער בעל־הבתיש־אינטעליגענטישער פּוסטקייט מוז מירעל לעבען נאָך איר חתונה מיט שמואל זיידענאַווסקי! איז אַ חידוש, וואָס דאָס פּירט נאָך צו ערגערע רעזולטאַטען, ווי איר לעבען אין קליינשטעטעל? אמת, שמואליק זיידענאַווסקי שטאַמט פון אַ מער יחוס׳דיגער פאַמיליע, ווי וועלוועל בורנעס; נאָר אין זיין פאַמיליע האָט דער יחוס זיך אויסגעוועפּט; געבליבען איז פון אים נאָר ביים טאַטען פון דער פאַמיליע, ביי יעקב יוספ׳ן, עפּעס אַ דעספּאָטישער, נגיד׳ישער איבערנעמען־זיך, און ביים זון, ביי שמואליק׳ן — עפּעס אַ ווייכקייט און אַ כאַראַקטערלאָזיגקייט. און דער וואַסערדיגער שמואליק מיט זיין רויטען בערדעל, זיין משכּיל׳ישסוחר׳ישען לשון־קודש און שלעכטען רוסיש, איז מירלען נאָך פרעמדער, ווי וועלוועל. „וועלוועל בורנעס, טראַכט זי אַמאָל, איז געווים מער פאַרגרעבט פון אים, שמואליק׳ן, נאָר דאָך... קיין עקעל רופט ער יעדענפאַלס ניט אַרויס“! שמואליק זיידענאַווסקי רופט ביי איר אַרויס אַן עקעל. וועלוועל איז פאַרגרעבט און פּראָסט, אָבער ער האָט ניט קיין פּרעטענזיעס אויף יחוס; בעסער אַן איינפאַכער געטראַנק, איידער אַן איידעלער, וואָס איז צו לאַנג געשטאַנען אָפען און האָט זיך אויסגעוועפּט! שמואליק איז אַן אויסגעוועפּטער. און נאָך פאַר דער חתונה האָט מען אין שטעטעל גערעדט פון די צוויי תנאים, וואָס מירעל האָט מיט אים אויסגענומען: „לעבען מיט איר, ווי אַ מאַן מיט אַ ווייב, זאָל ער זיך ניט ריכטען. און זי, מירעל... זי מעג אַוועקגיין אויף אייביג פון אים און פון זיין שטוב אין יעדער צייט, וואָס איר וועט זיך פאַרוועלען“. עטליכע מאָל האָט זי אויך אים

געטראכט אפשיקען די תנאים, אזוי ווי וועלוועלען, דערהויפט דאן, ווען איר טאטענס געשעפטען האבען זיך פארבעסערט; נאר סוף כל סוף האט זי פארשטאנען, „אז איר וועט שוין קיין כח ניט בלייבען אט די חתונה ניט צו דערלאזען. קיין כח וועט איר ניט בלייבען, ניט דערפאר, וואס זי באדארף אט די חתונה, און ניט דערפאר, וואס עמיצער אן אנדערער באדארף זי, נאר דערפאר, וואס איר איז שוין אלץ איינס, און זי פילט שוין א שטארקען עקעל יעדען מאל, ווען זי טראכט מבטל זיין אט די צווייטע תנאים אירע".

זי פילט אן עקעל צו יעדען אקטיווען ארייננמישען זיך אין איר לעבען. און ניט דערפאר, וואס זי איז גלייכגילטיג צו איר לעבען, נאר, פארקערט, דערפאר, וואס זי גלויבט פאטאליסטיש, אז איר לעבען וועט זיך אומבייטען אזוי ווי פון זיך אליין, אזוי ווי דורך א נס; דערפאר, וואס זי ווארט נאך אלץ אויף איר אויסדערוויילטען, איר באשערטען, וואס וועט קומען, אן איינציגער און א יום־טוב'דיגער, און וועט זי אוועקפירען אהין, וואו איר ארט איז... אינאיינעם מיט'ן לעצטען יאוש צינדט זיך אן אין איר תמיד אויך עפעס א לעצטע האפענונג. און דאס איז פאר מירלען זייער כאראקטעריסטיש... א געוויסער פאטאליסטישער בטחון טרעפט זיך ביי יעדען אריסטאקראטישען יורד; נאר דארט איז דער בטחון ס'רוב א פאסיווער און נאר א פאסיווער; ביי מירלען איז א מאדנע פאראייניגונג פון שוואכקייט און עקשנות, פון פאסיוויטעט און העראיזם. די פאסיווע, אומבאהאלפענע מירעל ווערט מוטיג און עקשנות'דיג־פראקטיש, ווי נאר זי דערפילט, אז איר לעצטע האפענונג שטייט אין סכנה. זי טוט זיך אן א כח און שטרייננגט אן איר לעצט ביסעל ענערגיע, אבי ניט פארשפילען אט די לעצטע האפענונג... דאס זעען מיר דאן, ווען זי דערוויסט זיך, אז זי איז טראגעדיג. האבען א קינד מיט שמואליק זיידענאווסקי הייסט ניט נאר דעם ערשטען תנאי, וואס זי האט מיט אים אויסגענומען, מבטל מאכען (ער איז, אגב, שוין בטל געווארען אליין, אז איר ווילען); דאס הייסט אויך אפזאגען זיך פון צווייטען תנאי, — אז זי קאן אוועקגיין פון איר מאן, ווען זי וויל: פון א קינד אוועקגיין קאן מען ניט; דורכ'ן

קינד וואלט זי זיך אויף שטענדיג פארבונדען מיט די ז י י ד ע־נ א ו ו ס ק י ס, וואלט ווערען א גליד, א טייל פון זייער פאמיליע, און עס וואלט פארשוועכט ווערען איר יחוס׳דיגע אפגעזונדערט־קייט — שוין ניט גערעדט דערפון, וואס זי וואלט ניט געקאנט שענקען איר הייליג מוטערגעפיל א קינד, וואס איז אן איר ווילען, אן איר ליבע, אויף דער וועלט געקומען... א געוויסע צייט קווענ־קעלט זי זיך, אן אינעווייניגסטער קאמף קומט פאר אין איר. סוף כל סוף אבער געברויכט זי א הערויאיש מיטעל — ווערט פריי פון נייעם, אבער פרעמדען לעבען, וואס האט שוין געוועסט געשמעקט ביי איר אונטער׳ן הארצען: די פארטרוימטע, פארבענקטע, אומבאהאלפענע מ י ר ע ל ווערט פראקטיש ביז גאר, ווען „דאס וואסער האט דערגרייכט ביז׳ן האלז"... האבען מיר עס דען ניט געזען אפט אין דער געשיכטע פון אידישען פאלק, פון אט דעם קאלעקטיווען אריסטאקראטישען יורד, ווי עפעס א פארבארגענער אינסטינקטיווער לעבענס־אימפעט וואכט אויף פלוצלונג אין אים, בעת אין סכנה שטייט די ראסע? מ י ר ע ל איז גרייט צו טאן אלץ, צו ווערען פלעבייאיש־פראקטיש, אבי אפצוהיטען די ריינקייט, די אפגעזונדערטקייט פון איר יחוס. דורות־לאנג האט די משפחה הורוויץ זיך משדך געווען מיט זיך אליין, איז איצט, אז פון דער משפחה איז קיינער ניט געבליבען, בעסער שטעלען אין קאן דעם אייגענעם לעבען און דעם אייגענעם מאראלישען געשמאק, איידער ארויסברענגען א דור פון שעטנז... אלע געוויינליכע לעבענסגע־פילען, און צווישען זיי אויך דאס געפיל פון מענשליכען צוזאמענ־לעבען, זיינען אפגעשוואכט אין מ י ר ל ע ן, אין אט דער רעשטעל פון דער דעגענערירטער אריסטאקראטישער פאמיליע, ביז גאר; אבער דאס געפיל פון דער ראסען־ריינקייט, דאס יחוס־געפיל, איז נאך זייער שטארק אין איר. נאך מער: וואס שוואכער עס זיינען אין איר אלע אנדערע געפילען, אלץ שטארקער און איינגע־שפארטער ווערט אין איר אט דאס איין־און־איינציג יחוס־געפיל. ער פלאקערט אויף אין איר, אט דער יחוס־פייער, ווי א ליכט, איי־דער עס פארלעשט זיך... ווער ווייס, צי איז דער מאמענט, ווען מירעל באפרייט זיך פון איר קינד, ניט דער אייגענער מאמענט,

ווען איר פאטער גוסס'ט דארט אין שטעטעל און קלאגט זיך פאר'ן רב, וואס ער שטארבט אן א יורש? ווער ווייס, צי האט מירעל ניט אנגעוואוירען אי איר פאטער, אי איר קינד אין איין און דערזעלביגער רגע? צי איז ניט גלייכצייטיג אפגעשטארבען אי דער ווארצעל, אי דער ערשטער פרעמדער צווייג פון אלטען יחוס־בוים? נאר אויב דעם פאטערס טויט האט גרעסער געמאכט מירעל'ס עלענדקייט, האט איר באפרייען זיך פון קינד צוריק אין איר אנגעצונדען די האפענונג — אויף א נייעם לעבען. זי הויבט ווידער אן טראכטען וועגען אוועקגיין פון שטוב, פון מאן. וואוהין אוועקגיין — ווייס זי ניט; נאר צי וואס דארף זי עס וויסען? דער גאנצער זינען און כשוף פון איהר לעבען ליגט אין אט דעם אומבאשטימטען טראכטען וועגען עפעס אזוינס, וואס וועט קומען און קלאר מאכען איר די רעטעניש פון איר עקזיסטענץ; דער גאנצער כח אירער ליגט אין אט דעם אייביגען ווארטען. אויך איר טיפער אינטערעס צום העברעאישען פאעט הערץ נעמט זיך דערפון, וואס פון אים וואַרט זיך נאך עפעס. וואַוועס בורנעס, ליפקיס, העלער, שפעטער מאנטשיק — האבען איר אפגעגעבען אלץ, וואס זיי האבען פארמאגט, זייער גאנצע געטריישאפט און ליבע — זיינען זיי פאר איר נאר זכרונות, ניט קיין האפענונגען. הערץ איז א האפענונג! ער גיט זיך איר ניט אונטער, ווי די איבעריגע; ער לאזט איר ניט שפילען זיך מיט אים; פארקערט, ער שפילט זיך מיט איר; ער ווערטעלט זיך; זיין ערשטער קוק אויף איר איז פון אויבען אראפ. עפעס איז א מאדנער גרינער גלאנץ פאראן אין זיינע אויגען, און א טרויער, און א שמייכעל, און אן איראניע: ער קומט גאר פון אן אנדער וועלט. שוין דער ערשטער איינדרוק, וואס זי האט באקומען, הערענדיג די אקושערקע שאַץ דערציילען וועגען אים, איז געווען דער איינדרוק פון עפעס ניט קיין געוויינליכען מענשען. עפעס מאדנע איז זיין שטייגער לעבען: אלע זומער לעבט ער ערגעץ אין א שווייצארישען דארף, ווינטער — „אינ'ם קליינעם ליטווישען שטעטעל, וואו זיין געשטארבענעם זיידען — דעם רב האט מען שוין לאנג א שטיינערנע מצבה פאר קהל'שע געלט גע־

שטעלט". אין איר האט אויפגעוואכט א נייגיריגקייט צו ה ע ר צ'ן. נאך איידער זי האט אים דערזען. שפעטער, אז זיי האבן זיך באקענט, איז איר אינטערעס צו אים געווארען נאך טי־פער. ה ע ר ץ איז דער ערשטער מענש, וואס די ארומיגע זיינען אים נאך פרעמדער. ווי איר: אט גייט ער איינמאל שבת פאר־נאכט, מנחה־צייט, דורכ'ן שטעטעל, שטייען אידען נעבען שול, קו־קען אים נאך און כאפען ווענען אים אזא מין קורצען שמועס.

— וואס, זאגסטו, שרייבט ער?

— ביכלאך?

— מהיכא תיתי, פארוואס דען נישט? זאל ער שרייבען...

און ניט נאר די שטעטעלדיגע אידען זיינען אים פרעמד; די גאנצע וועלט, דאס גאנץ לעבען איז גארנישט ניט ווערט אין זיינע אויגען. „ס'איז אים שוין — זאגט ער — גארנישט געבליבען, חוץ דעם שמייכלענדיגען שווייגען". ווער וויים, אפשר איז ה ע ר ץ פון דעם אייגענעם סארט מענשען, וואס מ י ר ע ל? ער שטאמט אויך פון א יחוס'דיגער, רבנישער פאמיליע; ער איז אויך אפשר א ל ע צ ט ע ר אין זיין מ ש פ ח ה, ווי ר' גדליה — אין דער משפחה הורוויץ. ר' ג ד ל י ה האט זיך נאך אין דער וועלט פון דער אלטער אידישער קולטור געפילט, ווי א לעבעדיגער צווישען לעבעדיגע; ה ע ר ץ, דער העברעאישער פאעט, פילט זיך דארט שוין ווי אין „א טויטער שטאט" (אזוי ענדיגט זיך זיינס א סימבאליש מעשה'לע, וואס די אקושערקע ש א ץ לייענט פאר מ י ר ל ע ן אויסוויינעניג). „א שומר פון א טויטער שטאט" — פון אזא מענשען מוז מ י ר ע ל ווארטען ניט אין ערד מער, ווי פון א ה ע ל ע ר אדער א מ א נ ט ש י ק. ער טראגט אין זיך אליין עפעס א סוד, א סוד פון אלטע צייטען: אפשר וועט ער איר אויסזאגען אויך דעם סוד פון א י ר ע ליידען, פון א י ר עלענדקייט, פון א י ר בענקשאפט. ער איז, ווי זי, אז איינזאמער, א לעצטער: אפשר וועלען זיי, צוויי איינזאמע, צוויי לעצטע, זיך איינאיינעם באהעפטען? און מ י ר ל ע ן ציט צו ה ע ר צ'ן. זי שרייבט אים כסדר. ער איז דער שטערן, וואס ווינקט צו איר פון דער טונקעלקייט פון איר לעבען. ער איז די

האָפענונג, וואָס וואַכט אויף אין איר, ווען עס איז שוין כלו כל הקצין, ווען עס איז שוין נ אָ ד  אַ ל ע מ ע ן... מ אַ נ ט ש י ק העלפט איר דאָן אויסערליך; אינעווייניגסטע הילף זוכט זי ביי ה ע ר צ ׳ ן. ער איז אָבער אַליין שטאַרק נאָר מיט זיין שמייכעל, מיט זיין שווייגען: ער קאָן איר ניט געבען קיין זינען אין לעבען, ווייל ער האָט אים אַליין ניט. ער האָט שוין אפילו ניט קיין ווילען צום לעבען... וועגען ה ע ר צ ׳ ן און די סימבאָלישע באַציאונגען צווישען אים און מ י ר ל ע ן, דאַרף מען צופיל ניט רעדען. פאַראַן זאַכען, וואָס ווערען פאַרשוועכט, ווען מען ציט פון זיי אַראָפּ דעם שלייער; פאַראַן זאַכען, וואָס פאַרשטעלטער־הייט זיינען זיי קלערער, ווי בעת מען דעקט זיי אָפּ... איך וועל זיך באַנוגענען נאָר נאָך מיט אַ פּאָר באַמערקונגען:

נ אָ ד  אַ ל ע מ ע ן (דער נאָמען פון ראָמאַן) — איז ניט דער לעצטער פּסק־דין וועגען מ י ר ל ע ן. שוין ה ע ר ץ מאַכט ווייכער דעם פּראָפעסאָרס האַרב־וואָרט און זאָגט וועגען מ י ר ל ע ן, אַז זי איז „אין איבערגאַנגס־פּונקט“. עס איז נאָר ביי איר, ביי מ י ר ל ע ן, — „נאָך אַלעמען“; נאָר זי קאָן זיך קיין אָרט ניט געפינען אין לעבען, ווייל זי לעבט אין אַן איבערגאַנגס־תקופה, אין אַ תקופה, ווען דער אַלטער יחוס שטאַרבט אָפּ (ר׳ גדליה), ווערט פאַראיינזאַמט, צו אויסגעאיידעלט — און דעגענערירט (הערץ), אָדער פאַרגרעבט און זעלבסטצופרידען (די זיידענאָווסקי׳ס). — און קיין נייער יחוס איז נאָך נישטאָ; דאָס איז די תקופה פון עפּיגאָנען און פּאַרוועניוס, יורדים און אויפגע־קומענע... עס וועט אבער קומען אַ צייט (דער פּראָפּעסאָר זאָגט עס ניט בפירוש, אָבער מיר האָבען רעכט צו מאַכען אָט דעם אויס־פיר). — עס וועט קומען אַ צייט, ווען דער אַלטער, יחוס׳דיגער גייסט, וואָס בלאָנדזשעט אַרום איבער דער וועלט, אין דער גע־שטאַלט פון מ י ר ל ע ן, ווי אַ נשמה אָן אַ גוף — וועט זיך ווידער אַנקליידען אין אַ קערפּער, וועט ווידער שאַפען פאַר זיך די פּאַסיגע פאָרם און די פּאַסיגע סביבה, דאַן וועט דער טרויעריגער האַרבסט מ י ר ע ל ׳ ס און דער קאַלטער ווינטער ה ע ר צ ׳ ס פאַרשווינדען, און ווידער וועט אויפבליהען דער פרילינג, — דער

פרילינג, וואָס זיינע ווייטע זיסע קלאַנגען ציטערן שוין איצט ערגעץ טיף אין מ י ר ע ל ׳ ס האַרץ פאַרבאָרגען...

איך מאַך אַט דעם אויספיר — לאָגיש. פּסיכאָלאָגיש פּילט מען זיך, לייענענדיג אַט דעם מיט טרויער און שווערקייט אָנגעזעטיגטען בוך אין דער לופט פון האַרבסט, ניט פון פרילינג; אַזוי ווי דורך גרויע וואָלקענס, פאַרנעפּעלטע און בלאַסע, קוקען אַרוים די שטראַלען, וואָס בלאָנדזשען אום ערגעץ אין דער טיף פון מירעל׳ס נשמה. אָבער זיי זיינען פאַראַן, אַט די שטראַלען. דורך דער קאַלטער וויסטעניש פון דער איבערגאַנגסצייט, אין וועלכער מ י ר ע ל לעבט, ציען זיי זיך, אַט די שטראַלען, פון דעם ווייטען פאַרגאַנגענעם פרילינג צום קומענדיגען. זיי וועבען אויס, אַט די שטראַלען, אַן אומזיכטבאַרען פאַרהאַנג, און ער טיילט מ י ר ל ע ן אָפּ פון אַלע אַרומיגע... זי גיט זיך ניט אונטער אַט די אַרומיגע, די א ו י פ ג ע ק ו מ ע נ ע, וואָס ווילען זיי איינשלינגען; זי בלייבט אַליין מיט איר בענקשאַפט, מיט אירע ליידען, מיט איר טרויער. און אַט דאָס שטעלט זי אַוועק גאָר אויף אַן אַנדער הייך, ווי די מיוחסים־יורדים, וואָס עס האָבען געשילדערט א ס ט ר י נ ד ב ע ר ג אין זיין „פריילין יוליע", אַ ט ש ע כ אָ ו ו אין זיין „ק א ר ש ע ן ־ ג אָ ר ט ע ן", אַ ש ל ו ם אַ ש אין זיין „יחוס". י ע נ ע יורדים זיינען דעגענעראַטען און נאָר דעגענעראַטען, — אַלץ איינס, צי דער פאַרפאַסער האָט זיי באַדעקט מיט אַ שלייער פון פּאַטעטישקייט און אומעטיגען, צאַרטען האַרבסט־גאָלד (ט ש ע כ אָ ו ו, אַ ש), צי ניט (ס ט ר י נ ד ב ע ר ג). ז י י האָבען שוין ניט קיין כאַראַקטער, קיין ווילען, קיין א י ך: דער ערשטער „געבילדעטער" לאַקיי, דער ערשטער אויפגעקומענער פויער נעמט זיי אַריין אין זיינע גראָבע, געזונטע הענט און טוט מיט זיי, וואָס ער וויל. מיט מ י ר ל ע ן קאָן קיינער ניט טאָן, וואָס ער וויל: וואָס זי וויל, טוט זי. זי איז נאָך שטאָלץ גענוג — צו בלייבען פריי. זי האָט נאָך מוט צו ליידען. זי וואָלט ניט אַוועק „אין מאָנאַסטיר", ווען ביי אידען וואָלט געווען אפילו אַזאַ מין אינסטיטוציע. און אויך „אין שאָנטאַן" גייט זי ניט אַוועק: זי וויל ניט פ אַ ר ט ו מ ל ע ן אירע ליידען. און זי באַגייט אויך ניט

קיין זעלבסטמארד: זי וויל ניט, עס זאָל ווערן אַ סוף צו אירע לײדען; זיי זאָלען האָבען אַ זינען — וויל זי. זי זוכט דעם פאַר־לאָרענעם גן־עדן, די שטאָלצע אומשולד פון דעם אַלטען אידישען יחוס, פון דער אַלטער, אין איר בלוט, אָבער שוין ניט אין איר באַוואוסטזיין לעבעדיגער אידישער קולטור. זי איז אַ טאָכטער פון דעם אייביגען אַהאַסועור און פאַראיינס אַן אויסדרוק פון דער צייט, ווען זי לעבט, — פון דער איבערגאַנגס־צייט, ווען דער אַלטער אײדעלער גייסט זוכט פאַר זיך אַ נייע, פונקט אַזאַ אײדעלע, פאָרם. זוכט — און געפינט ניט.

דער גאַנצער פאַרגאַנגענהייטס־אומעט און די גאַנצע צוקונפט־טרוימעניש, וואָס ליגט אין דער היינטיגער אידישער ראָמאַנטיק און מאַכט זי פאַר אַ בריק צו דער קומענדיגער אידישער קלאַסיק — איז פאַראַן אין מירלען.

דער קינסטלער האָט אונז פון מירלען געגעבען נאָר אַ שאָטען־בילד. דאָס נעמט זיך ניט נאָר דערפון, וואָס אין בערגעלסאָנ׳ס שאַפען איז בכלל דאָ ווייניג ליכט. דאָס נעמט זיך אויך פון מירעל׳ס אינעווייניגסטער שאָטענהאַפטיגקייט און דערפון, וואָס מירעל איז נאָר אַן „איבערגאַנגספונקט“.

(1913)

# שלום אַש: מערי*)

## א.

...ווי אויף אַ באַרג־וועג פּילט מען זיך, לייענענדיג „נאָך אַלעמען". ווייט אונטען ערגעץ גרינע פעלדער, שטייען וועלדער. ברייט איז דער הימעל אויבען, נאָר דער וועג איז שמאָל, און זיין ציל איז איינס — דער שפּיץ באַרג. אַש'ס ראָמאַן פירט אונז, פאַרקערט, אויף ברייטע פלאַך־וועגען, וואָס קערען זיך אַהין, אַהער, אין אַלע זייטען. אַש'ס וועג אין „מערי" גראַבט זיך ניט אין דער טיף, שטייגט ניט אין דער הויך, זיין באַגער איז — די ברייט... געשלאָסענער רוים איז ביי בערגעלסאָנ'ען, אַ געדריי̈טע, ווי אַן ענגער, אָבער אַ גראַדע ליניע; ביי אַש'ן איז אָפענער רוים, פרייע לופט, און ניט קיין ליניע, נאָר אַ פלאַך.

נישטאָ אין אַש'ס ראָמאַן יענע האַנט, וואָס אַלץ שטייפער און שטייפער נעמט זי אונז אָן שטילערהייט אין „נאָך אַלעמען" און צווינגט אונז קוקען נאָר אין איין זייט, אין איין ווינקעל, אין איין פּינטעל. נישטאָ קיין פּ י נ ט ע ל אין אַש'ס ראָמאַן, נישטאָ קיין צענטער. זיין נאָמען איז „מערי"; מיט דעם אייגענעם רעכט האָט ער געקאָנט הייסען „מישאַ", „קאָוואַלסקי": מ ע ר י איז אַ צענטראַלע פיגור, אָבער אויך מ י ש אַ איז אַ צענטראַלע פּערזאָן, און קאָוואַלסקי — אויך.

אָבער אויך אין אַט די אַלע דריי פּערזאָנען צוזאַמען גענומען ליגט ניט דער שווער־פּונקט פון ראָמאַן. „מערי" איז ניט קיין

---

*) ווילנער פאַרלאַג פון ב. אַ. קלעצקין, ווילנע, 1913.

פ ע ר ז א נ ע ן ־ ר א מ א ן, כ׳מיין, ניט קיין ווערק, וואס זיין כונה איז צו שילדערען איינציגע מענשען: ווען דאס וואלט געווען זיין ציל, וואלטען צוויי דריטעל אין אים, און אפשר נאך א גרע־סערער טייל, געווען איבעריג. כדי אונז צו צייגען מ ע ר י ׳ן, איר כאראקטער, איז נוטיג צו דערציילען וועגען איר פאטער, ר׳ חיים ראזענצווייג, דעם זיידענעם איידעם, דעם טשארטקאווער רבי׳ם אייניקעל מיט זיין חסידיש־נגיד׳ישער אריסטאקראטישקייט; עס איז אבער איבעריג צו שילדערען דעם „ראוו": אפילו מ י ש א, ניט נאר מ ע ר י אדער ק א װ א ל ס ק י, האט צו אים גאר א ווייטע שייכות; פונקט אזוי וואלט מען זיך געקאנט באגיין אן דער, אמת, אויסגעצייכענטער, באשרייבונג פון די פעטערבורגער אידישע סאלאנען, פון דער פעטערבורגער אידישער אינטעליגענץ, וואס פארנעמט כמעט דעם גאנצען צווייטען טייל פון ראמאן. אין דער אמת׳ן איז עס א מיספארשטייעניש, וואס אין קעפעל פון ראמאן שטייט דער נאמען פון א באשטימטער פערזאן: „מערי" איז אונז אויסען צו געבען א בילד ניט פון איינציגע כאראקטערען, ניט פון איינציגע טיפען, נאר פון א גאנצען קבוץ. „מערי" דארף, לויט דעם פלאן פון פארפאסער, אויב איך האב אים ריכטיג פאר־שטאנען, אונז צייגען די אטמאספערע, וואס אין איר לעבט איצט דאס אידישע פאלק. „מערי" וויל זיין דאס, וואס קאן אנגערופען ווערען ד י א ס פ א ר א ־ ר א מ א ן.

דער דיאספארא־ראמאן דארף זיך אפשפילען ניט ערגעץ אין איין באשטימטען ארט, אין איין באשטימטען לאנד, נאר אין דער ד י א ס פ א ר א, ד. ה. אין אלע עקען וועלט. זיין העלד דארף זיין ניט דער ארימער אדער רייכער, פרומער אדער פארשייר־טער, געבילדעטער אדער אומוויסענדיגער איד; ניט דער שטא־טישער אדער קליינשטעטעלדיגער איד אדער דער ישוב׳ניק; ניט דער רוסישער אדער גאליצישער אדער אמעריקאנישער איד; זיין העלד איז דער איד בכלל, דער א י ד א י ן ו ו ע ג, דער א י ד א י ן ד ע ר ו ו ע ל ט, דער איד, וואס גאט ערד איז אים א היים און אן עשאפאט, דער איד, וואס זיין נאמען איז: א ה א ס ו ו ע ר.

פאר אט דעם אהאסווער־ראמאן, וואס מוז ווערן די העכסטע פארם פון אונזער נאציאנאלען עפאס — איז יעקומען איצט די צייט. קיינמאל האט די דיאספארא זיך ניט צעגאסען מיט אזוינע מעכטיגע כוואליעס איבער דער גאנצער ערד, ווי איצט... דאס וועלט־פאלק וואקסט מיט דער וועלט אינאיינעם: ווען איז די וועלט געווען אזוי ברייט, ווי איצט?*)

און נאך: אין דער געשיכטע טרעפען מיר גרויסע אידישע צענטרען אין פארשידענע לענדער איינעם נאך דעם אנדערען; איצט זעען מיר זיי איינעם לעבען דעם אנדערען. און פון איינעם צום אנדערען ציען זיך פעדים, און זיי פלעכטען זיך צונויף, די פעדים, און עס ווערט באשאפען א נעץ, א וועלט־נעץ פון אידישע ישובים. און מיר אלע זיינען אין נעץ געפאנגען. דאס איז אמאל ניט געווען. אמאל פלעגען נאר יחידים — די, וואס פלעגען האבען א חלק אין וועלט־האנדעל — זיין פארבונדען מיט אידען פון פאר־שידענע לענדער; דער געוויינליכער איד פלעגט קענען נאר די אידען פון זיין געגענט: דער ליטוואק איז שוין אין וואלין אדער פוילען גע־ווען א צלם־קאפ, און דער „ירושלמי" איז געווען אומעטום אויף חידושים. איצט האבען מיר קאנגרעסען, וואו בוכארער אידען בא־געגענען זיך מיט אידען פון אויסטראליע, גאליצישע אידען — מיט דרום־אפריקאנער, קאנאדער — מיט אידען פון תימן... קאנגרע־סען? היווארטאלען האבען מיר, שטעט גאנצע, וואו אידען פון פאר־שידענסטע לענדער ארבעטען אין איין שאפ, געהערען צו איין יו־ניאן, לייענען איין צייטונג, גייען אין איין טעאטר, וואוינען אין איין הויז. מען דארף ניט פארען קיין ניו־יארק, קיין דרום־אפריקע, כדי עס צו זען; אין לאנדאן, אין פאריז, אין אנטווערפען קאן מען עס זען; אין רוסלאנד אפילו האבען שוין א סך פון אונז באקאנטע, וואס זיינען אויסען געווען, וואו די וועלט האט אן עק, און קאנען אייך אפגעבען גערוסען פון וואנען איר ווילט נאר אליין: די צעזייאונג האט געשאפען א פארבינדונג,

*) דאס איז געשריבען געווארען פאר דעם וועלט־חורבן פון דעם גרויסען קריג.

פון גלות איז געוואָרן קבוץ־גליות. איז דאָ איצט די מעגליכקייט פון א ראָמאַן, וואָס זאָל ארומנעמען אַלע טיילען פונ׳ם אידישען פאָלק און זיין דאָך אַ גאַנץ און איינהייטליך ווערק.

אַמאָל איז אין אידישען לעבען נים געווען קיין העלד פאַר אַזאַ ראָמאַן. איצט איז ער דאָ. איצט זיינען דאָ צענדליגער, הונדערטער אידען, וואָס זייער היים איז נים רוסלאַנד, נים גאַליציע, נים ארץ־ישראל, נאָר... די דיאַספּאָרא, די וועלט.

אמאָל איז שווער געווען צו געפינען אַ שרייבער, וואָס זאָל קענען גוט אידען פון פארשידענע לענדער (נאָר אין די זכרונות פון גליקל האמיל און אין די ווערק פון די גרויסע אידישע רייזענדער טרעפען זיך צוזאַמען אין איין אָרט ידיעות וועגען אידען פון פארשידענע מקומות). איצט האָט זעלטען ווער פון די אידישע שרייבער נים באַגעגענט אויף זיין וואנדער־וועג אידען פון כל־ערליי לענדער און מדינות.

און נאָך א טעם איז פאַראַן, פאַרוואָס אַ אידישער וועלט־ראָמאַן איז מעגליך גראָד איצט: דאָס לעבען פון דיאַספּאָראַ איז איצט פאַראייניגט, אָבער נים פאַראיינפאַכט געוואָרען. אַ פאַראייניגטע און דאָך אַ פארשידענאַרטיגע דיאַספּאָראַ—דאָס איז א נייס. אַמאָל זיינען אידישע קבוצים, זיי האָבען געמעגט זיין ווי ווייט, ווי אַפּגעריסען איינער פון אַנדערען, געווען דאָך ענליך איינער צום אַנדערען: „איז עס דען וואו געהערט געוואָרען, האָט געפרעגט מענדעלע נאָך דאָ גאָר נים לאנג, אַז אין א געוויסער שעה, פרייטאָג צונאַכטס, אַשטייגער, זאָל א פאָלק אידען עסען פיש, לאָקשען און צימעס, שבת אין דער פרי, — רעטעך און פעטשאַ, לעבער און ציבעלעס מיט אייער, אַן אויסגעפּריעטע קאַשע מיט אַ גרויסען מאַרך־ביין דרינען; אין דעם און דעם טאָג זאָל מען עסען קרעפּלאַך, אין יענעם טאָג המן־טאַשען און אין דעם טאָג אַ געלען קוילעטש מיט זאַפרען? הויבט איינער אָן זאָגען „כל מקדש“ אָדער שרייען „חי וקים“ אין בערדיטשעוו, הערט זיך דער אייגענער ניגון און דאָס אייגענע קול אויך אין אַרגענטינע, וואָס אין עק וועלט“... די מנהגים, וואָס, ווי אייזערנע רייפען, האָבען זיי אַרומגענומען

דאָס לעבען אין אַלע עקען וועלט, האָבען אויף די פאַרשידענסטע טיילען פון אידישען פאָלק (ווייניגסטענס, אין אייראָפּע) איין שטעמפּעל אַרויפגעלייגט. אידען האָבען אומעטום געהאַט נאָר איין שולחן־ערוך, און ער האָט רעגולירט דעם לעבען פון פּרט און פון כּלל; די שאלות ותשובות, וואָס פלעגען געדרוקט ווערען אין קראָקע, אין באַזעל, אין אַמסטערדאַם, די ספרים פון מקובלים, וואָס פלעגען ערשיינען אין צפת, פלעגען ווערען פאַרשפּרייט בכל תפוצות ישראל; די מוסר־ספרים אפילו זיינען געווען אומעטום איינע און דיזעלביגע; אַ גרויסער טייל פון דער רעליגיעזער ליטעראַטור אויף עברי־טייטש איז איבערגענומען געוואָרען פון דייטשלאַנד קיין פּוילען, ליטע און רוסלאַנד כּמעט אָן קיין שום שינויים... דער שולחן־ערוך איז געווען די קאָנסטיטוציע, די רעליגיע — דאָס פאָטערלאַנד, גאָט — דער קיניג פון אַלע אידען. צעזייט און צעשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט, האָבען זיי אַלע געלעבט אין איין גייסטיגען פאָטערלאַנד, אונטער איין־געטליכען רעזשים... דאָס אויסערווייניגסטע לעבען איז געווען ניט אומעטום אפשר גלייך; אַ גזירה, אַ בלבול, אַ גירוש פלעגט זיך טרעפען אין איין לאַנד אַמאָל פריער, אין דעם אַנדערען — שפּעטער, דאָס אינעווייניגסטע, דאָס רעליגיעזע לעבען איז אָבער ביי אידען אין אַלע לענדער געווען איינס און דאָסזעלביגע. די עקאָנאָמישע תנאים אפילו זיינען אין איין אָרט ניט געווען שטאַרק אַנדערש, ווי אין אַנדערען: אידען אין מיטעלאַלטער זיינען געווען אומעטום כּמעט הענדלער, פאַרמיטלער, חלפנים; אומעטום זיינען זיי געווען קינדער (און טאַטעס) פון די אויפגעקומענע שטעט, שטיפקינדער פון פעאָדאַליזם. געבען אין יענער צייט אַ בילד פון מאַטעריעלען און גייסטיגען אידישען לעבען אין איין אָרט, האָט געהייסען אויסמאָלען אַ בילד פון אידישען לעבען בכלל. איז ניט שייך געווען דאָן רעדען ספּעציעל וועגען דיאַספּאָראַ־ווערק: יעדעס ווערק, וואָס האָט אין זיך אָפּגעשפּיגעלט דעם לעבען פון איין טייל פון אידישען פאָלק, איז געווען אַן אָפּשפּיגלונג פון אידישען פאָלקס־לעבען בכלל: די טיילען, וואָס פון זיי איז דאַן באַשטאַנען דאָס אידיש פאָלק, זיינען געווען ווייט און דערווייטערט, אָבער ענליך איינער צום אַנדערען.

גאָר אַנדערש איז די לאַגע איצט. די דיאַספּאָראַ באַשטייט
שוין איצט ניט פון פאַרשידענע ג ל י י כ ע טיילען. איך איינ־
הייט איז אַן „איינהייט אין א פילאַרטיגקייט“ — אַ דיפערענצירטע
איינהייט. אידען פון פאַרשידענע לענדער זיינען איצט מער ווי
אַמאָל פאַרבונדען איינע מיט די אַנדערע; דאָך, אינאיינעם מיט'ן
שטעמפּעל פון דער אַלגעמיינער נאַציאָנאַלער אידישער קולטור, ליגט
אויפ'ן אידישען קיבוץ פון יעדען לאַנד נאָך אַן אנדער שטעמפּעל,
אַן אַרטיגער, און אָפטמאָל לייגט זיך איין שטעמפּעל אַוועק ניט
ל ע ב ע ן, נאָר א ו י ף דעם אַנדערען, און זיי ביידע באַקומען
גאָר א ניי אויסזען. די גאַנצע פּאַרוויקעלטקייט פון דער אידישער
נאַציאָנאַלער פּראָבלעם אין דער איצטיגער צייט ליגט אין דעם
(ווי עס האָט געזאָגט אַמאָל אחד־העם), וואָס, כאָטש אידען בלייבען
אידען אין די לענדער, וואו זיי זיינען ניט צופיל צעזייט און צע־
שפּרייט, ווערען זיי דאָך אין יעדען לאַנד גאָר אַ ב אַ ז ו נ ד ע ר
ס אָ ר ט א י ד ע ן. אין אַמעריקע און אין אַנדערע גרויסע איינ־
וואַנדערונגס־פּונקטען קאָכען זיך די פאַרשידענע סאָרטען אידען
אוים אין איין קעסעל און באַהעפטען זיך אין איין קבוץ — דאָס
מאַכט גרעסער די איינהייט פון אידישען פאָלק, אָבער דאָס פאַר־
גרעסערט אויך זיין פאַרשידענאַרטיגקייט, זיין קאָמפּליצירטקייט!
אין איין ניו־יאָרק קאָנט איר איצט, אַחוץ אידען פון פאַרשידענסטע
לענדער און געגענטען, זען אידען, וואָס געפינען זיך אויף די פאַרשי־
דענסטע שטאַפּלען פון „אויסגעגרינטקייט“... וואָס פאַר א שפע פון
פאַרבען, וואָס פאַר א שפּיל פון ניואַנסען, וואָס פאַר א רייכע סימ־
פאָניע וואָלט עס געווען אַ ווערק, וואָס ז אָ ל אונז צייגען, פון
אונטען ביז אַרויף, דעם איצטיגען אידישען ניו־יאָרק פון דעם נאָר
וואָס אַנגעקומענעם „גרינעם“ ביז'ן אידישען אויבערריכטער, פון
דעם אָרימסטען אַרבעטאָער־יוניאָן ביז דעם פילאַנטראָפּישען אָרדען
פון „יאַהודים“־באַנקירען, פון דעם משולח, וואָס פאָרט־אום קליי־
בען געלט אויף אַן אייִשישקער ישיבה, ביז דעם רעקטאָר פון אַן
אַמעריקאַניש־אידישען קאָלעדזש! היינט, ווען צו ניו־יאָרק זאָלען
צוקומען נאָך טיפּען פון אַנדערע אידישע צענטרען — דער פּועל און
שומר פון ארץ ישראל, דער פאַרמער פון אַרגענטינע, דער דימענט־

שלייפער פון אמסטערדאם, דער קאשקעטען־מאכער פון פאריז, דער סטודענט פון בערן, דער „סעפּאראטיסט“ פון טשערנאָוויץ, דער זשורנאליסט און טעאטער־דירעקטאר פון בערלין, דער ארטאדאקס פון פראנקפורט, דער ספרדישער איד פון סאלאניק — פון דעם העכסטען שפּיץ־בארג וועט זיך ניט עפענען פאר אייך אזא רחבות, אזא וועלט־פּאנאראמע! קיין ליטעראטור אין דער וועלט האט ניט אזא ברייט פעלד פאר זיך. מיר אליין פארמאגען אים און מיר אליין נאר קאנען אים פארזייען. מיר אליין — דאס הייסט, דער גאון, וואס וועט אויסוואקסען צווישען אונז, וועט האבען א ברייט הארץ און א קוק פון אן אדלער און די קראפט און די דרייסטקייט ארומצונעמען אט דעם מעכטיגען פארשידענארטיגען מאטעריאל, כדי פון אים אויסצוקנעטען, אויסצוהאקען בילדער און געשטאלטען.

דאס דארף זיין א דיכטער, וואס אין זיין לאנגען וועג זאל ער ניט פארגעסען איין רגע זיין ציל; א קינסטלער, וואס אין דער אומענדליכער ברייטקייט פון זיין בילד זאל ער ניט אנווערען די איינהייט, א בויער, וואס דעם איין־און־איינציגען פּלאן פון זיין געביי זאל ער אונטערטעניג מאכען אלע פּרטים, אן ארכיטעקט, וואס די הארמאניע, דער ריטם פון די בוי־מאסען זאל זיין פאר אים וויכטיגער איידער די דעקאראטיווע, מאלערישע שיינקייטען פון איינציגע טיילען, א מייסטער, וואס זאל פילען, אז צוליב א מעכטיגען און א מאנומענטאלען ציל מוזען אויך מיטלען געברויכט ווערען גראנדיעזע און „מאנומענטאלע“.

אזא מייסטער איז נאך ביי אונז נישטא. אש איז צופיל מאלער און דעקאראטאר, צו ווייניג קולטיווירט ער אין זיך יענע שטרייננגע אויסערגעוויינליכסטע דיסציפּלין, יענע „קאלטע“ קינסטלערישע אויסגערעכענטקייט, וואס איז נויטיג פאר'ן גרויסען בוי־מייסטער, וועלכער וועט האבען צו טאן מיט אזא מעכטיגען שטאף, ווי די דיאספּארא. אש האט ניט געקאנט אויספירען די גרויסע געניאלע אויפגאבע פונ'ם דיאספּארא־ראמאן. ער האט זיך אבער געשטעלט די דאזיגע אויפגאבע; ער האט געפּרואווט זי אויספירען.

ווי גרויס זיין פּרואוו איז און וואס פאר א ווערט ער האט, וועט

מען וויסען ערשט דאַן, ווען עס וועלען פאַרעפענטליכט ווערען די איבעריגע טיילען פון „מערי“. ערשט דאַן וועט מען זען, צי האָט אַש׳ס ראָמאַן ארומגענומען די גאַנצע דיאַספּאָרא, אירע וויכטיגסטע צענטרען, צי נאָר א טייל פון זיי, — און ווי גרויס איז אָט דער טייל און וואָס פאר אַ באַדייטונג ער האָט. ערשט דאַן וועט מען זען, אויף וואָס פאר א שטיק וועג „מערי“ האָט אונז נענטער גע־בראכט צום ציל — צו אונזער גרויסען נאַציאָנאַלען עפּאָס, צום אַהאַסאַווער־ און דיאַספּאָרא־ראָמאַן*). דערווייל האָבען מיר נאָר דעם אָנהויב — די ערשטע צוויי טיילען פון ראָמאַן: לאָמיר זיך צו זיי צוקוקען.

ב.

אין ערשטען טייל זעען מיר דעם רוסישען „ת ח ו ם“ מיט זיינע אָרימע און רייכע בעלי־בתים און אַרבעטער, אינטעליגענטען

---

*) דאָס איז געשריבען געווען אין יאָר 1913. איצט זיינען די אי־בעריגע טיילען פון „מערי“ שוין פאַרעפענטליכט. זיי זיינען ארויס אין דער פאָרם פון אַ באַזונדער ראָמאַן אין צוויי טיילען — „דער וועג צו זיך“. די דיאספארא איז געוואָרען ברייטער. צום געוועזענעם אידישען „תחום אין רוסלאַנד, צו דעם פּעטערבורגער אידישען סאַלאָן, צו פינלאַנד איז צוגעקומען בערלין, ווין, זאַקאָפּאַניע, איטאַליע, שווייץ, פּאַריז, ארץ ישראל, דער וועג קיין אַמעריקע... עס האָבען זיך פאַנאַנדערגעוויקעלט אָן א שיעור נייע בילדער פון לעבען אין „גלות“ און אין ארץ ישראל; עס האָבען זיך באַוויזען נייע אינטערעסאַנטע פּערזאָנען און עס זיינען באַ־שאַפען געוואָרען נייע קינסטלערישע און פּאָעטישע ש ט ע ל ע ן, אָבער קיין גאַנצקייט און קיין איינהייטליכקייט איז נאָך אַלץ נישטאָ. פאַר־קערט, עס איז נאָך אלץ בונטער געוואָרען, נאָך געלאַטעטער, קאַליידאָסקאָ־פּישער. עס זיינען אָנגערירט געוואָרען פיל נייע געזעלשאַפטליכע און פּסיכאָלאָגישע פּראָבלעמען, — אָבער נאָר אָנגערירט געוואָרען, קיין איינע פון זיי, אַחוץ אפשר דער פּראָבלעם פון מישא, איז ניט דערפירט געוואָ־רען ביז א סוף און זיי אלע זיינען ניט צונויפגעוואַקסען איינע מיט די אַנדערע, נאָר צונויפגעקלעפּט.

און פֿראָסטע אידעען — דעם ת ה ו ם אין דער צייט פֿון דער ערשטער רעוואָלוציע און די פּאָגראָמען; דער אַנדער טייל פֿירט אונז אריין אין דעם אידישען סאַלאָן אין פּ ע ט ע ר ב ו ר ג.

לייענענדיג די דאָזיגע טיילען, איז מען אַנטציקט פֿון די איינצעל־הייטען, אנטוישט פֿון גאַנצען. עס דוכט זיך, אַז אַש האָט געהאַט ניט איין פּלאַן אַ באַשטימטען, נאָר צוויי — גאַנץ אומבאַשטימטע — פּלענער. דערפֿאַר האָט מען, לייענענדיג די ערשטע צוויי טייר־לען פֿון ראָמאַן, אַ צווייערלייאיגען איינדרוק: די קאַפּיטלען וועגען מ ע ר י ׳ ן און ק אָ ו ו אַ ל ס ק י ׳ ן זיינען פּרקים פֿון אַ גע־וויסען מין פּ ס י כ אָ ל אָ ג י ש ע ן ראָמאַן; אַז מען קומט אַבער צו דער שילדערונג פֿון „ראָוו" און פֿון דער קינסטלער־באָ־העמע און אינטעליגענץ אין פּעטערבורג, קומט ניט ווילענדיג אויף דער געדאַנק, אַז מען האָט דאָ צו טאָן ניט מיט אַן אינדיווידועל־פּסיכאָלאָגישען, נאָר מיט אַ געזעלשאַפֿטס־ראָמאַן. און די דאָ־זיגע צוויי עלעמענטען, דער אינדיווידועל־פּסיכאָלאָגישער און דער סאָציאַלער, זיינען איינס מיט דעם אַנדערען שלעכט פֿאַרבונדען. עס ציען זיך פֿון איינעם צום אַנדערען פֿע־דים. (געוויסע עפּיזאָדען פֿון לעבען אין „ראָוו" מאַכען מ י ש אַ ׳ ס כאַראַקטער בולט׳ער און קלערער; דאָס „מאָדערנע" „דעקאַדענטישע" ליכט אין סאַלאָן פֿון נ אַ ט אַ ל י אַ מ י־כ אַ י ל אָ ו ו נ אַ פֿאַלט אויף מ ע ר י ׳ ס, טיילווייז אויך אויף ק אָ ו ו אַ ל ס ק י ׳ ס געזיכט און באַלייכט זיי פֿון אינע־ווייניג). די פֿעדים פֿאַרבינדען אָבער צוויי גאַנץ באַזונדערע גע־וועבען, — געוועבען, וואָס באַהעפֿטען זיך ניט און ווערען ניט איינס... איז דאָס אַ פֿראַגע פֿון „טעכניק"? יע, אָבער אין אַ קונסט־ווערק האָט „טעכניק" מער ווי אַ ריין־טעכנישע, ריין־אויסער־ווייניגסטע ווערדע. „טעכניק" איז דער פּשט האַרמאָניע צווישען אינהאַלט און אויסדרוק, ציל און מיטעל. „טעכניק" הייסט אינע־ווייניגסטע גאַנצקייט, שלמות. און ערגעץ איז די שלמות פֿון דער טעכניק ניט אַזוי וויכט, ווארום אין ערגעץ איז ניטאָ אַזאַ געפֿאַר צו זינדיגען געגען איר, ווי אין אַ ווערק, ווי „מערי". „מערי" וויל געבען אַ סך־הכּל פֿון אַ גאַנצער תּקופֿה מיט אַלע אירע סתירות און

מלחמות, וויל שילדערען דעם לעבען פון די פארשידענסטע גרופּעס פון אידישען פאלק אין די פארשידענסטע גייסטיגע און פיזישע סביבות! איז דא א סכנה, אז יעדער פון די פיל טיילען זאלען ווערען צו אויטאנאם, צו זעלבשטענדיג. מוז דא דער דיכטער באזונדערס שטארק זארגען, אז די פארשידענע עלעמענטען, די קאלעקטיווע און די אינדיווידועלע, זאלען זיך אומבאמערקטערהייט צונויפגיסען איינע מיט די אנדערע, אזוי, אז מען זאל זיי קאנען זען נאר איינע א י ן די אנדערע און איינע ד ו ר ך די אנדערע...

פאר פארשווינען פון אזא מין ראמאן, אויב ער וויל געבען באמת א בילד פון גאנצען סאציאלען און נאציאנאלען לעבען פון אידישען פאלק, — טויגען נאר מענשען, וואס שטייען אין רעכטען מיטען, אין סאמע ברען פון לעבען; מענשען אקטיווע, מענשען, וואס זייער אייגענער פערזענליכער כאראקטער קאן קלאר ווערען נאר דורך דער שילדערונג פון דער אטמאספערע, פון דער כלל־אטמאספערע, וואס זיי זיינען אירער אן ארגאנישער טייל. נ א ר אזוינע פערזאנען, וואס אין לעבען שפּילען זיי א צענטראלע ראלע, וואס אין לעבען ציען זיך פון זיי פעדים, שטראלען, אין אלע זייטען, וואלטען געקאנט אויך אין ראמאן זיין א ברען־פונקט, וואס זאמעלט צונויף אין זיך און האלט שטייף צוזאמען די אלע פארשידענע עלעמענטען. אין די ערשטע טיילען „מערי“ זיינען פאראן אבער נאר ע פּ י ז א ד י ש ע פ י ג ו ר ע ן, וואס וועבען זיך צונויף מיט'ן א ר ו ם, מיט'ן כ ל ל פון „ראוו“, פון אידישען פעטערבורג; די הויפּט־פיגורען: מ ע ר י, ק א ו ו א ל ס ק י, אפילו מ י ש א, זענען ארייגעטאן אין זייער איינענעם איך — אין זייער ליבע, אין זייער בענקשאפט, אין זייער קונסט. זייער לעבען גיסט זיך ניט צונויף ארגאניש מיט'ן לעבען פון א ר ו ם. איין ווײלע פארנעמען זיי דעם גאנצען פלאץ, די גאנצע אויפמערקזאמקייט; נאר באלד פארלירען זיי זיך, ווי קליינע פינטעלאך, אויפ'ן ברייטען שטח פון א ר ו ם. דערין ליגט דער גרויסער ארכיטעקטאנישער פעלער פון ראמאן.

אויב אין „נאך אלעמען“ איז פאראן איין ל י נ י ע, וואס ציט זיך, ווי אן אקס, דורך דעם מיטען, דעם הארץ פון ראמאן, הא־

בען מיר אין „מערי" נאָר שיינע, רייכע, מאַלערישע פלעקען, פלע־קען און פיגורען. דאָס איז אַ ראַמאַן פון שיינע שטעלען, ווי די דייטשען רופען עס אַן, אַבער די דאָזיגע שטעלען זיינען באמת שיין, און עס לוינט זיך אָפּצושטעלען אויף יעדער פון זיי באַזונדער.

ג.

צוערשט — דער „ראָוו".

דאָס איז דער קווארטאל, וואו עס וואוינען אידישע אָרימע לייט — די אידישע מאסען. ווי זעט ער אויס ביי אש'ן? אַ טיר־פער גראָבען, פוןביידע זייטען פאַרשטעלט מיט הויכע, זאַמדיגע ברעגעס. די גאַסען זיינען ניט ברוקירט, אַן רינשטאָקען, פייכטע, שמוציג, זעלטען ווען די זון קומט אהער אַריין, עס איז אַ נעסט פון קלעפּיגע קראַנקהייטען... וויסט און עלענד, קראַנק, פאַרשאָל־טען איז דער „ראָוו"! קיין איין ליכטיגער פלעק, קיין איין זונען־שטראַל! און ניט קיין צופעליגער קווארטאל איז א צופעליגער שטאָט איז דער „ראווו", נאָר א סימבאל פון גאנצען „תחום": „דאָס גאַנץ אידישע פאָלק (טראַכט מ י ש אַ, גייענדיג דורכ'ן „ראָוו") לעבט אַזוי אין רוסלאַנד, אויסער איינציגע גליקליכע, וועלכע האָבען זיך ארויסגעקראָגען פון „ראָוו" און לעבען אין די שטעט". קיין זכר ניטאָ פון דער אידילישער געזונטקייט, וואָס אין „שטע־טעל": אָרים און קראנק ליגט די אידישע מאסע אין די ענגע, שמוציגע געסלאך פון „ראָוו"... האָט זיך אַזוי אומגעביטען דאָס אי־דיש לעבען פון דער צייט, זינט דאָס „שטעטעל" איז געשריבען געוואָרען? געהערט דאָס געזונט, קרעפטיג לעבען פון „שטעטעל" צו גאָר אַ פריערדיגער תקופה? אָדער אפשר האָט זיך דער דיכטער אליין אומגעביטען, און ער זעט דאָס אידיש לעבען אַנדערש איצט ווי אמאָל? אָדער האָט געווירקט אפשר דאָס, וואָס פון פוילען האָט אַש זיך אין „מערי" איבערגעטראָגען קיין קליינרוסלאַנד, נעענטער צו דער אָרימער ליטע? איך וויל זיך ניט אריינלאָזען אין חקירות וועגען דער דאָזיגער פראַגע. איך קאָנסטאַטיר אַ פאַקט: די מאָ־

טעריעלע לאַגע פון די אידישע מאסען איז אין „מערי“ געמאָלט
מיט טונקעלע, פינסטערע, פאַרבען.

און דער גייסטיגער מצב? — ער איז ניט בעסער. מיר זיי־
נען געוואוינט צו טראַכטען, אז אין „יענע טעג“, אין דער צייט פון
דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע, וועלכע ווערט געשילדערט אין
„מערי“, האָט די אידישע מאסע געלעבט מיט עפּעס א לעבעדי־
גערען לעבען, מיט עפּעס א געשווינדטערען טעמפּוס און ליכטיגערע
האָפענונגען. ווי געוויינליך; א סך פון אונז קומט „יענע“ צייט אויס
ווי עפּעס א חלום אויף'ן וואָר: עפּעס יום־טוב'דיגס און פאַנטאַס־
טישס האָט געציטערט און געפלאַטערט אין לופטען, א פייער האָט
געברענט אין די הערצער, אין גאַס האָט א הימן געשריען און
געוועקט און גערופען... דאַכט זיך, איצט,*) ווען ארום איז אזוי
וואָכעדיג און ניכטער און גרוי, דוקא איצט קאָן מען, דאַכט זיך,
אנטפּלעקען א באזונדער חן גאָר אין יענער העלער, פייערליכער,
רופענדיגער פאַרב. אַש איז אבער בלינד פאַר דער פאַרב; ער האָט
ניט געלעבט אין יענער הייסער, שטורעמדיגער לופט, און אויך אין
זיין פאַנטאַזיע קאָן ער זיך אהין ניט איבערטראָגען. און ער צייגט
אונז די אויפגערודערטע, מיט ברען־שטאָף און מיט הייסע שטימען
אנגעפילטע אידישע גאַס פון די יאָרען 1904—1905 ניט אזוי, ווי זי
איז געווען אין דער אמת'ן, און אויך ניט אזוי, ווי זי איז געבליבען
ביי אייניגע אין דער פאַנטאַזיע, נאָר אין יענער קאַלטער, גרויער
געשטאַלט, אין וועלכער עס זעט זי איצט דער וואָכעדיגער, ניכטע־
רער, אין פאַנטאַזיעס אָרימער בעל־הבתישער איד: די שטרייקען
און די אלע „עקאָנאָמישע פאָדערונגען“ האָבען אויסגעטראַכט בעל־
הבת'ישע קינדער, זאַטע אינטעליגענטען, מאַכערס פון טעאָריעס;
ווען איינער פון אָט די אינטעליגענטען האַלט אין וואַלד, אויף א
פאַרזאַמלונג, וואו דער גאַנצער עולם פון „ראַוו“ האָט זיך צונויפ־
געקליבען, א רעדע מכח „די באַדינגונגען, וואָס דער אַרבייטער פאָ־
דערט“, פאַרשטייען ניט די שניידערס און די שוסטערס פון „ראַוו“,
וואָס ער רעדט! אין „ראַוו“, ווייזט זיך אַרויס, זיינען בכלל גאָר

*) געשריבען אין יאָר 1913.

ניטא קיין לויז־ארבעטער, פאראן נאר ארימע, הונגעריגע בעלי־מלאכות! צווישען זיי און זייערע געזעלען איז ניטא און עס קאן ניט זיין קיין קאמף. דאקטאר לייזעראוויטש, (אגב, אן אינטערעסאנטע פיגור, וואס האט זיך אש'ן זייער גוט איינגעגעבען) זאגט צו איינעם א יונגען מאן, א „פארטיי־טוער": „אבער קעגען וועמען קעמפען? איך בין דאך דארט אין די הייזלאך יעדען טאג, די „בעלי־הבתים" זיינען דאך נאך פיל ארימער פון די ארבעטער, און די בעלי־מלאכות גייט עס דאך טויזענט מאל ערגער, ווי זייערע „מענשען". קעגען וועמען פירען עס א קאמף? דאס זיינען דאך ניט קיין ארבעטער און „ארבעטס־געבער", דאס זיינען דאך איין הויפען ארימע לייט" א. אז. וו. און אט רעדט ניט קיין אינטעליגענט, נאר אן ארבעטער (קענטיג, עס האט זיך דאך געפונען אויף א רפואה אן ארבעטער ביי אידען) אבער וואס פאר אן ארבעטער? — „אן אומגעוויינליך אומאנטוויקעלטער מיט אן ארויסגעזעצטען הויקער, נאר מיט א פאר גרויסע שווארצע, באלעבטע אויגען". „ער האט ניט גערעדט, ווי אש דערציילט, פון שטרייקען, ניט פון בעלי־הבתים און ניט פון מענשען... אליין א קינד פון „ראוו", האט ער געשילדערט דאס לעבען פון די קינדער פון אידישען בעל־מלאכה פון „ראוו", ווי זיי וואלגערען זיך ארום אין קרענקליכער היץ אין דער בלאטע און עטעמען איין פון קליינער־הייט אן די פארדומפטע לופט פון די קאנאלען" א. אז. וו., א. אז. וו. אט די רייד האט דער עולם „גוט פארשטאנען און צוגעהארכט. איצט האט מען שוין ניט געהערט קיין ווערטלאך, נאר קרעכצען, ביטערע קרעכצען, וועלכע האבען זיך אויסגעריסען פון די הייזעריגע און שוואכע סוכאטישע ברוסטען, אויסגעמישט מיט הוילע הוסטען". און מיט צושטימונג איז אנגענומען געווארען דעם רעדנערס פארשלאג, אז... דער „ראוו" זאל דעמאנסטרירען. אבער ניט זיין קראפט, ניט זיין גרייטקייט צום קאמף זאל ער דעמאנסטרירען, — פון וואנען זאל זיך נעמען קראפט און קאמפס־לוסט ביי אט די הונגעריגע, דעריגע ארימע־לייט? — זייער ארימקייט, זייער אנמעכטיגקייט, זייערע צרות זאלען זיי דעמאנסטרירען. אן געזאנג און אן פאנעס זאלען זיי גיין איבער די גאסען, „נאר בלויז מיט זייערע

געשטאַלטען". „ווייזט אייערע ליבער — האָט ער (דער רעדנער) אויסגעשריען מיט זיין כריפּענדיג קול — דעקט־אויף אייערע שמאַטעס, נעמט אייערע קינדער, ווייזט זייערע קרומע פּיסלאַך, זייערע קרענק, זייערע געשוואָלענע וואַסערדיגע קעפּ און פאַררשאַפּעטע אויגען, זאָלען אייערע ווייבער אויפדעקען די ברוסטען און ווייזען זייערע סוכאָטישע טאַרבעס, פון וועלכע זיי שפּריצען אַריין זייער קרענק אין דעם בלוט פון זייערע קינדער. פירט אייערע בלינדע אַלטע פאָר אייך, רעדט ניט קיין וואָרט, זינגט ניט קיין ליד, ו ו י י ז ט אייך נאָר, זאָל די וועלט זען דעם „ראָוו" אין זיין פּראַכט און גלאַנץ, און זאָל זי דערציטערט ווערען!" דאָס בילד פון דער דאָזיגער פאַנטאַסטישער דעמאָנסטראַציע איז צווישען די רעוואָלוציאָנס־בילדער אין „מערי" דאָס איינציגע, וואָס האָט אַ גרויסע ק י נ ס ט ל ע ר י ש ע ווערדע. דאָס איז דער איינציגער רעוואָלוציאָנס־מאָמענט, וואו אַש גיט אונז צו פילען זיין ש ע פ ע ר י ש ע פאַנטאַזיע... אַ דעמאָנסטראַציע פון הינקעדיגע און בלינדע איז קיינמאָל ניט געווען אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע. אַש האָט זי אויסגעטראַכט, אָבער ווי שטאַרק, ווי אומפאַרגעסליך איז דער איינדרוק פון אָט דער אויסטראַכטעניש! ווי קינסטלעריש — ווי סימבאָליש־בולט מאַכט זי מיט איינמאָל די גאַנצע אָנמעכטיגקייט פון „ראָוו"!

צי איז אין דער אמת'ן אין „ראָוו" טאַקע מער ניט געווען, ווי אָנמעכטיגקייט? אַש'ס אויג האָט דאָרט, יעדענפאַלס, מער גאָרנישט ניט געזען, און די גאַנצע „רעוואָלוציע" פון „ראָוו" האָט ביי אים אַרויסגערופען נאָר אַ סאַרקאַסטישען שמייכעל... אַש און הומאָר — דערצו זיינען מיר געוואוינט; אָבער אַש און סאַרקאַזם — וואָס פאַר אַן אומגעריכטע זאַך! און אָט די אומגעריכטע זאַך איז געשען אין אַש'ס שילדערען די רעוואָלוציע אין „ראָוו", (די רעוואָלוציע אין פּעטערבורג איז אין צווייטען טייל „מערי" געמאָלט דוקא מיט פּאַטאָס!). פון דער אידישער פרייהייטס־באַוועגונג און די אידישע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען האָט אַש אין „מערי" געמאַכט — לאָמיר זאָגען אָפען — אַ פּאַראָדיע: אַ דעמאָנסטראַציע פון בלינדע און הינקענדיגע פון איין זייט, פּוסטע רייד און נאַרישע

פּאַרטיי־צאַנקערייען פון דער אַנדער זייט — דאָס איז די „רעוואָלו־ציע" אין „ראַוו"! אַש, וואָס דעם אַ ל ט ע ן  אי ד ע ן, דעם פּאַטריאַרך פון דער  ש ט ע ט ע ל - א י ד י ל י ע, זעט ער אין אַ שיינערער געשטאַלט, אין אַ וואַרימערען ליכט, ווי ער איז אין דער אמת'ן, פאַרזעט אין דעם  נ י י ע ם  אידען, אין דעם פּאַר־שטייער פון דער  ש ט אַ ט - ר ע ו ו אָ ל ו צ י ע, אַפילו די ביסעל אמת'ע שיינקייט, וואָס ער פאַרמאָגט. וואָרים עס איז דאָך קלאָר, אַז ווען דער נייער איד, דער איד דער קעמפער, וואָלט זיך אין אַש'ס קינסטלערישער פאַנטאַזיע אויסגעלייטערט אַזוי, ווי דער אַלטער, קליינשטעטעלדיגער איד, וואָלט ער געהאַט אין דעם ראָמאַן גאָר אַן אַנדערען, אַ פיל ליכטיגערען, פּנים, ווי איצט. ער וואָלט אָגב דאַן רעפּרעזענטירט געוואָרען אין „מערי" ניט דורך עפּעס גרויע, וואַכעדיגע פּאַרטיי־שרייער, נאָר דורך יענע זעלטענע מאַ־ראַלישע און אמת־רעוואָלוציאָנערישע פּערזענליכקייטען, וואָס האָ־בען שטילערהייט און עקשנות'דיג געוועקט דעם „פּרינץ", וואָס איז אין אַ „קליאַטשע" מגולגל געוואָרען... אַ דאָן־קיכאָט, ניט אַ האַמ־לעט פון דער אידישער רעוואָלוציע, מישאַ, וואָלט דאַן צוגעצויגען די אויפמערקזאַמקייט פון קינסטלער. דער קאָמפּספּייאָיגער אידישער פּראָלעטאַריאַט אין אַ וואַרשע, אַ לאָדז, ניט אַ קאַריקאַטור־פּאַר־זאַמלונג פון אָרימע, דערשלאָגענע בעלי־מלאכות הינטער אַ „ראַוו"־ערגעץ, וואָלט סימבאָליזירט דאַן די אידישע מאַסע אין תּחום!

ד.

נאָר... די רעוואָלוציע אין „ראַוו" וואָלט פאַרכאַפּט אויך  מ י־ ש אַ ' ן. ווען זי וואָלט געווען שענער, שטאַרקער, אימפּאָנירענדי־גער, און אַש'ן איז נויטיג, אַז  מ י ש אַ  זאָל בלייבען אויסער דער רעוואָלוציע, זיין האַרץ זאָל זיין פריי פאַר  מ ע ר י ' ן.

א ו ן  ע ס  ב ל י ב ט  פ ר י י.  אַלץ, וואָס  מ י ש אַ ' ן קומט אויס צו זען צווישען די בעלי־הבתּישע „אינטעליגענטען", די

„רעוואָלוציאָנערן“, וואָס שאַפֿן זיך, ווי ער זאָגט, פֿון פֿאָלקס ליידן אַן אידעאַל פֿאַר זיך, איבערציינגט אים, אַז דינען דעם פֿאָלק מיט'ן גאַנצן, ריינעם האַרצן קאָנען נאָר אַזוינע, ווי דר. לייזעראָוויטש, וואָס האָט אָנגענומען די פֿאָרמען פֿון פֿאָלקס לעבן, וואוינט אין זיינע וואוינונגען, פֿאַרדינט פֿון וואָס ער פֿאַרדינט, עסט זיינע שפּייזן און שלאָפֿט אויף זיינע געלעגערס. נאָר אַזאַ מין לעבן פֿאַר'ן פֿאָלק און מיט'ן פֿאָלק וואָלט געקאָנט מישא'ן צופֿרידן שטעלן, ווייל ער געהערט צו די מענשן, וואָס גיבן זיך אָפּ אַ זאַך אינגאַנצן, ווען זי געפֿעלט זיי. אינגאַנצן אָבער אָפּגעבן זיך דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג קאָן ער ניט (די בעל־הבתּישע דערציאונג, די ציוניסטישע שטימונגען, וואָס זיינען אים פֿון דער יוגנט געבליבן, שטערן אים), גיט ער זיך אָפּ אינגאַנצן מערי'ן.

ער גיט זיך אָפּ שעמעוודיגערהייט, שווייגענדיגערהייט — מאַכט עס זיין ליידענשאַפֿט נאָך ליידענשאַפֿטליכער, נאָך טיפֿער. און אָט די טיפֿקייט, די גאַנצקייט, די איינגעשפּאַרטקייט, די ברענענדיגע שווייגעדיגקייט פֿון זיין ריינעם, קינדערשען געפֿיל איז דאָס, וואָס באַשטימט זיין כאַראַקטער, זיין איך, און איז אויך דאָס, וואָס שטעלט אים אַוועק ווי אַ קאָנטראַסט קעגען דעם צווייטן „ליבהאָבער“ מערי'ס — קאָוואַלסקי'ן.

נאָר איידער מיר גייען איבער צו קאָוואַלסקי'ן און פֿאַרלאָזן דעם „ראָוו“, מוזען מיר זאָגן, אַז כאָטש דאָס בילד פֿון „ראָוו“ שטעלט אונז ניט צופֿרידן און עס לאָזט אין אונז איבער אַ נעפּעלדיגען און אַ צעברעקעלטען איינדרוק, זיינען דאָך אין אים פֿאַראַן שטריכען, פֿלעקן, עפּיזאָדישע פֿיגורן, וואָס האָבן געקאָנט אַרויס נאָר פֿון אַ קינסטלער־האַנט. איך האָב דערמאָנט שוין פֿריער דעם דרייסטען פֿאַנטאַסטישען איינפֿאַל פֿון דער דעמאָנסטראַציע, וואָס אין איר שפּיץ גייען... הינקענדיגע און בלינדע! די דאָזיגע פּאָליטישע קאַריקאַטור איז קינסטלעריש אַ זאַך, וואָס אַנטציקט און שניידט זיך אונז איין טיף אין זכרון. שווער צו פֿאַרגעסן איז אויך די ווי פֿון איין גוס אויסגעגאָסענע

פיגור פון דעם — שוין אויך פריער דערמאנטע — ד ר. ל י י־ז ע ר א ו ו י ט ש. „װעלכער װאוינט אין דעם אָרימסטען אידי־שען קװאַרטאַל אין „ראַװ" און היילט בלויז אָרימע לייט און לױפט אַרום אין די רייכע הײַזער און שלעפּט צוזאַמען װעש פאַר די קראַנקע און שעמט זיך ניט אַליין אַלץ זיי צוצוטראָגען איבער דער גאַס". דער דאָזיגער לײַזעראָװיטש איז „אַ פאַרביסענער פריי־דענקער און דעמאָקראַט פון די זעכציגער יאָרען (ריכטיגער: פון די זיבעציגער יאָרען, װען אין רוסלאַנד האָט זיך צװישען דער בעסערער אינטעליגענץ פאַרשפּרייט די אידעע פון „גיין אין פאָלק" — ש. נ.) אָדער „אַ ליבעראַל", װי זיין זון דאַװיד האָט אים מיט שפּאָט גע־רופען. ביי דעם דאָזיגען פריידענקער און כמעט פערזענליכען פיינט פון גאָט האָט די רעליגיע, װאָס דורך דעם „פרייען גערדאַנק" איז זי אַרויסגעטריבען געװאָרען ביי אים פון ק אָ פּ, זיך באַ־זעצט צו אים אין ה א ר צ ע ן אריין אין דער געשטאַלט פון אַן אומענדליכער אידעאַליסטישער ליבע צו אַלע אָרימע און ליי־דענדיגע... דר. לײַזעראָװיטש איז קינסטלעריש די בולט'סטע פי־גור אין גאַנצען ראָמאַן, כאָטש ער שפּילט אין אים נאָר אַן עפּיזאָ־דישע ראָלע*).

---

*) צװישען די עפּיזאָדישע פיגורען איז זייער לעבעדיג און פריש געשילדערט אין פערצענטען קאַפּיטעל דער פאָטער פון דעם אַרויסגעטרי־בענעם גימנאַזיסט סאַבאַלין, װאָס שרייט צו זיין זון, װעלכער האַלט זיך אויף ביי דר. לייזעראָװיטש אין שטוב: — „צום דירעקטאָר זאָלסטו מיר גיין, די האַנט זאָלסטו אים קושען, צו די פיס זאָלסטו זיך אים װאַר־פען א. אַז. װ." און דאַן האַלב־אידיש, האַלב־רוסיש צום דאָקטאָר: „אַכט יאָר האָב איך דעם יונג אין גימנאַזיום געהאַלטען. איך האָב ניט געגע־סען, איך האָב ניט געטרונקען, איך האָב געװאָלט האָבען אַ זון אין גימ־נאַזיסטען־קליידער" א. אַז. װ. דאָס איז כמעט װי אַ סימבאָל פון דעם אידישען בעל־הבית, װאָס איז זיך מוסר־נפש, אבי זיין זון זאָל האָבען אַ תכלית, אַ דיפּלאָם, און איז אמת אומגליקליך, װען יענער נעמט זיך מישען, װי ער זאָגט, אין „פּראַװיטעלסטװוענע זאַכען"...

## ה.

קאַוואַלסקי איז אַ קינסטלער, אַ מאַלער. צו דער טעמע פון ראָמאַן, ווי ווייט ער איז אַ סביבה־ראָמאַן, האָט קאַוואַלסקי ניט קיין שייכות. ווען ער באַווייזט זיך צום ערשטען מאָל צווישען דער אינטעליגענטער אידישער יוגענט, וואָס צו איר געהערט מערי און מישאַ, ווייס מען גאָר פון אָנהויב ניט, צי איז ער אַ איד, צי אַ גוי. און ווי ווייט ער טרעט אַרויס אין ראָמאַן, איז ער אין דער אמת'ן טאַקע ניט קיין איד און ניט קיין גוי, נאָר אַ... קינסטלער. די פּראָבלעם פון זיין כאַראַקטער, איז די פּראָבלעם פון דעם קינסטלער־כאַראַקטער! דעם פּלאַם פון זיין ליבע גיט ער אָפּ דער קונסט; פאַר'ן לעבען בלייבען אים נאָר פונקען, וואָס גיבען אַ שיין און לעשען זיך אויס. ביי אים זיינען ניטאָ קיין איבערצייגונגען, פאַראַן שטימונגען: „מען דאַרף מיך ניט נעמען אַזוי ערנסט, ווי איר נעמט מיך, זאָגט קאַוואַלסקי. וואָס האָט, ווי יעדער קינסטלער, ניט פיינט צו רעדען וועגען זיך: — היינט האָב איך אייך אַזוי געזאָגט, מאָרגען קאָן איך אייך גאָר עטוואָס אַנדערש זאָגען, און, גלויבט מיר, דער יעניגער, וואָס האַלט זיך אָן אַ שטענדיגער מיינונג, איז נאָר אַ לאַנגוויילִיגער מענש". די דאָזיגע באַמערקונג איז ניט איבעריגס אָריגינעל, נאָר זי איז העכסט כאַראַקטעריסטיש פאַר קאַוואַלסקי'ן, דעם קינסטלער, וואָס די גרעסטע ווירקונג האָט אויף אים דער אוממיטעלבאַרער איינדרוק, דער איינפאַל, די אינטואיציע, דעם קינסטלער, וואָס איז אַקטיוו אין דער קונסט, פּאַסיוו אין לעבען. מחמת זיין אָפּגעבען זיך אין רשות פון די אייביג זיך בייטענדיגע לעבענס־איינדרוקען, מחמת דעם, וואָס נאָך יעדען צופלוס — קומט אין אים אַן אָפּפלוס פון קרעפטען, — איז ער תמיד אַן אומרואיגער, אַ זוכענדיגער, און איז ניט זיכער מיט זיך אַליין. „איך ווייס ניט, זאָגט ער, וואָס וועט זיין מאָרגען מיט מיר, איך בין ניט פאַראַנטוואָרטליך פאַר קיין איינציגער מינוט פון מיין לעבען, — ווייל איך קאָן עס מיר אַליין ניט נע־

מ ע ן, נ א ר ע ס נ ע מ ט מ י ד". היינט נעמט אים איין זאך, מארגען — אן אנדערע. נאר אין דער קונסט פארנעמט ער די שטים פון דער אייביגקייט, דאס לעבען איז ביי אים א מינוט. און — אויך זיין ליבע. און דאס איז זיין טראגעדיע. ער ליבט מ ע ר י'ן, אבער ניט ווי מ י ש א, וואס האט קיין אנדער גע־פיל ניט, אחוץ איינעם: דעם געפיל צו מ ע ר י. און „ער האט געבענקט נאך א גרויסען ליבעס־געפיל, וואס זאל אים איינגאנצען אריינגעמען און (ער) זאל זיך קאנען איינגאנצען אוועקגעבען דעם געפיל, דינען דערצו. און ווי האט ער איצט מקנא געווען מישא'ן! יע, עס איז דא א גרויס געפיל אויף דער וועלט, און נאר געציילטע באזיצען עס — מישא... — — — א שרעק האט אים ארומגענומען פאר זיין לערקייט. ער האט דערזען פאר זיך א גרויס ליכט, צו וועלכען ער קאן ניט דערגרייכען, און א בענקשאפט האט אים איצט ארומגענומען צו באזיצען יענעם געפיל פון איבערגעבענקייט, פון אוועקשענקען זיך, אויסטוישען אלע קליינע פארגעניגענס אויף א גרויס גליק און פרייד". ער האט עס ניט געקאנט. די ליבע צו בילדער האט אפגעשוואכט אין אים די ליבע צו מענשען — דאס איז זיין טראגעדיע.

ז.

און דאס איז אויך מ ע ר י'ס טראגעדיע. מ ע ר י איז ניט קיין קינסטלערין; אבער זי געהערט צו יענע פרויען, צו יענע מאדערנע א י ד י ש ע פרויען, וואס דאס ל ע ב ע ן איז ביי זיי — קונסט. מ ע ר י וויל פון זיך אליין מאכען א קונסט־ווערק: איר באגער איז ניט געניסען, נאר — מען זאל ז י געניסען. מ י ש א ליבט זי, ווי זי איז, — דאס איז פאר איר ווייניג: מען מוז ליבען איר ק ו נ ס ט, מען מוז זי ליבען אין איר פארשענער־טער, סטיליזירטער, ניט אין איר נאטירליכער געשטאלט. אזוי ליבט זי ק א ו ו א ל ס ק י. ער לערנט זי אנטאן זיך אין זיידענס און פערעל אויפ'ן שטייגער פון די פארצייטיגע אידישע פרויען; ער לערנט זי בולט מאכען דאס אריענטאלישע, דעם יחוס'דיגען.

אַריסטאָקראַטישען חן, וואָס אין איר: זי איז פאַר אים אַ געשטאַלט, וואָס וועקט זיין פאַנטאַזיע, זיין קינסטלערישע פאַנטאַזיע; ער מאַכט פון איר, ווי פון אַ שיינעם פייזאַזש, אַ קונסט־ווערק. דאָס געפעלט איר, דאָס רייצט זי. אָבער דאָס איז מער שפּיל, מער קונסט, איידער לעבען. און דאָס איז איר אומגליק.

איר אומגליק איז אָבער גרעסער, ווי קאָוואַלסקי'ס. ביי יענעם איז קונסט — לעבען, ביי איר איז לעבען — קונסט. יענער גייט אַוועק צו דער נאַטור, צו זיינע בילדער, ווען ער דער־פילט די פּוסטקייט, וואָס אַרום; זי האָט ניט וואוהין צו אַנטלויפען פון דער פּוסטקייט. זי האָט קיין באָדען ניט אונטער זיך, זי איז אַ „ציגיינער־קינד"...

פון טאַטענס הויז, פון דער אַלטער אידישער קולטור האָט זי, ווי מירעל אין בערגעלסאָנ'ס „נאָך אַלעמען", גאָרנישט ניט מיטגענומען, אַחוץ דעם אַריסטאָקראַטישען, אָריענטאַלישען חן, אַחוץ דער ליבע צו קליידען זיך אין זיידענס און די טרוימערישען. אין איר איז פאַראַן מער אידישעס ווי אין קאָוואַלסקי'ן, אָבער אירע ליידען זיינען די אייגענע, וואָס ביי אים, די ליידען פון אַ מענשען אַן ווארצלען, פון אַ מענשען, וואָס אים פעלט גאַנצקייט און זי־כערקייט פון געפיל...

## ז.

איך האָב געפּרואווט אַנטאַפּען דעם עיקר פון מי־שאָ'ס, קאָוואַלסקי'ס און מערי'ס כאַראַקטער. עס וואָלט געווען אָבער אַ טעות צו מיינען, אַז אין ראָמאַן איז בולט טאַקע אָט דער עיקר. ניין, דאָרט זיינען קענטיג נאָר פּרטים. און אָט די פּרטים זיינען צעזייט און צעשפּרייט איבער די פילע קאַ־פּיטלאַך פון בוך און גיסען זיך ניט צונויף אין איין גאַנצער זאַך; זיי בלייבען אָפּגעזונדערט איינס פון אַנדערען, אַזוי ווי ביי אַ מאָ־לער, וואָס גרייט זיך ערשט אויסמאָלען אַ בילד און צייכענט דער־וויילע איינציגע טיילען, ליניעס, שטריכען. מען מוז אָנשטריינגען די פאַנטאַזיע און טרעפען אין פינטל פון גאַנצען, כדי צו פילען אַ

טעם אין די טיילען. און דאָס אייגענע מוז מען זאָגען וועגען „מערי“ בכלל. ווי א גאנצע זאַך דאַרף עס ערשט ווערען אויפגעשריבען. דערווייל איז עס נאָר אַ זאַמלונג פון פאַרשטודיעס. און ווי אין ערשטען טייל, וואו עס ווערט געשילדערט דער ת ח ו ם, אזוי זיינען אויך אין צווייטען טייל, וואָס פירט אונז קיין פ י נ ל אַ נ ד און קיין פ ע ט ע ר ב ו ר ג, — געלונגען אַש'ן נאָר איינציגע עפּיזאָדען (ווי א שטייגער מ ע ר י ' ס באַגעגעניש מיט ק אָ ו ו א ל ס ק י ' ס אין פ י נ ל אַ נ ד), און איינציגע עפּיזאָדישע פיגורען (ווי, צום ביישפּיל, מ אַ ק ס י מ אָ ו ו י ט ש און אַנדערע באַזוכערס פון נ אַ ט אַ ל י א מ י כ א י ל אָ ו ו נ א ' ס סאַלאָן אין פּעטערבורג). די דאָזיגע פיגורען, וואָס זיינען קרעפּטיג און פריש געשילדערט, ציען אונז צופיל אָפּ פון דער פּסיכאָלאָגיע פון די הויפּטפּערזאָנען, זיי זיינען אבער וויכטיג דערמיט, וואָס זיי באַלייכטען אויסגעצייכענט דעם אינעווייניגסטען לעבען פון דער היינטיגער אידישער אינטעליגענץ. די העכערע אידישע אינטעליגענץ, די „סאַלאָן“־אינטעליגענץ, איז אין דער אידישער ליטעראַטור כמעט גאר א נייע טעמע, און די זיכערע קרעפּטיגע שטריכען, מיט וועלכע אַש האָט זי געשילדערט, צייגען, אז ניט בכלל קינסטלערישע קראַפט האָט אויסגעפעלט דעם אויטאָר פון „מערי“, נאָר קינסטלערישע ק אָ נ צ ע נ ט ר י ר ו נ ג ס ־ קראַפט.

אַש איז געבוירען א מייסטער; ער איז אבער ניט געוואָרען נאָך קיין ב ו י מייסטער. דאָס פילט זיך אין זיינע דראַמעס; דאָס זעט מען אויך אין „מערי“, אין אַט דעם ערשטען גרעסערען געביי, וואָס ער האָט גענומען בויען און וואָס מיר פילען זיך אין אים ניט היימיש, כאָטש אין אים איז פאַראַן אזויפיל ליכט און לופט.

(1913)

# שלוש אַש: אַנקעל מאָזעס*)

„אַנקעל מאָזעס“ איז דער נאָמען פון ראָמאַן, ניט זיין תוך. אַנקעל מאָזעס איז אַ צענטראַלע פיגור, דאָך ניט דער צענטר פון ראָמאַן.

מען זעט עס, ווען מען דערלייענט דעם בוך ביז׳ן סוף. אין די ערשטע צוויי טיילען דוכט זיך, אַז די געשטאַלט פון אַנקעל מאָזעס איז דאָס, וואָס דער ראָמאַן וויל אונז ציינען. אַנקעל מאָזעס איז, וואָס מען רופט אַן „אַ מענש מיט כאַראַקטער“, — און נאָך באַשטימטער: אַ מענש מיט אַ שטאַרקען ווילען. אפשר גאָר אַ מאַכטנאַטור. איינער פון יענע אויסערגעוויינליך־ענערגי׳שע, אַקטיווע מענשען, וואָס דאָס אידיש פאָלק איז אַזוי רייך אין זיי און די אידישע ליטעראַטור — אַזוי אָרים... און עס האָט מיך אַנגענומען אַ צופרידענקייט, וואָס צווישען די פאַרשוינען פון אונזער מאָדערנער ליטעראַטור, וואָס זיינען מייסטענס קנאַפּע העלדען, ווייזען זיך „העלדען“, ווי מאָזעס, — מענשען מיט אַ ביסעלע אייזען און בלוט. מענשען אַן ווילען, צעבראָכענע און צעקראָכענע, גריבלער, מרה־שחורה׳ניקעס, האָבען מיר אין דער נייער ליטעראַטור אונזערער גענוג, איבער־גענוג. עס ווילט זיך זען יענע, וואָס זיינען געקומען אויף דער וועלט מיט אַ תאוה צו מאַכט, יענע אונזערע ברידער, וואָס בויען, — אמת, מיט פרעמדע הענט, אָבער מיט זייער ווילען און לויט זייער פּלאַן. אַזאַ איז אין די ערשטע צוויי טיילען פון ראָמאַן אַנקעל מאָזעס.

ער געהערט צו די, וואָס האָבען, אַזוי צו זאָגען, קאָלאָניזירט אונזער אידישע אמעריקע. ער האָט אַראָפּגעבראַכט זיין משפחה

---

*) „פאָרווערטס“ פאַרלאַג, ניו יאָרק, 1918.

און זיין גאנץ שטעטל פון פוילען, צונויפגענומען זיי אלעמען איז א האלב־פינסטערען דריי־שטאקיגען הויז אויף דער בויערי, גע־מאכט זיי פאר שניידער, און איז אליין געווארען דער בעל־הבית, דער „פרעה" פון דעם פארשקלאפטען, אבער בויענדיגען און שאפענ־דיגען פוילישען שטעטל. „די שענסטע אידען פון זיין שטאט זיינען ביי אים פרעטערס, אפערייטארס, און זיי ארבעטען פאר אים און זיי חנפ'ענען אים". ער איז „א בעל־הבית פון טענעמענט־הייזער, איז וועלכע די קוזמינער לאנדסלייט וואוינען ביי זייער לעבען. א פאר בעטלאד טראגען זיין נאמען אין האספיטאל „ביקור חולים", אין וועלכע די קוזמינער אידען ליגען קראנק, ווען זיי ווע־רען אלט, און „מאזעס מעלניק" פינקעלט זיך מיט גאלדענע בוכ־שטאבען איבער דעם טויער פון „שער רחמים" ביים ארייןגאנג פון דער „סעמעטערי", אויף וועלכער די קוזמינער רוען נאך זייער טויט".

הכלל, ער איז זייער האר, און זיי זיינען אין זיין רשות סיי ביים לעבען און נאכ'ן טויט אפילו. זיי האבען פאר אים מורא, אבער זיי האבען אים ניט פיינט. זיי זיינען בייז אויף זייער גורל, אבער ניט אויף אים; ער איז זייער „ברויט־געבער", זייער „וואוילטע־טער", זייער „קייסער". ביי אים איז ניט קיין שאפ. ביי אים איז עפעס א מין פאטריארכאלישע פאמיליענווירטשאפט. ער איז ניט קיין בעל־הבית פון א פאבריק, ער איז א טאטע פון א גרויסער פאמיליע. א „גערעכטער", אבער א שטרענגער און א הארטער טאטע. אפילו זיין שאטען, סעם דער אויפזעהער, מאכט די אר־בעטער פון שאפ שטיל און אונטערטעניג; עס איז גענוג, ער זאל זיי נאר דערמאנען אנקעל מאזעס'עס נאמען.

אנקעל מאזעס איז א גוטער אבער ניט קיין ווייכער און ניט קיין שוואכער מענש. און די גאנצע שטארקייט, די גאנצע איינ־געשפארטקייט, און די גאנצע קראפט זיינע גייט אוועק ביי אים אויף ביזנעס. ניט ווייל ער וויל רייך ווערען און גוט לעבען. ניין. ער האט כמעט גארניט קיין באדערפעגישען, און ער לעבט זייער איינפאך, נאר — „עס איז געווען, ווי ער וואלט פארשקלאפט גע־ווארען צו זיין אומערשעפטער ענערגיע, און די ענערגיע יאגט אים ווי א ניט־גוטע קראפט, און ער מוז בלינד אויספירען די באפעלען,

וואָס זי באַפֿעלט אים". זיינע לאַנדסלייט זיינען פֿאַרשקלאַפּט ביי אים, און ער — ביי זיין ענערגיע, ביי זיין אימפּעט. ער האָט געהאַט אַ פֿרוי, וואָס האָט געבענקט און געלעכצט נאָך זיין ליבע, — האָט ער ניט געזען ניט זי און ניט איר ליבע, קיין צייט ניט געהאַט עס צו זען; און זי איז וואָס אַ טאָג פֿאַרבענקטער געוואָרן און שוואַכער, ביז זי איז געשטאָרבן. ער בלייבט אַליין, אָן קינדער און אָן נאָנטע מענשן, וואָס זאָלן אים ווייכער מאַכן, און ער גיט זיך נאָך מער איבער דעם אימפּעט פֿון זיין הערשן איבער די לאַנדסלייט, וועלכע זיינען אַזוי פֿאַרשקלאַפּט און אומבאַהאָלפֿן, אַז זיי רופֿן ניט אַרויס ביי אים קיין אַנדערע געפֿילן, אַחוץ רחמנות און פֿאַראַכטונג. ביז... ער דערזעט אַ קליין מיידעלע פֿון אַ יאָר פֿערצן, זיינעם אָן אָרימען קרוב'ס אַ טאָכטער, מאַשאַ. זי קומט בעטן אים פֿאַר איר פֿאָטער און ווייזט דערביי אַרויס אַזאַ שטאָלץ און אַזאַ זעלבשטענדיגקייט, אַז ער דערפֿילט אין איר עפּעס אַזוינס, וואָס וועקט אויף אין אים זיין ליבע און זיין יונגענדליכקייט, — עפּעס אַזוינס, וואָס קאָן געבן אַ זינען זיין אימפּעט און זיין גאַנצן לעבן.

אָבער דווקא דאָן, ווען ער דערגרייכט זיין שווערן און זיסן ציל: ווען ער ווערט דער חתן און שפּעטער דער מאַן פֿון דער יונגער מאַשאַ, און עס ווערט ביי אים געבוירן אַ קינד, — דווקא דאָן ווערט דער ענערגישער און קרעפֿטיגער מאַזעס שוואַך און אומבאַהאָלפֿן, און צום סוף פֿון ראָמאַן שטייט ער פֿאַר אונז שוין גאָר אַ צעבראָכענער און אַ חרוב'ער, פּונקט אַזוי ווי אַלע איבעריגע קוזמינער לאַנדסלייט, וואָס זיינען פֿאַרוואָגלט געוואָרן אין דעם ווייטן און פֿרעמדן לאַנד...

און מיר דערזען, אַז ער, דער „קייסער" פֿון די קוזמינער לאַנדסלייט, איז ניט מער ווי אַ שטעטעלשער „קייסער", און מיר פֿאַרשטייען, אַז ניט אים אַליין טאַקע האָט דער פּראָפֿעסאָר אונז געוואָלט ווייזן. נאָר ער האָט אונז געוואָלט ווייזן דאָס גאַנצע פּוילישע שטעטעל, מיט אַנקעל מאָזעס אָן דער שפּיץ, ווי עס זעט אויס און וואָס פֿאַר אַ פּנים עס האָט אין אַמעריקע.

יע, דאס שטעטעל אין א נייער, אמעריקאנער, אויסגאבע, — אט דאס איז אש׳ס ראמאן „אנקעל מאזעס“.

דערמיט וויל איך ניט קלענער, נאר קלערער מאכען דעם ווערט פון אש׳ס ראמאן. איך וויל ניט זאגען, אז דער פארפאסער פון „שטעטעל“ חזר׳ט זיך דא איבער. ער צייגט אונז דא טאקע ווידער אמאל דאס שטעטעל, אבער גאר אין א נייער סיטו־אציע. פריער האבען מיר געזען דאס שטעטעל אין דער היים. דאס איז געווען א משפחה־אידיליע, מיט זון באגאסען און מיט חן. איצט, אין דעם ראמאן „אנקעל מאזעס“, זעען מיר דאס שטעטעל אין גלות, און דאס איז שוין ניט קיין אידיליע, נאר א טראגעדיע, א טראגעדיע פון א משפחה. וואס ווערט אויפגעהאלטען נאר דורך איר פארשקלאפונג אין דער געגענווארט און דורך אירע עראינערונגען וועגען איר פרייערען לעבען אין דער פארגאנגענהייט.

קוזמין אין פוילען און אנשי קוזמין מיט זייער פרעזידענט אנקעל מאזעס אין ניו־יארק, — דאס איז אזוי ווי ביים אידישען פאלק ארץ־ישראל און גלות. אנשי קוזמין קאנען ניט פארגעסען זייער אלטע היים. „יעדער אלטער שטיין, יעדעס אלטע הויז און ווינקעל ווערט מיט ליבע און בענקשאפט דערמאנט פון די געטרייע קינדער פון אלטען קוזמין, וועלכע זיצען מיט די הויזען (וואס זיי נייען) אין זייערע הענט און בענקען נאך איר, און וואו ניט וואו פאלט א טרער, לאזט זיך הערען א קרעכץ פון אן אלטען איינוואוינער פון קוזמין, וואס האט זיך דערמאנט אן איר שיינ־קייט...“

אט לייגען די פארשקלאפטע שטעטעלשע בעלי־הבתים אויף א ווייל אוועק די נאדלען מיט די שערען און הערען זיך איין, ווי איינער פון זיי זינגט א שטיקעל קוזמינער חזנות. „דעם אלטען חזנ׳ס ניגון טראגט איבער קוזמין אין דער אלטער שול אריין, און עס דערמאנט זיך זיי דער שיינער שבועות׳דיגער שבת, ווען יעדער בעל־הבית איז געזעסען אויף זיין שיינער „שטאט“ מיט׳ן טלית און גאלדענער עטרה באפוצט און געקוואלען זיך מיט׳ן חזנ׳ס ניגונים, — און היינט זיצט קוזמין מיט הויזען אין די הענט“...

טאַמער האָבען זיי א ווײַלע פאַרגעסען אַז דעם, דערמאַנט זיי דער אויפּזועער סעם, וועלכער ווייזט זיך אין טיר פון שאַפּ און גיט אַ געשריי:

„נאַ, זעט, קוזמין זינגט! אַזוי איז גוט. איר וועט זיך דאַ אַ שוואַרץ יאָר אויסריכטען פון מיר. איך רוף באַלד אַרויף דעם אַנ־קעל מאָזעס צו אייך!"

אַנקעל מאָזעס, — דאָס איז דער פאַרשקלאַפונגס־כח, וואָס האַלט זיי דאַ אויף אינאייינעם.

אַבער סיי אַט דער פינסטערער פאַרשקלאַפונגס־כח און סיי דער ליכטיגער כח פון דער בענקשאַפט און די עראינערונגען פון דער אַלטער היים זיינען ניט ביכולת אויפצוהאַלטען אויף לאַנג אין ניו־יאָרק ד אַ ס ש ט ע ט ע ל. וואָרים נייע פרעמדע על־מענטען רייסען זיך אריין אין דער שטעטעלשער משפחה און זיי רייסען זי אויף פון אינעווייניג. דאָס זיינען די קינדער, וואָס זיינען אויפגעצויגען געוואָרען אין אַמעריקע. כאָטש זיי זיינען גע־בוירען אין קוזמין, זיינען זיי דאָך פרעמדע אין דער קוזמינער משפחה. „זיי זיינען גאָר פון אַן אַנדער וועלט, גאַנץ אַנדערע מענשען", זאָגט וועגען זיי די משפחה, ווען זיי קומען צום שיף באַלייטען די צוויי אַלטע אידען, וואָס פאָרען קיין קוזמין, אַזוי ווי פרומע אידען פלעגען פאָרען אַמאָל קיין ארץ־ישראל, — שטאַרבען. זיי, די קינדער, פאַרשטייען ניט, וואָס עס בענקען אַזוי די קוזמינער אַהיים. און נאָך ווייניגער פאַרשטייען זיי די קוזמינער „משפחה'דיגקייט" דאָ אין ניו־יאָרק. און ווען איינער פון זיי, טשאַרלי, וואַקסט אויס און ער ווערט אַ סאָציאַליסט, איז זיין טרוים, — אָרגאַניזירען אַ סטרייק פון די קוזמינער שניידער און ברעכען די הערשאַפט פון אַנקעל מאָזעס. און זיין טרוים ווערט פאַרווירקליכט. די שטעטעלשע פּאַטריאַרכאַלישע באַ־ציאונגען צווישען דעם קוזמינער „קייסער" און די קוזמינער שקלאַ־פען ווערען איבערגעריסען. ניט גרינג קומט עס אָן טשאַרלי'ן. סטייטש, אַ מרידה געגען אַנקעל מאָזעס? וויפיל טובות האָט ער יעדען איינעם פון זיי געטאָן? ער האָט דאָך זיי אַהער אַראָפּגע־

בראכט און איז דער פרעזידענט פון זייער חברה „אנשי קוזמין"! אבער סוף־כל־סוף געלינגט טשארלי'ן צו געווינען דעם צוטרוי פון די קוזמינער לאנדסלייט און זיי הויבן אן צו רעדן וועגן אים, ווי וועגן א משה'ן. וואס איז געקומען זיי אויסלייזן פון אנקעל פרעה און זיין נוגש סעם, וואס ארבייט מיט זיי עבודת־פרך"; און עס הויבט זיך אן א סטרייק. וואס איז מער ענליך אויף א משפחה־מחלוקת, ווי אויף א געוויינליכען עפיזאד פון סאציאלען קאמף. דאס איז די שטעטלשע, די אידישע פארם פון סאציאלען קאמף. איר שילדערונג איז בוך געהערט צו די שענסטע און א י ד י ש־ס ט ע שילדערונגען פון דער סאציאלער באוועגונג צווישען אידען. „קוזמין האט גערוט, און עס האט אויסגעזען ווי חול־המועד אין דער היים. ניט קיין שבת, ניט קיין יום־טוב, — עס איז אינדער־וואכען און מען ארבעט ניט". וואלט אנקעל מאזעס נאך געווען דער בעל־הבית אין שאפ, וואלט צו קיין סטרייק ניט געקומען: קוזמינער לאנדסלייט וואלטען דעם אנקעל ניט געקאנט מעיז־פנים זיין, — מען איז דאך איין משפחה! אבער זינט אנקעל מאזעס האט חתונה געהאט, איז דער בעל־הבית אין שאפ סעם, און ער איז שוין מער אמעריקאנער, ווי שטעטלדיגער. און דער סטרייק איז מעגליך געווארען טאקע דערהויפט דערפאר, וואס אין שאפ האט זיך אנגעהויבען אויסוועבען די פריערדיגע ש ט ע ט ל ש ע לופט.

דאס איז געווען א משפחה'דיגער סטרייק, פונקט אזוי ווי די פארשקלאפונג פריער איז געווען א משפחה'דיגע. מער ניט, וואס אנקעל מאזעס האט שוין מער ניט געהערט צו דער משפחה. דערפאר אבער האט זיך אומגעקערט צוריק צו דער משפחה מ א ש א. זי האט דערפילט, אז זי איז פונקט אזוי פארקויפט צום אנקעל מאזעס, ווי אירע קרובים, וואס שקלאפען ביי אים אין שאפ. זי איז געווארען זיין ווייב נאר צוליב אירע עלטערענס ארימקייט; און „אין דעם קאמף פון די לאנדסלייט געגען דעם אנקעל האט זי געזען איר אייגענעם קאמף. זי וויל זיך אויך באפרייען מיט אלע לאנדסלייט צוגלייך פון אנקעל מאזעס און פון סעמ'ען". זי קלייבט צונויף איר צירונג און טראגט עס אוועק צו די סטרייי־

קענדע לאנדסלייט. אבער זיי ווילן עס ניט נעמען. (די סצענע, וואו זי באגעגענט זיך מיט די ווייבער פון די סטרייקענדע לאנדס־לייט, געהערט צו די רירענדיגסטע אין בוך). זי דערפילט נאך שארפער ווי פריער דעם עלענד און דעם ווייטאג פון איהר פאל־שען פארקויפטען לעבען. זי באשליסט אוועקצוגיין פון מאזעס׳ן. און ווען יענער לאזט איר ניט אוועקגיין, זאגט זי אים אויס, אז דאס קינד, וואס זי האט געבוירען, זיין איינציג גליק אין לעבען, איז ניט פון אים.

פון דאן אן איז אנקעל מאזעס, דער פריערדיגער מאכט־מענש, א צעבראכענער שארבען. מיר דערוויסען זיך, אז ניט קיין מאכט און ניט קיין הערשאפט און ניט קיין רייכקייט האט אנקעל מאזעס געזוכט אין לעבען. ער האט געוואלט נאר א ביסעלע פאמיליען־גליק. ער איז א איד, ווי אלע ש ט ע ט ע ל ש ע אידען, און איז אזוי עלענד, ווי זיי, אין אמעריקע. זיין דראמע איז די דראמע פון ש ט ע ט ע ל א י ן ג ל ו ת.

איך האב געגעבען נאר א טרוקענע סכעמע פון דער דראמע. ביי אש׳ן איז עס ניט קיין סכעמע. דער ראמאן איז פול מיט לע־בען.

די איינציגע פערזאנען זיינען אדער נאר פון אויבענאויף גע־צייכענט, אדער אויספירליך געשילדערט, אבער ניט אויסגעהאלטען פסיכאלאגיש. (אזוי א שטייגער קומט מאזעס׳ן אין קאפ א געדאנק, ווען ער דערוויסט זיך, אז מאשא האט אים ניט ליב, צו פארפירען זי און צו „צעברעכען”, כדי זיך אן איר נוקם צו זיין, — א ברוּ־טאליטעט, וואס שטימט ניט מיט מאזעס׳עס כאראקטער, וועלכער איז הארט, אבער, אין תוך גענומען, גוט און איידעל; פונקט אזוי איז ניט מאטיווירט פסיכאלאגיש די אויפפירונג פון מאשא׳ן: אין אנהויב טרעט זי ארוים ווי א שטאלצער און זעלבסשטענדיגער כא־ראקטער, דערנאך ווערט זי מיט אמאל עפעס א שעפעלע, וואס טוט אלץ, וואס טאטע, מאמע און גוטע שכנות הייסען איר טאן, און ערשט צום סוף רעוואלטירט זי און ווערט ווידער א זעלבסשטענ־דיגער מענש). אבער ניט אין דער שילדערונג און אין דעם פסי־כאלאגישען אנאליז פון איינציגע פערזאנען ליגט אש׳ס קראפט.

נאר אין מאלען סיטואציעס און מאסענסצענעס. און וואונדערליך־געשילדערטע, ליריש־געפארבטע און פון הומאר־באלויכטענע סיטואציעס, גרופען־געפילען און גרופען־סצענעס זיינען דא אין בוך אן א שיעור. ווי אביישפיל וויל איך דערמאנען נאר די קאפיטלען, וואו עס רעדט זיך וועגן קוני־איילאנד. קיין מייסטערהאפטע ר ע א ל י ס ט י ש ע פ ר ט י ם זיינען דארט ניט. פרטים וואלט אן אנדער קינסטלער, א מער עפישער, געגעבען אונז בולט־ערע און מער דיפערענצירטע. אבער צו וואס דארפען מיר די פרטים, ווען עס אטעמט אויף אונז די נ ש מ ה פון די זאכען און עס רינגעלט אונז ארום זייער ל ו פ ט? צו וואס דארפען מיר דעם „אמת'ען" קוני־איילאנד, אז אש גיט אונז ז י י ן קוני־איילאנד, — און עס לעבט און עס אטעמט און עס כשופ'ט. דאס איז, ווי אלץ, וואס אש שאפט, א שטראם מאסענלעבען, א שטיק יום־טוב'דיגקייט... די משפחה פון שטעטעל איז געשטארבען, — זאל לעבען די גרויסע משפחה'דיגקייט, וואס אויפ'ן ברעג ים אין קוני־איילאנד, — די משפחה'דיגקייט, וואס אש פילט אן מיט איר די לופט שטענדיג, ווען ער טרעפט אן מענשען, וואס זיינען צוזאמען, — אלץ איינס, ווער זיי זיינען און וואו זיי זיינען... דעם שטעטעלשען מאזעס'ן איז די דאזיגע גרויסע, צו גרויסע „פאמיליע" פון ניו־יארק פרעמד; זיין פלימעניג, דעם גרויסשטעטישען סאציאליסט טשארלי, איז זי נאנט. „א מאסע, — זאגט טשארלי, — איז דאס גרויסע אייביגע לעבען, וואס איז געווען פאר אונז און וועט זיין נאך אונז... אז איך געפין זיך צוזאמען אין אזא ים מיט מענשען, בין איך זיכער, מיר דאכט זיך, אז איך האב זיך אויפגעלייזט, — און בין א טייל פון דעם גרויסען אייביגען"... טשארלי איז גובר מאזעס'ן: דער קליינער שטראם פון ש ט ע ט ע ל האט זיך אריינגעגאסען אין דעם ים פון נ י ו ־ י א ר ק. ניו־יארק האט גע'ירש'ענט קוזמין.

פון קינסטלערישען שטאנדפונקט האט דער ראמאן פעלערען, דערהויפט ארכיטעקטאנישע. אבער אין פארגלייך מיט דעם ער־שטען ראמאן אש'ס „מערי", איז עס ארכיטעקטאניש א גרויסער שריט פאראויס. „מערי" איז אזוי ווי א גרופע אינזלען, יעדער

אינזעל איז פֿאַר זיך אַ וועלט, נאָר בריקען זיינען איבערגעוואָרפֿען פֿון איין אינזעל צום אַנדערען. אין „אַנקעל מאָזעס" זיינען די אינזלען צונויפֿגעוואַקסען. דאָס איז שוין עפּעס אַ מין קאָנטינענט.

(1921)

# שלום אַש: קדוש השם*)

## א.

אין דעם היסטאָרישען ראָמאַן „קדוש השם" איז באַאַרבעט אַ טייל פון די כראָניקעס, וואָס עס זיינען פאַרצייכענט די הייליגע ליידען און שוידערליכע פּאַסירונגען פון גזרת ת"ח, ווען אין דעם אויפשטאַנד פון די אוקראַינער פּויערים און קאַזאַקען קעגען די פּוילישע פּריצים זיינען חרוב געוואָרען הונדערטער אידישע ישובים און צענדליגער קהלות קדושות זיינען אומגעקומען על קדוש השם...

וואָס איז דער זין פון דעם דאָזיגען הייליגען און שוידערליכען בלאַט געשיכטע? קיינמאָל האָבען מיר ניט געדורשט אַזוי צו ווי־סען דעם זינען, ווי איצט, ווען עס האָבען זיך אומגעקערט יענע צייטען...

---

„באַהאַלט אייער גבורה" — זאָגט דאָס שניידערל צו די עט־ליכע פראַסטע געזונטע פּאַלקס־מענשען, וואָס זיינען געבליבען אין זלאָטשאָוו אין שול און ניט געוואָלט זיך אונטערגעבען, ניט גע־וואָלט אַנטלויפען, ווי אַנדערע אידען, — „באַהאַלט אייער גבורה. גאָט וועט דאַרפען אייער גבורה אויף אַ העכערען ענין, ווען עס וועט קומען די צייט, וועט מיר וועלען זוכה זיין דערצו. זייט מציל די נפשות, זיי באַלאַנגען ניט צו אייך, זיי באַלאַנגען צו גאָט". אידען מאָרען ניט אויסברענגען זייער שטאַרקייט און שטאַלץ אויף קליי־

---

*) פאַרלאַג „פאָרווערטס", ניו־יאָרק, 1920.

ניגקייטען, אויף עניני עולם הזה. זיי זיינען גאטס פאלק און נאר פאר גאט און דער הייליגער אמונה, זי זאל ניט פארשוועכט ווערען (אדער אנדערע גרויסע זאכען!), מעגען זיי מקריב זיין זייער לעבען. אזוי זאגט דאס שניידערל, וואס איז ביי אש'ן א מין למדוואו'ניק, א סימבאל פון דער אידישער אייביגקייט און דעם אידישען בטחון, א וואד־אוויג, וואס היט דעם לעצטען פונק, דאס שארית הפלטה... און אזוי זאגט אויך דער נעמיראווער רב אין זיין לעצטער דרשה צום עולם אין שול: „...יעדער איד, זאגט ער, איז זיך מחויב צו ראטעווען, ווי ער קאן, און דער, וואס ברענגט אונטער זיין לעבען בידים, דער איז א מאבד עצמו לדעת און ער האט קיין חלק לעולם הבא ניט. פאר גארניט זאלט איר זיך, חלילה, אפשטעלען, ניט פאר קיין פארמעגענס, פאר גאלד און זילבער, אדער ספרים קדושים. ווארים איר באלאנגט ניט צו זיך, נאר צום רבונו של עולם, און פאר גארנישט זאלט איר זיך, חלילה, דאס לעבען איינשטעלען, נאר פאר דער אמונה הקדושה אליין"... ביז עס קומט צום פינטעל, צום רעכטען עיקר, פלעגט א איד נאכגעבען און אונטערגעבען זיך, און נאר אז עס פלעגט האלטען ביים עיקר — איז ער גרייט געווען איינצושטעלען זיין לעבען... צורפאסונג און טיפסטע דערנידערונג אלע טעג פון א גאנץ יאר און שטאלצע, הייליגע עקשנות ביז מסירת נפש, ווען עס קומט דער יום־הדין — דאס איז די וואך און דער שבת פון דער אידישער געשיכטע. קיין אנדער פאלק ווייס ניט פון אזא צווייגעשטאלטיגקייט: אדער שקלאפישקייט, אדער העראאיזם — דאס איז די פסיכאלאגיע פון מענשען און פעלקער. און נאר מיר זיינען פייאיג צוגלייך אי אויף דעם אומווירדיגסטען אפארטוניזם, אי אויף דער הייליגסטער מסירת נפש... מיר זינגען יארען, דורות־לאנג: „מה יפות", אבער ווי עס קומט צום לעצטען נסיון, שרייען מיר אוים: „שמע ישראל, ד' אליקנו, ד' אחד!"

דאס איז דער זין פון אונזער געשיכטע. דאס איז אויך דער זין פון אש'ס היסטארישער דערציילונג, ווי איך האב זי פארשטאנען.

זי איז איינגעטיילט אין צוויי טייל.

אין דעם ערשטען טייל רעדט זיך דערהויפט וועגען דער גרויסער אידישער לעבענסקראפט און וועגען דעם אידענס פיאיגקייט זיך צוצופאסען צו אלע אומשטענדען און אנצונעמען פאר ליב אפילו די שווערסטע דערנידעריגונגען, אבי נאר צו קאנען זאמלען שטאלץ און מאראלישען כח פאר העבערע ענינים...

ערגעץ אין די ווילדע פארווארפענע סטעפעס פון פאדאליע, צווישען די אוקראינישע פויערים, וואס זיינען פארשקלאפט ביי די פוילישע פריצים און ווארטען אויפ׳ן טאג פון נקמה, האט זיך פארקליבען א איד מענדעל, גענומען אין ארענדע דעם שענק און די פראוואסלאווישע רוסישע „צערקווע", און איז געווארען א פרייער שקלאף ביים פוילישען פריץ און א געצוואונגענער האר איבער דעם אוקראינישען פויער.

דעם פריץ האט מענדעל געהאלפען איינמאנען די צינזען ביי דער באפעלקערונג; מיט די קאזאקען פון „זאפאראזשיע" האט ער געפירט געשעפטען; דעם פויער פון דארף האט ער פארקויפט בראנפען... ער האט געהאט בשפע פרנסה; אבער ווי טייער האט ער געצאלט פאר זיין מאטעריעלען וואוילשטאנד! דער פריץ האט אים פאראכטעט, ווייל ער האט זיך „מיט׳ן גוטען ווילען", ווי עס האט זיך געקאנט דוכטען, פארקויפט צו אים און איז גרייט געווען צו טאן אלץ, וואס ער האט אים געהייסען; דער פויער האט אים געהאסט, ווייל ער האט געמאכט שותפות מיט׳ן פריץ; און ביידע, אי דער פריץ, אי דער פויער, האבען געזען אין אים א פרעמדען, א ד ר י ט ע ן, וואס איז — ווער ווייס פון וואנען — געקומען און געשטעלט זיך א י נ מ י ט ע ן, צווישען די צוויי סאציאלע און נאציאנאלע גרופעס, צו קיינער פון זיי ניט געהערענדיג...

ניט קיין „כלאפ" און ניט קיין „פאן", איז ער געווארען א שקלאף ביים פריץ און איבער׳ן פויער א האר. א שקלאף ביים פריץ איז ער „מיט׳ן גוטען ווילען" געווארען — האט עס אים נאך מער דערנידעריגט; א האר איבער׳ן פויער איז ער געווארען דורכ׳ן פריצ׳ס ווילען — האט אויך דאס אים קיין כבוד ניט געבראכט. זיצט אט א שיכור׳ער פאפ ביי אים אין שענק, קוויקט זיך מיט

זיין „אקעוויט“ — און סטראשעט אים, ווען ער וויל אים מער ניט באַרגען, מיט „די ברידערלאַד“, די קאַזאַקען, וואָס וועלען קומען צו רייטען פון סטעפּ — „דאָס פאָלק באַפרייען פון די פּאַנעס, די צערקווען פון די זשידעס און פאַר גאָט'ס עולה נקמה נעמען“. הערט עס דער איד — מיט זיין אינעווייניגסטען אויער הערט ער עס, מיט דעם אויער פון זיין געוויסען און זיין הונדערט־יאָריגער ערפאַרונג; ער הערט עס אפילו דאַן, ווען קיינער זאָגט עס אים ניט — און עס ציטערט אין איבּ יעדעס גליד. „טאַטע, פאָטער, פרעגט ער ביי גאָט, פאַרוואָס שטראָפסטו מיך אזוי? מיט וואָס האָב איך געזינ־דיגט? האַלט איך ניט די צערקווע אין אַרענדע, שלאָגט מיך דער קסיאָנדז; האַלט איך די צערקווע אין אַרענדע, „שרעקט ער (דער פּאָפּ) מיך מיט די ברידערלאַד...“

אבער דערצו איז שוין דער איד געוואוינט, און ער וואָלט דאָס נעמען פאַר ליב, ווען ער וואָלט געקאָנט כאָטש אידישקייט אָפּהיטען ווי געהעריג איז. דאַן וואָלט אים דער שבת, דאָס גייסטיגע לעבען, באַלוינט פאַר דעם צער פון דער וואָך, פאַר די דאגות און דערני־דערונגען פון דער ביטערער און פינסטערער פּרנסה. דאַן וואָלט ער געוואוסט, פאַרוואָס ער ליידט, און ער וואָלט אין שול און אין חדר און אין דער ישיבה און אין די אַלמערם ספרים פאַרבאָרגען און באַהאַלטען און געזאַמעלט דעם שטאָלץ און די אַלע הויכע גע־פילען, וואָס ער קאָן ניט אַרויסווייזען זייענדיג ביים פּריץ אין הויף און מיט די פּויערים אין קרעטשמע. איז אָבער ניטאָ קיין שול אין זלאָטשאָוו (דער פּריץ לאָזט ניט בויען קיין שול), און אַז אַ שול איז ניטאָ קיין אידישער ישוב, קיין אידישע קהלה, אידען ווילען ניט קומען אהער, איז ניטאָ אפילו קיין מלמד פאַר'ן זון. מענדעל אַליין מוז, זיצענדיג ביי די פּעסער „אָקעוויט“, צווישען שכור'ע פּויערים, לערנען מיט זיין זון שלמה: „ויאמר — און ער האָט גע־זאָגט, ד' — גאָט, אל משה — צו משה'ן“...

אבער אַ איד פאַלט ביי זיך ניט אראָפּ. אַ איד וויינט, קלאָגט זיך, אַ איד איז זיך אבער ניט מיאש. אַ אידען שרעקט די רשעות פון דער וועלט, אבער זי שרעקט אים ניט אָפּ. אַ איד גיט זיך אַן עצה... איז געווען כח און מוט און דרייסטקייט צו באַזעצען זיך אין

א וויסטנעיש, אין א פאַרוואָרפענעם סטעפּ, צווישן ווילדע און ווילד־פרעמדע מענשען, און דאָרט מאַכן געשעפטען און אָנקלייבן גאָלד און זילבער און אויסבויען א הויז — וועט זיין אויך א שול. עס מ ו ז זיין א שול אין זלאַטשאָוו, טראַכט מענדעל. זלאַ־טשאָוו מוז ווערן א אידישער ישוב. וואָס הייסט, אַזאַ גרויסער סטעפּ, אַזוינע רייכע קאָזאַקען, אַזוי פיל פּויערים, אַזוי פיל פּוי־לישע פּריצים, אַזאַ קוואַל פון פּרנסה — און ניטאָ קיין אידען! און דאָס שניידערל, דער אורח, וואָס איז גראָד אָנגעקומען (דאָס שניי־דערל ווייזט זיך שמענדיג, וואו מען דאַרף אים), גיט אים צו מוט: „...אַזאַ גרויסער, ברייטער סטעפּ און אָן א שול": היתכן? „און אַז דער רבונו של עולם, זאָגט ער, וויל, אַז זיינע אידעלאַך זאָלען דאַוונען צו אים — וועט דער פּריץ מוזען געבען די שול. ער וועט מוזען. מען וועט אים נויטען. פון הימעל וועט מען אים נויטען. ווי הייסט, ער וועט ניט וועלען?"

ווי הייסט, דער פּריץ וועט ניט וועלען געבען קיין שול, אַז דער איד מ ו ז האָבען א שול? א איד וועט זיך אַן עצה געבען.

און דער איד האָט זיך אַן „עצה" געגעבען. אויפ'ן גרויסען באַל, וואָס דער פּריץ האָט געמאַכט, קומענדיג קיין זלאַטשאָוו אויף געיעג, האָט מענדעל מיט זיין זון שלמה געזונגען פאַר די יאַשני־וועלמאָזשנע געסט אידישע זמירות, דערנאָך האָט ער, ניט וועלענ־דיג „זאָגען פּאַטשאַרעס פאַר דער הייליגער מאַריא דריי מאָל", ווי דער פּאַן האָט פון אים פאַרלאַנגט — געטאַנצט א בער, ד. ה. „צוויי קנעכט האָבען דעם אידעל גענומען און איבערגעצויגען איבער אים א בערענעם פעל. דער פּריץ האָט געהייסען די (אידישע!) כּלי־זמר שפּילען, און די צוויי קנעכט מיט צוויי לאַנגע בייטשען האָ־בען אָנגעהויבען דעם בער צו שמייסען. דער בער איז געשפּרונגען פון איין אָרט צום אַנדערען און געשריען: בר, בר... די שררות האָ־בען געלאַכט און געדרייט זיך און איינער דעם אַנדערען האָט גע־שטופּט צום בער, און די קנעכט האָבען געשמיסען און געיאָגט אים פון איין אָרט אויף דעם אַנדערען" — און אין זלאַטשאָוו איז גע־וואָרען א שול! דער פּריץ האָט געזאָגט צו מענדלען: — גוט גע־שפּילט, אידעל, דעם בער, קריגסט דערפאַר די שול.

און אין זלאטשאוו איז געוואָרען אַ אידישע קהלה, אַ הייליגע אידישע קהלה! און ר׳ מענדעל איז געווען דער פּרנס... איז ער דען ניט ווערט געווען צו זיין אַ פּרנס ביי אידען? איז ער דען ניט גע־ ווען דער אויפטוער און דער בויער פון דער קהלה? האָט ער דען ניט געזונגען הייליגע זמירות פאַר׳ן פּריצ׳ס געסט? האָט ער דען ניט געטאַנצט פאַר זיי אַ בער? אין די אויגען פון דער קהלה האָט דאָס אים ניט דערנידעריגט. פּאַרקערט, דאָס האָט אים דערהויי־ בען. ער האָט געטאַן דאָס, וואָס אַ כשר׳ער איד ד אַ ר ף טאָן: ער האָט ז י ך דערנידעריגט, כדי אידישקייט צו דערהויבען. ער האָט זיך מבזה געווען פאַר מענשען, כדי ניט פאַרשעמט צו ווערען פאַר גאָט. און ער האָט זיך, אין דער אמת׳ן, גאָר ניט מבזה געווען. קאָנען ז י י דען אים דערנידעריגען — אָט „די עולם־הזה׳ניקעס, וואָס פרעסען און זויפען און דינען צו אַ גאָט אַ האָלץ״? קאָנען זיי, די חמורים, דען פאַרשוועכען זיין פאַרבאָרגענעם הייליגען שטאָלץ? האָבען זיי דען עקזיסטירט פאַר אים, בעת ער האָט פאַר זיי גע־ זונגען און געטאַנצט ווי אַ בער? האָט ער פאַר ז י י דען גע־ זונגען און געטאַנצט? פאַר גאָט האָט ער געזונגען און געטאַנצט. וואָס זיינען אים אָנגעגאַנגען די אויסערליכע דערנידערונגען, ווען אינעווייניג אין אים איז געווען גאָט און די אייביגקייט? וואָס איז אים אָנגעגאַנגען, וואָס אַנדערע טראַכטען וועגען אים, ווען ער האָט אינעווייניג אין זיך געוואוסט, אַז ער גייט צו אַ הייליגען און אַן אייביגען ציל?

און ער איז געגאַנגען צו זיין ציל מיט זיכערע און גלויביגע טריט. ער האָט געוואוסט, אַז ער איז ניט דער ערשטער אויף דעם דאָזיגען וועג און ניט דער לעצטער. ער האָט געוואוסט, אַז דורות האָבען פאַר אים געליטען און געהאָפט און איצט איז זיין צייט צו ליידען און צו האָפען און נאָך אים וועט זיין קינד טאָן דאָס אייגענע און זיין קינדס קינד, ביז עס וועט קומען די גאולה... ער האָט ניט „שטודירט די אידישע געשיכטע״, ווי מיר, ער איז געווען אַ פּראָס־ טער איד; אָבער די אידישע פאַרגאַנגענהייט האָט געלעבט אין זיין בלוט און אין אַלע זיינע אברים און אַלע זיינע געדאַנקען, און פּונקט אַזוי זיכער איז ער געווען מיט דער צוקונפט פון זיין פאָלק און אויך

מיט דער וועלט'ס צוקונפט. קיין שום ספיקות האט ער ניט גע־האט, און ער האט געוואוסט די אחריות, וואס עס ליגט אויף אים. ווי אויף דעם רינגעלע, וואס בינדט צונויף די פארגאנגענהייט מיט דער אייביגקייט. ער האט געוואוסט, אז ער געהערט ניט צו זיך אליין, נאר צו עפעס א העכערער און אייביגער איינהייט. האט ער מיט אלע כחות געזען זיך אויפצוהיטען פאר אט דעם העכערען און אייביגען רעיון, און קיין שום זאך האט אים ניט אפגעשראקען...
דער שכור'ער פאפ האט אים געסטראשעט מיט די „ברידערלאך", די קאזאקען, וואס וועלען קומען און נוקם זיין זיך אן די פאנעס און די זשידעס; אויף אים האט דאס געווארפען אן אימה; אבער ער איז ניט אוועק פון דער קרעטשמע: ביי די פעסער „אקעוויט", צווישען שכור'ע פויערים, איז ער געזעסען און גע'חזר'ט מיט זיין זון: „ויאמר — האט געזאגט, ד' — גאט, אל משה — צו משה'ן". דער פריץ האט אים געמאכט צו שאנד און צו שפאט, און ער האט שטילערהייט, זאגענדיג תהלים, געטראכט: שענד מיך, שפאט פון מיר — אבער א שול וועט זיין אין זלאטשאוו, און א נייע אידישע קהלה וועט אויסוואקסען, א נייער קוואל פון פרנסה וועט זיך עפע־נען פאר אידען און — א נייער מקום תורה...
און ער האט אויסגעפירט. אין משך פון עטליכע יאר איז דער פארוואפענער ישוב, וואו עס איז געוועזען נאר איין איד, א פאר־גרעבטער ארענדאר, וועלכער האט ניט געהאט אפילו קיין מלמד פאר זיין זון און פלעגט אפט ניט וויסען, ווען שבת איז — געווארען א גרויסע אידישע קהלה, וואו עס האבען זיך אויפגעקליבען אידען פון אלע עקען וועלט, און דער ארענדאר האט געמאן א שידוך מיט'ן רב און איז געווארען דער פרנס פון שטאט... „און ווייט און ברייט האט זיך געטראגען דאס געזאנג פון דער נייער שול איבער די ווייסע סטעפעס פון אוקראינא, און געטראגען האט זיך די בשורה איבער וואלד און פעלד און גערוישט האט יעדער בוים און יעדעס גרעזעל אין דער ווארימער פרילינגס־נאכט: א שול געבויט, א חופה גע־שטעלט, די ברכה קומט!..."
מענדעל ארענדאר האט זיינס אויסגעפירט. דעם אידענס ענערגיע, דעם אידענס איינגעשפארטקייט און צופאסונגס־פייאיג־

קייט האָט אַלץ גובר געווען. דער איד האָט פאַרבויגען זיין שטאַלץ און באהאַלטען און באַגראַבען אים טיף אין זיך, כדי אים צו זאָמלען און אויפצוהיטען פאַר אַ ה ע כ ע ר ע ן ע נ י ן. דער איד האָט, זינגענדיג מיט זיין קרעפטיגער שטים „מה־יפית“, געגרייט זיך צו דער רגע, ווען זיין נשמה וועט אויסשרייען מיט פרייד: „שמע ישראל, ד׳ אלקינו, ד׳ אחד!“

און די רגע איז געקומען.

ב.

ווי זי איז געקומען און וואָס אַזוינס זי איז געווען — דאָס דערציילט אונז אַש אין דעם צווייטען טייל פון זיין פיל מער ווי היסטאָרישער דערציילונג.

און דאָס מאַכט ער שוין ניט אַזוי „רעאַליסטיש“, ווי ער מאָלט די אידישע צופאַסונגס־פייאיגקייט, די אידישע לעבענס־קראַפט און די אידישע לעבענס־עקשנות, אין דעם ערשטען טייל.

דאָ טרעט אַרויס פאַר אונז דער צווייטער, דער יום־טוב׳דיגער, אַש — אַש דער ראָמאַנטיקער.

עס איז ניטאָ די הייליגע איינפאַכקייט און די זעלבסטפאַרשטענדליכקייט, מיט וועלכער עס ווערט דערציילט וועגען דעם ק ד ו ש ה ש ם אין די אַלטע אידישע כראָניקעס. פאַר די פאַרפאַסערס פון די כראָניקעס איז עס געווען כמעט אַ נאַטירליכע זאַך, אַז אידען זאָלען הייליגען גאָטס נאָמען און אומקומען פון זיינעטוועגען. ווי־זשע אַנדערש? „עס איז געווען — און אַ בתולה איז געפאַנגען געווען ביי אַ קאָזאַק. ער האָט זי גענומען פאַר אַ ווייב. און עס איז געווען איידער ער איז מיט איר צוזאַמענגעקומען, האָט זי צו אים געזאָגט מיט גרויס חכמה, אַז זי וויים אַ סגולה, אַז עס זאָל איר ניט שאַדען קיין כלי־זיין... דער קאָזאַק האָט געמיינט, אַז אירע רייד זיינען אמת און ער האָט אויף איר אויסגעשאָסען מיט זיין ביקס גאַרניט געמיינטערהייט, און די בתולה איז געבליבען ליגען אויף דער ערד טויט. זי איז אומגעקומען על קידוש השם, דאָס דער קאָזאַק זאָל איר ניט מטמא זיין“.

אזוי דערציילט ר׳ נתן נטע האנאווער אין זיין בארימטען ספר׳ל וועגען גזירת ת״ח ות״ט — און עס פאלט אים גאר ניט איין צו מאכען א פירוש אויף דעם. א אידישע טאכטער האט זיך „מיט גרוים חכמה“ געלאזט דערשיסען. נאך א אידישע טאכטער האט זיך אריינגעווארפען אין טייך — האט דען געקאנט זיין אנדערש? „אזעלכע געשיכטען האבען זיך זייער פיל געטראפען“ — דערציילט אונז דער כראניקער. דאס איז געווען א געוויינליכע זאך. פאר אונז איצטער, אבער, פאר אונז, איצטיגע וואכעדיגע מענשען, איז עס שוין ניט אזא געוויינליכע זאך. פאר אונז איז עס א וואונדער, א „פראבלעם“ — אויפ׳ן היינטיגען נארישען לשון. און דער קינסטלער פרואווט אויסשפרייטען זיין ליכטיגקייט אויף דער „פראבלעם“. ער לאזט זיך אבער ניט אריין אין א „גענויעם פסיכאלאגישען אנאליז“ פון די ריינע און הייליגע נשמות — און דאס איז גוט. אזא מין „אנאליז“ וואלט אונז פארשעמט און באליידיגט. אוועק מיט דיין „רעאליזם“ און מיט דיין פוילער „פסיכאלאגיע“, וואלטען מיר געזאגט צו יעדען פסיכאלאגישען נאטוראליסט — דא איז פאראן, דא מוז זיין עפעס א טיפערער, א גאנצערער און וויכטיגערער זין. דא מוז געפונען ווערען אן איינהייט, א סינטעז. א קוואל מוז געעפענט ווערען פאר אונז, א טיפער מיסטישער קוואל, ניט קיין פלאכע „פסיכאלאגישע“ רינעלאד... און אש זוכט דעם קוואל.

וואו געפינט ער אים? אין דעם באהאלטענעם א י נ ע ו ו י י נ י ג ס ט ע ן לעבען פון דעם פארצייטיגען אידען. דאס א י נ ע ו ו י י נ י ג ס ט ע לעבען איז געווען דער שפייכלער, דער רעזערוואר פון יענעם שטאלץ, פון יענעם כח, פון יענער גייסטיגקייט, פון יענעם אריסטאקראטיזם, פון יענער אויסדערוויילטקייט און הערויאישקייט, וועלכע דער איד האט מיט א כיוון ניט ארויסגעוויזען אין זיין געוויינליכען טאג־טעגליכען לעבען, וועלכע דער איד האט מיט א כיוון געשטיקט אין זיך, כדי עס צו זאמלען און אויפצוהיטען פאר א העכערען ענין, פאר דער הייליגער רגע, ווען אין קאן וועט שטיין דאס, וואס ער האט געהאלטען פאר׳ן ר ע כ ט ע ן ע י ק ר, פאר׳ן זין פון לעבען...

מיר האָבן געזען, ווי מענדעל דער ארענדאר האָט זיך געלאָזט טרעטן מיט די פיס און שפייען אין געזיכט, אבי צו האָבן א שול — א היים פאר זיין פארוואָגעלטער נשמה. מיר האָבן געזען, ווי מיט זיין וואָכעדיגער, „הינטישער", פּעל האָט ער פאַרדעקט און באַשיצט זיין שבת׳דיגע, „פּרינצישע", נשמה. מיר האָבן געזען, אַז ער האָט שוין געמאכט פּראָבעס פון קידוש השם. אָבער דאָס זיינען געווען נאָר פּראָבעס. דאָס איז געווען נאָר אַן אָנהויב, אַן אָנזאָג פון דעם שפּעטערדיגן גרויסן און ענטגילטיגן מסירת נפש. דאָס איז געווען א לערנען־זיך, אַ גרייטען־זיך צום ל ע צ ט ע ן אַקט...

יע, זיין גאַנצן לעבן — אי זיצענדיג אין קרעטשמע און הע־רענדיג די טענות און התראות פון דעם שכור׳ן פּאָפּ, אי טאַנ־צענדיג פאר די צעלאָזענע פּריצים, אי פאַרענדיג צווישן ווילדע מענשן און ווילדע חיות דורך די נאַכטיגע סטעפּעס און וועלדער פון אוקראַינע — אומעטום און שטענדיג האָט מענדעל (ווי יעדער איד) זיך געלערנט און געגרייט זיך אויסצושרייען דעם לעצטן אויסגעשריי : „שמע ישראל!" ווען עס וועט קומען די צייט. דע־ריבער איז עס ניט געווען פאר אים אַזאַ נייעס און אַזאַ גרויס וואונדער, ווען די צייט איז געקומען. דאָס איז געווען נאָר אַ צו־נויפגענומענע איבער׳חזר׳ונג און אַ לעצטער סך־הכל פון דעם גאַנ־צען פריערדיגן לעבנס־חשבון, דאָס איז געווען נאָר אַ לעצטעס אויפפלאַקערן פון אַ נר־תמיד...

און עס האָט אויפגעפלאַקערט. פאַר איינעם — אַזוי, פאַר אַן אַנדערן — אַנדערש... עס זיינען געווען פאַרשידענע מדרגות...

מענדעל איז ניט געווען די העכסטע מדרגה. ער איז געווען אַ פּראָסטער איד און ער האָט נאָך ניט דערגרייכט צו דער אמת׳ער הוילער אידישער רוחניות׳דיגקייט. ביי אים איז די נשמה — דער זין פון לעבן — נאָך געווען אַזוי ווי צוגעקלעפּט צו עפּעס אַ חומר. אים האָט זיך געדוכט, אַז דער עצם ישוב, וואָס אידען האָבן אויסגעבויט פון גאָטס כבוד וועגן, איז ווערט, אַז מען זאָל פאַר אים איינשטעלן דאָס לעבן. און ער האָט ניט געוואָלט אוועקגיין פון זלאָטשאָוו און לאָזן אַלץ אויף הפקר, ווען מען האָט

זיך געריכט אויף די קאזאקען, און דער רב האט געהייסען שפאנען די פערד אום יום־טוב — און ראטעווען זיך. „אידען, האט מען־דעל געזאגט, מיר וועלען ניט גיין פון דאנען. מיר האבען א ישוב געבויט, א שול — אויף וועמען וועלען מיר דאס אלץ לאזען?"
און עס האט זיך ארומגעקליבען ארום מענדלען „אן עולם אידען, בעלי־מלאכות, פערד־סוחרים... אידען מיט אפגעברענטע פנים'ער פון דער סטעפישער זון, מיט שטארקע שווארצע בערד און הויכע ברעמען, אידען מיט ברייטע אקסלען און גרויסע שווערע הענט — הענט, וואס האבען געבויט שטעט... און זיי האבען מיטגעשטימט מיט'ן פרנס: — ווער עס וויל גיין, זאל גיין. מיר וועלען מיט אונזער פרנס בלייבען. — מיר וועלען מיט אונזער שול בלייבען".
דער פראסטער געזונטער אידישער עולם האט געוואלט בלייבען און שיצען זיך. ער איז נאך ניט געווען אזוי פאר'רוחניות'־דיגט. ער האט ליב געהאט דאס לעבען, ניט נאר זיין „תכלית" און זיין „עיקר". ער איז געווען איינגעווארצעלט אין דער ערד, כאטש זיינע אויגען זיינען געווענדט געווען צום הימעל. און ער איז אויך פאר'ן פשוט'ען ערדישען ישוב געווען גרייט איינצושטעלען זיין לעבען.
איז געקומען דער רב — דער טרעגער און די פארקערפערונג פון דער הוילער רוחניות — און געזאגט, אז דער „ישוב" און אפילו די שול, ווי ווייט זי איז נאר א ערדישער בנין — איז ניט גענוג וויכטיג. „אידען, האט ער געזאגט, טארען זיך ניט איינ־שטעלען דאס לעבען בחנם". און זעענדיג, אז דעם עולם איז שווער זיך צו זעגענען מיט זייער שול און מיט זייער שטאט, איז ער אליין ארויפגעגאנגען צום ארון קודש, „ארויסגענומען פון דארט צוויי ספרי תורות (דעם סימבאל פון דער אידישער רוחניות) אויף ביידע הענט און האט גענומען ארויסטרעטען פון שול". דאן האבען אי־דען פארשטאנען, אז מוסר נפש זיין זיך דארפען זיי ניט פאר דער שול (וואס איז די שול? „שטיינער און העלצער", ווי דאס שנייד־דערל זאגט: גשמיות). מוסר נפש זיין זיך דארפען זיי פאר דער תורה, פאר דעם הייליגען עיקר פון זייער לעבען...
דאס האבען אידען פארשטאנען; אבער נאר מיט'ן שכל

דערוווייל. דאס געפיל, דער לעבענס־אינסטינקט האט זיי נאך אלץ געטריבען איינצוזשטעלען זיך אויף פאר׳ן ישוב, פאר׳ן חומר. האבען זיי זיך באפעסטיגט און זיינען געווען גרייט זיך צו שיצען אין נעמיראוו. נאר די קאזאקען אינאיינעם מיט די פוילישע פריצים האבען זיי אפגענארט. האבען זיי געוויזען זייער גבורה און העלדענמוט אין טולטשין! „ניט איינמאל האבען (זיך) די אידען, ווי אמאל, ביי דער באלאגערונג פון ירושלים, ארויסגעלאזט זיך פון דער שטאט, און מיט א פאראכטונג צום טויט געווארפען זיך אין די מחנות קאזאקען, געטויט פילע פון זיי און די איבעריגע צוריקגעיאגט אין זייערע לאגערען". אין תכריכים, אין קיטלען און טליתים, גרייט צו שטארבען, פלעגען פיל אידען מיט חלפים אין די הענט, ארויס אנטקעגען די הארדעס קאזאקען. דערזעענדיג „די וויים געקליידעטע געשטאלטען טראגען זיך אין דער נאכט מיט פלאמענדיגע אויגען און הייליגע באשיינטע פנימ׳ער", פלעגען די קאזאקען זיך דערשרעקען. זיי פלעגען זיך אראפלאזען אויף די קני פאר די ווייסע אידען און בעטען צו זיי, ווי צו מלאכים: „גאט, האב רחמנות!"

אט אזוי האבען אידען זיך איינגעשטעלט פאר זייער ערע, און דאס זיינען געווען פארצייטיגע „מיטעלאלטערליכע" אידען, וואס אין אונזער אומוויסענהייט זיינען מיר געוואוינט צו קוקען אויף זיי, ווי אויף נעבעכלאך, ווי אויף אויסגעוויקטע, אויסגעצערטע פרושים און דערשלאגענע, דערשראקענע מה־יפית־אידען... גבורים זיינען צווישען יענע אידען געווען, ניט נאר קדושים! אבער די קדושים זיינען שטארקער געווען ווי די גבורים, און זיי האבען געזיגט. ווען די אוקראינער האבען ווידער אמאל אפגענארט די אידען און די פאליאקען האבען זיי ווידער אמאל פארראטען, און אידען האבען זיך — צו שפעט! — דערוואוסט דערפון און, אנשטאט אפצוגעבען דאס געווער, האבען זיי געוואלט זיך נוקם זיין אן די עקלהאפטיגע פאררעטער, „און דער עולם מענער, יונג און אלט, מיט די חלפים אין די הענט, צוויי טויזענט מאן שטארק, האבען זיך אנגעהויבען צו רוקען ארום די פאליאקען" „און נאך א מאמענט — און די שרעקליכע שחיטה וואלט געשען, ווארים די

אידען זיינען זייער פארביטערט געווען" — האט זיך פלוצלונג דער־הערט א שטים צווישען עולם:

— „אידען, בני ישראל, רחמנים בני רחמנים, וואס טוט איר?"

דאס איז געווען די שטים פון אן אלטען, גרויען אידען. דאס איז געווען די שטים פון דער נשמה, וואס האט זיך געשטארקט איבער דער שטים פון בלוט. דאס איז געווען די שטים פון יעקב, וואס האט פאר'כישופ'ט און אפגעשוואכט די הענט, וואס מיר האבען גע'ירשנ'ט פון עשו. דאס איז געווען די שטים, וואס האט די גאנצע צייט פארלאנגט פון אי־דען, אז זיי זאלען ניט אויסברענגען זייער גבורה און ניט אפגעבען זייער לעבען אין נאמען פון זייערע געוויינליכע מענשליכע געפי־לען, נאר זיי זאלען בעסער באהאלטען און שטיקען אין זיך אינע־וויינינג אט די געפילען, כדי אויפצוהיטען זייער שטארקייט „פאר דער ריכטיגער מינוט, ווען דער גרויסער נסיון וועט קומען", פאר דער מינוט, ווען אין געפאר וועט שטיין ניט דאס מענשליכע, נאר דאס געטליכע, ניט דאס פאראיבערגייענדיגע, נאר דאס אייביגע אין זיי.

אט די אינעווייניגסטע, ניט־ערדישע שטים פון דער אידישער געשיכטע האט זיך איצט געלאזען הערען. „און באלד האבען די פוילישע זעלנער ארומגערינגעלט די אידען און געזאגט זיי צו גיין. די אידען האבען זיך געלאזען. רבנים אין טליתים זיינען געגאנגען פארויס, און די אידען נאך זיי"... דאס איז געווען א פראצעסיע פון היילינע. ניט באזיגטע זיינען עס געווען, נאר זיגער; ניט געפאנגענע, נאר באפרייטע. ניט צום טויט זיינען זיי געגאנגען, נאר צום אמת'ן לעבען...

די גאנצע איידעלע לירישע צארטקייט פון זיין פען, די גאנצע ליבשאפט זיינע צו יום־טוב'דיגקייט און פייערליכקייט, די גאנצע פייאיגקייט זיינע צו פאר'כשופ'ען אונז מיט א ציטערען און א פלאטערען פון ניט־געזעענע פליגלען און ארומצואוועבען אונז מיט א געוועב פון פאנטאסטישע, זינגענדיגע קאלירען — האט אש אריינ־געטאן אין די שילדערונגען פון אט דעם היילינען און וואונדערלי־כען טויט. און הגם ער האט זיכער ניט געגעבען אלץ, וואס מען

האט געקענט געבען — די שילדערונגען צוויבערען אונז מער מיט זייער לירישען אויסגוס, ווי זיי ענטציקען אונז מיט זייער קינסט־לערישען אויסדרוק — איז אבער דאס אליין, וואס דער צארטער מאלער האט געגעבען, געניג, אז די דאזיגע בלעטער זאלען ניט אפגעמעקט ווערען פון צווישען אונזערע טרייסטענדיגע שריפטען און אז לאנג, לאנג זאל זייער ווייכער שיין פאלען אויף דער פאר־שטויבטער טונקעלקייט פון אונזער לעבען...

---

איך האב געזאגט, אז איך זע ביי אש'ן דעם ק י ד ו ש ה ש ם מדרגות'ווייז. די ערשטע מדרגה איז מענדעל. די ה ע כ ס ט ע מדרגה איז מענדעל'ס יונגע שנור, דבורה. דבורה איז ניט דער וועג צו הייליגונג, נאר די הייליגקייט אליין. דבורה — דאס איז די שבת'דיגקייט, די שכינה פון דעם אידישען לעבען אין איר נאקעטער געשטאלט, אן קיין שום לבוש. דבורה'ן האט ניט דער טויט געמאכט פאר א הייליגער. זי איז אזא געבוירען גע־ווארען, און אזא איז זי געוועזען אין דער פאנטאזיע פון איר מאן, שלמה, ווען ער איז געוועזען דערווייטערט פון איר און ווען ער איז צו איר געקומען צוריק... און בעת זי האט אינאיינעם מיט אים גע־ווארט אויפ'ן טויט אין נעמיראוו אויפ'ן בית עולם, איז זי שוין גאר אינגאנצען געוועזען ווייט פון דער ערד. „עס איז אויסגעטאן גע־ווארען פון איר יעדעס ערדישעס, און זי איז לייכט געווארען, זי איז געווארען אזוי איידעל, ווי א בת השמים, ווי איינע פון די הייליגע אמהות, ווי יענע געטליכע ווייבליכקייט, די שכינה, וואס וואוינט ביינאכט אויף די חורבות פון בית המקדש, ווי די טויב פון דער כנסת ישראל"... דאס האט געפילט אפילו דער קאזאק, וואס האט זי געפאנגען. זי האט אים אויסגעזען, ווי „אן ערשיינונג פון א פרעמדער וועלט". אים האט זיך אויסגעדאכט, אז ער האט זי געזען אין קירך אויף א הייליגען בילד. און ער האט אין איר גע־שאסען, נאר דערפאר, ווייל ער האט געגלויבט אין אירע רייד, אז איר „קאן גארנישט געשען". ער האט זי געהאלטען פאר ניט קיין

ערדיש וועזען. און דאָס איז זי געווען. זי איז געווען די אייביגע גייסטיגקייט, די גייסטיגע אייביגקייט פון דעם אידישען פאָלק. איר אומקומען על קדוש השם — דאָס איז געווען איר לעבען — און דאָס איז געווען דער זין פון איר לעבען...

מיר קענען מיט דעם איינשטימען און ניט איינשטימען. אפשר איז אויך דער דיכטער ניט איינשטימיג דערמיט. איך וויים ניט. יעדענפאַלס איז ער ניט אויסען געווען צו פּרעדיגען דעם רעיון פון דער אבסאָלוטער אידישער גייסטיגקייט און דעם אידישען מאַרטירערטום. ער האָט אונז נאָר געוואָלט ווייזען, וואָס ער זעט אין גזרת ת"ח ות"ט און אפשר אויך אין דער גאַנצער אידישער געשיכטע. דאָס האָט ער אונז געוויזען. און דאָס אינטערעסירט אונז, לייענענדיג דעם בוך. די איינציגע פּערזאָנען יעדע פאַר זיך אַליין זיינען ניט וויכטיג פאַר אונז. און דערפאַר שטערט אונז ניט, וואָס זיי פעלט אָפט קינסטלערישע בולט'קייט און אינדיווידואַליטעט — וואָס דער פּאָפּ איז ניט קיין איינאונאיינציגער פּאָפּ, ניט אַש'ס אַ פּאָפּ, נאָר אַ געוויינליכער אַלגעמיינליטעראַרישער נוסח פון אַ רוסישען גלח, וועלכער האַלט אין איין שכור'ען און אין איין פילאָזאָפירען, און וואָס מאַרושאַ, מענדעל'ס גוי'אישע דינסט, איז ניט קיין ניי־געשאַפענע קינסטלערישע געשטאַלט, נאָר דער פון אַלטע (נאָך פּושקינ'ס) צייטען כאַראַקטער טיפּ פון אַ טריי־איבערגעגעבענער דינסט, און וואָס אויך די אידען זיינען אַלע טיפּישע און ניט קיין אינדיווידועלע געשטאַלטען. דאָס שטערט אונז פונקט אַזוי ווייניג, ווי די... גראַמאַטיקאַלישע פעלערען, וואָס זיינען פול אין בוך. וואָרים ניט זיי, די פּערזאָנען, זיינען דאָ וויכטיג פאַר אונז, נאָר די אויסענווייניגסטע און די אינעווייניגסטע לופט, אין וועלכער זיי לעבען, — און אָט די לופט האָט אַש פון ס'ניי באַשאַפען און אָנגעפילט זי מיט יענעם צאַרטען דופט, מיט יענעם ראָמאַנטישען חן, מיט יענעם שטילען הומאָר און רוישיגער פּאַטעטישקייט, מיט יענעם ליריזם און שטראַלענדיגע שאָטענס, וועלכע אַש האָט אַזוי ליב און אויף וועלכע ער איז אַזאַ מייסטער.

(1920)

## שלום אַש: די כשוף־מאַכערין פון קאַסטיליען*)

אין דער צייטונג, וואו עס האָט זיך פריער געדרוקט, האָט עס ניט געמאַכט אַזאַ איינדרוק, ווי אין בוך. מען קאָן ניט לייענען אַזעלכע זאַכען, טומלענדיג זיך מיט וואָכעדיגע און מידע געדאַנקען אויפ'ן צייטונגס־יאַריד. עס איז ניטאָ אין דעם הו־האַ פון זשורנאַליסטישע שורות קיין פּאַסיגע אַקוסטיק פאַר אַזוינע שטימען. אין בוך איז די לופט אַרום „דער כשוף־מאַכערין פון קאַסטיליען" אַ מיטקלינגענדיגע: דאָס איז די לופט פון דעם ראָמאַן „קדוש השם", וואָס איז געדרוקט מיט איר אין איין באַנד.

„קדוש השם" און „די כשוף־מאַכערין פון קאַסטיליען" זיינען אין אַ געוויסען זינען אַ המשך איינס פון דאָס אַנדערע. ניט קיין המשך פון דער פאַבעל, פון דעם ספּור־המעשה: אין „קדוש השם" ווערט דערציילט פון גזרת ת"ח ות"ט אין אוקראַינע; „די כשוף־מאַכערין פון קאַסטיליען" איז אַ דערציילונג פון דעם אידישען מסירת נפש אין זעכצענטען יאָרהונדערט, אין רוים, אונטער דער הערשאַפט פון דעם פּויבסט פּאַול דעם פערטען. די צייט און דער אָרט זיינען פאַרשידענע: די מלחמה פון די צוויי וועלטען, דער גוי'אישער און דער אידישער; דער פיזישער נצחון פון דער ערשטער און דער גייסטיגער — פון דער צווייטער; די פאַרפינסטערטע, דערנידעריגטע און פאַראומווירדיגטע וואַך פון דעם אידען און זיין ליכטיגער, דערהויבענער, אין בלוט און פייער געהייליגטער, שבת; די שוואַכקייט און ניט־געשיצטקייט פון אונ־

*) אַרויסגעגעבען פון „שלום אַש קאָמיטעט", ניו יאָרק, 1921.

זער לעבען און די גבורה, די הייליגע העלדישקייט, דאָס הימלישע ליכט, דער הלל, דער הימן פון אונזער טויט.

דאָס איז פאַראַן אין ביידע ווערק, און איייניגע זאַכען — צום ביישפּיל, דאָס שטאַרבען מיט תהלים־געזאַנג אויף די ליפּען — חזר'ן זיך איבער כמעט ווערטליך. אָבער „די כשוף־מאַכערין פון קאַסטיליען" איז דאָך ניט קיין איבער'חזר'ערונג, נאָר אַ המשך, אַ פאַנאַנדערוויקלונג פון אַ רעיון, וואָס איז אין „קדוש השם" נאָר אָנגעוואונקען. פּונקט אַזוי איז, פאַרקערט, אין „קדוש השם" אויפגעדעקט דאָס, וואָס איז ניט גענוג באַלויכטען אין דער „כשוף־מאַכערין פון קאַסטיליען". עס איז דאָ צווישען די צוויי ווערק אַ מין ארבייטסטיילונג: „קדוש השם" גיט זיך אָפּ מער מיט דער אינערווייניגסטער, א י ד י ש ע ר, זייט פון אונזער מסירת נפש; „די כשוף־מאַכערין פון קאַסטיליען" גיט דעם הויפּט־פּלאַץ אָפּ דער אויסערליכער, ג ו י ' א י ש ע ר, וועלט: ווי באַטראַכט זי אונזער הייליגען מאַרטירערטום, אונזער קדוש השם? וואָס פאַר אַן איינדרוק מאַכט עס אויף איר?

אַ פּרוּוו צו ענטפערען אויף דער פראַגע האָט דער דיכטער געמאַכט שוין אין „קדוש השם", אין דעם פאַרלעצטען קאַפּיטעל. דאָרט ווערט געשילדערט דער איינדרוק, וואָס די יונגע דבורה האָט פאַר איר הייליגען טויט געמאַכט אויפ'ן קאָזאַק יערעם. דאָס איז איינס פון די שענסטע און אומגלויבליכסטע קאַפּיטלאַך אין אַש'ס ראָמאַנטיק. דבורה'ס אויגען זיינען געווען „געווענדעט צום הימעל, צו די שטערען", וואו עס האָט געשוועבט די נשמה פון איר אויסדערווילטען (ער איז שוין פריער אומגעקומען על קדוש השם): „באַלד קום איך צו דיר, — האָט זי געשעפּטשעט אין דער שטיל, — באַלד קום איך צו דיר, מיין מאַן, מיין אויסדערווילטער, איך זע דיך אין דעם ליכט, דו שטרעקסט אויס די הענט צו מיר. נעם מיך צו דיר, מיין מאַן, מיין אויסדערווילטער. איך בענק נאָך דיר"... „זי האָט געזען אַ בלויען, ליכטיגען ים, און באַשטערענטע שיפלאַך שווימען אַרום. אַלע שווימען צו צו איין ברעג. דאָרט איז אַזוי ליכטיג. מען קאָן ניט אַריינקומען אין דעם ליכט אַריין.

א. אז. וו." זי איז שוין געווען דארטען, צווישען די שטערען. דאָס ערדישע אין איר איז געווען דורכגעלויכטען פון זייער הימלישען ליכט. און אַז יערעם, וואָס איז שוין לאַנג געווען פאַר'כשופ'ט פון איר שיינקייט, איז צוגעגאַנגען צו איר נאָנט, האָט זיך אים גע־דאַכט, אַז ער הערט, ווי זי זאָגט צו אים: „ריר מיך ניט אָן, איך בין פייער. ווערסט זיך אָנצינדען אַן מיר. דו זעסט, איך ברען. איך בין אַ ליכט. ווערסט דיך אָפּבריען". און אים האָט זיך גע־דאַכט, „אַז ער האָט זי וואו און ווען געזען, ווען ער איז געווען אַ קליין אינגעל. און ער געדענקט ניט, וואו ער האָט זי געזען. נאָר באַלד איז אים ווי אַ ליכט פאַר די אויגען אויפגעגאַנגען: — „איך קען דיך, איך ווייס, ווער דו ביסט. איך ווייס, אָ, איך זינדיגע נשמה. אָ, אָ!" — און ער האָט זיך געגעבען אַ לאָז אַראָפּ פאַר דבורה'ן אויף די קני און אָנגעהויבען צו בעטען, ווי מען בעט פאַר אַ הייליג בילד"... ער איז געווען זיכער, אַז ער זעט פאַר זיך גאָטס מוטער. ער — און, לויט אַש'ס אויפפאַסונג, די גאַנצע גוי'אישע וועלט — קאָן ניט פאַרשטעלען זיך קיין גייסטיגע גבורה, קיין גייסטיגע שיינקייט, וועלכע זאָל שטאַמען פון אַ ווייבען. וואָס איז ניט אַליין גאָט, גאָטס קינד אָדער גאָטס מוטער. דערפאַר האָט דאָס קריסטענטום ניט געקאָנט משיג זיין דעם אידישען מסירת נפש. ווי קאָן זיך אַ מענש אינגאַנצען אויסטאָן פון גוף? דאָס איז ניט קיין נאַטירליכע זאַך. דאָס איז אָדער געטליכקייט, אָדער כשוף. דבורה'ס ליכטיגע געשטאַלט האָט געמוזט „פון הייליגען בילד אַראָפּקומען", טראַכט יענער אין אָנהויב. אָבער גאָטס סימן. ווען ער אַנטפּלעקט זיך צו מענשען, איז — זיין בייקומען דעם טויט פּ י ז י ש, זיין ק ע ר פּ ע ר ל י כ ע ווידעראויפלע־בונג נאָכ'ן טויט: אַזוי טראַכטען די, וואָס גלויבען אין דעם מיטוס פון נוצרי. און זיי הערען אויף צו גלייבען אין דבורה'ן און מורא צו האָבען פאַר איר, ווען זיי זעען, אַז זי בלייבט ליגען טויט, נאָכ־דעם ווי זיי האָבען זי דערשאָסען. זיי האַלטען פאַר געטליך נאָר פאַרקערפּערטע וואונדער, פאַרקערפּערטע גייסט. הויכע גייסטיג־קייט, לויטער רוחניות'דיגע נישט־געוואוינליכקייט — דאָס פאַר־שטעען זיי ניט; איז דאָס כשוף. אידען זיינען מפקיר זייער לע־

בען, זייער גוף, אידען זיינען גרייט אומצוקומען אין עקסטאַז פון גלויבען — דאָס וואונדערט זיי, אָבער זיי באַוואונדערען עס ניט. באַוואונדערען און פאַרגעטערען קאָנען זיי נאָר יענעם, וואָס האָט, ווי קריסטוס, גובר געווען דעם טויט קערפּערליך; יענעם, וואָס זיין לייב איז גייסט און זיין גייסט — לייב...

דאָס איז אויסגעדריקט אין סוף פון „קדוש השם". אָבער דאָרט איז עס נאָר אַ שטריך; אין „דער כשוף־מאַכערין פון קאַס־טיליען" איז עס אַ ברייט־פאַנאַנדערגעוויקעלט בילד. פון דעם קליי־נעם עפּיזאָד מיט דבורה'ן אין „קדוש השם" איז אין „דער כשוף־מאַכערין פון קאַסטיליען" אויסגעוואַקסען אַ ראָמאַן. דער נייער ראָמאַן איז ניט אַזוי תמצית'דיג, ניט אַזוי העל באַלויכטען פון אינעווייניגסטען, כמעט רעליגיעזען, עקסטאַז, ווי „קדוש השם"; ער גיט זיך אָפּ מער מיט דער אויסערליכער, דעקאָראַטיווער זייט פון דער סביבה, וואָס אין איר האָבען געלעבט אי די אידען, אי די קריסטען אין רוים, בעת עס האָט געהערשט דאָרט אינאַיינעם ליכ־טיגקייט מיט פינסטערניש, רענעסאַנס מיט מיטעלאַלטער; אָבער אין י ע פ ת ה ' ן, דער הויפּטגעשטאַלט פון דעם ראָמאַן, איז די סימבאָליק פון דער קריסטליכער באַציאונג צום אידישען „קדוש השם" און צום אידישען פאָלק ברייטער און בולט'ער, ווי אין דעם ראָמאַנטישען עפּיזאָד מיט דבורה'ן אין סוף פון „קדוש השם".

י ע פ ת ה שטאַמט פון דער פאַמיליע אברבנל, וועלכע איז פאַרטריבען געוואָרען פון שפּאַניען. איר פאָטער איז אומגעבראַכט געוואָרען פון דער אינקוויזיציע אין ליסאַבאָן; אינאַיינעם מיט איר בלינדען זיידען איז זי פאַרוואָגעלט געוואָרען קיין רוים. די אויס־ערגעוויינליכע אידעלקייט און שיינקייט, דער אומענדליכער צער פון דורות קדושים זיינען געווען אין אירע אויגען און אין איר גאַנצער געשטאַלט. „דער צער פון דער וועלט לייכט אַראָפּ פון איר פנים; אין אירע אויגען ליגט דער טרויער; איבער איר הויכען, בולט'ען שטערען ליגט אויסגעגאָסען די פרומקייט אליין".— האָט געטראַכט דער ווענעציאַנישער מאָלער פאַסטילא — און ער האָט פון איר געמאָלען אַ מאַדאָנאַ־בילד. דעם גאַנצען רעליגיעז־

ראַטישען און קינסטלערישען עקסטאַז, וואָס עס האָט אין אים גע־ וועקט די געשטאַלט פון יעפתה, האָט ער געלאָזט לייכטען, שיינען, ברענגען אין די ליניעס און פאַרבען פון זיין בילד. עס איז גע־ וואָרען דאָס געליבטסטע און פאַרגעטערטסטע מאַנדאָנאַ־בילד פון דעם האַלב־קריסטליכען, האַלב־געצענדינערישען רוים. (די שטע־ לען איז ראַמאַז, וואו עס ווערט געשילדערט, ווי דאָס פאָלק פון רוים דינט צום בילד פון דער אידישער טאָכטער, געהערען צו די שענסטע אין בוך.) און ווען מען האָט אַמאָל דערזען די לעבע־ דיגע יעפתה, איז פאַרשפּרייט געוואָרען אַ קלאַנג, אַ לעגענדע, אַז גאָטס מוטער, „די מאַדאָנע פון ליבע", די הייליגע געשטאַלט, וואָס איז אַזוי פאַרגעטערט געווען, האָט זיך אַנטפּלעקט אין דעם אי־ דישען געטאָ. און עס איז געמאַכט געוואָרען אַ בלבול, אַז אידען האָבען פאַר׳כשופ׳ט גאָטס מוטער און האַלטען זי געפאַנגען אין געטאָ, כדי זי זאָל זיי באַשיצען פון זייערע פיינט. יעפתה איז אינאיינעם מיט איר בלינדען זיידען גענומען געוואָרען אין די קע־ לערען פון דער אינקוויזיציע. אָבער די אינקוויזיטאָרען האָבען מורא געהאַט צוגיין צו איר. „די מאַנאַכען האָבען דערקענט אין איר דאָס פנים פון דער הייליגער מוטער און זיינען געפאַלען פאַר איר אויף די קני און זיך גע׳צלמ׳ט". דער פּויבסט אַליין האָט ניט געוואוסט, צי איז זי גאָטס הייליגע מוטער אָדער אַ כשוף־מאַ־ כעריז. און ער האָט גע׳פסק׳ענט (פּונקט אַזוי ווי די איינפאַכע פויערים אין „קדוש השם") — „פייער זאָל באַשטעטיגען. ווער דו ביסט! ביסטו אונזער געבענשטע פרוי, וועט פייער איבער דיין הייליג לייב קיין שליטה ניט האָבען, ווי איבער אַנדערע הייליגע; אַז ניט, האָסטו נאָר מיט כשוף אַנגעטאָן דיר דאָס געזיכט פון דער הייליגער מוטער"...

אַזוי שטייט דער פּויבסט — דאָס רוימיש־קאַטוילישע, פּונקט אַזוי ווי אין „קדוש השם" דאָס גריכיש־קאַטוילישע קריסטענ־ טום — פאַר דער פאַרגייסטיגטער אידישער שיינהייט און פרעגט:

— איז עס פון גאָט? אָדער — פון טייפעל? איז עס קדושה אָדער — כשוף?

א ווילע דאכט זיך זיי, אז זיי זעען אונזער גבורה, אונזער גייסטיגקייט אין פלייש און בלוט אנגעטאן: פאלען זיי כורעים פאר דעם; אבער באלד הויבען זיי אן צו פרואווען אונזער ליב מיט שווערד און פייער און אלע געווער פון פארדארבונג; דערזעען זיי, אז אונזער ליב איז נאר ליב, און אונזער גייסט — בלויז גייסט, אן פליישליכקייט; דערשרעקען זיי זיך פאר אונז און ווילען אונז פארניכטען...

דאס איז זייער סכעמאטיש און אבסטראקט אויסגעדריקט. אש ציינט עס אונז — און ציינט פיל מער, וויפיל איך האב דא, אין פראזע, געקאנט זאגען — אין ברייט־געמאלענע בילדער, מיט אן עכט־אש'ישער ראמאנטישער פארבען־רייכקייט און א לירישער שטראמיגקייט; אש'ס קראפט ווייזט זיך דא, ווי אומעטום, ארויס ניט אין דער פסיכאלאגיע פון איינציגע פערזאנען, ניט אין דער גענויאיגקייט און קלארקייט פון פרטים, נאר אין דעם אלגעמיינעם פאמאס פון דעם בילד, וואס ער ציינט אונז.

מער ווי אלע אנדערע ראמאנען אש'ס איז „די כשוף־מאכערין פון קאסטיליען" רייך אין מאסען־סצענעס און מאסען־פסיכאלאגיע — און דאס מאסען־לעבען איז דאך ווי אנגעמאסטען פאר אש'ס פענזיל, וועלכער האט ליב אזוי צו ווארפען אויפ'ן לייוונט, אין לירישער אומארדנונג און מיט לירישען ברען, ברייט־צעגאסענע און ריטמיש־זיך־וויגענדע פלעקען.

אש'ס בילדער און מעטאפערן אין דער „כשוף־מאכערין פון קאסטיליען" נעמען אונז, ווי אומעטום, ניט מיט זייער פלאסטישקייט, נאר מיט זייער אינעווייניגסטער, עמאציאנעלער, באלעבטקייט. ווען ער שרייבט: „עס איז אנטפלעקט געווארען א רייצענדע אפגערונדעטע פלייצע, וואס האט זיך געפארמט איידעל און רונדיג און איז ארא פגעפאלען ווי א קאלטער וואסערפאל מיט א לייכטער, שוועבענדער ליניע"; ווען מיר לייענען ביי אים: „דעם פאפסטס פנים איז רויט געווארען. זיינע קנייטשען האבען זיך אויפגעהויבען ווי א שטורעם

א י ז י ם" — ז ע ע ן מיר עס ניט, אבער מיר פ י ל ע ן עס. אין זיינע געשטאלטען, ווי אין זיין גאנצען שטייגער מאלען, איז ניטא קיין „אנאטאמיע"; אבער עס איז דא לעבען. עס איז ניט גענוי און אפטמאל ניט ריכטיג געצייכענט די סיסטעם פון די ארטעריעס; אבער עס זינגט דאס בלוט אונטער דער הויט. אן אנדערער, א מער „רעאליסטישער" שרייבער, וואלט אונז געגעבען אפשר מער גענויע פרטים פון דעם בילד, ווי יעפתה איז פארברענט געווארען אויפ'ן שייטערהויפען; אבער צו וואס איז די גענויאיגקייט פון די אביעקטיווע איינצעלהייטען, ווען דער דיכטער שטעקט אונז אן מיט זיין וויזיע, כאטש זי האט זיך געוויזען צו זיינע גייסטיגע, ניט פיזישע, אויגען. און מיר גלויבען, דאס — „א מינוט האט זיך געדאכט, אז א געהיימע האנט האלט צוריק די פלאמען פייער ביי זיינע (זייערע!) ברענענדיגע הינטישע קודלעס, ווי א ווילדען הונט, און יאגט אפ זיינע ברענענדיגע הינטישע לאפעס פון דעם לעבעדיגען ווענזען. דער פעבעל, וואס האט עס צוגעזען מיט קלאפענדע הערצער און דערשראקענע אויגען, האט אויפגעציטערט. בלייך זענען געווארען די נאנעס, דערשראקען די קארדינאלען. דא און דארט האט זיך שוין געהערט אויסגעשרייען פון פעבעל: „א נס! א נס!" אבער פלוצלונג האט דאס פייער געגעבען א קנאק, ווי אן אויסגעשריי פון זיך. דאס פייער האט באקעמפט די געהיימע האנט, וואס האט געיאגט זיינע פלאמען פון לעבעדיגען מענשען, און דער פ י י ע ר ד י ג ע ר ה ו נ ט ה א ט ז י ך ב א פ ר י י ט. צוערשט האט ער געגעבען א שטרעק אויס א צונג און מיט תאוה געגעבען א לעק די נאקעטע פיס פון דעם לעבעדיגען מענשען און פאר גליק אויסגעשריגען מיט א קנאק און מיט אמאל האט זיך דער פייער געגעבען אווארף אויפ'ן מיידעל. מיט א געשריי האט דער פייער אויפגעגעסען איר סאמעט קלייד. א לעק מיט דער צונג — און דאס קלייד האט זיך אויפגעריסען און אראפגעפאלען פון איר לייב, א. אז. וו., א. אז. וו." דאס איז ניט קיין באשרייבונג, אבער ס'איז א באלעבונג פונ'ם בילד. דערפאר עקזיסטירט עס פאר אונז, ווען אפילו מיר זעען עס ניט. און אזוי איז מיט אלע אש'ס שילדערונגען, און דערהויפט מיט די שילדע־

רונגען פון פייערליכע, גראנדיעזע ערשיינונגען: זיי זיינען ניט גע־
נוג קלאר און בולט פאר אונזערע חושים, אבער זיי האבען גענוג
סוגעסטיוו־קראפט פאר אונזער פאנטאזיע.

(1922)

# לעאָן קאָברין: ערע די בערד*)

### א.

דאָס איז, ווי עס שטייט אויפ׳ן שער־בלאַט, אַ ראָמאַן „אויס דעם לעבען פון אידישע אימיגראַנטען, וואָס האָבען אויפגעבויט אַ נייע שטאָט אין אַמעריקע“. דאָס איז ניט דער איינציגער און ניט דער ערשטער ראָמאַן קאָברינ׳ס פון דעם אידישען לעבען אין אַמע־ריקע. שוין אין יאָהר 1909 האָט זיך אין דער ניו־יאָרקער „וואָר־הייט“, און דערנאָך אין אַ באַזונדער אויסגאַבע, געדרוקט קאָברינ׳ס אַ ראָמאַן „אימיגראַנטען“. — און דאָס איז, אויב איך האָב קיין טעות ניט, געווען דער ערשטער פּרואוו אין דער אידישער ליטעראַטור צו געבען אַ ברייט בילד פון דעם אַמע־ריקאַנער אידישען לעבען אין דער פאָרם פון אַ ראָמאַן. דער פּרואוו איז ניט געלונגען; ווייל ער איז גע־מאַכט געוואָרען אין דער לופט פון אַ צייטונג?

לעאָן קאָברין האָט אַליין שפּעטער געוויזען, אַז אַ ראָמאַן קאָן געשריבען ווערען פאַר אַ צייטונג און דאָך ניט זיין בלויז אַ... „צייט־טונגס־ראָמאַן“. געשאַדט האָט דעם ערשטען ראָמאַן קאָברינ׳ס, ווי מיר דוכט, עפּעס אַנדערש: צווישען די פאַרשידענע מינים „אימי־גראַנטען“ האָבען אין ראָמאַן פאַרנומען אַ גרויסען אָרט אויך די ניו־יאָרקער אידישע ליטעראַטור־ און טעאַטער־לייט, — און דאָס איז אַ סביבה, מיט וועלכער דער פאַרפאַסער איז געקומען אין אַ נאָענטער, צו נאָענטער לעבענס־באַרירונג, — אַ סביבה, וואָס האָט געוועקט ניט אַזוי דעם קינסטלער, ווי דעם

*) „פאָרווערטס“־פאַרלאַג, ניו יאָרק, 1918.

מ ע נ ש ע ן אין דעם פּאַרפּאַסער, דעם מענשען מיט אַלע זיינע ליידען און ספקות און פּאַרדראַסען און זאַרגעניִשען און אומרואיגקייטען.

די סביבה, וואָס ווערט געשילדערט אין „אַרע די באַרד", האָט אַנגערירט שוין ניט קאַברינ'ס פּסיכאָלאָגיע, אויב מען קאָן זיך אַזוי אויסדריקען, נאָר קאַברינ'ען דעם פּסיכאָלאָג. זי איז, מיט אַנדערע ווערטער, ניט קיין סוביעקטיווע, עטישע, נאָר אַן אָביעקטיווע, קינסטלערישע, פּראָבלעם פאַר'ן פּאַרפּאַסער. און דערפּאַר איז דער אופן, ווי אַזוי זי איז באַהאַנדעלט געוואָרען, אַ רואיגער און אַן אָביעקטיווער.

וואָס איז עס פאַר אַ פּראָבלעם? אין פלוג זעט זי אויס צו זיין אַ סאָציאַלע אָדער אַ סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישע: אַ ר ע ד י ב אַ ר ד, אַ פרומער, אָבער אַ מגושם'דיגער קליינשטעטלדיגער איד, וואָס איז אין אַמעריקע, ד. ה. אין בראָנזוויל, געוואָרען אַ פּעדלער, שטעלט איין, נאָך אַ לאַנגען, פּיינליכען ישוב־הדעת, די עטליכע הונדערט דאָלאַר, וואָס ער האָט אָנגעקליבען מיט גרויס מי און מאַטערניש, און קויפט מיט שותּפים אַ „פּאַרסעל", — און אַזוי ווי בראָנזוויל האָט זיך דאַן געהאַלטען ערשט אין בויען, און פּלעצער אויף צו בויען הייזער זיינען וואָס אַ טאָג געוואָרען טייערער, און אידען, וואָס האָבען געהאַנדעלט דערמיט (און וואָסער איד האָט ניט געהאַנדעלט דערמיט?), זיינען געוואָרען רייך, נעכטיגע אָרימע דאָקטוירים, לאָיערס, אַגענטען, פּעדלערס, אַרבעטער, זיינען געוואָרען מיט אַמאָל גרויסע גבירים, איז אויך אַרע דער פּעדלער מיט דער „משונה'דיג־גרויסער, שווערער, קאַלטענוואַטער שוואַרצער באָרד" געוואָרען אַן עושר, האָט גענומען אַ דאָקטאָר פאַר אַן איידעם, זיך אַריבערגעקליבען אין אַ רייך הויז, וואו עס איז געווען אַ „ריכטיג אויסגעפּאַרניטשורטע לייברערי" און אַלע זיבען זאַכען פון אַ נייעם נגיד, און האָט דערצו נאָך חתונה געהאַט מיט אַ יונג שיין מיידעל, וואָרים ער איז שוין פון לאַנג אַן געווען אַן אַלמן...
און אַזוי ווי אַרע די באַרד איז ניט געווען קיין אויסנאַם, איינאיינעם מיט אים האָבען זיך צענדליגער און הונדערטער אַנדערע אידישע אָרימע־לייט „אַרויפגעאַרבייט", און עס איז אויסגעוואַקסען אַ גאַנ־

צער קלאס אידישע „אלרייטניקעס“ און א גרויסע אידישע שטאט אין בראנזוויל, און אזוי ווי אין ראמאן ווערט דאס אלץ אויף א זייער קלארען און בולט'ען אופן געשילדערט, און מיר זעען, ווי עס האט זיך געביטען די געזעלשאפטליכע לאגע, די מאראל און דער גאנצער לעבענסשטייגער פון אט דעם נייעם אויפגעקומענעם קלאס אידען, וואלט מען טאקע געקאנט מיינען, אז דאס איז א געוויינליכער סאציאל־פסיכאלאגישער ראמאן.

אבער דאס וואלט געווען ווייניג אויף צו מאכען אונז אים אינטערעסאנט.

די סאציאלע פסיכאלאגיע פון דעם אויפגעקומענעם גביר איז אונז אלעמען, מער אדער ווייניגער, באקאנט. מיר קאנען זיין צורייסען זיך מיט א זשעדנעקייט צום לעבען און צו זיינע פארגעניגענס, זיין ווילען זיך אויספיינען פאר דער וועלט, זיין יאגען זיך נאך יחוס, זיין ווארפען זיך מיט געלט, זיין קאמישע גדלות א. אז. וו.: נייעס איז דא שווער צוצוגעבען. און קאברין האט קיין נייעס טאקע ניט ענדעקט אין דער פסיכאלאגיע פון דעם אויפגעקומענעם עושר; ער האט נאך זייער בולט געמאכט די אלטע, אונז אלעמען גוט־באקאנטע, שטריכען.

ער האט עס, אמת, געמאכט קינסטלעריש און אן ביליגער סאטירע, נאר, פארקערט, מיט הומאר און אפטמאל אפילו מיט סימפאטיע צו אט דעם קוואל פון לעבען און פרייד, וואס האט זיך פלוצלינג און אזוי אומגעריכט געעפענט פאר די ארימע פאר'חושכ'טע מענשען. אבער דאס וואלט נאך אויך ניט געווען גענוג אויפצואוועקען אין אונז צום ראמאן א גרויסען אינטערעס.

דאס, וואס מאכט וואך אין אונז דעם אינטערעס, איז ניט די סאציאלע, נאר די אינדיווידועלע פסיכאלאגיע פון די פארשוינען. דאס סאציאלע איז דא נאר דער לייוועגט; דאס בילד, וואס ווערט אויף אים מיט איינפאכע, אפטמאל גראבע, אבער תמיד קלארע, קענטיגע און זיכערע פארבען געמאלט, איז א בילד פון *אינע־ווייניגסטען* לעבען.

אז דאס איז אזוי, צייגט אונז די פערזאן, וואס דער פארפאסער האט אויסגעקליבען צו מאכען זי פאר דעם הויפטהעלד פון

ראמאן, — אַ ר ע ד י ב אָ ר ד. וואָלט דער פּראָפעסאָר אויסען געוועזן צו געבען אונז דעם סאָציאַלען טיפ פון אַ אידישען פּאָרוועניו, וואָלט ער פאַר דעם הויפּטהעלד געמאַכט ניט אַרע'ן, נאָר איינעם פון די פיעלע אַנדערע ניי־געבאַקענע „ריעל־עסטייט־ניקעס". וואָס ווערען דערמאָנט אין ראמאַן... י אַ כ ע נ ט ש י ק, אַט דער היימישער סטאָליער, וועלכער האָט פאַר די פופצען יאָר, וואָס ער איז אין אַמעריקע, שוין אויסגעפּראָוווט אפשר אַ צענדליג פּרנסות; ס ע מ ק ע ב ל ו ם, אַט דער אָרדעסער פּראַנט, מיט'ן געשליפענעם צינגעל; דער סימפּאַטישער ס אַ מ ו ע ל ס אָ ן, אַט דער „געמיש פון אַ פּראַקטישען מענשען און אַ טרוימער", אַט דער, וואָס איז צוגלייך אַ אַן אויפריכטיגער סאָציאַליסט, אי אַ פּאָרקאָכטער „ריעל־עסטייטניק"; דער אומסימפּאַטישער דר. זילבערשטיין, דער „אַנאַרכיסט", וואָס האָלט פון דעם כלל, „אַז מען לעבט צווישען וועלף, מוז מען וואיען ווי אַ וואָלף", — און ער וואיעט ווי צ ע ן וועלף, — יעדער איינער פון זיי איז אַ מער טיפּישער „אַלרייטניק", ווי אַרע. און אויב דער פּראָפעסאָר האָט פאַר דעם הויפּט־פּאַרשוין געמאַכט אַרע'ן, איז עס געוויס דערפאַר, וואָס די סאָציאַלע סביבה, וועלכע ער שילדערט, איז פאַר אים אין דער אמת'ן בלויז אַן אויסרייד און אַ מיטעל צו ווייזען אונז דעם א י נ ע ר ל י כ ס ט ע ן נשמה־לעבען פון אַרע'ן און פון די פּערזאָנען, וואָס קומען מיט אים אין בּאַרירונג.

דאָס דאָזיגע אינעווייניגסטע נשמה־לעבען איז ניט זייער רייך; עס איז אָבער פול מיט קאַמף און דראַמאַטיזם.

דער קאַמף מיט דעם דראַמאַטיזם ליגען ניט אין די עצם געשעענישען; ביי אַנדערע אומשטענדען וואָלטען די אייגענע געשעענישען געקאָנט פּאַרקומען רואיג און אָן קיין שום קאָנפליקטען. דאָס קאָנפליקטהאַפטע און דאָס דראַמאַטישע טראָגט אין דער ערציילונג אַריין קאַברין, — און אַט דאָס איז דאָס ק אַ ב ר י נ ־ ש ע, וואָס אין דעם ראמאַן.

אַ איד הויבט אָן האַנדלען מיט „ריעל־עסטייט" און ווערט רייך, — דאַכט זיך, עס איז זייער אַ געוויינליכע זאַך: וואָס איז דאָ פאַראַן וואָס צו גריבלען זיך? וואו איז דאָ פאַראַן פּלאַץ פאַר

„פסיכאלאגיע“ און דראמאטיזם? איז דער תירוץ: ארע'ן האט קאברין דערפאר אויסגעקליבן פאר'ן הויפט־פארשויז, ווייל ער איז ניט קיין געוויינליכער איד, וואס איז געבוירען צו האנדלען היינט מיט פיש, מארגען — מיט זאקען און איבערמארגען — מיט הייזער; ארע'ן האט קאברין אויסגעקליבען, ווייל ארע איז א איד, וואס מוז פירען אן אינעווייניגסטע מלחמה און מוז פיל זאכען גובר זיין, איידער ער ווערט דאס, וואס ער ווערט, און ער איז דעריבער ווי אנגעמאסטען פאר א שרייבער, וואס האט ליב זיך אליין צו שטעלען שטערונגען, כדי זיי דערנאך בייצוקומען.

ארע איז, לויט קאברינ'ס שילדערונג, א פאלקס־מענש, א הארעפאשניק, וואס איז ניט געוואוינט צו לייכטע פארדינסטען און צו לופט־געשעפטען, און איז דערצו נאך א מיושב'דיגער און זייער א פאמעלעכדיגער מענש: „דער גאנצער פנים איז ביי אים משונה'דיג געוועזן פארוואקסען פוןביידע זייטען ביז אונטער די סאמע אויגען, וואס האבען געקוקט מיד און פארטראכט“, און עס דוכט זיך אייך, אז אויך זיינע געדאנקען זיינען פארוואקסען געווארען און זיי קאנען זיך ניט א ריר טאן. און אט אזא מין איד דארף דאס ארויינלייגען זיינע אזוי שווער פארהארעוועטע עטליכע דאלאר אין א „פארסעל“, אין עפעס אזא מין געשעפט, וואס ער האט קיינמאל דערפון גארניט געהערט און וואס זעט אים אויס צו זיין עפעס א מין שפילען זיך מיט'ן מזל, און ער מוז פירען מיט זיך אליין א לאנגען און א שווערען קאמף, ביז ער פועל'ט ביי זיך צו קויפען בשותפות מיט יאכענטשיק'ן און סעמקע בלוט דעם ערש־טען „פארסעל“. ער ציט קניפלאך און ווארפט גורל, ער טוט תפלה צו גאט, — וואס טוט ער ניט? אויף גאנצע זייטלאך ציט זיך ארע'ס לאנגער און שווערער ישוב־הדעת. און עס איז גאר קיין וואונדער ניט. די אלטע מוטער און דער איידעם האלטען אין איין לייגען ארע'ן שטיינער אויפ'ן הארצען: די שותפים, זאגען זיי, זיינען ניט קיין מענשען, וואס מען זאל זיך קאנען אויף זיי פארלאזען, א. ד. גל. הכלל, וואס נאר פאר אן אומשטענדען עס קאנען שטערען ארע'ן ארויסצונעמען די עטליכע אפגעשפארטע הונדערט דאלאר, ברענגט קאברין ארויס. אבער אין דער אייגענער

צייט ברענגט ער, פארקערט, ארויס די אלע פאקטען, וואס טרייבען ארע׳ן און גיבען אים צו מוט צו מאכען דעם געשעפט. פון אלע זייטען טראגט ער שפענדעלאך און שטרויעלאך און וואס נאר ער געפינט, כדי אויפצוהאלטען דעם קאליזיע־פייערעל, וואס ברענט ביי ארע׳ן אין הארצען... ער האט ליב צו קוקען אויף אט דעם דראמא־טישען פייערעל. און ער האט ליב אים אונז צו ציינען... און מיר האבען הנאה אויף אים צו קוקען... מיר האבען הנאה ניט אזוי פון אים אליין (עס איז דאך סוף־כל־סוף א קליין ארים פייערעל); אונז געפעלט דער, וואס מאכט אים און האלט אים אויף מיט אזא פארטאנקייט און אזא ארטיסטישקייט. אונז געפעלט דעם פאר־פאסערס „סטראטעגיע”. ער זעט אונז אוים, ווי א שאכמאטיסט, וואס שפילט מיט זיך אליין. ער גייט מיט א כיון א קלוגען דראענ־דיגען גאנג מיט א ווייסער פיגור, כדי ער זאל דערנאך אליין קאנען ווייזען א קונץ און ארויסרוקען אנטקעגען דער ווייסער פונקט אזא ווירקענדיגע שווארצע פיגור.

דעם אייגענעם מיטעל געברויכט קאברין, — מיר דוכט, אומ־באוואוסטערהייט, — אויך אין די איבעריגע טיילען פון ראמאן. א שטייגער, ארע׳ס חתונה מיט דער שיינער יונגער רייטשעל. דאכט זיך, דאס איז אויך א גאנץ איינפאכע און א געוויינליכע זאך. א איד, נאך ניט גאר קיין אלטער, איז רייך געווארען: זוכט ער אויף אן ארים, אבער א יונג און שיין מיידעל, — און האט מיט איר חתונה. אין בעסטען פאל איז עס מאטעריאל פאר א קאמעדיע, אבער ניט פאר א דראמע. ביי קאברינ׳ען איז עס א דראמע. פאר ביידע צדדים א דראמע, — אי פאר אים, אי פאר איר, פאר רייטשלען, דערהויפט אבער פאר אים. זיי ביידע זיינען גוטע, רייי־נע, אבער פראסטע און שטארקע נאטורען. זי וואלט קיינמאל ניט חתונה געהאט פאר אן אלטען אלמן נאר דערפאר, וואס ער איז רייך. און ליב האבען ארע׳ן קאן זי ניט. זי האט ליב סעמקע בלום, דעם אדעסער פראנט. אבער זי איז אויף אים בייז: ער האט זי פארפירט. (די פארפירונגס־סצענע געהערט, אגב, צו די שענס־טע און שטארקסטע שטעלען אין בוך.) זי איז אבער אויך בייז אויף ארע׳ס מוטער, וועלכע פלעגט אמאל, ווען זי האט געוואוינט

ביי אַרע׳ן איז שטוב, זיך שלעכט מיט איר באַגיין, און אויף אַרע׳ס טאָכטער, איר געוועזענע חבר׳טע, וועלכע איז מיט איר געוואָרען גראָב, זינט זי איז רייך געוואָרען. זי פילט זיך טיף באַליידיגט, און אַזוי ווי זי איז סתם אין כעס אויף דער וועלט, וויל זי אויס־גיסען איר כעס אויף אַרע׳ס פאַמיליע און נוקם זיין זיך אין זיי דורך דעם, וואָס זי וועט ווערען אַרע׳ס פרוי און די בעל־הבית׳טע אין זיין שטוב. אחוץ דעם פילט זי מסתמא אינסטינקטיוו, אַז איר חתונה האָבען מיט אַרע׳ן וועט איר דערנענטערען צו סעמקע׳ן, דעם אויסדערוויילטען פון איר האַרצען, — און געשלעכטליכע אינסטינקטען שפּילען אין קאַברינ׳ס ווערק, ווי עס איז באַוואוסט, זייער אַ גרויסע ראָלע. אַזוי דאָס איר שידוך מיט דעם אַלטען אַרע׳ן איז אייגענטליך שוין דער סוף פון איר דראַמע.

ביי אַרע׳ן אַליין איז עס אָבער אַן עכטע ליבעס־דראַמע. ער האָט רייטשלען ליב געהאַט נאָר גאָר אַמאָל, ווען ער איז געווען אַן אָרימאַן און זי איז געווען ביי אים אין הויז אַ „באָרדערקע“. אָבער ער האָט ניט געוואַגט אַפילו צו טראַכטען וועגען דעם. ער האָט די זינדיגע געדאַנקען ניט צוגעלאָזען צו זיך. נאָר זינט ער איז רייך געוואָרען און אַלע אַרום האָבען אָנגעהויבען הנאה צו האָבען פון לעבען, און זיין טאָכטער האָט ער אויסגעגעבען פאַר אַ דאָק־טאָר, — איז ער געוואָרען דרייסטער ביי זיך. אָבער ער האָט ניט געוואָלט זיך קריגען מיט זיין פאַמיליע און אַ ביסעל האָט ער זיך געשעמט פאַר דער וועלט... און אָט די שעמעוודיגע ליבע פון דעם פופציג־יעריגען אידען, זיין פרומע ציטערדיגע בענקעניש, זיין פאַר־מערליכע זאָרג, זיין קאַמף מיט זיך אַליין און מיט די, וואָס זיינען אים נאָענט, — דאָס איז אַ פייערעל, וואָס פון אַלע זייטען האָט קאַברין פאַר אים אָנגעטראָגען אַזוי פיל טרוקענע שפּענדעלאַך, שטרויעלאַך און גרעזעלאַך, אַז עס איז אַ חיות צו קוקען, ווי עס ברענט...

---

ניט די פּראָבלעם, ניט די סאָציאַלע און אַפילו ניט די פּסי־כאָלאָגישע פּראָבלעם איז דער עיקר אין דעם ראָמאַן, נאָר דער לע־

בענספּולער דראַמאַטישער אָטעם, וואָס קאַברין האָט ארייַנגעאָטעמט אין יעדען פון זיינע טיילען, ווי אויך אין זייער צונויפשטויסונג און צונויפפלעכטונג.

קאַברין האָט גענומען במעט מעלאָדראַמאַטישע, שונד־דראַמאַ־טישע פּאַרשוינען און געמאַכט פון זיי לעבענספּולע פּערזאָנען.

איינציגע פּונקטען זיינען דאָ אין ראָמאַן, וואָס אויף זיי איז צופיל געאַרבעט געוואָרען, און זיי זיינען שוין צו אויסגעטייטשט, איינציגע אויסדרוקען חזר'ן זיך צופיל איבער („ס'איז א חלום" — טראַכט אָרע וועגען זיין ערשטען גרויסען פּאַרדינסט ניט איינמאָל, נאָר עטליכע מאָל; עטליכע מאָל חזר'ט זיך אויך איבער דער „קעל־בערנער„ אויסדרוק אויף אָרע'ס געזיכט, בעת ער קוקט אויף רייטשלען). אָבער דער ראָמאַן איז גאַנצען איז ניט אַן ערך געלונ־גענער, ווי דער ערשטער ראָמאַן קאַברינ'ס „אימיגראַנטען". ער איז, ווי יעדעס בעסער ווערק קאַברינ'ס, א פּאַראייניגונג פון הייסען קינסטלערישען **אינסטינקט** מיט קילער, קלאָרער, ערלי־כער, **ליטווישער**, **אויסגערעכנטקייט**.

(1920)

# לעאָן קאָברין: די ערוואַכונג*)

דער דראַמאַ באַשטייט פון צוויי גלייכע טיילען — גלייכע, לויט זייער גרויס, אבער ניט לויט זייערע קינסטלערישע איי־גענשאַפטען.

אין דעם ערשטען טייל ווערען מיר באַקאַנט מיט די פּערשוי־נען און זייערע כאַראַקטערען. קיין קאָנפליקטען קומען נאָך ניט פאָר צווישען זיי, און אויך אין זיי איז אַלץ שטיל, רואיג; בלויז קליינע, טונקעלע וואָלקענדלאַך ציהען זיך פון צייט צו צייט, און אַ שאַרף אויג קאָן זעהן, אַז פון זיי וועט שפּעטער ווערען אַ כמאַרע און אַ שטורעם; דערווייל איז דער הימעל קלאָר און אויסגעליי־טערט... און איך וואָלט דעם שרייבערס כונה אין דעם ערשטען טייל אויסגעדריקט אַזוי: אַט האָט איר פאַר אייך פאַרשידענע סאָרטען מענשען, מענער און פרויען; יעדער פון זיי האָט זיך זיין כאַראַקטער; איך וועל אים אַפּמאָלען פאַר אייך מיט אַלע פּרטים און איינצעלהייטען; איך וועל אים אייך ווייזען, אָבער דערווייל נאָר אין זיין געוויינליכען גלייכגעוויכטיגען צושטאַנד. און די פראַגע, וואָס אונז אינטערעסירט, איז — וואָס וועט מיט אים ווערען, ווען דאָס גלייכגעוויכט וועט פאַרשווינדען, און עס וועט אויסברעכען אין אים אַ שטורעם, אַ קאַמף צווישען געפי־לען, וואָס זיינען סותר איינס דאָס אנדערע? וואָס פאַר אַן אויס־זען וועט ער דעמאָלט האָבען? צי וועלען זיך זיינע גרונטשטרי־כען בויגען, ברעכען? אָדער, פאַרקערט, זיי וועלען ווערען נאָך שטייפער, שאַרפער, ווירקענדיגער?

---

*) פערלאַג „פאָרווערטס“, ניו יאָרק, 1920.

אין דעם ערשטען טייל ווערען, אלזא, געגעבען די פסיכאלאגי־שע טרעגער פון דעם קאנפליקט, פון דער דראמע, וואס וועט זיך אפשפילען ערשט אין צווייטען טייל. און פון דעם שטאנדפונקט אין דער ערשטער טייל צו לאנג. ער לאזט צו לאנג ווארטען דעם לעזער אויפ'ן ע י ק ר. דער לעזער (און דערהויפט דער היינטי־גער, גרויס־שטעטישער, נערוועזער לעזער) האט רעכט צו זיין אומ־געדולדיג און פאדערען פון קינסטלער א שנעלערען טעמפוס. דער־הויפט אין אונזער פאל וואלט דער שרייבער געקאנט לאזען דעם כא־ראקטער פון די הויפט־פארשוינען ארויסווייזען זיך אין דעם קאנ־פליקט גופא, אנהויבענדיג גלייך פון אים, און ממילא וואלט ער פארשפארט אפצוגעבען א גאנצע העלפט פון ראמאן דער זעלבסטשטענדיגער און אויספירליכער שילדערונג פון די כא־ראקטערען.

אחוץ דעם, וואלט דאן אויך קענטיגער געווען דער אונטער־שיד צווישען די הויפט־פערזאנען און די נעבען־פערזאנען. די ערש־טע וואלטען באלויכטען געווארען העל, צוליב דעם קאנפליקט, וואס שפילט זיך אפ אין זיי; די צווייטע וואלטען געבליבען אין שאטען. ווי עס פאסט פאר זיי. איצט ווערען אזוינע נעבען־פארשוינען. ווי ר ו ב י נ ט ש י ק און זיין שוועסטער ש א ס ק ע, גע־שילדערט פונקט אזוי בולט, אויב ניט בולט'ער נאך, ווי די הויפט־פערזאן, ר א ב י נ ס. אין א דראמע ווערט די גראדאציע פון די העלדען באשטימט אויף א נאטירליכען אופן דורך דער האנד־לונג. אבער אין א ראמאן אדער אין א דערציילונג איז, דוכט זיך מיר, גלייכער צו געברויכען מיט א כיוון בלאסערע פארבען פאר די פערזאנען, וואס שפילען ניט קיין גרויסע ראליע.

אבער דאס איז נאך ניט אזוי וויכטיג, בפרט אז דער קינסט־לער קאן האבען אין דער פראגע גאר אן אנדער מיינונג און וועלע־דוקא באארבעטען די נעבען־פארשוינען, ווי דאס טוט ל. קאבריז. בכמעט מיט דער זעלביגער פולשטענדיגקייט, ווי דעם עיקר, — און ניט דערפון נעמט זיך, אין דער אמת'ן, די לאנגקייט פון דעם ערשטען טייל. זי נעמט זיך דערפון, וואס אי ווענען די וויכטיגע, אי ווענען די ניט וויכטיגע פארשוינען ווערען דערציילט אין דעם

ערשטען טייל עפיזאדען און געגעבען שילדערונגען, וועלכע זיינען אליין פאר זיך אפשר אינטערעסאנט, אבער וועלכע האבען א קנאפע א י נ ע ו ו י י נ י ג ס ט ע שייכות צו דער עצם־זאך. אזוי, איז די, אויספירליך באשריבענע, געשיכטע וועגען ראבינ'סעס רעוואלוציאנערישער פארגאנגענהייט ניט פארבונדען פסיכאלאגיש מיט דער ליבעס־דראמע, וואס שפילט זיך אפ אין אים און וואס איז אזוי קינסטלעריש געשילדערט אין דעם צווייטען טייל. ראבינס האט געקאנט האבען נאר אן אנדער פארגאנגענהייט און גאר אנדערע עראינערונגען פון די קינדערשע יארען, און דאך א ו י פ ו ו א כ ע ן צו פערציג יאר, ווען ער באקענט זיך מיט זיין כלה'ס אינגערער שוועסטער, און איבערלעבען דאס, וואס ער לעבט איבער, ווען נאך זיין פארלאבונג מיט ע נ י'ן דערוויסט ער זיך, אז זיין יוגענד קען אים אומקערען צוריק נאר איר אינגערע שוועסטער, ר ו ט י, און אז זיין גליק מוז ווערען דאס אומגליק פון זיין כלה און איר גאנצער פאמיליע. און אויב דער פארפאסער האט, צוליב דער אדער יענער סיבה, אונז דאך געוואלט פארשטעלען ראבינס'עס יוגענד־געשיכטע מיט אזוינע און ניט מיט קיין אנדערע פרטים, איז ער, יעדענפאלס, ניט געווען מחויב זיך אפצושטעלען אויף זיי אזוי אויספירליך, און נאך ווייניגער איז נויטיג געווען צו ברענגען אזוינע דעטאליזירטע שילדערונגען פון דעם טאג־טעגליכען לעבען פון די נעבענ־פארשוינען, מעגען די שילדערונגען זיין ווי ריכטיג פסיכאלאגיש.

קאברינ'ען געלינגט אפט צו געבען אונז א גאנצען כאראקטער, א גאנצען מענשען, דורך איין קליינער סצענע, און פאר דעם פיינערען לעזער איז דאס גענוג. ווען מען צייגט אים דאס אייגענע נאך אמאל און נאך אמאל, פילט ער זיך געלאנגווייליגט, — און אויך דערפאר מוז אים דער ערשטער טייל פון ראמאן, וואו די שוין פון אנהויב אן גענוג קלארע כאראקטעריזירונג פון די העלדען ווערט ארומגעוועבט מיט אזוי פיל אויסערליכע, אפט איבעריגע, פרטים — אויסזען לאנג און צעצויגען.

מיר האבען אין דעם ע ר ש ט ע ן טייל דעם איינדרוק, אזוי ווי ווען דעם פארפאסער וואלט נאך ניט קלאר געווען גענוג,

וואָס ער וויל, און וואו אייגענטליך עס ליגט דער תוך, די אידעע פון זיין ווערק, — און דערפאַר איז פאַר אים דאָרט די גענויע כאַ־ראַקטעריזירונג פון יעדען פון די פאַרשוינען אַזוי ווי אַ ציל פאַר זיך אַליין. ווי נאָר אַבער מיר הויבען אָן זיך אַריינצולאָזען אין דעם צ ו ו י י ט ע ן טייל, אַזוי דערפילען מיר גלייך, אַז דער קינסטלער קאָנצענטרירט זיך, וואָס ווייטער, אַלץ מער, אויף איין רעיון, אויף איין פּראָבלעם, קיין ניט נויטיגע, זייטיגע פּרטים זיי־נען מער ניטאָ, אָדער כמעט ניטאָ. אַלץ ציט זיך צו איין פּונקט, וועלכער ווערט, וואָס ווייטער, אַלץ שאַרפער, אַלץ בולט'ער — און דעם לעזערס שפּאַנונג וואַקסט פון קאַפּיטעל צו קאַפּיטעל. אין דעם צווייטען טייל ציינט אונז דער פאַרפאַסער, וואָס מיט איי־ניגע פון די פריער געשילדערטע פּערזאָנען ווערט, ווי זיי פילען און וואָס זיי טוען, ווען אינעווייניג אין זיי ברענט אויס אַ שטורעם, אַ שטרייט.

דער צווייטער טייל הויבט זיך אָן דערמיט, וואָס עס קומט אַהיים פון „קאָונטרי" ר ו ט י, די אינגערע שוועסטער פון ראַ־בינ'ס כלה. רוטי איז, אַחוץ איר מוטער אסתר, די איינציגע צווישען די אַלע פּערזאָנען, וואָס ערשט אין דעם צווייטען טייל וויקעלט זיך פאַנאַנדער פאַר אונז אינגאַנצען איר כאַראַקטער, און אַזוי ווי פאַר אונזערע אויגען צינדט זי זיך אָן און ברענט, ווי אַ שטיק ליכטיגע יוגענד, ברענט מיט דעם פייער, דער קראַפט און נאַטירליכער פרישקייט, וואָס דער קינסטלער האָט איר גע־שענקט, איז זי די גאַנצע צייט דער צענטער פון דעם לעזערס אויפמערקזאַמקייט, און זי איז באמת די רייכסטע, פרישסטע און כשופ'דיגסטע געשטאַלט (סיי קינסטלעריש און סיי רייז פאַבו־לאַריש) אין דעם גאַנצען ראָמאַן.

זי איז ניט קיין שטאַרק אינדיווידואַליזירטע געשטאַלט, דער־פאַר איז זי אַבער ט י פּ י ש. (קאַברין געהערט בכלל צו די קינסטלער, וואָס אפילו די אינדיווידועלע געשטאַלטען זייערע זיי־נען טיפּען). זי איז די פאַרקערפּערונג פון דער י ו ג ע נ ד (פון דער יוגענד, נאָך וועלכער ראַבינס בענקט אַזוי). זי האָט פון איר פאָטער גע'ירש'נט די ל י י ד ע נ ש אַ פ ט ל י כ ק י י ט, פון

איר מוטער — די פ ע ס ט ק י י ט פון כאַראַקטער; זי איז אַ רייכע און אַ שטאַרקע נאַטור; אָבער פריער ווי אַלץ איז זי י ו נ ג. זי איז פול מיט כחות פון שאַפן און לעבן. זיי ליגן נאָך אָבער באַהאַלטן אין איר, ווי בלומען־בלעטער אין דעם קנאָספּ. דער קנאָספּ עפנט זיך, ווען זי באַקענט זיך נענטער מיט דעם קלוגן, שטאַרקן, מענלעכן ר אַ ב י נ ס, איר שוועסטערס חתן. דאַן ו ו א כ ט א ו י ף א י ן א י ר ד ע ר פ ר י ל י נ ג. און אויך אין אים ו ו אַ כ ט א ו י ף — ד י י ו ג ע נ ד.

דאָס איז אַ דאָפּעלטע א ו י פ ו ו אַ כ ו נ ג — פון דער ערשטער יוגענט אין רוטי'ן, פון דער צווייטער — אין ראַבינס'ן. ביידע דערשרעקן זיך אַזוי ווי פאַר דער גייער, שטומער קראַפט, וואָס האָט אָנגעהויבן רעדן אין זיי פּלוצלונג. זיי ווילן זיך אַליין ניט מודה זיין אין זייער נייעם געפיל, און זיי שטיקן עס אין זיך — יעדער אויף זיין שטייגער. נאָר וואָס מער זיי שטיקן עס אין זיך, אַלץ שטאַרקער ווערט עס און אַלץ ברענענדיגער. און עס הויבט זיך אָן אַ טיפער אינעווייניגסטער קאַמף אי אין ר ו ט י ' ן, אי אין ר אַ ב י נ ס ' ן. די סבה פון קאַמף איז פאַרשטייט זיך, ענין: ראַבינס'ן איז זי אַ כלה, רוטי'ן — אַ שוועסטער. רוטי וואָלט זיך אפשר ניט אָפּגעגעבן אַזוי קלאָר קיין רעכענונג אין דער פאַרבאָטענקייט און געפאַר פון איר ליבע צו איר שוועסטערס חתן; קומט איר מוטער, וועלכע דערשפּירט מיט'ן אינסטינקט, וואָס דאָ האָט פּאַסירט, און מאַכט עס איר קלאָר.

די מוטער איז אין אָנהויב מיט איר צאַרט און פאָרזיכטיג; דערנאָך, ווען זי דערפילט, אַז די לאַגע איז ערנסט, ווערט זי באַפעלעריש און כמעט ברוטאַל. פריער, אין ערשטען טייל, האָבן מיר געזען די שטילקייט און איינגעהאַלטענקייט, איצט זעען מיר די פעסטקייט פון איר כאַראַקטער. דער איבערגאַנג פון צאַרטקייט צו שטרייננקייט איז ביי איר, אפשר, אַביסעל צו שאַרף, אָבער בכלל איז זי, ווי די איבעריגע פּערזאָנען, ל ע ב ע ד י ג (איך ווייס נאָר ניט, צו וואָס זי דאַרף זאָגן נאָכאַנאַנד: „ווי זאָגט יענער"). און די קראַפט פון איר פעסטן ווילן גיט די מוטער

איין איר טאַכטער. און רוטי האַלט־איין, צוימט איר געפיל צו ראַבינס׳ן. אַבער אַ לעבעדיגער, שטאַרקער שטראָם, וואָס מער מען האַלט אים איין, אַלץ שטאַרקער און אַלץ שטראָמדיגער ווערט ער. און אין רוטי׳ן, ווי אין ראַבינס׳ן, ברענט זיך אַלץ העלער פאַנאַנדער דער אינעווייניגסטער קאַמף — און אַט דער קאַמף איז דער הויפּט אינהאַלט פון צווייטען טייל. אויב דער ערשטער טייל איז אַ געוויינליכע כאַראַקטערען־שילדערונג, איז דער צווייטער טייל — אַ דראַמע.

קיין נייע טעמע איז אין דער דראַמע ניטאָ. שוין ניט איין מאָל איז געשילדערט געוואָרען אַט דער שטרייט צווישען ליבע און פליכט, — אַבער ניט איינמאָל נאָך וועט מען זיך אומקערען צו אים אין דער ליטעראַטור. דערהויפּט אין דער דראַמאַטישער. דאָס איז אַ טעמע, וואָס ווערט קיינמאָל ניט אַלט. זי רירט אָן אַ יסוד פון דעם מענשליכען לעבען, אַן אייביגען יסוד.

וואָס פאַר אַן ענטפער גיט קאַברינ׳ס ראָמאַן אויף דעם פּראָבלעם פון ליבע און פליכט? לאָגיש — קיין שום ענטפער. דאָס איז ניט דעם קינסטלערס זאַך. זיין זאַך איז שילדערען די פּראָבלעם אַליין, און ניט איר מאָראַלישע, — איר ריין־פּסיכאָלאָגישע זייט. ניט דאָס מאָראַלישע געפיל פון פליכט, נאָר דאָס מער עלעמענטאַרע ליבע־געפיל איז ביי אים דער צענטער פון דעם קאָנפליקט. ליבע איז ביי ל. קאַברין די הויפּט־טעמע אומעטום און אויך דאָ. און, ווי אומעטום, אַזוי מאָלט ער אויך דאָ די ליבע דראַמאַטיש, ניט אידיליש, און זיין ציל איז צו ווייזען אונז, ווי זי וואַקסט און שטאַרקט זיך און שטורעמט זיך אויף, ווען זי באַגעגענט אויף איר וועג שטערונגען, אַלץ איינס, אויסערליכע צי אינערליכע. זיין ציל און זיין קינסטלערישער פאַרגעניגען — איז, צו לאָזען פאַר אונז שטורעמען אַט דעם שטאַרקסטען פון אַלע אונזערע לעבענס־שטורעמס... נאָר פון אויבען־אויף קאָן זיך אויסדוכטען, אַז די „פליכט" נעמט איין דאָ דעם שטורעם פון דער ליבע; אין דער אמת׳ן איז עס ניט אַזוי. אין דער אמת׳ן זיגט די ליבע אי אין רוטי׳ן, אי אין ראַבינס׳ן, — ניט געקוקט אויף דעם, וואָס רוטי פאָלגט איר מוטער און ראַבי בערנשטיינ׳ען און

פאַרט אוועק אין פּאַריז שטודירען מאַלעריי, און ראַבינס בלייבט
דאָ און וועט אפשר חתונה האָבען מיט עני׳ן... די ליבע האָט
געזיגט א י ן ז י י ע ר ע נ ש מ ו ת. און אַט דעם אינערלי־
כען זיג, וואָס די ליבע האלט אַפּ אפילו דאָן, ווען זי ווערט אוי־
סערליך באַזיגט, שילדערט אונז לעאָן קאָברין אין דעם צווייטען
טייל פון „דער ערוואַכונג“, און ער שילדערט אים אונז אַזוי קרעפּ־
טיג, אַז מיר שפּירען זיין לעבעדיגען, פּאַר׳שכור׳ענדיגען אָטעם
אפילו דאָן, ווי מיר הערען אויס די ניכטערע רייד פון דעם סימ־
פּאַטישען ראַבי בערנשטיין (אגב, א נייעם טיפּ אין דער אַמערי־
קאַניש־אידישער ליטעראַטור).

(1920)

# י. אָפּאַטאָשו: היברו*)

דאָס איז אַ ראָמאַן, וואָס מען דאַרף זיך אין אים גוט איינלייענען — ערשט דאַן פילט מען אין אים אַ טעם. אין אָנהויב איז ער לאַנגווייליג. אויף צענדליגער זייטלאַך ציען זיך שמועסען, בילדלאַך און סצענעס פון דעם עלענדען און נודנעם לעבען פון די אַמעריקאַניש־העברעאישע לערערס און פון די „היברו סקולס“. די שמועסען, די בילדלעך און די סצענעס זיינען אַלע „ריכטיג“ און „לעבעדיג“, ווי עס וואָלט זאָגען אַ רעצענזענט, אָבער — צו וואָס, טראַכט דער לעזער, טויג די ריכטיגקייט מיט דער לעבעדיגקייט, אַז איך ווייס ניט אויף וואָס איך דאַרף עס און וואָס קומט עס מיר צו לאָזען הערען? צו וואָס טויג מיר אַ שטיק גרוי און גראָב לעבען, אויב עס עפענט ניט אויף עפּעס אַ סוד און אַ טיפעניש פון דער וועלטס אָדער דעם קינסטלערס נשמה?

אמת, פון די ערשטע זייטלאַך אַז הויבט זיך אָן צו פילען דעם קינסטלערס אייגענאַרטיגע באַציאונג צו די „העלדען“: מען זעט, אַז ער האָט ניט איבעריגס ליב אָט די אומגליקליכע און (ווי ער שילדערט זיי) מיאוס'ע און נאַרישע נפשות. עס פאַראַכטען זיי די קינדער, מיט וועלכע זיי לערנען אויף ענגליש „לכה דודי“, און זיי, ווידער, זיינען פרעמד און פיינדליך צו זייערע תלמידים און צו די עלטערען פון זייערע תלמידים און צו זייער גאַנצער, פינסטערער און ביטערער, מלמד'ישער פּרנסה — און עס ק אָ ן  ז י ך  ד ו כ ט ע ן, אַז אָט די אַטמאָספערע פון פרעמדקייט, פיינדליכקייט, קאַלטקייט און נודנעקייט, מיט וועלכער דער פאַרפאַסער

*) פארלאג מאקס נ. מייזעל, ניו יאָרק, 1920.

רינגעלט אַרום זיינע פֿאַרשוינען, די לערערס, איז יענע נייע זאַך, יענער אויפֿטו, וואָס באַרעכטיגט די שילדערונג פֿון דעם דאָזיגען גרויען און לאַנגווייליגען לעבען; עס קאָן זיך אַזוי דוכטען דעם לעזער, אַבער עס דוכט זיך אים ניט, וואָרים וויבאַלד אַז אים אינטערעסירען ניט די לערערס מיט די „היברוס“ (זיי אינטערעסירען אים אפשר אין לעבען, אַבער ניט אין דער קונסט, וואו ער זוכט עפּעס וויכטיגס און אַלגעמיינס), אַרט אים ניט, צי איטמער האָט זיי ליב אָדער פֿיינט. און עס לאַנגווייליגען אים די גרויע מענשען און די גרויע פֿאַרבען פֿון די ערשטע קאַפּיטלאַך.

אַבער וואָס ווייטער, אַלץ מער וועבט זיך דער לעזער אַריין אין דעם שיטערען, אַבער שטייפֿען און אייגהייטליכען געוועב פֿון ראָמאַן — און אַלץ מער אינטערעס געפֿינט ער אין אים.

וואָס ווייטער, אַלץ מער ווערען די „היברו טיטשערס“ און די איבעריגע גרויע און לאַנגווייליגע פֿאַרשוינען אָוועקגערוקט אַן אַ זייט. און דעם מיטען, דעם צענטער (אויב ניט אין דעם ספּור המעשה, איז אין אונזער באַוואוסטזיין) פֿאַרנעמט ג ר י ז, דער דיכטער.

אויך ג ר י ז איז ניט קיין „העלד“ פֿאַר אַ ראָמאַן אין דעם געוויינליכען זינען פֿון דעם דאָזיגען וואָרט. ער שטייט אויסער דער געזעלשאַפֿט, וועלכע רינגעלט אים אַרום, און זיין לעבען איז אָרים אין געשעענישען, אין מעשים און אין אויסערליכער אַקטיוויטעט. דערפֿאַר אַבער האָט ער אַ רייכען אינעווייניגסטען לעבען. צווישען אים און דער גייסטיג־אָרימער סביבה קומט פֿאָר, אמת, ניט קיין „דראַמאַטישער“, אַבער אַ שטאַרקער מאָראַלישער קאַמף.

און אַט דער קאַמף איז דער זין — און די באַרעכטיגונג — פֿון דעם ראָמאַן.

עס האָט געלוינט „אַרויסצופֿירען אויף דער בינע“ די נאַרישע און לאַנגווייליגע געזעלשאַפֿט, כדי צו ווייזען דעם עקעל און דעם האַס און דעם פּראָטעסט, וואָס זי וועקט אויף אין גריז׳ען. זיין עקעל, זיין האַס און זיין אינעווייניגסטער פּראָטעסט איז ד אָ ס ב אַ פֿ ר י י ע נ ד י ג ע, וואָס איז דאָ אין דער שווערער, דריקענדיגער לופֿט פֿון דעם ראָמאַן.

און עס קאָן זיין, אַז עס וואָלט גוט געווען, ווען דער ראָמאַן וואָלט געשריבן געוואָרן ניט אין דריטער, נאָר אין ערשטער פּערזאָן, — ווי א דערציילונג, א ודוי פון דעם דיכטער גרין. דאַן וואָלט א סך מער, ווי איצט, פאַרשטענדליך געווען דער סאַטירי־שער און — ערטערווייז — פּאַמפלעטישער טאָן. דער עקעל און די גאַליגע פאַראַכטונג צו דער לערער־ און שרייבער־באַהעמע, וואָס פילט אַן דעם ראָמאַן, וואָלט לייכט צוגעשריבן געוואָרן גרינ'ען, איר קרבן און באַקעמפער, און ניט דעם קינסטלער, פון וועלכען דער לעזער האָט א רעכט צו פאָדערן, אַז ער זאָל האָבן מער הומאָר אין זיך און ווייניגער זיין אין כעס. אָבער אויך איצט דאַרף דער לעזער, האָלט איך, אויפנעמען די אַלע פאַרשווינען, די אַלע קליינינקייטען און קליינליכקייטען, וואָס אָפּאַטאָשו שילדערט מיט זיין קאַלטער און אַן־רחמנות'דיגער פען, ניט ווי דעם פאַר־פאַסערס א סאַטירע אויף דעם לעבען פון דער ניו־יאָרקער אידי־שער לערער־ און שרייבער־באַהעמע, נאָר ווי דעם גרויען פאָן, אויף וועלכען עס טרעט אַרויס אַזוי בולט דאָס לעבען און דאָס ליידען פון גרינ'ען, דעם הויפּט־העלד פון ראָמאַן. דער לעזער מוז זיך קאָנצענטרירען אויף ג ר י נ ' ע ן און קוקען אויף אַלץ, וואָס איז א ר ו ם אים, אויף אָט די אַלע העסליכקייטען און אומ־ווירדיגקייטען, ווי אויף דאָס, וואָס שטופּט אים, גרינ'ען, אַרויס און צווינגט אים „נעמען זיך אין די הענט" און אויפהויבען זיך, אַנשטאָט צו פאַלען און ווערען פאַרזונקען אין זומפּ גלייך מיט אַלעמען...

---

גרין איז אין אָנהויב געווען א לערער גלייך מיט אַלע לערער פון די „היברו סקולס". ער האָט אָבער ניט געקאָנט פאַרטראָגען די לופט פון טעמפּקייט, עם־הארצות, בטלנות און פאַרדאַרבענקייט, וואָס רינגעלט אַרום די „סקולס" — לויט אַפּאַטאָשו'ס שילדערונ־גען. און ער האָט די „סקול" פאַרלאָזען. ער האָט זי פאַרלאָזען דאַן, ווען אים איז פאַרגעלייגט געוואָרען צו פאַרנעמען אין איר די שטעלע פון א „פּרינסיפּאַל" — און אויף דער שטעלע איז צו־

ריק אנגעקומען פרידקין, עפעס א מיאוס׳ער נפש, א „סקעב“, א מסור, א שפיון, א מנובל, וואס דערמאַנט אין פּ ע ר ע ד א נ א װ ו ׳ ן (דעם העלד פון סאָלאָגוב׳ס ראָמאַן „מעלקי ביעס“).

אָבער צווישען די שרייבערס פילט זיך גרין ניט בעסער, ווי צווישען די לערערס. די שרייבערס זיינען אין אַפּאַטאַשו׳ס שיל־דערונג אַלע, אחוץ א פּאָר אויסנאַמען, באַרימערס, ליידיגגייערס אָדער סתם אַזוי נאַרישע, נודנע און קאָמישע פּאַרשוינען. און ניט נאָר די שרייבערס און די לערערס — אויך דער אַרבעטער סאַשאַ און אויך דער פאַבריקאַנט, דער אויפגעקומענער גביר, דער פּרע־זידענט פון דער „היברו סקול“, שולץ, און אויך דאָס רוב איבעריגע פּערזאָנען, וואָס ווערען געשילדערט אין ראָמאַן, זיינען קליינליכע, טעמפּע עגאָאיסטען אָדער האַלבע אידיאָטען. טאָמער איז ציור־שען די לערערס פּאַראַן עפּעס אַן אנשטענדיגער מענש, זיסקינד, שמד׳ט ער זיך און ווערט א מיסיאָנער: ער אַנטלויפט פון דער פוסטקייט און הפקר׳דיגקייט פון דעם אַרומיגען לעבען — און פון דעם „ווייטען“, צו ווייטען אידישען גאָט... איז א וואונדער, וואָס גרין, א מענש מיט דיכטערישען טאַלאַנט און א ריינער נשמה — פילט זיך עלענד און פרעמד אין אַט דער סביבה? איז א וואונדער, וואָס אים דערעסט ב ל י א ש, די האַלב־פאַרוועלקטע צבועצ׳קע, וועלכע יאָגט זיך נאָך חוצפה׳דיג נאָך בחורים, זייענדיג אַליין אַן אנגעשטעלטע פון א געזעלשאַפט פאַר פרויען־שוץ? בליאש איז פרידקין אין א קליידעל. און אפילו די יונגע, שיינע און סימפּאַ־טישע בעסי גיט גרין אַליין, כמעט מיט׳ן גוטען ווילען, אָפּ ליפּ־שיצ׳ן, דעם געמיינעם אוואַנטיוריסט און כלומר׳שטען דיכטער, ווארים ער פילט, אַז אויך זי פאַרשטייט אים ניט און דאַרף אים ניט, זי דאַרף נאָר א קלינגענדיגען נאָמען און — אפשר גאָר א רייכען חתן. און ווען ער ווערט פריי אויך פון איר, אַט דעם לעצטען פאַדים, וואָס האָט אים צוגעבונדען צו דער געמיינער סביבה — קומט ער אינגאַנצען צו זיך, ווערט אינערליך דערלייזט און דערפילט, אַז ער איז „בכח צו שאַפען א ניי לעבען“... און — „אין איין רגע איז פאַר אים דורך די „היברו“, ווי א פאַרזעעניש. און פון דעם פאַרזעעניש האָבען זיך גענומען אַרויסשיילען פריד־

קינ׳ס, פרידקינדלאך, זיך צושטעלט אין רייען, פינסטער געמאכט די גאס. ער האט באשלאסען אויסצורייסען דאס פארזעעניש מיט׳ן ווארצעל, מעג עס אפילו פארגיין אין בלוט, עס פאנאנדערפלעכטען און א שליידער טאן עס אלעמען פאר די אויגען. וועט דער עולם זיך דאן צעלויפען, זיך האלטען פאר די נעז, הא, הא, הא! ניט גלויבען, אז דאס פארזעעניש האט ער נאר וואס ארויפגענומען פון זייערע פלייצעס!" — **און פון זיינע אייגענע פלייצעס...**

פון זיינע אייגענע פלייצעס האט גרין—אפאטאשו ארויפגענומען דאס „פארזעעניש", אט די שווערע משא, אט דעם עקעל, וואס האט אים געשטיקט. פון זיך אליין האט ער עם ארויסגעריסען. ער האט עס **אויסגעדריקט** — און באפרייט זיך דערפון. שוין ניט איינמאל האבען קינסטלער דורך זייערע ווערק, ד. ה. דורך זייער אויסדריקען עפעס א זאך, וואס איז געלעגען אויף זיי, ווי א לאסט, זיך באפרייט פון דער לאסט.

אבער אין דעם פאל איז עס ניט בלויז פאר׳ן קינסטלער געווען וויכטיג, נאר אויך פאר זיין ווערק. א דאנק גרינ׳ען האט דער ראמאן געקראגען רוים, פרייע לופט. ווען ניט דאס באפרייענדיגע, וואס איז אריינגעבראכט געווארען אין ראמאן אין דער געשטאלט פון גרינ׳ען, וואלטען מיר, לעזער, דערדריקט געווארען אין דער שווערער לופט פון די בליאשעס און די פרידקינס, און מיר וואלטען ניט געקאנט האבען קיין קינסטלערישען גענוס. דער ראמאן וואלט געווירקט אויף אונז, ווי א שארפער, ביטערער פאמפלעט, ניט ווי א קונסטווערק. און דאס איז ניט, ווייל די פארשוינען פון ראמאן זיינען כמעט אלע מאוס׳ע און קליינליכע נפשות: האט דאך סאלאגוב געשאפען א ראמאן (און נאך וואס פאר א ראמאן!) פון אזא ארצי־מנובל, ווי פערעדנאוו. דאס איז דערפאר, וואס אפאטאשו׳ס פערעדנאוו׳ל, פרידקין, איז איינגעקלעפט אין דעם זומף פון דאס ארטיגע און צייטליכע, און עס דערהויבט זיך ניט, ווי פערעדנאוו ביי סאלאגוב׳ן, צו דער מדרגה פון אן אלגעמיין־מענשליכען טיפ. דאס איז ניט דאס געמיינע און העם־

ליכע, וואס איז דא בכלל אין דעם מענשען, נאר עפעס, וואס איז פארבונדען מיט א געוויסען כאראקטער אדער גאר א געוויסער פראפעסיע ביי געוויסע אומשטענדען... און נאר גרין, וועלכער איז גובר די אומשטענדען און וועמען דאס באוואוסטזיין פון דער ארור־מיגער העסליכקייט גיט אן אימפולס צו באפרייען זיך פון איר און אנצוהויבען א נייעם לעבען, א לעבען, וואס איז באפרוכפערט פון שאפונגסדראנג און גערעכטען האס. — נאר גרין רוקט אפ פון אונז די אלע העסליכקייטען און קליינליכקייטען, וועקט אויף אין אונז דאס נויטיגע דיסטאנץ־געפיל, שאפט די געהעריגע פערספעקטיוו און גיט אונז די מעגליכקייט צו קוקען אויף דער קלע־פיגער פולקעפיגער „פארזעניש“, וואס אפאטאשו האט מיט אזא בייזער הנאה אונז א שליידער געטאן פאר די אויגען, ווי אויף א שטיקענדיגער משא, וואס ער האט אראפגענומען אי פון זיינע, אי פון אונזערע פלייצעס — און אי זיך, אי אונז באפרייט דערפון.

---

נאר אויף אזא אופן, ד. ה. קאנצענטרירענדיג זיך אויף דער געשטאלט פון דעם דיכטער גרין און ניט אריינלייגענדיג זיך צו־פיל אין די איבעריגע, זייטיגע שילדערונגען, מעגען זיי זיין ווי גוט, — נ א ר אויף אזא אופן געפינט דער לעזער דעם טיפערען אלגעמיינעם זינען פון אפאטאשו'ס ראמאן, און עס קילט אים ניט אפ דער פובליציסטישער און פאמפלעטיסטישער שטראם, וואס רייסט זיך אלע ווײלע אריין, דערהויפט אין דעם ערשטען טייל.

נאר אויף אזא אופן איז דער לעזער גובר דאס אלטעגליכע און סוביעקטיווע, וואס אין ראמאן. אבער אויך דאן פילט ער דעם א י נ ט י מ ע ן צ י ט ע ר פון „היברו“ — דאס, וואס האט געפעלט אין די פריערדיגע ווערק אפאטאשו'ס.

אפאטאשו'ס פען איז א ק א ל ט ע. זי ציט פון ערגעץ, ווי פון א פילם, פאסען, שטיקער לעבען — און איר ווייסט ניט, צי געפעלט דעם שרייבער, וואס ער וויזט אייך, צי ניט; איר ווייסט ניט אפילו, צי געפעלט אים דער עצם ענין פון

ווייזען אדער ער טוט עס נאר פון לאנגווייל. איין זאך איז אייך נאר קלאר: דאס, וואס ער צייגט אייך, ל ע ב ט. לעבט ניט מיט דעם שרייבערס, נאר מיט זיין אייגענעם לעבען. צום שרייבער אליין האט עס קיין שייכות ניט. „היברו" האט א שייכות צום שרייבער אליין. צופיל שייכות. דאס איז די געפערליכסטע — און דאס איז אויך די אייגענארטיגסטע זייט אין דעם נייעם ראמאן פון אפאטאשו.

אייגענארטיג און ניי — פאר'ן קינסטלער — איז אויך דער סיוזשעט פון זיין ראמאן. די סיוזשעטען פון די פריערדיגע (אחוץ די האלב־היסטארישע) ווערק אפאטאשו'ס זיינען אלע כמעט שייך צו דער „אונטערוועלט". ווי וויסענבערג'ן און ווי אש'ן אין דעם ערשטען פעריאד, אזוי האט אויך אים געצויגען צו דער „קויילער־געסעל", וואו עס וואוינען מענשען, וואס זיינען נאנט צו דער נאטור, מענשען, וואס לעבען מער מיט די פינף חושים, ווי מיט'ן פארשטאנד, מענשען, וואס לעבען — און טראכטען ניט וועגען לעבען. דאס האט געשטימט מיט אפאטאשו'ס שטייגער שרייבען — מיט זיין שטייגער אונז צו געבען צו שפירען דאס לעבען, אנשטאט עס אונז צו געבען צו פ א ר ש ט י י ן. איצט האט אפאטאשו פארלאזען אויף א ווייל דאס „קוילער־געסעל", מיט זיין אוממיטעלבארען, האלב־אנימאלישען לעבען און איז אוועק אין — „בית־מדרש־געסעל". דא איז אים שוין שווער צו לאזען רעדען דעם לעבען אליין פאר זיך, באהאלטען זיך הינטער זיינע ארגאנישע געזעצען, דא מוז מען שוין אליין ארוים אויף דער סצענע, און ער כאפט זיך שוין דא ארוים מיט א ווארט און אמאל אויך מיט צוויי און אמאל אויך מיט צופיל ווערטער...

אבער זיין קראפט ליגט נאך אלץ אין די פ א ק ט ע ן, אין די רויע און הוילע ל ע ב ע נ ס פ א ק ט ע ן, אין וועלכע ער איז אזוי רייך. זיי זיינען ביי אים אזוי זעלבסטפארשטענדיג, און זיי גיסען זיך זעלטען צונויף ביי אים אזוי אינאיינעם, ווי זיי האבען זיך צונויפגעגאסען אין דעם ראמאן „היברו", אין דעם ראמאן, וואס וואלט געווען ווייניג וואס ווערט, ווען ער זאל אונז

געבען בלויז די אָרימע לערער־ און שרייבער־ס ב י ב ה, און וועל־כער קריגט אַ גרויסען ווערט. שילדערענדיג דעם העלדס ד ע ר־ה ו י ב ע ן ז י ך איבער דער סביבה און זיי באַפרייען זיך פון איר.

(1920)

## י. אָפּאַטאָשו: אין פּוילישע וועלדער*)

### 1.

אויב מען זאָל ניט רעכענען אַש׳ס „קדוש השם“, וועלכעס איז אייגענטליך א דערציילונג, איז עס דער ערשטער קינסטלערי־שער היסטאָרישער ראָמאַן אויף אידיש. אָבער היסטאָריע — דאָס איז ניט די פאַרגאַנגענהייט. היסטאָריע איז דאָס ניט־פאַר־גאַנגענע אין דער פאַרגאַנגענהייט. היסטאָריע איז דאָס אייביג־מענשליכע, מער ניט — אָפּגערוקט פון אונז אַזוי, אַז מיר זעען עס קלערער, פרייער, ברייטער, ווי דאָס, וואָס איז נאָנט, צו נאָנט. דערפאַר, און נאָר דערפאַר, האָבען קינסטלער ליב זיך ווענ־דען צום עבר. זיי שטעלען זיך ניט מיט׳ן רוקען צו דער ווירק־ליכקייט, ווען זיי טוען דאָס. זיי באַפרייען זיך נאָר פון דער אומקלאָרקייט, אומרואיגקייט, ניט־איינגעשטעלטקייט, צעברע־קעלטקייט, וואָס איז דאָ אין דער געגענוואָרט. זיי ווילען אונז ציינען ד ו ר ך דער פאַרגאַנגענהייט די געגענוואַרט, — נאָר אין א מער געלייטערטער געשטאַלט...

פאַר דער אידישער ליטעראַטור האָט דער שטיצפּונקט, וואָס עס קאָן איר געבען די געשיכטע, גאָר אַ באַזונדערע באַדייטונג. אין דער יונגער אידישער ליטעראַטור זיינען א לאַנגע צייט געווען נאָר פ אַ ר ש ו י נ ע ן, עס זיינען ניט געווען קיין ה ע ל ד ע ן; עס האָט געפעלט אין איר דאָס אויסערגעוויינליכע, דאָס וואונדער־

---

*) פאַרלאַג מאַקס נ. מייזעל, ניו יאָרק, 1921.

ליכע, דאָס עקסטאַטישע. די אידישע געשיכטע — אַט דאָס שווינ־דעלדיגע באַרג־אַרויף און באַרג־אַראָפּ, אַט די שליחות פון גאָט, וואָס ווערט פלוצלונג א שפּיל פון שטן — לערנט אונז גיין אויף דעם הויכען און שווערען וועג: פּרצ'ס פאָלקסטימליכע געשיכטען, ביאַליק'ס, יהואש'ס, ליעסינ'ס „היסטאָרישע" פּאָעמעס, אייניגע, געלונגענע און ניט געלונגענע, דראַמאַטישע פּרובען; אין דער נייעסטער צייט: אַש'ס „קדוש־השם", לייוויק'ס „גולם". — די אַלע דערמאָנטע (און ניט דערמאָנטע) ווערק, וואָס שטיצען זיך אויף מאָטיווען, געשטאַלטען, סימבאָלען פון אונזער פארגאַנגענהייט, האָבען אָנגעהויבען שאַפען אין דער אידישער ליטעראטור אַן אַטמאָספערע פון דערהויבענ־קייט, יום־טוב'דיגקייט, ה ע ר א אַ י ש ק י י ט. אָבער דאָס איז נאָר אַן אָנהויב. די כראָניקעס פון דער אידישער געשיכטע און די אידישע לעגענדעס וואַרטען נאָך אַלץ, אַז די אידישע קינסט זאָל קומען און שעפען פון זיי באַגייסטערונג, שיינקייט און וואונדער.

און נאָך א גרויסע זאַך קאָן געבען אונזער געשיכטע דער אי־דישער ליטעראטור, — דאָס איז: דאָס מ אָ נ ו מ ע נ ט אַ ל ע, — דאָס ווערק פון גרויסען סטיל, פון ברייטען פאַרנעם. עס דורשט און לעכצט נאָך דעם שוין לאַנג די אידישע ליטעראטור. עס איז אָבער באַזונדערס נויטיג געוואָרען אין די היינטיגע צייטען. עס איז איצט באַזונדער שאַרף דער געגענזאַץ צווישען דעם קאָלאָסאַלען מאַסשטאַב פון די וועלט־היסטאָרישע פּאַסירונגען און די נאָך אַלץ ענגע, היימישע, פאַרמעסטונגען פון אונזער ליטעראטור. עס איז א ווייטאָג צו זען די שטרעקע, די אומגעהיירע שטרעקע, וואָס ליגט צווישען די באַרגשפּיצען, צו וועלכע עס ציט זיך דער וועג פון לע־בען, וועלכעס שמידט זיך, גליענדיג, אַרום אונז, און די שמאָלע טאָלען, וואו עס פויזען נאָך אַלץ פילע פון אונזערע נאָוועלען־סקי־צען־דראַמעס־ און לידער־שרייבער. עס איז אַן אַנטוישונג, וואָס קיין גרעסערע קאָן ניט געבען, ווען די ליטעראטור איז בלאָסער פון דער צייטונגס־כראָניק, אָרימער פון דער ווירקליכקייט. עס איז א שאַנד — אַזאַ אָרימקייט. עס איז א שמערצליכע ירידה, ווען די ליטעראטור גריבעלט זיך אַלץ נאָך אין איינצעלהייטען פון טאָג־

טעגליכען לעבען און גיט זיך אפ מיט בלאסע קליינשטעטעלדיגקייטען, בעת אפילו דער לייט־ארטיקעל פון טאגבלאט דערציילט פון וועלטען, וואס ווערען חרוב, פון פעלקער, וואס קומען־אום, און דער רעדנער אפילו אויפ׳ן מיטינג רעדט וועגען קולטורען, וואס שטויסען זיך צונויף, וועגען קלאסען, וואס שטייען, ווי מחנות באוואפענטע, איינער אנטקעגען דעם אנדערען, וועגען צוקונפט־עקספערימענטען, וועגען מרידות, וואס ווילען אומבייטען דאס געזיכט פון דער געשיכטע. עס איז אן אומזין צו לאזען אונז קוקען אויפ׳ן גורל פון פעלקער און דורות דורך די ברילען פון דעם לייט־ארטיקעלשרייבער און דעם פאליטיקער. וואו איז דער קינסטלער, דער דיכטער, דער העלזעער? איז עס דען ניט קיין ליידיג־גייערוי צו „מאלען מענשעלאד". ווען עס שטייט פאר אונז, א גרויזאמער, דער פארבלוטיגטער ספינקס פון דער געשיכטע? עס זיינען נויטיג אצינד רעטעניש־טרעפערס, צוקונפט־זעער, וועלט־סימבאליקער.

עס מוז זיך, יעדענפאלס, ווייזען ע פ ע ס ג ר ו י ס ע ס אין דער ליטעראטור, עפעס, וואס זאל אונז לערנען קוקען אויפ׳ן לעבען, ווי פון א הויכען טורעם אראפ, פון וועלכען מען זעט א ל ץ מ י ט א מ א ל. דאס קאן אונז גאר אפשר ניט געבען דאס מאדערנע לעבען, ווייל עס איז צו פריש, צו היים, צו קאכיג, צו נאענט; אבער עס קאן דערצו דינען די געשיכטע: זי האט אי אפגרונטען טיפע, אי הויכע טורעמס...

און אויב די אידישע ליטעראטור קאן זיך ניט אויפהויבען גלייך אויף אט די הויכע און העכסטע פונקטען, איז גוט, וואס זי גייט צו זיי כאטש שטאפעלוויז.

2.

י. אפאטאשו׳ס ראמאן — „אין פוילישע וועלדער" — איז אויך אזא שטאפעל, אזא שריט ארויף צו דאס ברייטע און מ א נ ו מ ע נ ט א ל ע, וואס דארף דערגרייכט ווערען אין דער אידישער ליטעראטור. (ווי ווייט עס איז אויך א שריט צו דאס שטארקע און ה ע ר א א י ש ע — דאס וועלען מיר אונטען זען.) דאס איז

דערוויי̈ל נאָר איין טייל פון דעם גרויסן ווערק, אויף וועלכן עס אַרבעט שוין עטליכע יאָר דער יונגער טאַלאַנטפולער ראָמאַניסט. אָבער שוין דער טייל אַליין האָט אין זיך אַ גרויסן פאַרנעם און אַ ברייטקייט, וואָס איז ווערט באַגריסט צו ווערן פריער פאַר אַלץ. שוין דער טייל אַליין איז אַ פּרוּוו צו געבן אונז אַ גאַנצע עפּאָכע פון דעם אידישן לעבן אין פּוילן, אַ גאַנצע וועלט.

דאָס איז אַן עפּאָכע פון דער געשיכטע, וואָס האָט מער ווי אַ געשיכטליכע ווערדע, דאָס איז די תקופה, ווען עס האָט אָנגעהויבן צו פאַרגיין די זון פון חסידות און עס איז אויפגעגאַנגען דאָס ליכט פון דער השכלה.ביידע באַוועגונגען אין דעם אידישן לעבן, די חסידות און די השכלה, האָבן איבערגעלאָזן שפּורן, וואָס וועלן קיינמאָל ניט אָפּגעמעקט ווערן. עס וועט צערונען ווערן די פאָרם, וואָס זיי האָבן געהאַט, אָבער ניט דער תוך. ער וועט בלייבן, וואָרים ער האָט אין זיך עפּעס פון דאָס אייביג־מענשליכע. און זיין אַנטפּלעקונג, אָדער, ווייניגסטענס, איינציגע שטראַלן פון זיין אַנטפּלעקונג, זעען מיר אין דעם ראָמאַן.

די געשעענישן וויקלען זיך פאַנאַנדער אין דעם מאָמענט, ווען די אידישע געשיכטע אין פּוילן האָט אָנגעהויבן אויסצוטאָן שוין די חסידישע בגדים און אָנטאָן קליידער פון אייראָפּע. עס איז געווען אַ טומעל, אַ מהומה, ווי דער שטייגער איז אין אַן איבערגאַנגס־צייט. עס איז געווען אַ געמיש פון פאַרבן און קולות. עס האָבן זיך געראַנגעלט אידעען מיט אידעען. פאָרמען — מיט פאָרמען. דאָס ראַנגלעניש האָט זיך געצויגן צענדליגער יאָרן. פריער האָבן געקעמפט די משכילים מיט די חסידים, שפּעטער (אין אונזער צייט) — די חסידיסטען מיט די משכילים. און כל־זמן דאָס ראַנגלעניש האָט זיך ניט אינגאַנצען איינגעשטילט, זיינען אויך די, וואָס האָבן געשריבן וועגען דעם, געווען אַ צד. זיי האָבן אַליין געהערט צו איין מחנה אָדער צו אַן אַנדערער און זיי זיינען געווען פאַראינטע־רעסירט אין דעם אויסגאַנג פון דעם קריג. עס איז ניט געווען קיין אומפּאַרטייאישקייט, קיין אָביעקטיוויטעט אין זייער שרייבן. עס זיינען געווען, פון איין זייט, משכילים, פון דער אַנדער זייט — חסידים אָדער (שפּעטער) חסידיסטען. אין אָנהויב האָבן געוועל־

טיגט די משכילים אין דער נייער אידישער ליטעראטור: האבען מיר געהערט וועגען חסידות נאר רייד פון שפאט און געלעכטער. דערנאך זיינען געקומען די געגנער פון די משכילים, די נאציאנאלע ראמאנטיקער: האבען זיי געזונגען לויבגעזאנגען דעם חסידיזם. מען איז פון איין עק אוועק צום אנדערען. פריער איז דער חסיד געווען שווארץ און נאר שווארץ; מיט אמאל איז ער געווארען שניי־ווייס אדער הימעל־בלוי.

די ראמאנטישע אפאלאגיע (פון פרצ׳ן, בערדיטשעווסקי׳ן, שטיינבערג׳ן און אנדערע) איז געווען אן אומפארמיידליכער ענטפער אויף די פאראדיעס און פאמפלעטען פון די סמאלענסקים, בראנדשטעטערס, לינעצקים א. אז. וו. עס איז געווען אומפארמיידליך — און עס האט אין אנהויב געוועקט און באפרוכפערט אונזער געדאנק: עס האט געעפענט פאר אונז א וועלט, וואס איז געווען פון אונז פארשטעלט; מיר האבען אנגעהויבען זוכען אמת און שיינקייט, וואו אונזערע עלטערע ברידער, די משכילים, האבען געזעען נאר נארישקייטען און פינסטערניש. דאס איז געווען גוט. אבער עס איז באלד פון דער חסידישער ראמאנטיק געווארען עפעס א מין סענטימענטאליזם. א נעפעל איז אויפגעגאנגען, און עס איז געווארען אלץ מטושטש און צעקראכען. מיר האבען אויפגעהערט זען דאס חסידות, ו ו י ע ס א י ז. אונזערע אויגען זיינען פארבלענדט געווארען פון די זילבערנע עטרות און די גילדערנע גלעקלאך, וואס מען האט אויף דעם אנגעהאנגען. פונקט אזוי ווי די משכילים האבען געזעען נאר די שאטענזייט, אזוי האבען מיר זיך געקוויקט נאר מיט׳ן גלאנץ פון חסידיזם.

עס איז שוין אבער צייט צו זען דאס ליכט מיט די שאטענס אינאיינעם. עס איז צייט צו זען דאס בילד פון חסידות אין א היסטארישער פערספעקטיוו. ניט ווייל עס איז טויט, נאר, פארקערט, ווייל עס איז א לעבעדיגער קוואל, פון וועלכען מיר קאנען נאך טרינקען. א לעבעדיגען קוואל לאזט מען ניט פארשטאפט ווערען. אבער מען רינגעלט אים אויך ניט ארום מיט א גילדערנעם צאם. מען גייט צו צו אים נאנט און מען זעט, וואו זיין וואסער איז טיף און ריין און וואו עס איז פארזאמדיגט און פלאך.

אזוי טוט אַפּאַטאַשו אין זיין ראָמאַן, ווי ווייט ער גיט זיך אָפּ אין אים מיט'ן חסידיזם. ער ציינגט אונז אים אַזוי, ווי ער האָט אויסגעזען, ווען ס'האָט זיך איבער אים געשטאַרקט זיין שונא — די השכלה. ער האָט אַזוי ווי מיט אַ כיון אויסגעקליבן דעם מאָמענט, ווען די חסידות האָט — אין פּוילן, ווייניגסטענס — אָנגעהויבן גיין באַרג־אַראָפּ, כדי מיר זאָלן זען ניט נאָר זיין שבת, נאָר אויך די וואָכעדיגע טעג זיינע, ניט נאָר זיין מלחמה פאַר אַ העכערן גייסטיגן ל ע ב ע ן, נאָר אויך זיין פּשוט'ן קאַמף פאַר דער ע ק ז י ס ט ע נ ץ.

### 3.

און אין דער אמת'ן זען מיר אין דעם ראָמאַן אי הויכע, אי נידעריגע מדרגות פון פּוילישער חסידות אין מיטן פון פאָריגן יאָרהונדערט.

עס לייכטן־אויף פאַר אונז, פון איין זייט — די הויכע מאָראַל, די ברענענדיגע ליבע צו מענשן, דער מסירת נפש פון גרויסע יחידים (ר' איטשע מקובל) און פון דער אנדער זייט — די ברוטאַלע רויקייט פון די מאַסן־מענשן (זייער פאַרשטייער אין ראָמאַן איז דער באַרוועסער ישראל). עס שפּילן זיך אָפּ פאַר אונז סצענעס (אין הויז פון דניאל אייבישיץ, אין קאַפּיטעל „תפארת"), וואָס פון אַ גאָטעסדינסט ווערט אַן אָרגיע, אָדער פון אַן אָרגיע — אַ גאָטעסדינסט; סצענעס, וואָס איר ווייסט ניט צי איז עס ראַפינירטע עראָטיק פון דעגענעראַטען אָדער מיסטיק פון אָנגעצונדענע הערצער, אָדערביידע זאַכען אינאיינעם. איר זעט די סתירות פון חסידיזם; די סתירות וואָס מען געפינט אין אַלע גרויסע רעליגיעזע באַוועגונגען, אין אַלע מאַסענבאַוועגונגען איבערהויפּט, ווען מען נעמט זיי, ווי זיי זיינען. די סתירות, וואָס זיינען אייגענטליך גאָר ניט קיין סתירות, נאָר מ ד ר ג ו ת; מדרגות, וואָס מוזען זיין, ווען אַן אידעע ווערט אויפגענומען פון ברייטערע מאַסען. אין אָנהויב איז זי אַ ליכטיגער פונקט אויף אַ שפּיץ באַרג אָדער אַ שטע־

רעו אין טונקעלעו הימעל — א ריינער, א לויטערער ליכט־קוואל; אבער דערנאָד, ווען זי הויבט־אָן זיך אויסצושפרייטען איבער דער ערד, ווערט פול מיט איר הויך און נידער, פעלד און זומפ... און אין אָט דעם צושטאַנד ווייזט אונז אַפּאַטאַשו דעם חסידישען רעיון. ער ווייזט אונז, ווי ער הויבט זיך אַרויף, אָבער אויך — ווי ער נידערט אַראָפּ. מיר זעען זיין אויסשפרייטונג אין אַלע זיינע מדרגות.

עס איז פאַראַן אַ מיטעו, אַ צענטער אין דער אויסשפרייטונג, אָבער דאָס איז שוין ניט דער רבי, ווי פריער, נאָר דעם רבי'נס הויף. דער רבי, ר' מענדעלע קאָצקער (דער לעצ־טער גרויסער חסידישער צדיק אין פוילען), איז שוין יאָרענלאַנג פאַרשפאַרט ביי זיך אין צימער. ער איז אַריינגעפאַלען אין עצבות אויף די עלטערע יאָרען. פריער האָט ער געהאַט ספקות אין זיך; דערנאָך האָט ער אָנגעהויבען צווייפלען אין די חסידים, צי דאַרפען זיי אים גאָר, צי פאַרשטייען זיי אים, צי זיינען זיי ווערט אים צו האָבען פאַר אַ רבי'ן — און עס איז אויסגעוואַקסען אַ וואַנט צוויי־שען אים און דעם פאָלק. אַ וואַנט, וואָס האָט אייניגע דערוויי־טערט און פילע, פאַרקערט, נאָך מער צוגעצויגען צו אים, ווי צו אַ סוד. דער „הויף" האָט מורא געהאַט, די וואַנט זאָל ניט איינפאַ־לען און עס זאָל ניט אַנטפּלעקט ווערען דער סוד פון דעם רבי'נס ספקות. האָט ער געהאַלטען אַ שטאַרקע וואַך אַרום דעם רבי'ן. דאָס האָט אים נאָך מער געמאַכט אומגליקליך, נאָך מער צעמישט און נאָך מער אים פאַרביטערט דעם לעבען. ער איז געווען אַ טאָפּעל־טער געפאַנגענער: ביי זיינע רעליגיעזע ספקות און ביי די וואַכע־דיגע אינטערעסען פון זיין „הויף". און ער האָט געשאַלטען די חסידים, אַנשטאָט צו געבען זיי ברכות. אָבער זיי האָבען ניט אויפגעהערט פאָרען אין קאָצק. דאָס פאָלק גייט נאָכ'ן שאָטען פון רבי'ן, ווען דער רבי איז אַליין ניטאָ. דאָס פאָלק מוז האָבען אַ טרייסט, אַן עצה, אַ היילונג, אַ האָפענונג — אַ פירער. די חסידים מוזען האָבען דעם רבי'ן מער ווי דער רבי — די חסידים. אים איז לייכטער אוועקגיין פון זיי, ווי זיי — פון אים. האָבען זיי אויפגעהערט צו זען דעם קאָצקער רבי'ן, זיינען זיי געפאָרען אין

דעם רבי׳שען קאַצק. חדשים־לאַנג פֿלעגען זיי זיך אַרומוואַלגערען
און וואַרטען — ניט וויסענדיג אַליין, אויף וואָס. זיי פֿלעגען אומ־
גיין פֿאַרשמאַכטע, פֿאַראומערטע, פֿאַרבלאָנדזשעטע, ווי שעפֿעלאַך
אָן אַ פּאַסטוך. אייניגע (ווי דער באַרוועסער ישׂראל) פֿלעגען
שרייען, זידלען זיך, מאַנען אַ רבי׳ן, בעטען ביי ר׳ איטשע מקובל
ער זאָל ווערען דער רבי אַנשטאַט ר׳ מענדעלע׳ן (און ער וואָלט עס,
פֿון רחמנות וועגען, מסתמא אויך געוואָרען, ווען ניט זיין ליבע
צו ר׳ מענדעלע׳ן) און אַנדערע האָבען שוין אַפּילו אויפֿגעהערט
צו טענה׳ן... „פֿאַרלאַכוויז האָבען חסידים שפּאַצירט איבער׳ן
הויף. די אַטלעסענע קאַפּאָטעס האָבען געבלישטשעט אַנטקעגען
דער זון. די לאַנגע, ווייסע זאָקען האָבען אָפּירגעשריען, כמעט
געבליצט פֿון ווייסקייט. די געלאָקטע פּאות זיינען געלעגען איבער
די אַקסלען. און אַז מען האָט זיך גוט איינגעקוקט, האָט מען געזען,
ווי דער אַטלעס האָט זיך ביי אַ טייל חסידים אויסגעדרילעוועט
און ביי אַנדערע איז בלויז געבליבען דער אונטערשלאַק. אויפֿ׳ן
גראָז — אין שאָטען — זיינען געזעסען חסידים, געשפּילט אין קאָר־
טען לשם „היסח הדעת״, געטרונקען ריינעם אַקעוויט, שטיל און
האַרציג געזונגען, אַז יעדער איינער האָט זיך געמוזט איינהערען״.

עס איז ניטאָ דאָ, ווי מען זעט, קיין פֿאַרהערליכונג, קיין פֿאַר־
שענערונג, ניט פֿון די חסידים און אַפּילו ניט פֿון רבי׳ן. זיי
שטייען פֿאַר אונז, ענדליך, אין זייער נאַטירליכער מ ע נ ש ל י־
כ ע ר געשטאַלט. עס האָט זיך איבערגע׳חזר׳ט אין דער אי־
דישער ליטעראַטור די געשיכטע, וואָס פּרץ האָט דערציילט וועגען
דעם ביאַלער רבי׳ן און דעם בריסקער רב (אין „צווישען צוויי
בערג״). כל זמן דער מתנגד, דער בריסקער רב (אין אונזער פֿאַל —
דער רעאַליסטישער קוק אויף דער זאַך) האָט ניט אַריינגעמישט
זיך, איז אַלץ געווען אַזוי וואונדערליך און אַזוי ראָמאַנטיש:
„...און די דורשטיגע אויגען האָבען אים געזען ממש בחוש, זויגען
פֿון גאַניקעל, פֿון רבי׳נס פּנים, די ליכט און וואָס מער ליכט זיי
האָבען געזויגען, העכער געזונגען האָבען זיי. אַלץ העכער און הע־
כער... אַלץ לוסטיגער, אַלץ הייליגער... און יעדע כתה האָט זיך
געזונגען איר ניגון, נאָר אין דער לופֿט האָבען זיך די אַלע ניגונים

מיט אלע קולות אויסגעמישט; און צום רבי'נס גאניקעל איז צוגע־קומען אײן זמר, אײן ניגון... גלייך ווי אלע זינגען אײן זמר. און אלע זינגען — דער הימעל זינגט, די גלגלים זינגען און די ערד פון אונטען זינגט און די נשמה פון דער וועלט זינגט... אלץ זינגט". אזוי האט מיט פארגלאצטע אויגען דער־ציילט דער חסיד, און ניט אזוי דער חסיד, ווי דער חסידיסט. האט אבער פלוצלונג דער קאלטער מתנגד, דער בריסקער רב, שארף ארויסגעזאגט: „מען דארף מנחה דאווענען!" — און אלץ איז פאר־שוואונדען געווארען! „שטיל... דער פארהאנג איז מיר צוריק גע־פאלען פאר די אויגען: אויבען — א פשוט'ער הימעל; אונטען — פשוט'ע פאשע, פשוט'ע חסידים אין צעריסענע קאפאטעס... אלטע צעריסענע שטיקלאך ניגונים... אויסגעלאשען די פלעמלאך... איך קוק אויפ'ן רבי'ן — זיין פנים איז אויך חושך"... דער פארהאנג פון דער ראמאנטיק איז אראפגעפאלען, די פלעמלאך פון דער אי־דעאליזירונג זיינען אויסגעלאשען געווארען: עס זיינען גע־בליבען „פשוט'ע חסידים אין צעריסענע קאפאטעס און ביי אנדערע איז בלויז געבליבען דער אונטערשלאק". ווי אפא־טאשו — דער היינטיגער „בריסקער רב" — דערציילט, און געזונגען האט מען שוין ניט אינאיינעם מיט די „גלגלים" און דער „נשמה פון דער וועלט", נאר אינאיינעם מיט די פשוט'ע חסידים, וואס זיינען געזעסען אויפ'ן גראז און פארטרונ־קען דעם קארטענשפיל מיט רייגעם אקעוויט...

דאס הייסט ניט, אז אפאטאשו האט זיך אומגעקערט צוריק צו דעם משכיל'ישען קוק אויף חסידות. ניין, ער האט נאר אנגע־נומען זיך פאר'ן רעאלען לעבען. ער האט אזוי ווי געזאגט צו זיך אליין: קריטיקער פון חסידות האט די אידישע ליטע־ראטור שוין געהאט (דאס זיינען געווען די משכילים); ראמאנ־טיקער פון חסידות האט זי שוין אויך פארמאגט (דאס איז געווען פרץ מיט זיינע חברים). איצט מעג זי זיך שוין פארגינען צו האבען אויך א היסטאריקער פון חסידות; א היסטאריקער. וואס זאל אונז ציינען אי דעם הייסען גלוי־בען, וואס זי האט אין מענשליכע הערצער געצונדען, אי

די גרויסע ספקות, וואס זי האט געוועקט; א היסטאריקער, וואס זאל האבען אן אויג סיי פאר די איידעלע, ליכטיגע ר׳ איטשעס, סיי פאר די ברוטאלע, בארוועסע ישראל׳ס, און זאל זען אי די עפילעפטישע, היסטערישע פרויען, וואס האבען געזוכט אין קאצק א היילונג פאר זייער קערפער און די וואכעדיגע, פּראזאאישע הויפלייט, וואס האבען געצויגען פון חסידות חיונה, יחוס און מאכט, אי די האלבע שבתי־צבי׳ניקעס און פראנקיסטען, וואס האבען געזוכט אין איר א באפרידיגונג און אן אויפרעגונג פאר זייער מיסטיש־עראטישער פאנטאזיע, אי די, וואס האבען געדורשט נאך איר ליכט, אי די, וואס האבען, ווי ר׳ מענדעלע אליין, געבלאנדזשעט אין אירע טונקעלקייטען.

## 4.

אזא קינסטלערישער היסטאריקער האט אפאטאשו געוואלט ווערען אין די קאפיטלאך פון זיין ראמאן, וועגען וועלכע איך רעד דא, און דעם דאזיגען ווילען זיינעם האט ער ארויסגעוויזען אי אין א רייע מאסען־ און גרופען־סצענעס, אי אין דער שילדערונג פון איינציגע פערזאנען.

די מאסען־ און גרופען־סצענעס זיינען געמאלט מיט א מייסטערהאפטער זיכערקייט און צונויפגענומענקייט. אין זיי איז דעם קינסטלערס ווילען פארקערפערט געווארען. אנדערש איז מיט די איינציגע פערזאנען. פון זיי זיינען געלונגען איינגאנצען נאר די, וועלכע זיינען ניט קאמפליצירט: ר׳ איטשע, ישראל, שלמה דער מלמד, ר׳ דוד, — שטייען פאר אונז אלע, ווי לעבעדיגע. יעדע תנועה, יעדע באוועגונג, יעדעס ווארט זייערס, רופט ארויס אין אונזער פאנטאזיע זייער גאנצע געשטאלט. אבער די מער פארוויקעלטע פערזאנען — און דערהויפט ר׳ מענדעלע אליין — זיינען מטושטש, און מיר זעען זיי ניט קלאר.

און דאס איז, דאכט זיך מיר, ניט קיין צופאל. אפאטאשו איז א מייסטער, ווען בי רינגען פון דער לעבענסקייט ליגען פאר

אים פ א ר ט י ג ע ; דארף ער זיי ערשט ש מ י ד ע ן און צ ו נ ו י פ ק י י ט ל ע ן. ווערט ער אָן זיין זיכערקייט. ער איז. מיט אנדערע ווערטער, מער בריה אויף פ א ק ט ע ן. ווי אויף פ א ק ט א ר ע ן. מער פייאיג צו שילדערן ר ע ז ו ל ט א ט ע ן. ווי פ ר א צ ע ס ע ן פון אינעווייניגסטען לעבען.

דאס האט זיך ארויסגעוויזען שארף און בולט אין דער שילדע־רונג פון ר׳ מענדעלע קאצקער.

ר׳ מענדעלע איז אין דעם טייל פון ראמאן, וואו עס רעדט זיך וועגען חסידים, די רייכסטע און דראמאטישסטע געשטאלט. ר׳ מענ־דעלע איז פול מיט סתירות. עס קומט אין אים פאר עפעס א טונקעלע און שווערע מלחמה. פון איין זייט איז אין אים פאראן עפעס א הויכער רצון און ער גרייט זיך צו זאגען עפעס א „גרויס ווארט“. און פון דער אנדער זייט איז א י ן אים דא עפעס אזוינס, וואס טוט אפּ זיין קראפט, פאראליזירט זיין ווילען און האקט אונטער זיינע פליגלען. דער דאזיגער אינעווייניגסטער קאמף, דער דאזיגער טראגיזם פון זיין לעבען האט געקאנט מאכען, אז ער זאל ק י נ ס ט ל ע ר י ש, ניט נאר מ ע נ ש ל י ך, זיין די אינטערעסאנטסטע פיגור אין ראמאן. אבער דוקא דעם קאמף און דעם דראמאטיזם פון ר׳ מענדעלע׳ן איז אפּאטאשו׳ן ניט געלונ־גען צו צייגען אונז קלאר. עטליכע מאל גייט ער צו צו דער אויפ־גאבע און קיין איין מאל פירט ער זי ניט אויס, ווי געהעריג איז. ער לאזט ר׳ מענדעלע׳ן רעדען, טענה׳ן, פילאזאפירען. אבער ער לאזט אים ניט א ו י ס ל ע ב ע ן ז י ך פאר אונזערע אויגען. ער מאכט אויף אים פירושים, אבער א י ם א ל י י ן גיט ער אונז ניט.

דערפאר, אז עס קומט אונז צו צייגען צושטאנדען, ניט אנט־וויקלונגען, סטאטיק, ניט דינאמיק פון מענשליכע נשמות — דאן איז די קינסטלערישע פעיקייט פון אפּאטאשו׳ס פען צו באוואונ־דערען. דאן גיט ער אונז מיט א פּאר קורצע, אבער שארפע שטרי־כען מענשען און מאסען!

די מאסען־סצענעס אויפ׳ן וועג, וואס פירט די חסידים קיין קאצק, אין די אכסניה׳ס, וואו זיי שטעלען זיך אפּ, לעבען רבי׳נס

הויף, אדער ביי דניאל אייבישיץ אין הויז ביינאכט — צייגען די וואונדערליכע רעזולטאטען, וואס אפאטאשו דערגרייכט מיט די איינפאכסטע מיטלען, ווען ער געפינט זיך אין זיין אייגענער ספערע, — אין דער ספערע פון דעם, וואס איז דא, ניט פון דעם, וואס האלט אין ווערען.

## 5.

דאס זעען מיר אויך אין די קאפיטלאך פון ראמאן, וואו עס טרעטען ארויס פאר אונז די פארשטייער פון נייעם, וועלטליכען, משכיל'ישען, דור.

אויך די קאפיטלאך האבען א ברייטען — אויב ניט נאך א ברייטערען — פארנעם, ווי דער טייל, וואו עס ווערען ארויסגעפירט די חסידים. מיר זעען דא משכילים, ווי דארט חסידים, פון די פארשידענסטע טיפען און מדרגות:

עס ערשיינט פאר אונז דער פארשטייער פון דעם ערשטען, נאך „דייטשען", דור משכילים — ר' יוסף שטראל. ער האט זוכה געווען נאך צו קענען אין זיין יוגענד דעם רבי'ן פון די פוילישע און גאליצישע משכילים — ר' נחמן קראכמאל; ער האט ביי זיך בריף פון ש. ד. לוצאטי, פון גייגער'ן; זיין באליבטע באשעפטיגונג איז — איבערזעצען אויף העברעאיש „פאוסט". ער לעבט אין דער וועלט פון ספרים און רעיונות. ער איז א רייכער סוחר און האט באקאנטשאפטען אי אין אידישע, אי אין פוילישע קרייזען; אבער גייסטיג האט ער א קנאפע שייכות סיי צו דער אידישער און סיי צו דער פוילישער סביבה. ער איז סתם אזוי אן אויפגעקלערטער מענש — א „הומאניסט".

דאן זעען מיר משכילים, וואס לעבען נאך אינגאנצען כמעט אין דער אלטער אידישער סביבה: שמואל, דער חסידישער יונגער מאן, וואס איז געווארען אן אפיקורס; דוד, דער ארימער ראנדארקעס איידעם, וואס בייטאג פארקויפט ער בראנפען די פויערים, ביינאכט שרייבט ער א ספר'ל וועגען דעם ווילנעם גאונ'ס געאמעטריע און אי בייטאג, אי ביינאכט חלומ'ט ער וועגען

פארען קיין בערלין שטודירען; מיר זעען די שוין האלב־וועלט־ליכע טעכטער פון ר׳ דוד׳ל, ר׳ מענדעלע׳ם איניקלאך...

דאן קומען די משכילים, וואס זיינען שוין צוגעשטאנען אין יע־נער צייט צו דער פוילישער קולטור און זיינען געווארען א טייל פון דער פוילישער אינטעליגענץ און דער פוי־לישער נאציאנאלער ראמאנטיק: פיליפ קאהאנע, א תלמיד פון משה העס, ביי וועלכען די פוילישע מעסיאניסטישע ראמאנטיק מישט זיך מאדנע צונויף מיט עפעס א אידישען שטאלץ און א אידישען מעסיאניזם; קראסנאפאלסקי, ר׳ לייבוש חריפ׳ס אן איניקעל, וועלכער איז געווארען א „פאריזער פראנט" און גרויסט זיך דערמיט, וואס ער רעדט פויליש אן א אידישען אקצענט; פעליציע, די יונגע שיינע פרוי פון דעם אלטען שטראל, די פויליש־אידישע סאלאן־דאמע, די מוטער — און דער סימבאל — פון דער אסימילאציע אין פוילען...

דאן — מרדכי אליין, דער יונגער העלד (אבער טאקע שוין באמת העלד, ניט פארשויין) פון ראמאן, וועלכער מאכט־דורך אלע חסידישע און אלע משכילישע מדרגות, וועלכער זאפט אין זיך איין די לופט פון אלע קריי־זען — די אידישע און די פוילישע, און בלייבט דאך אזוי ווי אויסער זיי.

מרדכי איז געבוירען געווארען און האט פארבראכט זיינע קינ־דער־יארען אין די ווילדע פארווארפענע פוילישע וועל־דער, ביי זיין הייסבלוטיגען פאטער אברהם און זיין שטילער מוטער דבורה׳לע. פאר רביים האט ער געהאט אי חסידים (שלמה, ר׳ איטשע) אי מתנגדים (זיין זיידע, דער רב), אי משכילים (שמואל, יוסף שטראל, קאהאנע), און ער האט עפעס אין זיך אי פון זיין אימפולסיווען פאטער, אי פון זיין שטילער מוטער, און ער האט עפעס געלערנט, עפעס אריינגענומען אין זיך פון יעדען פון זיינע פארשידענע רביים...

מרדכי איז די פערסאניפיצירונג פון דער פילזייטיגקייט און דעם ברייטען פארנעם פון ראמאן. נאר דער לעזער

וועט פון דער ב ר י י ט ק י י ט נאך אלץ ניט האבן קיין ריכ־טיגע פארשטעלונג, וועו איך וועל ניט צוגעבן, אז אין דעם ראמאן שפיגעלט זיך אפ, אחוץ דער אידישער, אויך די פוילישע סביבה מיט אירע אלע שיכטן (די פויערים, די פריצים, די אינטעליגענץ) און אויך די באציאונגען, וואס זיינען געווען צווישן די פארשידענע קלאסן פאליאקן און אידן, ערב דעם צווייטן אויפשטאנד.

אלזא, די וועלטליכע עלעמענטן פון ראמאן זיינען ניט ווייני־גער — אויב ניט מער נאך — רייך, ווי די חסידישע עלע־מענטן. און פונקט אזוי זיינען זיי גלייך איינע צו די אנדערע אויך אין דעם קינסטלערישן פרט: ווי אין דעם „חסידישן", זיי־נען אויך אין דעם „וועלטליכן" טייל געלונגענער, ווי אלץ, די מ א ס ע ן ־ ס צ ע נ ע ס און יענע איינציגע פערזאנען, וואס ווערן אונז געצייגט, ווי זיי ז י י נ ע ן, ניט ווי זיי ו ו ע ר ע ן.

מ ר ד כ י, וואס דער שרייבער האט אונז געוואלט צייגן זיין ו ו ע ר ע ן, זיין אנטוויקלען זיך, זיין איבערגיין פון איין צושטאנד אין אן אנדערן — איז ארים אין קינסטלערישן פלייש־און־בלוט. אין יעדן מאמענט, אין יעדן צושטאנד באזונדער ל ע ב ט ער, אבער אז מיר ווילן כאפן א קוק אויף זיין לעבן אינגאנצן, ארום און ארום, ווערט עס צערונען, צעשוואומען, ווי ליכט אין א נעפל. מיר זען די רינגען פון זיין לעבנס־קייט, מיר זען אבער ניט, ווי זיי קייטלען זיך און ווי זיי קייטלען זיך צונויף.

מיר פילן געוויס אין מרדכי'ן עפעס אזוינס, וואס איז ברייט און גרויס, עפעס, וואס נעמט אלץ ארום און נעמט פילעס אריין אין זיך; מיר פילן זיין מוט, זיין שטאלץ. מיר גלויבן אין די זעאונ־גען און האלוצינאציעס פון זיין מיסטיק. מיר זען די פליגלען פון זיין טרוים און פאנטאזיע. אבער אים אליין זען מיר ניט. ער וואקסט אוים צום סוף אין עפעס א מין ריטער פון גערעכטיגקייט, אין עפעס א מין לעגענדארישן דאן־קיכאט, וואס נעמט זיך אן פאר אלע אונטערדריקטע און באליידיגטע. עס דוכט זיך אן אנדערש מאל, אז ער איז דער סימבאל פון דעם גאנצן אידישן פאלק, פון דעם וועלט־פאלק, פון דעם וועלט־געוויסן, פון דעם וועלט־אומרו. עס איז דא א רגע, וואו מרדכי זעט אזוי, ווי בנבואה, דעם רויטן

טאג, גאנצן טאג, וואס קומט אן אויף דער וועלט: „...א געביידע נאך א געביידע קראכט, און איבער די חורבות שטייט א איך. שטייט ע ר. רופט צו זיך די דערשלאגענע, די הונגעריגע, די גע־פייניגטע, רייסט די שליוזן, ברעכט די דאמבען, פארפלייצט די ערד, מאכט אלץ חרוב, דער מענש, א נאקעטער, א נייגעבוירענער זאל ווייטער קאנען שפינען גאנצן פאדעם, דעם אידישען פאדעם, וואס איז נאך ניט איבערגעריסען געווארען". און בעת דער מרידה פון די פויערים זעען מיר טאקע מרדכי'ן אין שפיץ פון די מורדים. ער גייט אום פארשטעלטערהייט פון דארף צו דארף און בונטעוועט דעם פאלק. כאפען אים קאן מען ניט. ווארים „וויפיל עדות מען האט ניט אויסגעפרעגט, האט יעדערער געגעבען אנדערע סמנים, איינער דעם היפוך פון צווייטען. ווי ס'וואלט זיך ניט געהאנדעלט וועגען אן אפגעריסענעם יונגענמאן, וואס איז נעכטען געווען אין דארף, נאר וועגען א לעגענדע פון הונדערטע יארען, וואס לעבט אויף אין יעדער געגענד אנדערש"...

אזוי הערט מרדכי אויף צו זיין א לעבעדיגע פערזאן און ווערט עפעס אזוי ווי א לעגענדארישע געשטאלט, א סימבאל. אבער ו ו י א ז ו י דאס ווערט, ו ו י א ז ו י מרדכי וואקסט אוים — זעען מיר ניט. מיר זעען נאר זיין הויכען וואוקס. פונקט אזוי ווי עס איז אונז ניט געצייגט געווארען ר' מענעדעלע'ס פ א ר פ ר ע מ ד ט־ ו ו ע ר ע ן צו די ארומיגע, נאר זיין פ ר ע מ ד ק י י ט.

אבער מרדכי איז דאך א גרויסער אויפטו. מיר פילען אים אליין ניט, אבער די פליגלען זיינע און די קראפט, וואס הויבט אים, און די ריינע לופט, וואס טראגט אים — שפירען מיר. דאס אינדיווידועלע איז אים איז ניט גענוג לעבעדיג; דערפאר אבער לעבט אין אים עפעס קאלעקטיוועס, נאציאנאלעס. עס איז דא אין אים א וואונק ניט אויף איין תקופה, נאר אויף אלע תקופות, דאס הייסט, אויף דאס אייביגע אין דער אידישער געשיכטע. עס איז אין אים נאך ניט געגעבען דער גרויסער העלד, די נייע מיטאס־גע־שטאלט, דער מאדערנער משה, וואס די היינטיגע אידישע ליטערא־טור דארף פון אונזער בלוט און פיין לאזען ארויסוואקסען; אבער עס איז אנגעצייגט אין אים דער וועג צו אט דעם הויכען און אומ־אויסמיידליכען ציל פון אונזער שאפען.

און אויב אַפּאַטאַשו און אַנדערע אונזערע פּראָזע־ און פּערזען־ דיכטער, וואָס האָבען זיך געשטעלט שוין אויף דעם באַרג־אַרויפּי־ גען וועג, וועלען האָבען כח ווייטער צו גיין אויף אים און העכער, אַלץ העכער קלעטערען, וועט אונזער ליטעראַטור ווערען, ענדליך, דאָס, וואָס עס דאַרף ווערען די ליטעראַטור פון אַ פאָלק, וואָס שטייט אין צענטער פון דער וועלטגעשיכטע.

(1921)

# א. ראַבאָי: דריי ראָמאַנען*)

די דריי ראָמאַנען פון א. ראַבאָי („הער גאָלדענבאַרג", „אַ פּאָס פון ים" און „דאָס ווילדע לאַנד") זיינען אייגנטליך איין ווערק, איין פּאָעמע פון — פערד, מענשען, אָקסען, פּרעריעס, וועלדער, וועגען, בערג, בענקענישען, טרויער, פרייד, זון, רעגנן, גאָט. אפילו טעכניש וואָלט מען זיי געקאָנט צונויפגיסן אינאיינעם, ווי מען גיסט צונויף אין איין פלאַש געטראַנקען פון איין מין, וועז אפילו ניט פון איין שטאַרקייט. מען וואָלט געדאַרפט מאַכן דערביי נאָר קליינע, טעכנישע, אָפּעראַציעס און אַרויסווייזן אַ געוויסע אויסערליכע בריה'שקייט און בוי־קענטשאַפט. אינערליך זיינען די ווערק סיי־ווי פון איין שטאָף. אַזוי, אַז אַנדערע לעזער האָבן אפילו דעם איינדרוק, אַז ראַבאָי חזר'ט זיך איבער. דאָס איז אָבער גאָר ניט אַזאַ זינד. אַלע קינסטלער, וואָס האָבן אַ „איד", „חזר'ן זיך איבער", אין אַ געוויסן זינען; מער ניט, וואָס דאָס ווערט געוועגליך פאַרשטעלט דורך דער פאַרשידענאַרטיגקייט פונ'ם שטאָף. אפילו די נאַטור אַליין „חזר'ט זיך איבער", און נאָך מער פון די קינסטלער, ווען זי שאַפט יעדעס יאָר גרינס און בלעטער און בלומען און אַלע אַנדערע באַשעפענישען, וואָס זייער מין איז שוין געווען. אָבער יעדעס בלאַט און יעדעס גרעזל און יעדער טראָפּן זאַפט אין אים איז אַ ניי שטיק לעבן, אַ נייע שאַפונג, כאָטש אַלטע כחות לעבן אין דעם...

— האַפּיז, האַפּיז ווידערהאַלט זיך —
שרייען אַלע איין געשריי:
— יעדען טאָג אַ נייעם לידעל,
יעדעס ליד — דער אַלטער וויי...

---

*) פאַרלאַג „אַמעריקא", 1920.

אך, איר קורצזיכטיגע מורמלער!
שאפט ניט גאָט דען אויך אַזוי?
יעדען יאָר אַ נייעם פרילינג
דאָך — דער אַלטער סאַלאָוויי.

(י. ראַלניק.)

איך האָב אין ראַבאַי׳ס ווערק, יעדענפאַלס, געפילט ניט קיין איבער׳חזר׳ונג, נאָר אַ המשך פון דעם, וואָס איך האָב פריער געלייענט ביי אים. איך האָב געפילט, אַז אַרום מיר וועבט זיך אַלץ דאָס אייגענע, ווילדע, פרישע, שטומע, אַמאָל טונקעלע און אַמאָל ליכטיגע ראַבאַי׳אישע געוועב. און איך האָב זיך געפּלאָנטערט נאָר אַביסעל אין די נעמען. זיי זיינען אין יעדען ראָמאַן נייע, און זיי האָבען געקאָנט זיין איינע און די זעלביגע.

אַ שטייגער, הער וויינבוים אין „פּאָס פון ים". פאַרוואָס וואָלט ער זיך ניט געקאָנט אָנרופען הער גאָלדענבאַרג, ווי עס הייסט דער העלד פון ראַבאַי׳ס ערשטען ראָמאַן? מיט וואָס איז ער אַנדערש פון הער גאָלדענבאַרג? אמת, הער גאָלדענבאַרג האָט ניט קיין קינדער און הער וויינבוים איז געבענשט פון גאָט מיט אַ טאָכטער. (און נאָך אַנדערע אונטערשיידען.) אָבער דאָס זיינען אַלץ אויסערליכקייטען. אין תוך, איז וויינבוים אין „פּאָס פון ים" אַ גלגול פון הער גאָלדענבאַרג אין ראַבאַי׳ס ערשטען ראָמאַן. הער גאָלדענבאַרג האָט ליב די ערד, וואָס ער באַאַרבעט, ווי זיך אַליין, וואָרים די ערד איז זיינע, ער האָט איר די בעסטע כחות אָפּגעגעבען און אויך זי גיט אים אַלץ, וואָס זי פאַרמאָגט. און דאָס אייגענע איז מיט הער וויינבוים. אויך ער האָט די פרוכטבאַרקייט פון דער ערד מיט זיין ליבשאַפט צו איר און מיט זיינע שטאַרקע אָרעמס אויפגעוועקט. אין הער גאָלדענבאַרג איז וואָך געוואָרען די גלוסטונג צו דער ערד, וואָס האָט אין צענדליגער אידישע דורות געדרעמעלט, און אויך הער וויינבוים האָט אַזוי ווי געזאַמעלט און אויפגעהיט יענע פּויערישע געדולדיגקייט, איינגעשפּאַרטקייט און גלויביגקייט, וואָס אַלע איבעריגע אידען האָבען זיי צעזייט און צעשפּריט איבער די וועגען פון זייער נע־ונד־זיין. וויינבוים זאָגט,

אז „א מענש באדארף זיך קלעפּען צו איין אָרט, אַזוי ווי אַ שטיין קלעפּט זיך צו דער ערד. מיט דער צייט הויבט דער שטיין אָן צו ווערען באַוואַקסען מיט גראָז". און אַט אַזוי האָט זיך צוגעקלעפּט צו דער ערד אויך הער גאָלדענבאַרג, וועלכער זאָגט, אַז ער האָט זיין לעבענסצוועק „אַט אַ דאָ אויף דער פּרעירי" און ווענען וועלכען דער פּראָפעסאָר דערציילט, אַז — „האָט ער אַ טשוואַק איין ערגעץ אַריינגעקלאַפּט, איז עס געוועזען אַ טשוואַק אַריינגעקלאַפּט פאַר זיך און פאַר קינדס־קינדער".

און פּונקט אַזוי ווי מיר באַגעגענען דעם באַיאָרטען גאָלדענבאַרג'ן פון דעם ערשטען ראָמאַן ראַבאַי'ס אין דער געשטאַלט פון דעם אַלטען וויינבוים'ען אין „אַ פאַס פון ים", אַזוי זעען מיר א י י ז י ק ' ן, דעם י ו נ ג ע ן „העלד" פון „הער גאָלדענבאַרג", אין דעם יונגען ו ו א ל ד ' ע ן, וואָס „אין פאַס פון ים". אויך זיי זיינען אויסערליך ניט גלייך איינער צום אַנדערען, צוויי גופ'ן, אָבער — איין נשמה. אמת, אייזיק וויל אויף דער פאַרם נאָר אויסלערנען זיך די מלאכה פון אַ פּויער און פאָרען דערנאָך קיין ארץ־ישראל און דאָרט „זיך אַ הויז בויען און אַ ברונען גראָבען". בעת דוד וואַלדען וויל דאָ בלייבען. אָבער וואָס איז די נפקא מינה, וואָס פאַר אַ געדאַנקען אַ מענש האָט? דער עיקר איז דאָס ליכט פון זיינע אויגען און דאָס בלוט, וואָס רינט אין זיינע אָדערען. און אין דוד וואַלדען רינט אייזיק'ס בלוט און אייזיק'ס שטיל און זיכער ליכט לייכט אין זיינע אויגען. אייזיק'ס ליבע צו דבורה'ן, גאָלדענבאַרג'ס פּלימעניצע, און דוד וואַלדענ'ס ליבע צו אסתר'ן, וויינבוימ'ס טאָכטער, איז איין ליבע: דאָס איז אַ שטומע ליבע; א פעלד־ און וואַלד־ליבע. עס זיינען דאָ באַוועגונגען, באַרירונגען, פאַר'כשופ'טקייט און בליקען און בענקעניש, אָבער ניט קיין רייד. עס איז דאָ די צניעות'דיגע אָפענקייט פון דער נאַטור אינאיינעם מיט דער פאַרשלייערטקייט פון מענשען, וואָס זיינען דאָך שוין ניט קיין נאַטור־מענשען... אָבער ניט נאָר די ליבע — און די געליבטע — איז ביי זיי איינע און די זעלביגע. זייער גאַנצער יש: די איינגעשפּאַרטע שווייגעניש און די שווייגענדיגע איינגעשפּאַרטקייט און די פאַרטראַכטקייט און די מיט טרוים פאַרוועבטע ווי־

לענס־קראפט שטאמט ביי זיי ביידען פון איין נשמה־קוואל. אין
ביידען האט ראבאי ארייננעליינט עפעס עיקר׳דיגס פון זיך אליין.

און וואס איז ב ע ז פון דריטען ראמאן („דאס ווילדע
לאנד״)? דער אייגענער שווייגער און פאר׳עקשנ׳טער טרוימער,
וואס אייזיק און דוד וואלדען. דער אייגענער שטאט־מענש, וואס
איז געווארען א פעלד־ און וואלד־מענש און וואס פילט זיך צווישען
פערד און בוימער און גראז בעסער, ווי צווישען מענשען.

אבער הייסט עס דען, אז ב ע ז איז באשאפען אין דעם פו־
רעם און לויט דער געשטאלט פון דוד וואלדען און דוד וואלדען —
אין דעם פורעם און לויט דער געשטאלט פון אייזיק? ניין, זיי זיי־
נען אלע באשאפען אין דעם פורעם און לויט דער געשטאלט פון...
א. ראבאי. ער האט זיי פון זיך ארויסגעטרוימט דא אונטער אזא,
דא אונטער אן אנדער נאמען, דא ביי אזוינע, דא ביי אנדערע אומ־
שטענדען. און וואלט זיין עובדה געווען אונז צו געבען מענשליכע
כאראקטערען, צו צייגען אונז קינסטלעריש־פסיכאלאגישע עקספע־
רימענטען, אדער צו דערציילען אונז נייע געשיכטעס, וואלטען מיר
געקאנט האבען טענות, פארוואס ער גיט אונז וואריאנטען פון איינע
און די זעלביגע כאראקטערען, פון איינע און די זעלביגע עקספערי־
מענטען, פון איינע און די זעלביגע געשיכטעס. אבער ניט דאס איז
זיין שליחות אין אונזער פראזע־קונסט. ער איז ניט קיין כאראק־
טארען־שילדערער. די געשטאלטען פון זיינע ווערק ווערען אונז
אדער געצייגט נאר פון איין זייט, אדער עס ווערען געגעבען בלויז
אנצוהערענישען אויף זייער כאראקטער, און עס באקומען זיך סי־
לועטענצייכענונגען, אנשטאט קענטיגע קאלירען. ער איז ניט קיין
בריה אויף פסיכאלאגישע „פארטיפונגען״ און זעלישע „אויסגרא־
בונגען״. ער איז אויך ניט קיין דערציילונגס־מייסטער; ער האט
ניט קיין גוסט צו „פאבולירען״ גלאט אין דער וועלט אריין און צו
שפינען לאנגע און פארדרייטע דערציילונגס־פעדים: דער ספור
המעשה פון „הער גאלדענבארג״ קען דערציילט ווערען אין עטליכע
ווערטער: הער גאלדענבארג האט געהאט אין דער ווייטער וועסט
א פארם „אנגעפילט מיט אל דאס גוטס, אבער ניט קיין קינדער״.

האט ער אריינגענומען אין שטוב צו זיך זיין שוועסטערס טאכטער, דבורה: האט דבורה'ן ליב געקראגן דעם קריסטליכן שכנ'ס זון יאהאן. און דבורה'ן איז געפעלן געווען גאלדענבערג'ס פערד־יונג, אייזיק. נאר אייזיק האט ניט געוואלט בלייבן אויף דער פארם, ווארום ער האט געטרוימט וועגן א היים אין דעם לאנד, וואו עס רינט מילך און האניג. איז ער אוועק. איז דבורה מיט אים מיט־געגאנגען. און הער גאלדענבארג מיט זיין פרוי רחל זיינען געבליבן אליין...

די „מעשה" פון די איבעריגע צוויי ראמאנען קען מען אפילו ניט איבערדערציילן, ווארים עס איז אייגנטליך גאר ניט קיין מעשה, נאר איינציגע עפיזאדן, וואס פלעכטן זיך און פלאנטע־רן זיך איינע מיט די אנדערע און רייסן זיך איבער אינמיטן דערינען און פארטשעפען זיך ווידער און רייסן זיך ווידער איבער...

ניט מיט די מעשיות און ניט מיט דער „פסיכאלאגיע" און די „דראמעס" פון זיינע העלדן און אפילו ניט מיט דער נייקייט פון דער מיליע, וואס ער שילדערט, פאראינטערעסירט אונז ראבאי, נאר — מיט זיך אליין, מיט זיין אייגענער, געזעענער און גע־טרוימטער, וועלט, מיט זיין ווילדן, פרישן סטיל, וואס האט אין זיך אזא, גאר ניט היינטיגע, תמימות, און אזא, ניט שטאטישע, נאטירליכקייט און בילדליכע אנגעזעטיגטקייט... ניט מיט זיינע עצם ווערק נעמט ער אונז, נאר מיט דעם אייגנארטיגן (קנוט האמ־סונ'שן? ניין, ראבאי'שן) נעפעלדיגן הייטעל, וואס איז אויף זיי ארויפגעצויגן, און מיט די איינציגע, ליכטיגע אדער טונקעלע, לע־בעדיגע פלעקן, וואס מיר זען דורך דעם נעפעל... ראבאי איז ניט קיין ראמאניסט און ניט קיין דערציילער אין דעם געוועונליכן זינען. ער איז א — פארשטעלטער — ליריקער, און זיינע ראמאנען זיינען שטיקער *פארגליווערטע ליריק*...

דאס איז ניט דער גאנצער ראבאי, פארשטייט זיך; אבער דאס איז א פונקט, פון וועלכן מען קען אים, דוכט מיר, זען בעסער, ווי פון אלע אנדערע פונקטן (און וואס זיינען דען אלע באמיאונ־גען פון דער „קריטיק", אויב ניט צו געפינען פאר'ן בילד פון קינסט־לער דעם בעסטן קוק־פונקט?)

מעקט אוים פון א. ראַבאַי'ס ראָמאַנען די עטליכע פאַרשוינען, וואָס ער האָט ניט ליב און וואָס ער האָט זיי אַריינגענומען נאָר ווי א קאָנטראַסט צו די איבעריגע (אשטייגער, די ראָזענבערגס אין „אַ פּאַס פון ים", אָט די שטאָטישע מענשען, וואָס האָבען ניט האָלט די ערד און וואָס זי האָט זיי ניט האָלט דערפאַר) — וועט איר זען, אַז כמעט אַלע איבעריגע געשטאַלטען זיינען שטיקער פון ראַבאַי'ס אייגענער — אינעווייניגסטער — וועלט.

איז וואָס דער חידוש, וואָס אין א סך פּרטים זיינען פילע פון זיי ענליך איינע אויף די אנדערע? זיי זיינען אַלע — ראַבאַי. זיי אַלע רעדען ווייניג, און זייערע געפילען און באַשליסונגען דריקען זיי אַלע אוים אין מעשים און באַוועגונגען, אַזוי ווי די פערד און די איבעריגע שטומע באַשעפענישען, מיט וועלכע זיי קומען אין אַזאַ נאָנטער באַרירונג. און אַז זיי צורעדען זיך אַמאָל, איז עס ניט קיין געוועהנליכע רייד, נאָר עפּעס אַן עקסטראַקט פון אויסגעליטענער ער־פאַרונג אָדער עפּעס א טרוימעניש, אָדער גאָר עפּעס א געזאַנג פון דער נשמה, אַזוי ווי ביי ראַבאַי'ען אַליין. זיי רעדען ניט מיט זייער אייגענעם, נאָר מיט ראַבאַי'ס לשון. (אין אַ עפּישען ווערק איז עס א חסרון, אין ליריק קאָן אנדערש ניט זיין.) אין זייער שפּראַך מוז זיך פילען ראַבאַי, ווארום ז י י ז געזאַנג זינגען זיי; יעדערער — א טייל אָדער א וואַריאַנט פון אים: גאָלדענבאַרג און וויינבוים — די מענליכקייט און די פרייד פון אַרבייט און דאָס שטאַרקע לעבענס־געפיל, וואָס אין אים; אייזיק, דוד וואַלדען אָדער בען — זיין שווייגענדיגע ציל־באַוואוסטקייט און זיין אין טרוים אין טרויער פאַרוויקעלטע ווילענסקראַפט, אברהם וואַלדען — זיין רעליגיאָזי־טעט (דאָס טיפּסטע געפיל ראַבאַי'ס) אסתר אָדער דבורה — זיין פרישע און שטראַמיגע יוגענדליכקייט א. אַז. וו. אַלע זיינען זיי פאַרקערפּערטע געפילען, טרוימען און תפילות פון א. ראַבאַי. אַלע אָטעמען זיי מיט זיין אָטעם...

דאָס פּאַסט ניט פאַר קינסטלער עפּיקער, פאַר קינסטלער, וואָס כשופ'ען אַרוים א לעבען, וואָס זיי האָבען אַליין ניט געלעבט, נאָר „געזען" (מיט דעם אויג פון זייער לייב און — נאָך מער — מיט

דעם אויג פון זייער פאנטאזיע). ז י י לאזן אויך איבער אין זייערע ווערק שפורן פון זייער איך, עכאס פון זייערע אינעווייניגסטע שטורעמס און שאטענס פון זייער שווייגן; אבער דאס זיינען פארדעקטע, פארשטעלטע שפורן. דאס זיינען עכאס ווייטע־ווייטע און שאטענס בלאסע, קוים וואס מען זעט זיי; אזוי ווי א דיקע וואנט, א מחיצה, וואלט געווען צווישן זייער איך־לעבן און דעם לעבן פון די וועלטן, וואס זיי שאפן. ראבאי געהערט צו די קינסטלער, וואס דער פארהאנג, וועלכער טיילט אפ זייער לעבן פון זייער שאפן, איז זייער א דינער און א דורכזיכטיגער און דערצו ווערט ער אינמיטן דערינען אפט צעריסן, און פרישע, נאך ניט אפגעקילטע, איך־שטראמען לויפן פון זיין לעבן אריין אין זיין שאפן. ראבאי געהערט, מיט איין ווארט, צום טיפ ל י ר י ש ע קינסטלער.

די איינציגע „פארשוינען", וואס ווערן געשילדערט ביז צו א געוויסן גראד „עפיש" אין ראבאי׳ס ראמאנען, זיינען די, וואס רעדן ניט אויף קיין מענשליכן לשון: דאס זיינען די פערד, די אקסן, די וועלדער, די תבואות און די איבעריגע זאכן, וואס ראבאי מאכט, אז זיי זאלן לעבן און אנפילן מיט זיך זיינע ווערק. אבער אויך די וועלדער און די גראזן און די פערד און די בהמות, און די ערד, וואו זיי וואקסן אדער פיטערן זיך, זיינען ניט מער ווי טיילן פון ראבאי׳ס געזאנג, פון ראבאי׳ס עראינערונגען, פון ראבאי׳ס טרוימען אדער תפלות. ווען ער ציינגט אונז אט די אלע גאטס באשעפענישן, זעען מיר ניט בלויז זיי, נאר אויך אים, ווי ער שטייט און קלייבט נחת פון זיי, ווי ער שטייט און פרייט זיך מיט זייער פרייד און האט צער פון זייער צער. אויב ער דערציילט אונז וועגן פערד מער, ווי וועגן אנדערע באשעפענישן, אויב פערד געהערן, קאן מען זאגן, צו די הויפט פארשוינען פון זיינע ראמאנען, איז עס ניט ווייל ער קען זיי בעסער, נאר ווייל ער ליבט זיי מער, ווי אנדערע באשעפענישן... לירישע שרייבער שרייבן דערהויפט וועגן זאכן, וואס זיי ליבן. און די דריי ראמאנען ראבאי׳ס זיינען טאקע ניט מער, אבער אויך ניט ווייני־

גער, ווי די פּאַעמע פון ראַבאַי'ס ליבע. פון זיין ליבע צו פערד, צו פעלדער, צו וועלדער, צו מענשענקינדער, וואָס לעבען צווישען זיי, און צו אַלע גאָטס באַשעפענישען, — אַחוץ די גרויס־שטאָ־טישע. זיי האָט ניט גאָט באַשאַפען, נאָר דער טייוועל...

(1920)

# יואל מאַסטבוים: דריי דורות*)

„די ווילדע „פייכטע כויענע" האט פאר דעם פארהארעוועטען מענש פון דער גרויסער שטאט, אלענפאלס, פאר דעם דילעטאנט, וואס לעבט אפ א גאנצען ווינטער אין די סאלאנירטע ערטער, אונטער דעם שיין פון עלעקטריע, אונטער דעם קלאנג פון דער קאמעראלער סאלאן־מוזיק, אונטער דער פראזעאלאגיע פון גריכישע קונסט און סתם געקינסטעלטקייט פון דער נשמה, קאפירטער שווערמעריי, — האט גאט געגעבען א שטיקעל צייט אין יאר, וואס אזא מענש האט זיך ליב צוזאמענצוטרעפען מיט דער נאטור", — אזוי הויבט זיך אן דער דריטער טייל פון ראמאן.

„ווען עמיץ וואלט פארבלאנדזשעט אין א שטילע גאס פון דער אונטערשטאט, דארט, וואו עס שפרייטען זיך אויס זומערצייט גרינע פלעצער, און מענער, פרויען און קינדער, ערשעפטע, לעגען זיך אויס געגענאיבער דעם טייך מיט די פארטריקענטע ברוסטען געגען הימעל, אריינצואטעמען די פרייע לופט, — וואלט ער איצט דורך די פארשנייטע, ערטערווייז בלאטיגע פלעצער זיך ארויפגעקריגען אין א קליין בוידעם־שטיבעל פון א הויכשטאקיגען הויז" — דאס איז דער אנהויב פון פערטען טייל.

און עס פארשטייט זיך, אז ווען עס וואלט זיך אנגעהויבען מיט אזא מין פראזע דער ערשטער טייל פון בוך, וואלט אים שוין קיינער ווייטער ניט געלייענט. קיינער וואלט זיך ניט געריכט צו געפינען עפעס רעכטס אין א בוך, וואס האט אין זיך אזוינע ווילדקייטען, ווי

*) פארלאג „אידיש", ווארשע, 1920.

די נאַר וואָס געבראַכטע. און אַפילו דער קריטיקער, דער „פּראָפּע־סיאָנעלער" לייענער, וואָלט געמוזט פאַרמאַכן אַזאַ בוך גלייך נאָך דעם ערשטן זייטל און אים מער ניט עפענען. ווארום וואָס פאַר אַ ווערדע קאָן האָבן אַ חיבור, וואו עס ווערן געברויכט אויסדריי־קען אַזוינע, ווי „סאַלאַנירטע ערטער", „קאַפּירטע שווערמעריי", און וואו דער סוף פון אַ זאַץ קלעפּט זיך ניט צום אָנהויב?

אַלזאָ, ווען נאָר אויף די ערשטע זייטלאַך וואָלטן זיך גע־טראָפן אַזוינע אומגעלומפּערטקייטן, ווי די אויבן־ציטירטע, וואָלט עס גלייך גע׳פּסל׳ט דעם בוך אין אונזערע אויגן און מיר וואָלטן אים ארויסגעלאָזן פון האַנט ניט געלייענט. אָבער... דאָס וואָלט געווען אַ שאָד, אַ גרויסער שאָד. ווארום עס איז אַ ל ע ב ע־ד י ג בוך, כאָטש עס איז משונה־ווילד, פאַרגרייזט, פאַרקריפּעלט, און שטעלענווייז, פּשוט, עם־הארציש, אַנאַלפאַבעטיש.

עס איז דאָ אָריגינאַליטעט און זיכערע באַגאַבטקייט ביים פאַרפאַסער, — און עס איז דאָך בעסער אַ טאַלאַנט אַ קריפּעל, איי־דער אַ רויטבאַקיגע מיטעלמעסיגקייט. אַ טאַלאַנט זאָגט אונז עפּעס אַפילו, ווען עס שטאַמעלט. אין זיין עצם שטאַמלען איז דאָ עפּעס אַ רייץ. עס איז פאַראַן אַ חן אין די קרימסטע שמייכלען און ווילדס־טע ליניעס פון זיין געזיכט.

אַזאַ רייץ און חן איז דאָ אויך אין די ווילדע, קרומע, קראַנקע שמייכלען און אין דער שפּראַכליכער שטאַמלעניש פון יואל מאַסט־בוים.

ער שרייבט אַזוי, אַז איר ווייסט ניט, צי עס איז אַ נאַאיוועער סטיל, אָדער, פאַרקערט, אַ היפּערראַפינירטער; אָבער איר ווייסט עס ניט בלויז דערפאַר, ווייל ער האָט אין זיך ביידע עלעמענטן אײנ־איינעם: ער איז אַ געמיש פון נאַאיווער קינדישקייט און רייפ־קייט, פון אַלטמאָדישקייט און מאָדערניטעט — און דאָס גיט אים צו אַזאַ מאָדנע, געווירצטע אייגנאַרטיגקייט.

אָט אויף וואָס פאַר אַן אופן ער הויבט אָן דעם ראָמאַן: „איי־דער מיר צייכענען אָן די ליניע און איבערהויפּט דעם וועג, וואָס פירט צום לאַנד פון אונזערע העלדען, מוזן מיר פריער פאַרבלאָנ־דזשען אין אַ וועג אַ וואַלדיגען, וואָס זיין לופט אין דער פרי שמעקט

מיט עפּעס בלומיגעס, קאַרנדיגעס און אַנגענעמעס פון וואַסער".
דאָס איז ניט קיין גלאַטער זאַץ, אָבער די ניט־גלאַטקייט איז דאָס, וואָס אונז אינטערעסירט, וואָס ציט אונז אַריין אין בוך, ווי אַ קרום כשופ׳דיג וועגל — אין די טיפעניש פון אַ טונקעלען וואַלד.

דער געבראַכטער זאַץ פון דעם ערשטען בלעטל איז ניט קיין אויסנאַם. אַזוינע מאָדנע, פאַרדרייטע און אומגעריכטע ווענדונגען זיינען דאָ אויף יעדען זייטל. — דערהויפּט אין דעם ערשטען, אַגב, בעסטען — טייל פון ראָמאַן. איך וועל ברענגען אַ פּאָר ביי־שפּילען. (פון אַזוינע אייגנאַרטיגע ווערק איז שווער, כמעט אוממעגליך צו געבען אַ באַגריף דעם לעזער אָן אָפּטע ביישפּילען):

...דאָס איז אַ סטעזשקעלע, וואָס גנב׳עט אַוועק אייערע טריט פון דעם טומעל, רויך, בראַנפען און שטיינקוילען און פירט צו עפּעס אַ פיינערער שמעקעדיגערער וועלט"...

....וואָרום „מאַריטקעלעס גליק" איז ניט דאָס געוויינליכע גליק פון אַלע מיידלאַך אַרום. ניט די געשניצטקייט פון איר וויג איז (די געשניצטקייט פון) זייער וויג געוועזען, און ניט דאָס זיי־דענס פון אירע וויקעלשנורען זיינען (איז!) אויך זייערס געוועזען. וואָרים פינף און דרייסיג יאָר זיינען די שטובמענשען אַרומגעגאַנגען עלענדע, פאַרטראַכטע, די מיילער האָבען געגעסען, די אויגען — געשלאָפען. נאָר די נשמות האָבען געקלאַפּט אין אַלע טויערען פון הימעל, געבעטען זיך, גע׳חלש׳ט נאָך אַ טאַכטער, פשוט, ווי אַ שניטער נאָך רעגען: „קום! קום!" און זי איז אויסגעבעטען געוואָרען".

מאַסטבוים שרייבט אַזוי, ווי ווען ער וואָלט דער ערשטער אָנ־געהויבען שרייבען אויף אידיש: קיין שום מוסטערן עקזיסטירען ניט פאַר אים. ער שעפּט זיין שפּראַך, אירע ווערטער, אירע ווענ־דונגען, איר ריטם, איר ניגון, פון גאָר עפּעס אַ באַזונדער קוואַל. פון אַ קוואַל, וועלכער ליגט ערגעץ ווילד פאַרוואַקסען אין אַ טי־פעניש פון אַ ווייטען וואַלד. ער האָט זיין אייגענעם וואָרט־אוצר און זיין אייגענעם סינטאַקסיס. דערביי, אָבער, פילט זיך ניט קיין

געמאכטקייט און קיין טרוקענקייט אין זיין סטיל, ווי דאס טרעפט אפט ביי שרייבער, וואס װ י ל ע ן (און ו ו י י ס ע ן, אז זיי ווילען) זיין אריגינעל. פארקערט, עס איז דא אין זיין אייגענאר־טיגען אופן שרייבען (כל זמן ער פארפלאנטערט זיך ניט) עפעס א געשמאקע אורקוואליגע נאטירליכקייט. אפילו זיינע אומבאהאל־פענקייטען שלינגען מיר לייכט אראפ, און אפט זינגט זיך דער זאץ ביי אים ארויס, ווי עפעס מוזיקאלישעס, אזוי ווי א קינד וואלט צו אונז גערעדט.

דאס אייגענע מוז מען זאגען וועגען דער קאמפאזיציע און דעם עצם אינהאלט פון ראמאן. עס איז, אזוי ווי די שפראך, א געמיש פון פרימיטיוויטעט און פיינער, עדעלער קאמפליצירטקייט, א צו־נויפשטעל פון קינדישער, בוכשטעבליך קינדישער פלאפלעריי און עפעס א מעלאדיע און א כישוף, וואס מאכט, אז די אומבאהאלפענע שטאמלעניש זאל אויפלייכטען מיט עפעס א פארבארגענעם זין.

דער פאדים פון דער דערציילונג הויבט זיך אן צו שפינען „אין דער אידיליענוועלט" (אזוי הייסט דער ערשטער טייל) פון מ א־ ר י ט א ס קינדהייט. מאריטא (אדער מרים) איז דער מיטעל־פונקט פון ראמאן. זי איז עס די פערזאן, וועלכע קומט אין בארי־רונג מיט די ד ר י י ד ו ר ו ת, וואס ווערען דא געשילדערט.

די דריי דורות לאזען איבער — יעדער אויף זיין שטייגער — שפורען, טיפע, ניט־פארגייענדיגע שפורען אין מאריטא'ס גוף און נשמה.

דער ערשטער דור — דאס איז מאריטא'ס פאטער, ר' מאטיע אפרים'ס, און די אלע מענשען, וואס לעבען ארום אים. ר' מאטיע איז אן איינגעפונדעוועטער, רייכער און פרומער, פוילישער איד. ער האט א בראנפען־פאבריק (א „גארזשעלניע") מיט א גרויסען „הויף" און אייגענעם און פירט א ברייטען לעבען פון א רייכען גוטס־באזיצער. דעם פלאץ, וואו זיין הויף געפינט זיך, באשרייבט מאסטבוים אזוי:

„...פון צייט צו צייט שלייכען זיך דא דורך טריט בעל־

חבת'ישע, נחת'דיגע, שטילע און גאָטספאָרכטיגע. און אַט די טריט פירען אין אַ שטילער געגענד, וואָס הויבט זיך אָן מיט אַ געשניצטע, פריש־געשמידטע, געפלאָכטענעם פאָרקאַן. אונטען, ביי די טריט פון פאָרקאַן, ביי דער טונקעלער ערד, פון וועלכער עס שמעקט מיט געזונטע ווארצלען, זענען זיך שמאָלע וואַסערלאַד, קאַלטע און אנגענעמע צום טרינקען, און איבער'ן פאָרקאַן, דורך די דיקע פרוכט־בוימער — אַ רייע רויט־דעכיגע הייזער מיט גרויסע קלאָרע שויבען און גאַרדינען ביי פענסטער. און אויף די ווענט דריי גאָלדענע מעדאַלען און צוויי מעשענע. דאָס איז עס, דאָס איז עס — ר' מאַטיע אפרים'ס הייזער, וואָס שטייען שוין דאָ יאָרען, יאָרען. קיין חובות אויף זיי, קיין מאַנער, קיין פאָדערונג דורכצוליגען דאָ רעלסען אדער פאַרנעמען עס אויף אַקער־בוי. דען באַהאַנגען מיט מעדאַלען פאַר אָרענטליכקייט פון מסחר, באַוואָרפען מיט נדן פון כלות און חתנים, באַשאַנקען מיט יחוס און צוטרוי, לעבט דאָ די משפחה אונטער אירע טיולענע פאַרהאַנגען, זילבערנע לייכטער, גאָלדענע בעכער און רויטע ספר תורות". די משפחה איז טיף איינגעוואָרצעלט אין רואיגען לעבען, גוט צו לייטען און איבערגעגעבען צו גאָט. די קרוין פון דער משפחה און איר אויסגעבעטען גליק איז די בת יחידה, מאַריטאַ. אַלע מענשען אין הויז לעבען נאָר פאַר איר, צוליב איר. צו דרייצען יאָר איז זי שוין פאַר'קנסט צו אַ חתן, אַ חסידישען רבי'ס אַ זון. פון רבי'ס הויז האָט מען איר צוגעשיקט אַ מתנה — אַ בראָש מיט אַ בריליאַנט. דער בריליאַנט ווערט דער באַגלייטער פון איר לעבען, פון איר גליק און אומגליק. ער וואָלט איר געבראַכט אפשר נאָר גליק, ווען זי וואָלט געוואַסט צו שעצען דאָס הויז, פון וואַנען ער איז געשיקט געוואָרען צו איר, דאָס הויז פון דער אַלטער יחוס'דיגער רבי'שער פאַמיליע. אבער זי האָט דאָס הויז ניט געהאַלטען ערליך. זי האָט ניט געוואָלט בלייבען די כלה פון דעם רבי'ס זון. איר איז בעסער געפעלען געווען איר טאַטענס שרייבערעל, טוביה, וועלכער האָט געקענט שניצען און מאָלען מענשעלאַך. און דעם בריליאַנט האָט זי אָוועקגעגעבען פּאָסיע'ן, זייער דינסט, פאַר אַ דרשה־געשאַנק צו איר חתונה.

פון דאַן אָן האָט זיך אָפּגעטאָן דער מזל פון ר' מאַטיע'ס שטוב

און פון מאריטא׳ן. טביה, וועלכען ר׳ מאטיע וויל ניט נעמען פאר אן איידעם אנשטאט דעם רבי׳ס זון, פארט אוועק קיין ארץ ישראל. מאריטא בלייבט אליין, א פארבענקטע, און פאר ר׳ מאטיע׳ן און זיינע געשעפטען קומען אויך אן שווערע צייטען. די רעגירונג פירט איין א מאנאפאל אויף בראנפען, און ר׳ מאטיע׳ס געשעפטען גייען וואס וויטער אלץ ערגער.

העלפען אים רופט זיך אוים א איד פון א נאנטען שטעטעל, איינער צאליש — און דאס איז שוין א פארשטייער פון דעם צ ו ו י י ט ע ן דור. צאלוש, א ברוטאלער נפש, נארט אוים ביי ר׳ מאטיע׳ן די הייזער און ווערט א בעל הבית פריער אויף זיין פארמעגען און דערנאך אויך אויף זיין טאכטער מאריטא. זי האט פאר אים התונה, גלויבענדיג, אז אויף אזא אופן וועט זי פארבעסערען די לאגע פון איר אומגליקליכער פאמיליע. אבער די לאגע ווערט ניט בעסער. מאריטא׳ס עלטערן האבען אנגעווארען אלץ, וואס זיי האבען פארמאגט, און מאריטא אליין פאלט, וואס ווייטער, אלץ נידעריגער אין דעם הויז פון צאלוש׳ען, וואו עס קלייבען זיך כל־ערליי נידעריגע נפשות, אויסגעלאסענע קאמעדיאנטען און שכור׳ע רוסישע טשינאווניקעס, מיט וועלכע צאלוש פירט באקאנטשאפט צוליב זיינע פינסטערע שמוציגע געשעפטען.

צאלוש צעשטערט ר׳ מאטיע׳ס אידיליען־וועלט, די וועלט פון דעם אלטען פרומען פאטריארכאלישען אידישען לעבען, און בויטאוים אויף אירע חורבות א נייעם לעבען, א לעבען פול מיט ברוטאליטעט, גראבען עגאאיזם, פאלשקייט, אויסגעלאסענקייט, הפקרות.

וועגען ר׳ מאטיע׳ס אלטען, פרומען און גוטען, לעבען, דערציילט אונז דער פארפאסער אין העלע ליכטיגע טענער. פאר צאלוש׳ן און זיין חבריה, ד. ה. פאר דעם דור, וואס איז אויפגעשטאנען נאך דעם חורבן פון דער פאטריארכאלישער פרומקייט און גאט־גלויביגקייט, האט מאסטבוים ניט קיין אנדערע פארבען, אחוץ פעד־שווארצע. ר׳ מאטיע׳ס לעבען איז א ריינע אידיליע, צאלוש׳עס — א שמוציגע וואקכאנאליע. ר׳ מאטיע האט געבראכט פרידען, רואיגקייט און צופרידענהייט אויף דער וועלט. צאלוש שפרייט ארום זיך אומרו, ביטערקייט, פוסטקייט און פארוויסטונג. אפילו די פערד,

די הינט און די פויגלאך זיינען זיך צעלאָפן אָדער אומגעקומען, ווען צאַלוש איז געוואָרן דער בעל־הבית איבער'ן הויף אַנשטאָט ר' מאַטיע'ן... אַזוי איז דערנאָך ביסלאַכווייז פאַרגאַנגען די לעצטע, לעצטע קלאַנגען פון דער אַלטער וועלט, און די הייזער פון אַלטן ישוב זיינען געוואָרן שיטערער, זעלטענער, עפּעס ווי דערדריקט פון עפּעס אַ געהיימער האַנט". אַ נייער ישוב איז אויסגעוואַקסן. ער איז אויסערליך שענער, רייכער, באַקוועמער, אָבער אינעווייניג איז ער ווערעמדיג, צעפוילט. ס'איז נאָר אַ פּוסטער, אויבנאויפיגער גלאַנץ אויף אים. עס איז, דאַכט זיך, אַלץ ניי, אָבער די נייקייט איז גאָרנישט ניט ווערט. די נייע, פאַרשענערטע און רעפאָרמירטע שול, איז קיין שול ניט, דער רב איז ניט קיין רב, דער חזן — ניט קיין חזן: עס איז אויפגענומען געוואָרן אין דער נייער וועלט אַ חזן, אָבער שוין ניט דער, וואָס האָט זיך ביי זיינע תפלות פאַרטראַכט, געזונגען מיט אַ באַזונדער כונה, מיט אַ באַזונדער ניגון, נאָר אַ זינגער אויף גיך, ווי באַשטעלט אין ווין". עס איז אַלץ געוואָרן טאַנדעט — די געשעפטן, די פאַמיליע, די רעליגיע, די בילדונג.

מאַריטאַ האָט אין צאַלוש'עס הויז ניט געקענט בלייבן. דערהויפּט איז איר צאַלוש געוואָרן פאַרהאַסט און פאַר'מאוס'ט נאָכדעם ווי זי האָט אים געבוירן אַ קינד, און דאָס קינד איז געווען געראָטן אין אים. זי האָט אויך דאָס קינד געהאַסט. און זי האָט ווי עס איז אַרויסגעראַטעוועט ביי צאַלוש'ן דעם בריליאַנט — איר מזל — וואָס סאַסיע האָט איר צוריקגעגעבן צו איר חתונה, און האָט פאַרלאָזט זיין הויז.

זי איז אַוועק פון זיין הויז, אָבער ניט פון דעם דור, וואָס ער איז זיין פאַרשטייער. זי האָט נאָר פאַרביטן דעם ווילדן קליינשטעטלדיגן צאַלוש'ן אויף דעם כלומרשט קולטורעלן גרויסשטעטישן וואַצלאַוו. אָבער וואַצלאַוו, דער אַנטיקוואַר און דער ליבהאָבער פון קונסט, האָט זי נאָך מער באַליידיגט און געפּייניגט, ווי צאַלוש. איר בריליאַנט — איר יחוס, דעם רבי'ס מתנה — האָט ער געגעבן אַנטאָן אויסגעלאַסענע פרויען. און אינאיינעם מיט איר בריליאַנט איז אויך זי אַליין פאַרשמוצט געוואָרן. וואַצלאַוו, אָדער

אפאלאן פון בעלוועדער, ווי די פרויען רופען אים, האט זי אויסגע־נוצט — און אוועקגעווארפען. גראד דאן, ווען זי האט געזאלט ווערען ווידער א מוטער, א זינדיגע מוטער, איז זי געבליבען אן א היים און אן א באשיצער.

דער נייער, כלומרשט קולטורעלער, דור, האט צעריסען איר באנד מיט אירע עלטערן, מיט דער אלטער וועלט, און זי „בעפרייט", צוגלייך אבער האט ער אנגעטאן אויף איר נייע קייטען, די קייטען פון פאלשקייט, פוסטקייט, אויסגעלאסענקייט, עלענדקייט. דער בריליאנט, וועלכער איז געווען פריער די עמבלעם פון אומשולד, טריישאפט און גלויבען, איז געווארען דער צייכען פון זינד, פאר־ראט און פעלשונג.

און אפטמאל, לייענענדיג דעם ראמאן, דוכט זיך, אז מאריטא איז, לויט דעם פארפאסערס פלאן, ניט קיין איינציגע, אינדיווידועלע פערזאן, נאר די פערסאניפיצירונג פון אן אלגעמיינער אידעע אדער, ריכטיגער, פון א היסטארישען פראצעס, וועלכען עס האט דורכגע־מאכט אין דער לעצטער תקופה די קאלעקטיווע אידישע פערזענ־ליכקייט, דער אידישער שאפונגס־גייסט, די אידישע רעליגיע, די אידישע קולטור. דערהויפט קומט אויפ׳ן זינען די אידישע קונסט, ווען מען הערט וואס דער שרייבער דערציילט אונז וועגען די גלגולים פון מאריטא און איר בריליאנט. די קונסט איז — ניט צופעליג געווים — איינגעפלאכטען אין דער געשיכטע פון יעדער פון די דריי מדרגות, פון די דריי דורות, וואס מאריטא האט דורכ־צומאכען. אין דער ערשטער סטאדיע, ווען מאריטא איז נאך ביי אירע עלטערן אין הויז, א ציטערדיגע בת יחידה, איז עס דער פאלקסטימליכער, אידישליכער קינסטלער טביה, דער משכך און בצלאל־טרוימער, צו וועלכען עס ציט מאריטא׳ן. ווען איר פאטער,— די אלטע, פרומע, גוטע, אבער ניט קינסטלערישע וועלט, — וואלט זיך ניט איינגעשפארט דאן און ניט פארשטויסען טביה׳ן, וואלט אפשר גאר דאס אומגליק ניט געקומען: מאריטא און טביה — די אלטע אידישע ריינקייט און דער אלטער אידישער שאפונגס־גייסט — זיינען א פאר. זיי וואלטען ארויסגעבראכט א דור, א וועלט, וואס וואלט געהאט א קיום. און פארקערט: ווען מאריטא׳ן

וואלט ניט געצוויגען צו טביה'ן, צום אידישען קונסט־גייסט, און זי וואלט טריי געבליבען צו איר פאטערס ווארט און חתונה געהאט פאר'ן רבי'ס זון, דעם פארשטייער פון דער אלטער רעליגיעזער טראדיציע, וואלט אויך אפשר אלץ געגאנגען כשורה. אבער דאס איז ניט באשערט געווען. מאריטא איז אפגעריסען געווארען פון די אלטע ווארצלען — סיי פון די אידיש־רעליגיעזע און סיי פון די אידיש־קינסטלערישע ווארצלען. זי האט זיך געלאזט פארפירען פון די פיינט פון דער אלטער ירושה — פון צאלוש'ען און אפאלאנ'ען. און דאס האט איר עלענד און אומגליקליך געמאכט. אין צאלוש'עס „פרייהייט" איז קיין פרייהייט ניט געווען, און אפאלאנ'ס קונסט און קולטור איז קיין קונסט און קיין קולטור ניט. צאלוש'עס פרייהייט איז אויסגעלאסענקייט און געשעפט, אפאלאנ'ס קונסט און קולטור איז אויך ניט מער, ווי אויסגעלאסענקייט און גראבער, ברוטאלער עגאאיזם.

עס האט געמוזט קומען א נייער כח, א נייער דור — און דאס איז שוין דער ד ר י ט ע ר דור — וועלכער זאל פרואווען אויסלייזען מאריטא'ן און אויפהויבען זי פון איר געפאלענקייט. דער דאזיגער דור קומט אין דער געשטאלט פון איבראהים אדער „דער וואנזיניגער", ווי מענשען רופען אים — און ער איז ווידער א קינסטלער. ער איז שוין אבער ניט פון טביה'ס נאאיווען, פאלקסטימליכען און ניט פון וואצלאוו־אפאלאנ'ס געפוצטען, פאלשען און פרעמדען שניט. ער איז א קינסטלער, וואס האט זיך פון דער נייער וועלט אומגעקערט צוריק צום אלטען, אידישען, מקור. ער וויל מיט נייע מיטלען דערגרייכען די צילען, וואס עס האט זיך אמאל געשטעלט טביה. ער ווערט מאריטא'ס באשיצער. מאריטא ווערט דער מאדעל פאר זיין נייעם בילד. מאריטא מיט איר בריליאנט אויפ'ן הארצען. „ער וועט", טראכט ער, „אויסמאלען דעם בריליאנט ניט ווי קיין בריליאנטיגען שטיין, נאר ווי עפעס א הארץ מיט א סך נגונים. אין דעם הארץ וועט זיין די יוגענטליכסטע פארבען פון זיין ראזען הימעל, די שטים פון זיינע קליינע תפלות, דאס געבעט פון זיינע קינדערשע נעכט". אזוי טראכט איבראהים. און מאריטא האט געטראכט: „דא אונטער שטאט וועט זיי קיינער ניט שטערען.

פריי וועט זי די ליכט צינדען, בענשען, קוקען צום הימעל, פרייען זיך מיט'ן קינד און טאטען, ווי א שטילע בת מלכה. א דור, א נייער, א דור א גוטער, א דור א פרייליכער".

אבער אזא דור איז ניט באשאפען געווארען: מאריטא'ס גליק האט זיך צוריק ניט אומגעקערט. זי האט זיך אפגערייניגט פון די זינד און דעם שמוץ, גע'גט זיך מיט צאלוש'ען, געווען גרייט זיך איבערצובעטען מיט די עלטערן, אבער — מיט איבראהים'ען האט זי זיך ניט באהעפט. אויך דאס בילד, וואס ער האט געמאכט פון איר, האט ניט אויסגענומען ביי דער וועלט. אויסגענומען האט דאס בילד, וואס עס האט געמאכט פון מאריטא'ן איבראהאמ'ס חבר, לעווי. לעווי האט אויפ'ן הארצען ביי דער פרוי אויסגעמאלט אנ־שטאט א בריליאנט — א טויטע שלאנג. לעווי איז געווען דער היפוך פון איבראהים. איבראהים האט געגלויבט אין לעבען, לעווי האט געזען אומעטום טויט. און אויך ביי מאריטא'ן אויפ'ן און אין הארצען האט ער געזען טויט. און זיין זעאונג איז געווען די ריכ־טיגע. מאריטא איז אין א קורצער צייט ארום געפונען געווארען א דערטרונקענע...

איך האב איבערגעגעבען און פארטייטשט נאר דעם עיקר שבעיקר פון ראמאן. איך האב דערמאנט נאר די הויפט־פארשוינען און ארויסגענומען בלויז דעם תמצית פון דער פאבולע. אפשטעלען זיך אויף די נעבענ־פארשוינען און פארטיפען זיך אין די איינציגע עפיזאדען וואלט געהייסען זיך פארפלאנטערן אין דעם פלאנטער, פון וועלכען דער פארפאסער אליין איז קוים ארויסגעקראכען. איך האב מורא געהאט צו ריזיקירען.

דערצו האב איך געוואלט ארויסקריגען דאס פאזיטיווע, וואס איז דא אין דעם ווילדען ווערק: די שילדערונג פון די איינציגע עפיזאדען און די איינציגע פארשוינען, אלס אינדיווידועלע געשטאל־טען, געהערט ניט צו דאס פאזיטיווע. עס איז ניטא כמעט איין פערזאן און איין עפיזאד אין בוך, וואס זאל לעבען מיט א פולען לעבען און וואס זאל אונז צופרידענשטעלען — פון דעם שטאנד־פונקט פון געוויינליכער, רעאליסטישער, כאראקטעריזירונג־ און שילדערונגס־קונסט. די פסיכאלאגישע מאטיווירונג און די רעא־

ליסטישע אויסמאָלונג פון פּאַסירונגען און האַנדלונגען עקזיסטירט ניט פאַר אונזער פּאַרפאַסער. אויך וויל ער ניט וויסען דערפון, וואָס הייסט דיאַלאָג. אז צוויי מענשען רעדען ביי אים, רעדען זיי פאַרשידענע זאַכען, אבער דער לשון איז ביי זיי איינער — דער לשון איז אין אַלע פאַלען א מאַסטבוימישער. און דאָס נעמט זיך ביי אים ניט ווי ביי א. ראַבאַי, פון דער לירישקייט פון זיין שאַפען, נאָר פּשוט דערפון, וואָס קיין זאַך ווערט ביי אים ניט אינדיווידואַליזירט. און ווען דאָס וואָלט געווען מיט אַן אַנ־דערען אַזוי, ניט מיט מאַסטבוים'ען, וואָלט... ג אַ ר נ י ש ט ג ע ו ו ע ן, ד. ה., די פּערזאָנען, די געשפּרעכען, די געשעעניש ען און די האַנדלונגען וואָלטען געווען טויט און עס וואָלט ניט געווען ווענען וואָס צו רעדען! א קופּע ווערטער — און מער גאָרנישט. ביי מאַסטבוים'ען זיינען אויך דאָ א סך ווערטער — דערהויפּט איז צווייטען און דריטען טייל — וואָס זיינען ניט מער ווי ווערטער, און דערצו נאָך ווילדע, פאַרקריפּעלטע ווערטער. אבער בכלל איז דאָ לעבען אין ראָמאַן. אויב ניט עפּיש, איז ליריש לעבען, און אויב ניט אין די איינציגע שטריכען, איז אין דעם אַלגעמיינעם פּאָן פון בילד.

מאַסטבוים האָט די פעיאיגקייט צו מאַכען לעבען א געוויסע מיליע ניט דורך דער באַלעבונג פון אירע איינציגע טיילען, נאָר דורך דעם, וואָס ער מאַכט זי וויברירען אויף א געוויסען אופן און לאָזט זי באַהערשט ווערען פון א געוויסען אַלגעמיינעם טאָן. אַזוי א שטייגער שפּירען מיר די ריינע און ליכטיגע אידילישקייט פון ר' מאַטיע'ס הויז אָדער די געמיינהייט און עקלהאַפטיגקייט פון צאַ־לוש'עס און וואַצלאַוו'ס חברה ניט דורך די פּרטים, וואָס מאַסט־בוים שילדערט און וואָס זיינען זעלטען ווען איבערציינגענדיג, נאָר דורך דעם אַלגעמיינעם קאָליר, קלאַנג און ריח, וואָס זיי האָבען. מאַסטבוים קאָן ניט מאָלען דאָס געזיכט פון אַן איינציגען מענשען אָדער די נשמה פון איינציגע זאַכען, אבער ער ציינגט אונז דאָס גע־זיכט און די נשמה פון דער מיליע, ער גיט אונז די מוזיק פון דער סביבה...

עס זיינען דאָ אינדיווידועל־פּסיכאָלאָגישע ראָמאַנען און עס

זיינען דאָ פּסיכאָלאָגישע מיליע־ראָמאַנען. „דריי דורות“ איז אַ
פּ ס י כ אָ ל אָ ג י ש ע ר מ י ל י ע ־ ר אָ מ אַ ן.

מיט דעם דאָזיגען וואָרט וויל איך ניט פאַרשטעלען די ווילד־קייטען און אומגעלומפּערטקייטען פון ראָמאַן: זיי וואַרפען זיך אין די אויגען, און מען מוז זיי זען, צי מען וויל צי ניט. איך וויל נאָר זאָגען, אַז דאָס ווילדגראָז פון בוך וויקעלט זיך אַרום אַ לעבעדיגער בלום, און אַז דאָס זיינען משוגע׳נע העויות פון אַן אָריגינעלען מענשען.

(1921)

# צבי הירשקאן: צוויי וועלטען*)

דער ראמאן „צוויי וועלטען“ איז צום ערשטען מאל געדרוקט געווען אין פרצ׳ס זאמעלביכער „אידיש“ (1910—11). דאס איז געווען הירשקאנ׳ס ערשטער ליטעראַרישער ארויסטריט. און ער האט געוויזען, אז א טאלאנט קאן אויך פון אלטען שטאף — און מיט אלטע געצייג — מאכען א רעכטע זאך. ווארום סיי דער שטאף, סיי דער סטיל פון ראמאן איז אין דער אידישער ליטעראטור ניט ניי.

דאס אידיש לעבען אין פארצייטיגען אלט־פרענקישען שטעטעל — און אט דאס איז דאס לעבען, וואס ווערט געשילדערט אין די „צוויי וועלטען“ — דארף מען האבען נאך אן אפגעבאקענערע טעמע? ווער האט וועגען דעם ניט געשריבען? וואסער אידישער פראזאאיסט און וואסער ליריקער האט ניט געמאלט די אידיליע אדער דעם חורבן פון דער אידיש־קליינשטעטעלדיגער פאטריארכאלישקייט? כמעט די גאנצע נייע אידישע ליטעראטור איז פול מיט דער לופט פון קליינשטעטעל, מיט זיינע שאטענס און געשטאלטען; נאר פיל אידישע שרייבערס — און דער הויפט די, וואס זיינען אליין פון שטעטעל אוועק אין שטאט אריין — האבען זיך ניט באנוגענט מיט דער אלגעמיינער לופט פון שטעטעל, וואו זיי האבען פארבראכט זייערע קינדערשע יארען: זיי האבען געפרואווט אונז געבען א גאנץ און קאנצענטרירט בילד פון שטעטעל, ווי פון גאר א באזונדער סיוזשעט. אזוי האבען געטאן אש, וויסענבערג,

---

*) „קיעווער פארלאג“, קיעוו, 1918.

רייזעז, קאברין און אנדערע; אזוי טוט אויך הירשקאן אין די „צוויי וועלטען".

ער נעמט א קליין ליטוויש שטעטעל בעראזאווע — און ווייזט עס אונז, „ווי עס שטייט און גייט". אז מיר לייענען דורך זיין „ראמאן" (וואס איז אייגענטליך ניט מער ווי א לענגערע דערציילונג), ווייסען מיר ניט נאך פון דעם, וואס עס טוט זיך אין די „צוויי וועלטען" — די „צוויי הייזלאך, איינס געדעקט מיט שטרוי, גוייש, דאס אנדערע מיט ברעטלאך, אידיש", וואו עס שפילט זיך אפ דער ראמאן; — מיר דערוויסען זיך אויך פרטים פון אנדערע שטעטעלשע הייזער, פרטים פון שטעטעלשע פרנסות און לעגענדעס, שולען און ירידן, קבצנים און נגידים, שבת־גויים און אזוי גויים: מיר באקומען א בילד פון דעם גאנצען ליטווישען קליינשטעטעל, ווי עס האט אויסגעזען מיט א פאר צענדליג יאר פריער, איידער עס האט זיך אנגעהויבען דער גרויסער וועלטקריג און די גרויסע וועלט־איבערקערעניש.

עס איז שוין דאן ניט געווען אין בעראזאווע יענע פארצייטיגע וועלטפרעמדקייט און אפגעזונדערטקייט, וואס מחמת איר פלעגען אפילו חתונות „פארקומען אמאל מערסטענטיילס צווי־שען זיך, קרובים איינע מיט די אנדערע, צופרידען פון זיך אליין"; בעראזאווע איז שוין דאן ניט געווען אזוי פארווארפען און אפגעריסען פון גאנץ גרויסער וועלט; בעראזאווע האט שוין גענומען דאן זוכען בלינדערהייט א וועג צו דער וועלט, צו די גרויסע שטעט, אפשר גאר צו אמעריקע... נאר דער שניט און שטיי־גער פון איר לעבען איז נאך געווען אלץ דער אלטער, פון אמאל, און די בעל־הבתים און דעה־זאגערס זיינען אויך געווען נאך די אלטע אמאליגע אידען, וואס צו זיי געהערט אויך דער טאטע פון דעם יונגען „העלד" פון דער דערציילונג, יעקב פסח דער מלמד...

„יעקב פסח'ס טאטע און זיידע זיינען אויך געווען מלמדים... און מיט גאוה פלעגט ער זאגען, אז זיין גאנצער יחוס־בריף איז א מלמד'ישער, ניט ווי די היינטיגע יונגע לייטלאך, וואס נעמען זיך צו אט דער פרנסה, בשעת עס איז לית־ברירה; די געשעפטען—

שמאָל; און דער דלות — ברייט"... יעקב פּסח'ס מלמדות איז אַ יחוס'דיגע, אַ ירושה'דיגע, אַן איינגעפונדעוועטע... אויך אַש'ס „שטעטעל" הויבט זיך אָן מיט דער שילדערונג פון דער שטעטעלשער איינגעזעסענקייט און פעסטקייט; נאָר אין פּוילישען שטעטעל איז די פעסטקייט און די איינגעפונדעוועטקייט פון אַלטען לעבען געווען פריער ווי אַלץ אַן ערדישע, אַ מאַטעריעלע: „אין הויז ביים ווייכסעל זיצט אַ משפחה פון יאָרלאַנג. דאָרט לעבט מען מיט זיך און מיט'ן טייך, דעם שכן. „חיים איבערפירערס" הייסט דאָס הייזעל היינט; אַמאָל, מיט דרייסיג יאָר צוריק, האָט עס געהייסען „משה איבערפירערס" און אפשר אין צוואַנציג יאָר אַרום וועט עס גאָר הייסען „דוד איבערפירערס". נאָר עס איז ניט קיין חילוק; בלויז דער נאָמען טוישט זיך מיט די יאָרען, אָבער דאָס הייזעל, דאָס וואַסער און דער נאָמען „איבערפירערס" בלייבען ביז איצט"... אַזוי איז עס אין אַש'ס *פּוילישען* שטעטעל. אין *ליטווישען* שטעטעל איז אויך פאַראַן אַן איינגעזעסענקייט און אַ ריין מאַטעריעלע ירושה'דיגקייט: „יעקב פּסח קוקט קרום אפילו אויף יענע, וואָס פאַרקויפען אָדער בייטען אויס זייערע ירושה־הייזלאַך... מען דאַרף ניט שפּרינגען, חכמ'ענען זיך. *אַלץ דאַרף גיין, ווי עס גייט*; נאָר אין אָט דעם „אַלץ דאַרף גיין, ווי עס גייט" הערט איר שוין אַ פּירוש, אַ דערקלערונג, אַ מאָטיווירונג, — אַ *פאַרגייסטיגונג* פון דעם קאָנסערוואַטיווען לעבענסשטייגער. דאָס *ליטוויש* שטעטעל קאָן זיך ניט באַגנוגענען דערמיט, וואָס עס איז *פּאַקטיש* „איינגעפונדעוועט" און פאַרגליווערט; עס מוז מאַכען אַ פּירוש אויף דעם, עס מוז האָבען אַ *אידעאָלאָגיע*! און ניט קיין צופאַל איז דאָס, וואָס דער פאַרשטייער פון דעם שטעטלשען קאָנסערוואַטיזם ביי הירשקאָנ'ען איז שוין ניט קיין פּראָסטער „איבערפירער", ווי ביי אַש'ן, נאָר אַ... מלמד, אַ גריבלער און אַ פּירושים־מאַכער: „אַלץ, וואָס דער אויבערשטער האָט באַשאַפען. — גיט איבער הירשקאָן יעקב־פּסח דעם מלמד'ס געדאַנקען — דאַרף זיך גיין מיט'ן איינענעם וועג און ניט וואַרפען זיך אויף אַלע זייטען. ביי די עלטערען מיט די קינדער דאַרף זיין איין

פרנסה, איז לעבען מוז זיין עפעס א חזקה, צו וואס קיין פרעמדע האנט זאל זיך ניט קאנען צורירען"... די אלטע עכט מיטעלאל־טערליכע צעכענ־פילאזאפיע! און די דאזיגע אלטע, בירושה אי־בערגענומענע, געדאנקענוועלט איז וויכטיג נאך פאר דעם ליטווישען חקרן: ער מוז נאך אליין אויך אביסעלע פילאזאפירען, און ער איז מוסיף: „דורות דארפען זיך ציען איינע נאך די אנדערע, ווי פערל אויף א קראנץ, יעדערער מוז וויסען זיין ארט, פון וואנען ער קומט, און וואוהין ער גייט".

קורץ: עס איז נאך וויכטיג צו ל ע ב ע ן אויפ'ן אלטען שטייגער (דאס האט געקאנט דער א י ד פון פ ו י ל י ש ע ן קליינשטעטעל אויך!); מען דארף מאכען א פ י ר ו ש אויף דעם אלטען לעבענסשטייגער, — און אט דער פירוש, אט די אי־דעאלאגיע, אט די אטמאספערע פון חסידישע מעשיות און מלמדי־שע חקירות איז דאס, וואס שפרייט אויס אן אייגענארטיגען ל י ט ו ו י ש ע ן שיין אויף דעם שטעטעל, וואס ווערט געמאלט אין הירשקאנ'ס „צוויי וועלטען".

אבער ניט דאס אליין. דאס שטעטעל פון צבי הירשקאן איז אייגענארטיג נאך אויך אין דעם פרט, וואס עס ווערט אונז גע־צייגט אין דעם וויכטיגען מאמענט, ווען אינעווייניג אין אים הויבען אן שוין צו וואקסען נייע לעבענספארמען, הגם פון דרויסען איז עס נאך אלץ איינגעוויקעלט אין דער שאלעכץ פון מיטעלאלטערלי־כער פארגליווערטקייט.

די דאזיגע, אין דער שטיל זיך שאפענדיגע, נייע לעבענס-עלע־מענטען האבען זיך גענעבען צו פילען נאר אין פרטים: אין דעם, וואס מיט יעקב פסח דעם מלמד קאנקורירען שוין עפעס לערערס „מיט דקדוק"; אין דעם, וואס זרח דער רימענקרעמער וויל שוין ניט אפגעבען זיין אינגעל צו יעקב פסח דעם גמרא־מלמד, ווארום „הייגטיגע צייטען — זאגט ער — דארף מען א קינד מאכען פאר א מענשען... לערנען אים רוס, זאל ער, לכל הפחות, קאנען רעדען מיט'ן גוי, אויב אים איז באשערט צו זיין א סוחר, האנדלען אין ווארשע... כ'וויים — זאגט ער — אויב איך ווילט אויף א שעה

לערנען מיט אים תנ"ך, אויסלערנען לשון קודש, וועל איך זיך מישב זיין"... אין דעם, וואס איטשעלע דעם נגיד'ס בחורים, שפאצירען שוין ארום מיט'ן גוישען רופא'ס שקצים און רעדען „דוקא אויף צו להכעיס גויש און גויש" „און די גאטספארכטיגע מאמע זייערע מיט'ן אנגעפרעסענעם גיידער קלייבט נחת פון די געבענשטע קדישים'לאך"... דאס זיינען געווען גאנצע אויסנאמען, פרטים; דאס איז געווען נאר אן אנצוהערעניש, א וואונק אויף דער אנקומעדיגער „מאדערנער" אידישער בורזשואזיע; נאר די דאזיגע אלע וואונקען און אנצוהערענישען האבען געצייגט, אז טיף אונטער דער שאלעכץ פון דעם אפגעזונדערטען און אין זיך אליין איינגעשלאסענעם פארצייטיגען אידישען לעבען האט זיך אנגעהויבען שוין עפעס א יערונג, עפעס א צערודערונג, וואס האט אנגעזאגט, אז אט־אט וועט דאס הייטעל, וואס איז אין משך פון דורות געווען ארויפגעצויגען אויפ'ן אידישען לעבען, פלאצען, עס קאן גאר אנדערש ניט זיין. ווארום אויב איטשעלע דער נגיד האט זיך נאר מ א ט ע־ ר י ע ל אפגעשיידט פון קלמן דעם קבצן, פראוועון זיך שוין איטשעלע דעם נגיד'ס קינדער שאפען פאר זיך אויך א באזונדערע ג י י ס ט י ג ע אטמאספערע: זיי חבר'ן זיך שוין מיט דעם גוישען רופא'ס שקצים און ריידען „דוקא, אויף צו להכעיס, גויש און גויש"... די דאזיגע גייסטיגע קולטורעלע דיפערענצירונג פון דעם אידישען קבוץ איז נאך ניט געווען קיין מאסענזאך, נאר עס איז שוין געווען א געפאר, אז זי וועט עס ווערען, און אט די געפאר האט געצוואונגען דעם שטעטלשען אידישען קבוץ צו טוליען זיך מער נאך ווי פריער צו די אלטע, גע'ירשנ'טע לעבענספארמען און לעבענסווערטען. און אט דאס ציטערדיג טוליען זיך צום אלטען לעבען, אט די פארבארגענע מורא, טאמער ווערט עפעס נייעס און קערט איבער אלץ קאפויער, איז דאס, וואס ניט צו ה י ר ש־ ק א נ ' ס פארגליווערטען שטעטל עפעס א מאדנע אומגעזונטע רירעוודיגקייט.

אבער ניט דאס איז נאך דער עיקר אין דעם ראמאן „צוויי וועלטען". ניט דאס מאכט פריש זיין אלטען שטאף. פריש מאכט אים גאר אן אנדער זאך:

ווי א שטיל היים יאדערל, שיילט זיך עפּעס אַרויס פון דער שטעטעלשער שאָלעכץ — און בליט אויף: דאָס איז די ליבע, וואָס מענדעל, יעקב פּסח דעם מלמד'ס אינגעל, קריגט ליב אַגאַפּיען, דעם שכן זייערן מיקיטעס טעכטערל.

די טאַטעס, יעקב פּסח דער מלמד און מיקיטע דער שוסטער, זיינען פרעמד איינער מיט דעם אַנדערען, כאָטש זיי וואוינען יאָרענלאַנג בשכנות, א שטוב לעבען א שטוב. „יעקב פּסח האָט מיט מיקיטע'ן זינד זיי לעבען אויף דער וועלט קיין איין מחלוקת ניט געהאַט"; נאָר פרעמדקייט איז ערגער פון שנאה, און „הגם אין אָט די הייזלאַך, אין וואָסערע זיי וואוינען, האָבען אויך געלעבט זייערע טאַטעס און זיידעס פון פוילען אָן, פונדעסטוועגען שמועסען זיי צווישען זיך קיינמאָל ניט, כלומרשט ווי זיי וואָלטען געווען גאָר אומבאַקאַנט אָדער פונקט ווי מיקיטע אשטייגער וואָלט גאָר ניט געקאַנט אידיש רעדען"... מיט יונה דעם גאַרבער און אַנדערע אידען פון א גאַנץ יאָר, אידען בעלי מלאכות און אידען קרעמער, איז מיקיטע דוקא אויפגעטראָגען; א פאַרפרעמדקייט איז פאַראַן נאָר צווישען מיקיטע'ן און דעם פאַרשטייער פון די אידישע כלי קודש, דער אידישער גייסטליכקייט — יעקב פּסח דעם מ ל מ ד. דאָס איז זייער א וויכטיגער קולטור־היסטאָרישער פאַקט: אפילו אין געטאָ איז דער פּראָסטער איד, דער פאָלקסמענש, ניט געווען אינגאַנצען אָפּגעשיידט פון די שכנ'ישע פעלקער; נאָנט צום וואָכעדיגען וועלטליכען לעבען, איז ער ממילא ניט געווען אויך אַזוי דערווייטערט פון דעם לעבען פון די אַרומיגע פעלקער; נאָר די כלי קודש, די רבנים, דיינים, מלמדים, סתם לומדים און זיידענע אידען, וואָס זיינען געווען אָפּגעשיידט פון וועלטליכע, עולם־הזה'־דיגע זאַכען, זיינען געווען אויך אָפּגעזונדערט און אָפּגעטיילט, ווי מיט א מחיצה, פון „גוי". און עס איז ניט קיין וואונדער, וואָס די פאַרפרעמדקייט צווישען די צוויי שכנים — יעקב פּסח דעם מלמד און מיקיט'ען דעם שוסטער — האָט זיך באַזונדערס שטאַרק געלאָזט פילען אין אַזעלכע טעג ווי יום כפּור אָדער „קאַליאַדעס". ווען די רעליגיעזע אָפּגעזונדערטקייט איז בולט'ער ווי אַלע מאָל: יום כפּור צו נאַכט פלעגט מיקיטע'ן זיך דוכטען, אַז „אָט באַלד

וועט ארויסשפרינגען עפּעס א שד מיט נעגעל, וואָס יעקב פּסח לאָזט איבער לעבען טייבעל, אוועקגייענדיג אין שטאָט צו כל־נדרי, — אָט דער שד וועט זיך ארויפוואַרפען אויף אים און זיין געזינדעל, צעמאַלען, צעדרעשען, אויף פּיצברעקלאַך... און ער גייט אוועק צו אנדריי דעם באַדגוי אונטער'ן קעסעל; שמועסט, רוי־בערט א ליולקע און ציטערט״; פאַרקערט, אז עס קומט די ערשטע נאַכט קאַליאַדעס, איז מען ביי יעקב פּסחן אין שטוב אומרואיג; „מען פאַררייגעלט און פאַרשליסט טיר און טויער, מען הערט פון קיינעם אפילו קיין וואָרט, ווי אין שטוב וואָלט געלעגען, חס ושלום, עפּעס א חולה״... און גאָר עפּעס א באַזונדער כח האָט געקאָנט אומוואַרפען אָט די דיקע וואַנט פון הונדערטיאַריגע שרעק און פרעמדקייט. און אָט דער כח האָט זיך באַוויזען... ווי איז זיין נאָמען? „בילדונג״? ניין, פון „בילדונג״ איז אין יעקב פּסח דעם מלמד'ס שטוב נאָך קיין סימן ניט געווען, און אין דעם פּרט איז צווישען יעקב פּסח'ן און זיין זון מענדעל קיין שום חילוק ניט גע־ווען; זיי האָבען אייגער דעם אנדערען זייער גוט פאַרשטאַנען און — „יעקב פּסח מיט מענדלען פלעגען ערנסט שמועסען צווישען זיך עפּעס אויף'ן וואונק וועגען פאַרשידענע ענינים. די גאַנצע געשיכטע פון כורש מלך פּרס ביז משה מאָנטעפיאָרע און באַראָן הירש פלעגט אויפלעבען פאַר זייערע אויגען. און, באַרואיגטע, מיט א שטאַרקען בטחון, אז גאָט וועט ווייטער פירען די וועלט אַזוי שיין און גוט, ווי ביז איצט, פלעגט מען זיך צולייגען שלאָפען״... וואָס־זשע איז געשען מיט מענדלען? דאָס אייגענע, וואָס מיט פּ ר צ ׳ ס מאַגיש'ען.

מאַניש געהערט נאָך צו אַן עלטערען און פאַרגליווערטערען דור, ווי מענדעל: —

געלעבט האָבען דעמאָלט
נאָך די אַלטע בעלי־בתים
מיט מעששענע ברילען
און זילבערנע בתים...

נאר דאס האט נאך שטארקער, נאך כשופ'דיגער געמאכט דעם כשוף פון מארי, דעם דייטש'עס טעכטערעל, אט דער פארשטעלטער לילית — „און ער שווערט איר ביים פרכת, ביי דעם כתר, בא דער תורה"... דאס אייגענע קומט פאר מיט מענדלען; נאר איצט איז עס שוין ניט קיין פאנטאסטישע געשיכטע מיט דעם אשמדאי און לילית, וואס ווילען אריינכאפען דעם יונגען עלוי אין זייערע נעצען, נאר א פיל איינפאכערע זאך: פון דער ראמאנטישער באלאדע איז געווארען א רעאליסטישער ראמאן! אין אט דעם ליגט דער חילוק צווישען פרצ'ס „מאניש" און הירשקאנ'ס „צוויי וועלטען"... הירשקאן ווייזט אונז אויף א גאנץ איינפאכען פסיכאלאגישען אופן, ווי אזוי אין שיינעם נאך־פסח וואכט אויף אין דעם מלמד'ס איינגעל, ווי אין דער גאנצער נאטור, דער פרילינג. און ווי אזוי אט דאס עלעמענטאר מענשליך געפיל איז גובר די נזירות און שרעק פון דעם אידען פאר דער גוישער וועלט און ווארפט אום די וואנט, וואס שטייט ווי א מחיצה, צווישען אים און איר... דאס קומט, פארשטייט זיך, ניט פאר מיט אמאל, נאר נאך א לאנגען און פיינליכען קאמף צווישען צוויי כחות, צוויי וועלטען, אינעווייניג אין מענדלען. דעם ערשטען מאל, אז ער האט דערזען פרילינגס־צייט אגאפיע'ן שטיפענדיג ביים ברעג טייך מיט וואסקע דעם טעפערס, און זיין גאנצער גוף „האט זיך אנגעצונדען", „איז ער געווארען רויט פון חרפה פאר זיך גופא... ער האט זיך ארומגעקוקט אין אלע זייטען, צי שפירט מען אים נאך, צי זעט מען ניט, וואס מיט אים טוט זיך דא, און דאך האט אים, ווי מיט צוואנגען, געצויגען אהין, וואו אגאפיע איז געשטאנען". און אז ער קערט זיך אום, א פארשעמטער און א צעשראקענער, אהיים, ווארפט ער זיך ארויף אויפ'ן פרומען ספר'ל, „כדי צו צעשלאגען די רעיונות, וואס האבען אים ניט געלאזט צו רו"... אבער דאס ספר'ל איז א קנאפע סגולה. דאס ספר'ל וואלט אים געקאנט אפשר אויסהיילען פון „טרפה" אפיקורסישע געדאנקען; קעגען געפילען איז דאס ספר'ל אוממעכטיג. און דער קאמף, וואס קומט פאר אין פארצייטיגען אידישען קליינשטעטעל צווישען דער „אלטער" און דער „יונגער"

וועלט, איז ביי הירשקאנ׳ען, ווי ביי פּרצ׳ן, אַ קאַמף צווישן צוויי ג ע פ י ל ס־וועלטן, ניט (ווי אין דער אַמאָליגער השכלה־ליטע־ראַטור) צווישן צוויי ג ע ד אַ נ ק ע ן־וועלטן. געדאַנקען זיינען ניט קיין שטאָף פאַר קונסט (דערפאַר האָט די השכלה־ליטעראַטור ניט ג ע ק אָ נ ט ז י י ן קינסטלעריש, ווען אַפילו זי וואָלט עס וועלן). שטאָף פאַר קונסט איז דאָס ג ע פ י ל ס ־ ל ע ב ע ן, און אויב די „צוויי וועלטן" איז אַ קונסט־ווערק, איז עס ניט דער־פאַר, וואָס אין אים ווערן איבערגעגעבן די רעיונות, די חקירות און די אויסענווייניגסטע מנהגים און פירונגען פון ש ט ע ט ע ל (דאָס האָט נאָר אַ קולטור־היסטאָרישע און עטנאָגראַפישע באַדיי־טונג), נאָר דערפאַר, וואָס אין אים שפּיגלט זיך אָפּ די ג ע־פ י ל ס־וועלט פון אַמאָליגן שטעטל.

די דאָזיגע וועלט, דוכט זיך פון אויבנאויף, איז פאַרשלאָסן און פאַרגליווערט; קומט צו דער קינסטלער מיט זיין טיפערן קוק און זאָגט: ניין, פאַרגליווערט איז נאָר אויבן די שאָלעכץ; אונטן אָבער, אין דער שטילער טיפעניש, איז דאָ אַ לעבן, זיינען דאָ גע־פילן! די געפילן זיינען פאַרוווערט, פאַרשטיקט? זיינען זיי נאָך הייסער, פולער. די בלעטלאַך אין די „צוויי וועלטן", וואו עס ווערט דערציילט וועגן מענדעל׳ס פאַרבאָרגענער, פאַרבאָטענער ליבע צו אַגאַפיע׳ן, זיינען די פולסטע און די ווירקענדיגסטע אין גאַנצן ראָמאַן. אַגאַפיע האָט ליב מענדלען פּונקט אַזוי ווי ער זי, נאָר איר שטערט קיינער ניט, זי שרעקט זיך פאַר קיין זאַך ניט, אין איר קומט קיין מלחמה ניט פאָר, איז איר געפיל ניט אַזוי מסירת־נפש׳דיג, ניט אַזוי אימפּעטדיג — און ניט אַזוי רירענדיג, ווי ביי מענדלען. מענדעל האָט זיך בפועל ממש ניט וואו אַהין צו טאָן פון זיין שטילער, שעמענדיגער, פאַרשטיקטער ליבע צום גוישן מיידעל... אין דער נאַטור און אומעטום, אַרום און אַרום, איז נאָך־פּסח, פרילינג — און אויך אינעווייניג אין אים האָבן אויפגע־וואַכט די פרילינגס כחות!

איז עס אַ נייע טעמע, אָט די „פרילינגס־אויפוואַכונג", אָט די קינדער־ליבע? אָדער אפשר איז ניי די ליבע פון אַ אידישען אינגעל צו אַ מיידעל אַ קריסטין? ניין, אַפילו אין דער אידישער ליטע־

ראטור איז עס ניט קיין נייעס... ביאליק'ס „מארינקא"! ביאליק באנוגענט זיך שוין ניט מיט א ראמאנטישער געשיכטע, ווי פּרץ אין זיין באלאדע „מאניש"; ער גיט אונז אלע פּרטים, אלע פּסי־כאלאגישע פּרטים פון דער קינדער־ליבע און דער קינדער־שפּיל צווישען נח'ן און מארינקא; ער גיט אונז שוין אפשר צופיל פּרטים: אויב פּרץ איז צו ראמאנטיש, איז ער — צו נאטוראליסטיש; נאר אין „מארינקא" איז פאראן שוין כמעט דער גאנצער אויסענווייניגסטער ספּור המעשה, וואס אין הירשקאנ'ס „צוויי וועלטען": אין „מארינקא" ווערען אויך געשילדערט צוויי שכנ'ישע הייזער, א גוי'ס און א אידענס; און אויך דארטען איז צווישען די טאטעס א פארפרעמדקייט, א קריג, צווישען די קינדער — פריינדשאפט און ליבע...

און פונדעסטוועגען איז הירשקאנ'ס ,צוויי וועלטען" א נייע און א פרישע זאך! און דאס איז ניט דערפאר, וואס דא זיינען צוגע־קומען פיל נייע פּרטים און וואס דא ווערט דער עיקר, די ליבע, ניט דערטרונקען, ווי ביי ביאליק'ן, אין א ים איינצעלהייטען, און אויך ניט דערפאר, וואס דא ווערט, אינאיינעם מיט די צוויי שכנ'ישע הייזער, געשילדערט גאנץ שטעטעל, די גאנצע שטעטעלשע אטמאס־פערע, נאר דערפאר, וואס די פרישע פרילינגס־בלום, די קינדער־ליבע, איז דא אויסגעוואקסען אינמיטען דער ארומיגער פארגלייווערטקייט און האט אונז געוויזען, אז די דאזיגע פארגליווערטקייט איז נאר אן אויבענאויפיגע, אן אויסענווייניגסטע. אינעווייניג אין דעם אידישען פאלקס־קיבוץ — זאגט צו אונז הירשקאנ'ס ראמאן — האבען, ווי אין יעדען מענשליכען קיבוץ, ניט אויפגעהערט צו שלא־גען די לעבענס־קוואלען, ניט אויפגעהערט צו בליען די אייביגע, אייביג מענשליכע געפילען פון ליבע. אונטער דער שטרייגגער מאסקע פון מיטעלאלטערליכער גזירות און רבנישער פרומקייט איז אין יעדען אידען געזעסען א שטיק „גוי", א שטיק געצענדינער, — און דאס, וואס איז געשען מיט יעקב פסח דעם מלמד'ס אינגעל, האט ביי פאסיגע באדינגונגען, געקאנט, געמוזט טרעפען מיט יעדען אי־דישען אינגעל, — און ניט נאר מיט א אינגעל: די לופט פון בערא־זאווע איז ניט אומזיסט פול מיט מעשיות און לעגענדעס וועגען

„זינדיגע"... אט איז א מעשה מיט נחמיה דעם שמיד: „ארויסגע־
גאנגען מחדש לבנה זיין, ווי אלע אידען, און — פלוצים האט זיך
צוגעקלעפט א שווארצע צויג... „אוועק"! האט דער שמיד אויס־
געשריען מיט כעס — און אין אט דער רגע איז פון דער צויג גע־
ווארען א מלכה אין גאלד און פערל, און נאכדעם — האנקע די
בייגעל־בעקעריז... ארויפגעפאלען אים אויפ'ן האלז און אינמיטען
נאכט אנגעהויבען ווארקען, ווי א טייבעלע: „נחמיה, קום צו מיר,
מיין בעט איז באשאטען מיט בשמים און ווייררויך, א קאלדרע —
פון מצרים" א. אז. וו. אונטער דער קאלטער מיטעלאלטערליכער
פארגליווערטקייט האט געשטרוימט א הייסער מענשליכער לעבענס־
שטרוים; און ווי נאר ער פלעגט, ווי א טיפער אונטערערדישער
קוואל, ארויסשלאגען פון אונטער דער טויטער שאלאכץ, פלעגט
ער אומווארפען אלע צאמען און אראפשווינקען אלע נאציאנאלע
און רעליגיעזע מחיצות. נחמיה דעם שמיד וואלט קיינמאל ניט
איינגעפאלען עובר צו זיין אויף די דינים פון אידישען דת, אבער
ווי נאר ער איז פאר'כישופ'ט געווארען פון האנקע דער בייגעל־
בעקעריז, וואס האט זיך אים געוויזען, ווי מען האט דערציילט אין
שטעטעל, אין דער געשטאלט פון א מלכה, „האט ער פארלאזען א
ווייב מיט זעקס קינדער און באזעצט זיך אין שכנות ביי האנקע
דער בייגעל־בעקעריז... אפילו פסח איז ער אויך געוועז ביי איר,
ביי דער גויע... געגעסען חמץ בפרהסיה". דאס אייגענע קומט פאר
מיט מענדלען. כל־זמן עס האט ניט אויפגעוואכט אין אים דאס
געפיל צו אגאפיען, ליגט ער איינגעוויקעלט אין זיין אידישקייט־
שאלאכץ און אפגעטיילט פון דער גאנצער ארומיגער וועלט; אגאפיע
וועקט אויף אין אים ניט בלויז א געפיל צו זיך, נאר אויך א טיפען
אינטערעס צו דער וועלט, צו דער — ביז אהער פאר אים פרעמדער
וועלט, — אין וועלכער זי לעבט. אט דערזעט ער בעת דער גרוי־
סער רעליגיעזער פראצעסיע צווישען די זינגערקעס אגאפיען, און
די (אגב, זייער שטארק און שיין געשילדערטע) פראצעסיע, וואס
האט פריער געוועקט אין אים נאר שרעק און מורא, ווערט פלוצלונג
אים זייער נאנט, ער שטופט זיך אריין אין דעם עולם פויערים
און פויערטעס, מען שטויסט אים פון אלע זייטען און מען קוקט

אויף אים פריינדליך, ווי אויף א פרעמדען, נאר ער איז פארכאפט פון דעם וואונדערליכען גראנדיעזען בילד און שפעטער אביסעל, אז ער קומט צו זיך, קומט אים אין זינען גאר „א נייע אומגעווארטע מחשבה“: — „ווי קאן דאס זיין, אז זייער גאט איז מער ניט א שטיקעל האלץ, וויבאלד, אז מיליאסען מענשען בוקען זיך צו אים, גלויבען אין אים? שוין זשע זיינען אלע נאראנים ווילדע ברואים?“...

דאס מענשליך געפיל, וואס איז פריי געווארען אין אים, האט אויך זיין געדאנק געמאכט פרייער. דער פארבארגענער אינעווייניגסטער לעבענסשטוים, וואס האט ארויסגעשפארט, האט אומגעווארפען אלע אויסענווייניגסטע מחיצות.

צוויי וועלטען זיינען ניט נאר מענדעל'ס אידישע און אגאפיע'ס גוישע וועלט. צוויי וועלטען לעבען אין מענדלען — און אין יעדען אידען — גופא: איינע, אן אינעווייניגסטע, אן „אלגעמיין מענשליכע“, און די אנדערע, אן אויסענווייניגסטע, אן אפגעזונדערטע... דער חסרון פון הירשקאנ'ס ראמאן איז, וואס ער גיט אונז צו פיל פרטים פון דער אויסענווייניגסטער, אידישליכער, וועלט, אין וועלכער עס לעבט מענדעל, פון דער וועלט, וואס איז אין דער אידישער ליטעראטור שוין ניט איינמאל געשילדערט געווארען. די גרויסע מעלה פון ראמאן איז די קורצקייט און קאנצענטרירקייט, מיט וועלכער עס ווערט אונז געציינט די אינעווייניגסטע וועלט פון דעם העלד, די וועלט פון זיינע פארבארגענע, פארבאטענע און דערפאר נאך הייסערע מענשליכע געפילען, וועלכע מאכען, אז עס זאל צעגיין דער אייז פון דער הונדערטיארענדיגער אפגעזונדערטקייט און עס זאל אנטבלויזט ווערען פון אונטער דעם צודעק פון אידישקייט דאס פנים פון א מענשען.

(1919)

# דוד איגנאַטאָוו: אין קעסעלגרוב

איך האָב געלייענט דעם ראָמאַן צום ערשטען מאָל מיט אַ יאָר זיבען צוריק, ווען ער איז געדרוקט געוואָרען אין די „שריפטען"*. פאַר דער צייט זיינען אַזוי פיל וואַסערען פאַראיבערגעלאָפען, ניט איינער פון אונז איז אַנדערש געוואָרען, האָט אַ נייעם, אַ נאַקעטער־רען, קוק געקראָגען אויפ'ן לעבען און אויף זיך אַליין, און אויך איגנאַטאָוו'ס ווערק האָט זיך אַביסעלע געענדערט, ארויסגייענדיג אין בוך־פאָרם: עס זיינען צוגעקומען היבשע עטליכע נייע שורות מיט אַ מין פירוש אויפ'ן הויפּטהעלד פון ראָמאַן — און דאָך איז דער איינדרוק פון בוך דער איינענער, וואָס פריער.

דער איינדרוק פון אַ שיינעם ניגון, וואָס ווערט פאַלש געשפּילט.

עס איז אַ צווייענדיגער פאַרדראָס: וואָס דאָס שפּילען איז שלעכט — און עס ליידט דאָס אויער — און וואָס עס ווערט קאַליע אַ זאַך, וואָס וואָלט געקענט פאַרשאַפען פאַרגעניגען.

באמת: איגנאַטאָוו'ס ראָמאַן וואָלט געקאָנט זיין אַ וויכטיגע געשעעניש אין דער אידיש־אַמעריקאַנישער ליטעראַטור. ווען ער איז אַרויס, אין יאָר 1913, האָבען מיר אין דער אידישער ליטעראַטור נאָך ניט געהאַט קיין ראָמאַנען פון אַמעריקאַנער אידישען לעבען. עס זיינען געווען ל. קאָברינ'ס „אימיגראַנטען". זיי האָבען ניט פאַרמאָגט אָבער די מעלות פון קאָברינ'ס שפּעטערדיגע ראָמאַנען. און איגנאַטאָוו'ס „אין קעסעלגרוב" איז שיער ניט געווען דער ערשטער אַמעריקאַניש־אידישער ראָמאַן און,

---

*) פאַרלאַג „אַמעריקאַ", ניו יאָרק, 1920.

וואס ס'איז נאך וויכטיגער, איינער פון די ערשטע מאדערנע ראמאנען אין דער אידישער ליטעראטור איבערהויפט.

„אין קעסעלגרוב" איז ארוים כמעט אין דער אייגענער צייט, ווען אין רוסלאנד האבען זיך געדרוקט אש'ס „מערי" און בערגעלסאנ'ס „נאך אלעמען" — דאן, ווען דער ראמאן פון מאדערנעם אידישען לעבען, אין א מאדערנעם סטיל, האט זיך ערשט אנגעהויבען ווייזען ביי אונז.

און דערצו איז נאך אין איגנאטאוו'ס ראמאן געווען ניי נישט נאר אליין דער שטאף און דער סטיל. עס איז אין אים ניי — און סימפאטיש — געווען דאס שטרעבען אויפצוהויבען זיך העכער פון דער אלטעגליכקייט. העכער — אין עטישען, ניט נאר אין ריין קינסטלערישען זינען.

קינסטלעריש איז יעדעס ווערק, אויב נאר ס'איז א קונסטווערק, העכער, ד. ה., געלייטערטער, עיקר'דיגער און אלגעמיינער, ווי די פאקטען פון לעבען, וואס דינען אים פאר שטאף; און ביז צו א געוויסען גראד איז יעדעס קונסטווערק, ממילא, אויך אן עטישער אויפטו, ווייל עס לייטערט און קאנצענטרירט אונזער בליק אויפ'ן לעבען, באפרייענדיג אונז פון זיינע טונקעלע און כאאטישע צופעליגקייטען און אנטפלעקענדיג אין אים פאר אונז עפעס א פארבארגענעם מוז, עפעס א ווילען און א זינען; איך רעד שוין ניט וועגען דער אלגעמיין-גייסטיגער דערהויבונג צום נשמה-לעבען און ממילא אויך צום לעבען פון גאר דער וועלט, וואס ער ברענגט מיט זיך דער אמת'ער עסטעטישער גענוס... אבער געוויינליך איז אין קונסטווערק דאס עטישע נאר א בייזאך. און אפט בלייבט עס פארבארגען און קומט גאר ניט צום באוואוסטזיין. און אויך אין דער נייער אידישער סקיצען- און נאוועלען-ליטעראטור האט געפעלט יענער שארפער און הייסער עטישער פאטאס, וועלכער איז אין דער אלטער אידישער ליטעראטור געווען אזוי קענטיג און אזוי בולט און וועלכער האט אויף איר ארויפגעלייגט אזא אייגענארטיגען שטעמפעל. דער איינציגער, וועלכער איז אין דער אידישער ליטעראטור פון דעם נאך-מענדעל'ישען פעריאד ארויס ווידער מיט אן עטישען ברען, איז געווען פרץ. ער האט, אנשטאט דער

פסיכאלאגיע פון טאגטעגליכן לעבען, וואס ער איז אליין אין איר געווען אין אנהויב אזוי פארטאן, גענומען אונז ציינען די עטיק פון „שבת־יום־טוב׳דיגע" נשמות. און זיין איינאונאיינ־ציגער תלמיד איז דער אמעריקאנער אידישער פראזע האט (אין דעם פרט) אויסגעזען צו זיין דוד איג־נאטאוו, אויב מען זאל ניט רעכענען דעם ניט אין ערד טיפערען, קאנצענטרירטערען און אייגענארטיגערען ל. שאפירא, וועלכער איז דאך ניט קיין אמת׳ער „אמעריקאנער".

אז מען האט אנגעהויבען לייענען איגנאטאוו׳ם ראמאן, האט מען גלייך, שוין אין די ערשטע קאפיטלען גענומען פילען, אז זיין מיין איז אנטקעגענשטעלען דעם היינטיגען אידישען לעבען אין אמעריקע עפעס אן אנדער לעבען, א ריינערען און א בעסערען.

שוין אין די ערשטע קאפיטלאך זעען מיר די צוויי העלדען פון ראמאן, ברוך און מאקס, איינער אנטקעגען דעם אנדערען, ווי שבת קעגען וואכעדיגקייט, ווי אידעאליזם קעגען פראקטישקייט, ווי די פרייע שטרעבונג צו דער צוקונפט קעגען דעם פארשקלאפט זיין דורך דעם היינטיגען טאג, ווי עפעס א מין גלויביגער און ענטוזיאסטי־שער דאן קיכאט קעגען עפעס א מין ניכטערען סאנטשא פאנטשא. שוין אויף די ערשטע זייטלאך הערען מיר, ווי מאקס, וועל־כען חנה, ברוד׳ס געליבטע, האט גענומען פאר א מאן נאר דערפאר, ווייל ברוד, איר אמת׳ער געליבטער, האט ניט געוואלט מיט איר חתונה האבען, ווארום אין דער גרויסער שטאט, וואו ער זעט פארויס אונזער אונטערגאנג, וויל ער ניט האבען קיין קינדער, — שוין אויף די ערשטע זייטלאך הערען מיר, ווי אט דער „פשוט׳ער בחור", מאקס, זאגט צום „הימעל־מענשען", ברוד׳ן:
„דו פארשטייסט? — איך מיין, וואס האסטו פון דעם, וואס אט ביסטו דא און אט ביסטו ניטא — וואס איז דאס פאר א לעבען? פלוצלונג הויבסטו זיך אויף און בלייבסט ניט ערגעץ... און איך וויים — — — חנה לאכט דאך פון דיר... און צו וואס דארפסטו טאקע אזעלכע געדאנקען, אז די אידען שטארבען דא אויס, און די „דערפער" דיינע (ברוד רופט אידען באזעצען זיך אין „פרייע דער־

פער"—ש. נ.) און... איך ווייס וואָס נאָך — — — — די קינדער רעדען דאָ ניט קיין אידיש? איז וואָס? אדרבה! איך מיין — — — — וועמעס באָבעס דאגה? הערסט, ברוך! ווען דו פּאָלגסט מיך און האָסט חתונה! הערסט? אויף מיין וואָרט!" א. אַז. וו. און ב ר ו ך טראַכט: „...אַ פּאָלק, פון וועמען גאָט האָט ארויסגע־קוקט שענער און ליטערער, ווי פון אלע אנדערע פעלקער — און וואָס גייט דאָ פון אונז ווערען? חנה (ער רעדט מיט חנה'ן אין זיינע געדאַנקען). חנה, מיר דאַרפען גיין אַהין אין דער ווייטער וועסט. די רעגירונג גיט דאָרט אוועק די ערד כמעט אומזיסט. דאָרטען וועלען מיר קאָנען לעבען אונזער אייגען לעבען. דאָרטען שטאַרקט זיך ווידער אונזער בלוט, אונזערע מוסקולען" א. אַז. וו.. א. אַז. וו. עס איז ניט וויכטיג, ו ו אָ ס פאר אַ נייעם לעבען ברוך פּרעדיגט. עס איז ניט וויכטיג, צי זיינען מיר מסכים מיט זיינע מיינונגען צי ניט. דער עיקר איז, וואָס אין ברוך'ן האָט אונז דער פּראָפעסער געוואָלט געבען אַן א י ד ע אַ ל ע גע־שטאַלט, אַ מין הערעאישע פּערזאָן, אַ ה ע ל ד אין דעם אור־שפּרינגליבען זינען פון דעם דאָזיגען וואָרט, אַ מענשען, וואָס וויל א י ב ע ר מ אַ כ ע ן די וועלט און פירען אַ מלחמה ק ע ג ע ן דעם פוילען, פיליסטערישען „אַזוי איז באַשערט — פאַרפאַלען! מען דאַרף לעבען, ווי עס לעבט זיך!"

אַט דער וואונש איגנאַטאָוו'ס איז ווערט געווען, מען זאָל אים באַגריסען. עס איז געווען אַזאַ גוטער, אַזאַ שיינער, אַזאַ רייכער וואונש. און דאָס איז געווען ניט נאָר איגנאַטאָוו'ס וואונש אליין. ער האָט דאָן, מיט אַ יאָר צען צוריק, אַזוי ווי געטראָגען זיך אין דער לופטען. ער האָט דאָן געוועקט און געמינטערט און גע־כשופ'ט פילע אידישע אינטעליגענטען — אין רוסלאַנד אַזוי גוט, ווי אין אַמעריקע. עס איז דאָן אין דער אידישער ליטעראַטור גע־ווארען אריינגעקאַפּעט אַ טראָפּען פון דעם עקעל און דעם האַס, וואָס פילע פון אונז האָבען צום היינטיגען, גרויסשטעטישען, אי־דישען לעבען, און אינאיינעם מיט דעם באַגער צו פאַרשילטען און פאַרניכטען אַט דעם „היינט", איז וואַך געווען די שטרעבונג צו אַ נייעם לעבען, די שטרעבונג, וואָס האָט געטראָגען ניט קיין אומ־

פערזענליכע סאָציאַלע און פּאָליטישע כאַראַקטער (ווי פריער דער סאָציאַליזם און דער ציוניזם), נאָר אַ מער אינעווייניגסטע און מער אינדיווידועלע מאָראַלישע כאַראַקטער. דאָס איז געווען עפּעס אַ מין אינדיווידועלער ראָמאַנטיזם, וואָס האָט זיך געזאָלט אויסשיילן פון דעם פריערדיגן נאַציאָנאַלן ראָמאַנטיזם. דאָס איז געווען דער האַלב־אומבאַוואוסטזיניגער וואונש גובר צו זיין די אַבסטראַקטקייט פון דער נאַציאָנאַלער ראָמאַנטיק און צו שאַפן אַ העלד, וואָס זאָל מיט דער באַנייאונג פון זיין פּערזענלעכן לעבן זיין אַ מוסטער און אַן אויסגאַנגספּונקט פאַר דער אָפּפרישונג פון דעם נאַציאָנאַלן לעבן. דער דאָזיגער וואונש האָט זיך אין דער אָדער יענער מאָס געפילט אין די דאַמאָלס געשאַפענע דראַמעס, פון א. ווייטער („אין פייער", „דער שטומער"), און אויך אין בערגעלסאָנ'ס „נאָך אַלעמען" און אַש'ס „מערי"... אָבער ערגעץ איז ער ניט געווען אַזוי בולט, ווי ביי איגנאַטאָוו'ן. און ווען אים וואָלט געלונגען צו געבן דעם דאָזיגן וואונש לייב און בלוט, קינסטלערישן לייב און קינסטלערישן בלוט, וואָלט עס זיכער געווען אַ גרויסער און זייער אַ צייטמעסיגער אויפטו.

אָבער דאָס איז אים ניט געלונגען.

ברוך, דער הויפּט העלד פון ראָמאַן, האָט אויף זיך, מיט דעם פּאַרפאַסערס הילף, אַרויפגעצויגן אַ מאַנטל פון שבת'דיגקייט (אָדער פון „נאַרישקייט", ווי דאָס רופט זיך אין דער צווייטער רעדאַקציע פון ראָמאַן, וואו דער פּאַרפאַסער האָט, ווי עס ווייזט, געוואָלט אַריינקאָפּן אין ברוך'ס אונערטרעגליכער פּאַטעטישקייט אַ טראָפּן איראָניע) — אָבער ביי אונז, לעזער, איז דערפון ניט געוואָרן שבת'דיג אויפ'ן האַרצן. ברוך „וואַרפט אויף אונז אַן אימה — און קיין אימה פאַלט אויף אונז ניט", ווי עס האָט געזאָגט טאָלסטאָי וועגן אַנדרעיעוו'ן. ברוך איז אַ הויכער. אָבער דאָס איז די הויכקייט פון די שטאָלצן, אויף וועלכע ער גייט. מיר גלויבן אין דער אויפריכטיגקייט פון זיינע רייד, אָבער מיר גלויבן ניט אין אים אליין. מיר זען אים ניט, מיר הערן נאָר, ווי ער רעדט. ער רעדט אָן אַ שיעור; ער רעדט צו וועמען נאָר

עס מאכט זיך: צו אנדערע, צו זיך, צו הינט, צו קעץ, צו דער וואַנט — אַבי גערעדט. און וואָלט ער כאָטש ניט גערעדט אַזוי שיין! און וואָלט ער כאָטש אַליין ניט געזאָגט איינמאָל צו זיינער אַ „פאַרערעריז“ (אַבי זאָגען עפּעס אַ שיין וואָרט): „וואָס מיט מיר איז, לאָה? וואָס מיט מיר איז? — פאַרלאַנגען פון אַן אָדלער. נאָר קיין פליגלען זיינען ניטאָ. מאַד איך זיך אָפּט גרייט צו פליען — און פלי ניט. און דאָס ערגסטע — איך מאַד, ווייזט אויס, אַליץ אַן אַנשטעל פון איינעם, וואָס פליט!“

ניין, דאָס איז ניט „דאָס ערגסטע“, ווילט זיך דעם לעזער אַריינמישען זיך אים אין זיינע רייד. דאָס ערגסטע איז, וואָס ניט ער אַליין מאַכט „אַן אַנשטעל פון איינעם, וואָס פליט“, נאָר דאָס טוט דער, וואָס שטייט די גאַנצע צייט הינטער׳ן פאַרהאַנג און ציט אים „פאַר׳ן שטריקעל“ — און פאַר׳ן צונג: דוד איגנאַטאָוו.

לייענענדיג דעם ראָמאַן, דוכט זיך אייך זייער אָפּט, אַז דוד איגנאַטאָוו האָט פּשוט געוואָלט „אויסברענגען“ עטליכע שיינע (אַמאָל מליצה׳דיגע און אַמאָל טאַקע באמת פּאָעטישע) מעשה׳לאַך, וואָס ער האָט אָנגעשריבען, האָט ער זיי אַריינגערעדט אין ברוכ׳ן. און יענער מוז זיי נעבאַך, ביי יעדער געלעגענהייט, דעקלאַמירען.

דער פאַרפאַסער האָט זיכער געגלויבט, אַז ער האָט דערמיט זיין העלד געטאָן אַ גרויסע טובה: ער האָט אים געמאַכט „אינ־טערעסאַנט“ און „פּאָעטיש“. אין דער אמת׳ן האָט ער ביי אים אָפּגענומען דעם לעצטען לעבענסטראָפּען און געמאַכט, אַז ער זאָל מיט די ווילדע אויסוואַוקסען פון זיין מליצה דערשטיקען אַלע שפּו־רען און אַלע שפּראָצונגען פון לעבעדיגען לעבען אין ראָמאַן. אַזוי, אַ שטייגער, וואָלט ח נ ה געווען אַ גאַנץ לעבעדיגע קינסטלע־רישע געשטאַלט, אָבער אויך איר דופק הערען מיר אָפּט ניט צוליב ברוכ׳ס ניין־און־ניינציג מאָס מליצה. מיט זיינע שיינע רייד האָט ברוך פאַרטרונקען — און וויסט און נודנע געמאַכט — דעם גאַנ־צען ראָמאַן.

און עס וואָלט וועגען אים גאָר ניט געלוינט צו רעדען, ווען ניט די שיינע מ ע ג ל י כ ק י י ט ע ן, וואָס זיינען אין אים געווען.

אויך אייניגע גאַנצע ווערק איגנאַטאָוו'ס), וועלכע צייגען, אַז דער פּאַרפאַסער קאַן אונז פיל מער געבען, ווען ער וויל אונז ניט געבען מער, וויפיל ער קאַן, ד. ה. ווען ער לאָזט זיך ניט פאַרפירען פון דער ניט־מעגליכער און ניט־קינסטלערישער תאוה צו פוצען זיך און צו געברויכען, אַנ־שטאַט לעבעדיגע באַגריפען — „ווערטער, ווערטער, ווערטער"...

וועגען די שיינע מעגליכקייטען, וואָס זיינען געלעגען אין דער אידעע פון ראָמאַן, האָב איך גערעדט. איך וויל דערמאָנען אייניגע פון די שיינע שטעלען (די שטעלען אַז שיינע רייד), וואָס זיינען פאַראַן אין ראָמאַן. דאָס זיינען אייניגע סצענעס, דערהויפּט גרור־פענסצענעס, אויפ'ן באַל, אויפ'ן גליטש אָדער הינטער'ן שטאָט, וואוהין ברוך מיט זיינע פריינד פאָרען אַרוים פאַרברענגען. די דאָזיגע סצענעס ווייזען, אַז איגנאַטאָוו קען אונז געבען לעבע־דיגע בילדער (דערהויפּט באַוועגונגס־בילדער און גרופּענבילדער) און קען שרייבען אויף אַ לעבעדיגער, נאַטירליכער און דער־ביי אייגענאַרטיגער, איגנאַטאָוו'שער, שפּראַך.

און אַט טאַקע דערפאַר איז אַזוי גרויס דער פאַרדראָס, וואָס אין דעם ראָמאַן „אין קעסעלגרוב", וואו דער פאַרפאַסער האָט זיך געשטעלט אַזוינע ערנסטע אויפגאַבען און וואו עס ווערען אַנגע־רירט אַזוינע וויכטיגע, עטישע און שיער ניט רעליגיעזע, פראַגען — וואָס דוקא דאָ פילט זיך אַ טיפע אינעווייניגסטע אומאויפריכטיג־קייט און אַ מליצה'דיגקייט, וואָס טויט אָפּ דעם גאַנצען בוך.

---

געוויס האָט איגנאַטאָוו גוט געטאָן, וואָס ער האָט פאַרלאָזען דעם וועג פון דעם אַלטען, באַנאַלען, וואָכעדיגען און ניכטערען, רע־אַליזם און געזוכט זיך צו שאַפען נייע אויסדרוקסמיטלען, מער ראַ־פינירטע און מער צוגעפּאַסטע צו דער, האַלב־היסטערישער, גרויס־שטעטישער פסיכיק. אָבער אויב ניט יעדער „רעאַליזם" איז קונסט, איז יעדע קונסט, אין תוך גענומען, רעאַליסטיש. ד. ה., יעדע קונסט — מעג זי זיין „ראָמאַנטיש" און „פאַנטאַסטיש" — איז

געבויט אויף געוויסע, זאל זיין, פארוויקעלטע און פארבארגענע, לעבענסגעזעצען. און אזוי מוז יעדער סטיל, מעג ער זיין ווי פריי, ווי אייגענארטיג און ווי אינדיווידועל, זיין פסיכאלאגיש באגרינדעט. ער מוז זיין פיאיג אויפצווועקען אין אונזער נשמה די אדער יענע אסאציאטיווע טעטיגקייט, די אדער יענע פיאיגקייט פון אונזער פאנטאזיע און אונזער זכרון צו פארבינדען מיט די אויסדרוקען, וואס דער פארפאסער געברויכט, יענע אדער בערד יענע בילדער און באגריפען, וואס ער וויל מיט זיי פארבינדען. אבער וואס קען ארויסרופען אין אונזער פאנטאזיע אזא מין „בילדליכער“ אויסדרוק ווי — „און אזוי טראגט זיך איר שמייכעל, פליט און טראגט זיך א גאלדענער מיט א פארקרימטען שנאבעל און מיט שארפע נעגעל צו ברוכ׳ן און ער פארטשעפעט מיט זיינע פליגלען אויך בינום׳ען א. אז. וו.“ מילא, א גאלדענעם שמייכעל קענען מיר זיך פארשטעלען; א שמייכעל, וואס פליט און טראגט זיך קענען מיר זיך אויך, אפשר, איינרעדען, אז מיר זעען אים; אבער א שמייכעל מיט א פארקרימטען שנאבעל און מיט שארפע נעגעל און מיט פליגלען, קען ארויסרופען אין אונז נאר — א שמייכעל. און א „הימעל, וואס איז אויף מיילען און מיילען פארזייט מיט פינקעלדיגע קנאספען (פארזייט מיט קנאספען?) פון גאלדענע טרוימען“ — קען ארויסרופען עפעס נאר אין גאגאל׳ס „פעטרושקא“, וועלכער האט הנאה פון לייענען אליין, כאטש ער פארשטייט קיין ווארט ניט אין דעם, וואס ער לייענט. און פון אזוינע „זונען“, וועלכע ברוך האט אמאל „צענויפגענומען אין זייגע הענט און זיי געפרעסט צו זיין הארצען“, — פון אזוינע, קאלטע, פאפירענע, זונען, וואלט, דוכט זיך מיר, פעטרושקא אפילו קיין הנאה ניט געהאט... פרעגט זיך, צו וואס דארף מען עס? אין איגנאטאוו׳ס שאפען (דארט, וואו ער שאפט, ניט ער גיסט מליצה) שפילט די שפראך (זי איז ביי אים אפט זייער מעלאדיש!) א גרויסע ראליע: דארף ער דאך מער נאך אכטונג געבען אויף איר און זען, אז זי זאל באשטיין פון לעבעדיגע, ניט פון טויטע ווערטער.

און ער האט פון טויטע ווערטער געוואלט שאפן א גאנצן ראמאן!

איז גאר קיין וואונדער ניט, וואס דער ראמאן איז אים ניט געלונגען. עס איז אבער א שאד, א גרויסער שאד: איגנאטאוו האט זיין אייגענעם סטיל און א מוזיקאלישע שפראך... נאך מער: אפילו אין דעם ראמאן גופא זיינען דא, ווי געזאגט, פיינע שטעלן, מער ניט די צרה איז, וואס דער פארפאסער האט געגלויבט, אז ווען ער וועט זיין העלד אונטערלייגן א שם המפורש פון שיינע ווערטער, וועט ער פארשפארן אין אים אריינצוהויכן א נשמה. אבער ווערטער אליין זיינען גארניט, זיי מעגן זיין ווי „שיין“...

(1920)

# דוד קאַסעל : אונטער אַ ווייסען פאַרהאַנג*)

„ליטעראַטור“ — דאָס איז דאָס וואָרט, וואָס בעט זיך אויפ'ן צונג, ווען מען לייענט דורך דעם ראָמאַן (אָדער די דערציילונג, אָדער די קינדהייט־ערינערונגען, אָדער סתם די לירעכץ — פון לשון ליריק — אין פּראָזע) פון דוד קאַסעל.

שוין דער נאָמען אַליין — אונטער אַ ווייסען פאַרהאַנג — איז אַ שטיק מליצה. וואָרים דאָס איז ניט קיין טאַט און ניט קיין טאַטזאַך און אויך ניט קיין בילד, נאָר סתם אַזוי זיך אַ שיינער אויסדרוק. ער האָט ניט קיין אַנדער טעם, אַחוץ דעם, וואָס דער פאַרפאַסער גיט אין סוף פון דעם ראָמאַן, וואו ער זאָגט, אַז „אים (דעם אויס קינד געוואָרענעם משה'לען, דער צענטראַלער פיגור פון ראָמאַן), דאַכט זיך, אַז אַ ווייסער פאַרהאַנג האָט זיך לאַנגזאַם אַראָפּגעלאָזט איבער דעם פריערדיגען משה'לען און זיין קינדהייט“. אונטער אַ ווייסען פאַרהאַנג איז, פּשוט, דער טייטש משה'לעם קינדהייט. און דאָס איז אייגענטליך די טעמע פון ראָמאַן. אָבער פאַר דוד קאַסעל וואָלט עס געווען, צו איינפאַך אָנרופען דעם ראָמאַן „משה'לעם קינדהייט“, האָט ער עס סטיליזירט און אַ נאָמען געגעבען: „אונטער אַ ווייסען פאַרהאַנג“.

און אָט דאָס אָנרופען זאַכען ניט מיט זייערע אייגענע, אמת'ע, נאָר מיט אויסגעטראַכטע „שיינע“, רעטאָרישע נעמען — איז קענטיג אין דעם גאַנצען בוך און אין דעם גאַנצען שרייבערישען שניט פון דוד קאַסעל. ער וועט אייך קיין איין וואָרט ניט זאָגען פּראָסט

*) פאַרלאַג „אידיש“, וואַרשע, 1920.

און אז קונצען. ביי אים איז אלץ געצאצקעט, פארדרייט, פאר־מליצה'ועט. עס איז דא אין זיין שרייבערישען כתב עפּעס פון יענער קונציגער געגרייזעלטקייט, מיט וועלכער עס צייכענט זיך אויס די אונטערשריפט פון א פארצייטיגען קאליגראף. עס זיינען ניטא דארטען קיין באזונדערע אותיות, זיי זיינען בטל געווארען, עס איז דא נאר עפּעס א געצוקטע דריידעל, וואס דרייט זיך און דרייט זיך און וויל זיך גאר ניט אויפהערען צו דרייען. דער מענש מיט דעם שיינעם כתב קאן אמאל ארייןדרייען און ארייןקוועטשען זיין חתימה אין אן עק פון א קליין שורה'לע און אמאל קאן ער זי צעשפרייטען, ווי א פּאווע — אירע פארביגע פעדערען... אט וויל דוד קאסעל זאגען, אז דער טאג גייט־אויס און עס הויבט זיך אן דער אווענט. וויל ער עס ניט זאגען פּראזאאיש, נאר... פּאוועדיג, פארביג. איז עס ניט קיין עולה; פארקערט, ס'איז א יושר צו שרייבען בילדליך; און אז מען האט נאך דערצו נייע און אריגינעלע קאלירען, איז אודאי גוט. איז אבער די בילדליכקייט פון דוד קאסעל אן עכט... „קאליגראפישע“, ד. ה. סתם אזוי זיך, פון בריה'שקייט וועגען, געדרייט מיט דער פּען, אז א זין און אז א זען מיט'ן אויג, אדער געציקעלט זיך, ווי א חזן אין א קליין שטעטעל, אז א הערען מיט'ן אויער: „...אויפ'ן שטויביגען שליאך ליגט זיך שוין אומבאמערקט א שאטען, און עס שפּירט זיך, אז פון טאג פאלט אפּ דאס ליכט, ווי פערעל פון א ווייסען האלז. עס איז נאך ווייט צו נאכט. אבער נאכט־פעדעמלאך וועבען זיך שוין אין די האריזאנטען און אין די שאטענס, וואס גנב'ענען זיך אין די קארן־פעלדער. דער שטילער קרענקליכער טאג, וואס איז מיד געווארען פון זיין אייגען ליכט, וויל זיך ניט ראנגלען מיט די שאטענס. געהארכזאם גיט ער זיך אונטער, ווי א קראנק קינד א פרעמדער שטארקער האנט. פרי וויל ער צומאכען די אויגען און אוועק אהין, וואו עס שלאפען זיינע אויסגעלעבטע ברידער — מילי־מיליאנען טעג. און דערפאר, וואס ער איז אזא קרענקליכער און שטילער, איז ער באזונדערס ליב, באזונדערס טייער און נאנט צום הארצען און פארשטענדליך, ווי א לעבעדיגער“... וועלען זיך געפינען אפשר לעזער, וואס וועלען פילען אין דער דאזיגער רעטאריק עפּעס א לירישען טעם. דער גוסט איז

ביי מענשען פארשידען. און קיינער קאן ניט זאגען ווענען א זאך, אז זי איז אן א טעם און אן א ריח, כל־זמן אים דאכט זיך, אז זי קאן נאך אימיצען געפעלען, אחוץ איר אויטאר. אבער וועמען קאן געפעלען, אזא מין בילד: „ווי הויכע פוילישע גלחים, נויגען זיך פון ווייטען איינזאמע טונקעל־גרינע יעל־בוימער, ווי בלויע שפיגעלאך, ליגט צעשניטען דער הימעל צווישען די שטאמען. ווי גרינע טעפיכער, שיילען זיך אויס שטילע, זיס־איינגעשלאפענע וואלדלאנקעס און ווי שלאנגען, פלעכטען זיך דיווארצלען איבער׳ן וועג און שטערען דעם ראד אין זיין גאנג?“ „ווי הויכע פוילישע גלחים“, „ווי בלויע שפיגעלאך“, „ווי גרינע טעפיכער“, „ווי שלאנגען“ — וואס פאר א ב י ל ד ווערט פון דעם אלעמען א י נ א י נ ע ם ? קיין שום בילד! די ג ל ח י ם זיינען באזונדער, די ש פ י ג ע ל א ד באזונדער און די ט ע פ י כ ע ר מיט די ש ל א נ ג ע ן ווידער באזונדער. זיי גיסען זיך ניט צונויף איינאיינעם, ווייל זיי זיינען ניט ג ע ז ע ן ג ע ו ו א ר ע ן איינאיינעם. איין מאל האט דער פארפאסער געזען יעל־בוימער, וואס האבען אים דערמאנט אן „הויכע פוילישע גלחים“, אן אנדערש מאל האט זיך אפגעדוכט, אז דער הימעל ליגט צעשניטען צווישען די שטאמען (אין וואלד) „ווי בלויע שפיגעלאד“, א דריטעס מאל האבען אים די ווארצלען פון די בוימער אין וואלד אויסגעזען „ווי שלאנגען“. אחוץ דעם, געדענקט ער זייער גוט די שוין לאנג אפגעניצטע „גרינע טעפיכער“ — האט ער דאס אלץ גענומען און א ר י י נ ג ע ש ט ע ל ט. פון שיינקייט ווענען, אין איין זאץ. האט זיך באקומען א „שיינער“ און כלומרשט א בילדליכער, אבער א טויטער זאץ. פארוואס איז ער טויט? ווייל ער איז צ ו נ ו י פ ג ע ש ט ע ל ט, צונויפגעשטוקעוועט, פ א ר פ א ס ט, ניט ארויסגעאטעמט פון א לעבעדיגער וויזיע.

עס איז אין אים, ווי אין דעם גאנצען בוך, אנגעווענדט דער פרינציפ פון דעם אזוי אנגערופענעם אימפרעסיאניזם. דער אימפרעסיאניסט זאגט, אז ער ווייס נאר — און וויל אונז נאר ציינען — די זאכען ווי זיי זעען א י ה ם אויס ביי די געגעבענע אומשטענדען, אבער ניט ווי זיי ז י י נ ע ן אין דער אמת׳ען: ווער

ווייס, ווי זיי זיינען אין דער אמת'ען? איך קען נאָר ד ע ם בילד זייערן. וואָס ווערט באַשאַפן דורך מיין אויפנעמען זיי און דורך דעם איינדרוק (דער אימפּרעסיע) וואָס א י ך באַקום פון זיי. דאָס איז אַ ריכטיגער געדאַנק. אָבער ער ווערט דורך דוד קאַסעל ניט ריכטיג, ד. ה. ניט שעפעריש אַנגעווענדט. ווען דוד קאַסעל וואָלט געווען באמת אַ קינסטלערישער אימפּרעסיאָניסט, וואָלטן פאַר אונז געשטאַנען אין וואַלד ה ו י כ ע פּ ו י ל י ש ע ג ל ח י ם, ניט קיין יעל־בוימער. פאַר אונז עקזיסטירן אָבער ניט קיין ה ו י כ ע פּ ו י ל י ש ע ג ל ח י ם און אפילו קיין פּשוט'ע י ע ל ־ ב ו י מ ע ר זעען מיר אויך ניט. מיר זעען נאָר אַ פ אַ ר ג ל י י ך צווישן די ביידע זאַכן, ד. ה. „ליטע־ראַטור"...

„ו ו י הויכע פּוילישע גלחים"... „ו ו י בלויע שפּיגע־לאַך"... „ו ו י גרינע טעפּיכער" — דאָס ו ו י איז באמת פּאַררעטעריש! עס צייגט, אַז דער פאַרפאַסער אינטערעסירט זיך ניט אַזוי מיט די זאַכן אַליין, ווי מיט זייער ל י ט ע ר אַ ר י־ ש ע ן גלגול, ד. ה. מיט די מליצות, אין וועלכע מען קען זיי אָנ־קליידן.

און אָט דאָס „ו ו י" פּילט אַז — און מאַכט טויט — דעם גאַנצן בוך. ווי נאָר דער אויטאָר הויבט אַן אונז עפּעס צו צייגן אָדער צו דערציילן, אַזוי קומט גלייך דאָס נודנע „ווי" אָדער „פּונקט ווי".

„....דרויסן גנב'עט זיך אַרוים דער טאָג פון אונטער די טונ־קעלע סאַמעטענע אָווענט־הענט. פּ ו נ ק ט ו ו י אַ גאָלד־גע־לאַקטער איינגעל אַנטלויפט פון אַ זיידן..."

„....און איבער אים פאַרט די זומער־נאַכט מיט בלויע פליגלען, פּ ו נ ק ט ו ו י מיליאַנען זונען, פאַרהילט אין בלויע שלייערס, וואָלטן אומגעשוואומען אין דער לופט".

„אין משה'לען צעוואַקסט זיך דאָס האַרץ, פּ ו נ ק ט ו ו י עס וואָלט געקומען אין באַרירונג מיט גאָט, מיט'ן הימעל און מיט אַלע עקען פון דער וועלט".

פ ו נ ק ט  ו ו י  די אלע זאכען וואלטען באשאפען געווארען, נאר כדי דוד קאסעל זאל קאנען צוטראכטען צו זיי עפעס א שיינעם פארגלייך. אליין פאר זיך זיינען זיי קאסעל'ן גיט נויטיג. אליין פאר זיך עקזיסטירען זיי ניט. און דערפאר עקזיסטירען פאר אונז ניט, ד. ה. האבען קיין ממשות ניט — אויך זיינע כלומר'שטע מעטאפערן. מיר פילען, אז זיי האבען ניט קיין ממשות אויך אין ז י י נ ע  אויגען. ער אליין גלויבט ניט אין זיי. דאס איז לייכט צו זען, ווען מען לייענט אזא מין שטעלע: „צו נעילה  ד א כ ט  ז י ך,  אז די ליכט ברענען מיט א מידען פייער, אז אויף די ווענט ליגט אן אפגע'חלש'קייט, אז דעם חזן פארפעלט אטעם און אז לעבען יעדען אידען שטייט גאט און גלעט אים — ער זאל קומען צו די כחות. גאט איז אזוי וויטליך אין שול א. אז. וו. — — — — — — גאט זיך  א פ נ י ם  ארויסגעלאזט פון זיינע הויכע הימעל־פאלאצען א. אז. וו. — — — — — — — גאט אליין, ד א כ ט  ז י ך,  האט זיך אוועקגעזעצט אפרוען לעבען טיר אויף א באנק" א. אז. וו. איך האב מיט א כיון אונטערגעשטרייכט די ווערטער „דאכט זיך" און „אפנים", ווייל זיי זיינען ניט ווייניגער פאררעטעריש, ווי די פריער־דערמאנטע „ווי" און „פונקט ווי". זיי זיינען פונקט ווי דאס „ווי" און „פונקט ווי", א באווייז, אז דער פארפאסער  ז ע ט  נ י ט  דעם „מידען פייער" פון די ליכט צו נעילה (הגם ער ווייס פון דעם),  ז ע ט  נ י ט  ווי גאט האט זיך „ארויסגעלאזען פון זיינע הויכע הימעל־פאלאצען" אדער „אוועקגעזעצט זיך אפרוען לעבען טיר אויף א באנק". ווען ער וואלט דאס געזען, וואלט זיך ניט ארויסגע'גנב'עט ביי אים פון אונטער דער פען אט דאס „דאכט זיך" און אט דאס „אפנים". וועלכע זיינען פאראן ביי אים, אגב, ניט בלויז אין דער ציטירטער שטעלע: — דאס גאנצע בוך איז פול מיט דעם, דאס גאנצע בוך איז א „דאכט זיך"־בוך... ווען ער זאל האבען געזען — אלץ איינס ווי: מיט די לייבליכע אויגען, צו וויזיאנעריש געזען — די זאכען, וואס ווענען זיי דערציילט ער אונז, וואלט ער אונז, לויט טאלסטאי'ס אן אויסדרוק,  א נ ג ע ש ט ע ק ט  מיט זיין זען. איצט עקזיסטירט פאר אונז קיין זאך ניט. איצט הערען מיר נאר רייד — אמאל

וויניגער, אמאָל מער געלונגענע — אָבער נ אָ ר רייד, ניט מער, ווי ר י י ד.

זיי פּילען אָן דעם גאַנצען בוך. און צו אַלע צרות זיינען זיי נאָך „שיין". די „שיינע" רייד — דאָס זיינען דאָך די ערגסטע, די גודנעסטע.

אמת, עס טרעפען זיך אין בוך אויסדריקען, וואָס זיינען שען — אָן געגנזענפּיסלאָך: „...אָן אויסגעטריקענטע אידענע מיט יונגע אויגען, אַ מת מיט אַ שיינעם און אַ וואַרעמען שמייכעל"; אָדער: „בשעת משה'לע קומט (יום כפור) אין שול אַריין, שטייט שוין דער טאַטע אין טלית, מיט די ברילען אויף דער ברייטער נאָז, און קענטיג איז אויף אים, אַז ער איז אָ ן אָ נ ג ע ד אַ ו ו ע נ ט ע ר. אָ ן אָ נ ג ע ז אָ ג ט ע ר". אַזוינע און ענליכע אויסדריקען צייגען, אַז קאַסעל איז ניט שטענדיג אַ שיין־שרייבער, עס טרעפען זיך ביי אים ר ג ע ' ס. ווען ער איז אַ שרייבער, אַ דיכטער. אָבער, צום באַדויערען, איז צו אָפט אין אים דער שיין־שרייבער גובר דעם שרייבער, און דער סוף איז, אַז די פון ווערטער געפלאָכטענע אַר־נאַמענטען פאַרשטעלען פון אונז דעם תוך.

דאָס בוך פאַרנעמט צוויי הונדערט זיבעציג זייטען, און ז אַ כ ל י כ ע ר אינהאַלט איז דאָ אין אים קוים אויף אַ פּאָר צענדליג. פאַרוואָס? אין בוך רעדט זיך וועגען זייער פיינע זאַ־כען: וועגען דעם אינגעל משה'לע און דער קינדישער ליבע צווישען אים און שיינדעלע'ן; וועגען שיינדעלע'ס פּשוט'ער מאַמען און משה'לעס אייגענאַרטיגען טאַטען; וועגען איינעם אַ אידען זלמן, וואָס איז אַ שווייגער און וואָס האָט ליב אָבער צו דערציילען קינ־דער פאַנטאַסטישע מעשה'לאַך; וועגען משה'לעס רייזע צו זיין אַל־טער באָבען אין אַ קליין שטעטעל, וואו עס וואוינען אויך זיינע מאָדנע פעטערס מיט זייערע קינדער; וועגען משה'לעס באַקענען זיך דאָרט אין שטעטעל מיט זיין פעטערס טעכטער און זיין — שוין אַביסעל מער ווי קינדישער — ליבע צו איינער פון זיי, דער אַרי־גינעלסטער פון אַלע; וועגען זיין אומקערען זיך צוריק אַהיים און

דעם קאמף, וואס קומט פאר אין זיינע גערענקען צווישען שיינדע־לע'ס געשטאלט, פון איין זייט, און טעמעלע'ס, דעם פעטערס טאכטער — פון דער אנדער זייט; וועגען זיין שווערען באפרייען זיך פון די ביידע געשטאלטען און זיין זעגענען זיך מיט די קינדער־שע יארען; וועגען זיינע רעליגיעזע איבערלעבענישען... דאס זיינען אלץ זאכען, וואס גיבען שטאף גענוג פאר א ראמאן. עפעס א קלייניגקייט — א קינדס נשמה! און דערצו נאך א באגאבטען קינדס! זיינע רעליגיעזע און האלב־עראטישע איבערלעבונגען זיי־נען דאך אליין גאנצע וועלטען. זיי האבען דער ליטעראטור פון אנדערע פעלקער געשענקט אוצרות. עס איז גענוג צו דערמאנען „די קינדערשע, אינגעלשע און בחור'שע יארען" פון טאלסטאי, גארקי'ס „קינדהייט", אדער דעם „גרינעם היינריך" פון גאטפריד קעלער (וואס עס איז שויז, אגב, לאנג צייט צו איבערזעצען אויף אידיש). אבער קעלער, גארקי, טאלסטאי און אנדערע אמת'ע דיכטער האבען ניט דורך רייד און מליצות געצייגט אונז די גרויסע וועלט פון דעם קינדס נשמה, נאר דורך האנדלונגען און פאסירונ־גען. דאס קינדישע עלטער איז (אויפ'ן קינדישען אופן) דאס ז א כ ל י כ ס ט ע פון אלע עלטערס. ביי א קינד זיינען די רייד אפילו — א האנדלונג (א שפיל אדער אן אויסדרוק פון א וואסער עס איז נשמה־באוועגונג). א קינד, אז עס לייענט א בוך, האט עס פיינט, אז מען לאזט זיך דארט אריין אין חקירות אדער הוילע באשרייבונגען; עס וויל גלייך האבען דעם עיקר הדבר. און אז מען שרייבט ו ו ע ג ע ן א קינד, דארף מען, מער ווי אלעמאל, אויסמיידען די מליצה'דיגע באפוצונגען. אז מען שרייבט וועגען א קינד, דארף מען, מער ווי אלעמאל, פילען איבער זיך דעם בליק פון זיינע ריינע און קלארע אויגען. און דוד קאסעל האט דוקא אט דעם אומליטערארישסטען פון אלע מענשליכע עלטערס — פארליטעראריזשט!

דאס איינציג קינד, וואס קאסעל האט ניט אנגעטשעפעט אויף אים זיין ליטעראריזשע פליושענע קורטקע — איז ש י י נ ד ע ל ע; אבער שיינדעלע איז א נעבענפיגור און זי האט אן ארעם, בלאס נשמה'לע. אינטערעסאנט וואלט געקאנט זיין די געשטאלט פון

דער פופצען־יעריגער טעמעלע, די „שניי־מיידעלע", משה'לעם יצר
הרע. אבער אז קאסעל קומט צו אינטערעסאנטע און אייגענארטי־
גע געשטאלטען, גיט ער אונז נאר איינציגע שטריכען פון זייער
געזיכט, ניט דעם געזיכט אינגאנצען. יעדער שטריך באזונדער איז
ריכטיג און אמאל אפילו לעבעדיג, אבער אין איינעם זיינען זיי ניט
צונויפגעוועבט אויף א נאטירליכען ארגאנישען אופן, נאר צ ו־
נ ו י פ ג ע ש ט ע ל ט  מ ע כ א נ י ש. דערפאר לאזען די פאר־
שוינען ניט איבער קיין רושם פון לעבעדיגע געשטאלטען, כאטש זיי
האבען אין זיך א סך קינסטלעריש־געזעענע און ריכטיג געשילדער־
טע פרטים. דאס פאלגענדיג ביישפיל וועט ציינען, ווי אזוי קאסעל
מאטערט זיך — און קאן ניט — מאכען פון איינצעלנע שטריכען
א גאנצע קינסטלערישע געשטאלט: „א לוידיג ווייבעריש פנים אן
ברעמען מיט א גרוי שיטער בערדעל, וואס וואקסט בלויז אויפ'ן
האלז; ברייטע שיטערהויטיגע באקען, וואס טרייסלען זיך אין
גאנג; קליינע שטארע אויגלאך, ווי צוויי גרויע פארדויבערטע גלעז־
לאך, טיף אריינגעשטעלט אונטער'ן שטערן; א נאקעטער קאפ אן
האר מיט א הויכען שטערען, צעאקערט אין קנייטשען, מיט שוואר־
צע שנירלאך בלאטע אין די דאזיגע קנייטשען; א נאז, וואס זיצט
אויפ'ן פנים, ווי א קליין ווענטעל אדער ווי אן אפען טירעל אין א
שאפע, און איז אומעטום איין ברייט און איין לענג; אן אלטער
אפגעלאקירטער מאנטעל, וואס טויג זיך סיי ווינטער, סיי זומער;
גרויסע קלעצערדיגע שטיוועל, וואס זעען אויס, ווי געמאכט פון
בלעך; א גרויסער סוקעוואטער שטעקען אין ארבייטער־שווארצער
האנט — ד א ס  א ל ץ  א י ז  ז ל מ ן". איז עס זלמן? זעט
דער לעזער זלמנ'ען? זעט ער בכלל א לעבעדיגען מענשען? ניין.
עס ליגט פאר אים א קופע צעשניטענע אברים — עפעס א שווי־
דערליך וויזוויסעקציאניסטיש בילד — א בערדעל, באקען, א נאז,
א שטערן, אויגען — אבער ניט קיין געזיכט.

דער פארפאסער פילט, אפשר, זיין אומפייאיגקייט צו געבען
אונז א געשטאלט אין איר גאנצער פולקייט, פרואווט ער אין אנ־
דערע פאלען בולט צו מאכען  א י י ן  שטריך, כדי צו געבען
אונז דורך  א י ם  צו פילען דעם לעבען פון די מענשען, וואס

ער מאַטערט זיך צו שאַפען. וואָלט דאָס געווען אַן אויסוועג. אויך ד אָ ס איז אַ קינסטלערישער גאַנג. אָבער ער געלינגט אים ניט. ניט משה'לעס טאַטע, ניט זיין פעטער, ניט זיין באָבע (כאָטש זי האָט שוין יע עפּעס איז זיך אַ שטיקעל רוח חיים) און ניט אַלע איבעריגע פּאַרשוינען, וועלכע ער פּרואווט מאַלען אויף אַזאַ מין פּ אַ ר ק י ר צ ט ע ן אופן, האָבען ניט גענוג פלייש און בלוט, צו בלייבען לעבען אין אונזער זכרון. זיי שטייען ניט פאַר אונז קיין לעבעדיגע, און ממילא זיינען טויט אויך זייערע בלאַסע האַנד־לונגען און צוגעפּאַרבטע רייד. זיי זיינען מאַריאָנעטען־פיגורען, וואָס באַוועגען זיך נאָר דאַן, ווען דער פּאַרפאַסער ציט פאַר'ן שני־רעל (דעם „בולט'ן שטריך", דעם סימן מובהק), וואָס ער האָט צו זיי צוגעבונדען...

„ארום משה'לען", שרייבט אין איין אָרט דער פאַרפאַסער, „דרייט זיך די באָבע, ווי אַ מעכאַנישער מענש" — און אַזוי דרייען זיך ארום אין בוך כמעט אַלע איבעריגע פּאַרשוינען: זיי זעען אויס אַלע כמעט, אחוץ אַ פּאָר אומבאַדייטענדיגע אויסנאַמען, — ווי מ ע כ אַ נ י ש ע מ ע נ ש ע ן.

אין דאָס גאַנץ בוך, אחוץ עטליכע איינציגע שטעלען (ווי, אַ שטייגער, די באַשרייבונג פון דעם דייטשס קונצען אויפ'ן מאַרק אָדער פון דעם פאַנטען־שפּיל אין די קאַפּיטלאַך עלף און צוועלף) — איז אַ מעכאַניש בוך — ל י ט ע ר אַ ט ו ר (ווי עס רופען דאָס אָן די פּראָנצוויזען).

(1921)

# יהושע פערלע: מירל*)

אין יהושע פערלע'ס ראמאן „מירל“ איז אויך פאראן „ליטעראטור“, אבער זי פארפלייצט ניט אזוי דעם בוך, ווי ביי קאסעל'ן, מיט אירע, אויף דראט־אנגעצויגענע, פאפירענע בלומען. זי דערשטיקט ניט דעם לעבעדיגען אטעם פון בוך. זי צווינגט אים אמאל זיך אפהאקען, אבער באלד דערהערען מיר אים ווידער. און מיר לאזען ארויס פון האנט דעם בוך מיט דעם איינדרוק, אז עס איז דאך פאראן אין אים עפעס, אחוץ „ליטעראטור“.

דאס דאזיגע „עפעס“ איז לײדער אבער ניט יענעס, וואס דער פארפאסער האט ג ע װ א ל ט שאפען. ער האט געוואלט שילדערען אן אייגענארטיגע א י נ ד י װ י ד ו ע ל ע פרויען־געשטאלט. דאס זעט מען פון דעם נאמען, וואס זיין בוך האט: מ י ר ל. אבער מער ווי דעם נאמען פון אן אינדיווידועלער פערזאן איז אין בוך ניטא. איר אינעווייניגסטער אייגענארטיגער יש איז אונז ניט געגעבען געווארען... „עס איז אזוי שווער צו וויסען, וואס מירל וויל“, זאגט (אדער טראכט אמאל) דער דיכטער ליפסקי, דער הויפט־העלד פון ראמאן. נאך ריכטיגער וואלט געווען צו זאגען: „עס איז אזוי שווער צו וויסען, וואס מירל איז“. ניט בלויז דער דיכטער ליפסקי ווייס עס ניט (און דערפאר כשופ'ט זי אים אזוי). אויך דער אויטאר, ה' פערלע, ווייס עס ניט אויף קלאר. אמאל איז זי ביי אים איינע, וואס „געהערט צו יענע דערוואקסענע קינדער, וואס קאנען ניט קלערען און וואס האבען ליב געזאנג און געלעכטער“: אמאל האט זי „עפעס אין זיך שד'ישעס“; אט איז זי א גאנץ געוויינליך קאפריזנע ווייבעל, וואס איר איז לאנגווייליג מיט

*) פארלאג „די צייט“, ווארשע, 1920.

איר לאנגוויילינגע פארליבטע מאַן, און אַט דרעמעלט אין איר „אַ שטיק פאַנטערע, נאָר מיט ריין בלוט און אַ קיניגליכער פעל״: אַט איז זי באַנאַל, וואָס באַנאַל הייסט, און אַט ווערט זי מיט אַמאָל „דעמאַניש״. און דאָס זיינען ניט קיין סתירות פון איר נשמה. דאָס איז דעם שרייבערס אָנמעכטיגקייט זי קלאָר צו מאַכן פאַר אונז. אַ לעבעדיקע זייער איינהייטליך און בולט געשילדערט ווערן אויך, ווען עס איז געוועבט פון ווידערשפרוכן. די פאַרשידענע פאַרבן פון דער געשילדערטער געשטאַלט דאַרפן ניט מטושטש מאַכן דעם קינסטלערס בילד. זיי דאַרפן עס נאָר מאַכן רייכער, פאַרוויקעלטער. דאָס בילד פון מירלען איז אָבער מטושטש — ניט פאַרוויקעלט, נאָר פאַרפּלאָנטערט. דער לעזער דאַרף זיך אָנטאָן אַ כח און מיט זיין אייגענער פאַנטאַזיע אַרויסציען מירלען פון דעם נעפּעל, וואָס דער פאַרפאַסער האָט אויף איר, ניט ווילנדיג, אָנגעשיקט.

און אַז מען באַפרייט זי פון דעם נעפּעל, זעט מען, אַז זי איז ניט קיין אינדיווידועלע פרויען־געשטאַלט, ניט קיין יוצא מן הכלל, נאָר אַ פרוי בכלל — „אַ פרוי מיט יעדן ריר״, ווי עס טראַכט וועגן איר איינמאָל ראַפאַל ליפסקי. דאָס, מיט וואָס זי צייכנט זיך אויס, איז, אין תוך, כאַראַקטעריסטיש פאַר אַ געוויסן מין שיינע פרויען איבערהויפּט. און אויב דעם פאַרפאַסער איז געלונגען אונז צו געבן אין מירלען עפּעס אַזוינס, וואָס לעבט, איז עס טאַקע נאָר אַט דאָס אַלגעמיינפרויענהאַפטיגע.

דאָס דאָזיגע אַלגעמיינע האָט אין מירלען אַ געוויסע אייגנאַרטיגע פאַרב (די פאַרב פון אַ געצערטעלטער, געפּעסטשעטער פרוי? פון אַ גרויס־שטעטיש־נערוועזער, ראַפינירטער פרוי? פון אַ פּויליש־אידישער פרוי?), אָבער די דאָזיגע בלאַס־ און אָנמעכטיג־געצייכנטע גרופּענהאַפטיגע שאַטירונג ווערט בטל אויפ׳ן פאָן פון די גרעדיכטע און קענטיגע אַלגעמיין־ווייבליכע שטריכן. און דעם לעזערס אויפמערקזאַמקייט ווערט צוגעצויגן ניט צו דער פרוי מירל, נאָר צו דער פרוי אין מירלען.

צו דער פרוי, וואָס האָט ניט קיין אַנדערע חלומות, אַחוץ די, וואָס וויקלען זיך אין דעם סוד פון איר אייביג ניט געשטילטען

פארלאנג, וואס האט ניט קיין אנדערע ציטערנישען אין איר נשמה, אחוץ די, וואס קומען פון ליבע, און קיין אנדער ליבע, אחוץ דער, וואס איז א פיינליך־זיס שפיל פאר איר און א טיפער געפער־ליכער ערנסט פאר אים... איר ווייסט ניט, צי ליבט מירל אדער זי האט האלט נאר געליבט צו ווערן. עס איז איר אליין ניט קלאר, וואס ליבט זי אין איר געליבטען, אים אליין אדער — זיין ליבע צו איר. עס דאכט זיך, אז אין יעדען מאן רייצט איר די געהיימע מעגליכקייט פון ליבע, נאר כל־זמן זי איז א געהיימע און א ניט־זיכערע. (מיט דעם סטודענט אזשעק, מיט לעווענ־שטיינ'ען און מיט איר מאן איז זי זיכער: דארף זי זיי ניט.) איר געפעלט דער שטארקערער מאן נאר דערפאר, ווייל עס איז א גרעסערער שטאלץ אים בייצוקומען. און ער געפעלט איר נאר ביז וואנען זי קומט אים ביי. זי שלעפערט אים איין, ווי דלילה שמשונ'ען, אויף אירע קני, נאר כדי אים צו מאכען אויס גבור. דערפאר פילט זיך ראפאל „צעבראכען" דוקא נאכדעם, ווי זי האט געמאכט צו אים דעם לעצטען שריט. דאס איז געווען איר נצחון, ניט זיינער. אבער אויך זי פילט זיך אומגליקליך: ביי איר איז די ליבע נאר א קונסט — די קונסט פון דעם יעגער: די יאגד איז געענדיגט — קומט די מידקייט, די פוסטקייט, די לאנגווייליגקייט... דאס ציל איז דערגרייכט; אבער זי דארף עס ניט. זי דארף דעם וועג צום ציל — און דער וועג איז צו ענד: ער איז אירער.

אנדערש איז מיט אים: זיין אנטוישונג נעמט זיך פון דעם, וואס זיין ציל איז ניט דערגרייכט. ער איז געקומען צום לעצטען פונקט פון זיין וועג. אבער דער וועג איז, ווי עס ווייזט זיך ארויס, געווען ניט דער ריכטיגער: ניט צו דער מירלען האט אים געצויגען, ניט דאס איז געווען דאס בילד, וואס האט אים גע'כשופ'ט... „וואו איז זיין מירל?" פרעגט ער: „זיין אויסגעבענקטע? זיין אויסגע'חלומ'טע? ווער האט זי צוגע־נומען?"

און דער שלוס־זאץ פון ראמאן איז: „דורכ'ן פענסטער קוקט אריין א בלינדע נאכט און לאכט, דוכט זיך, מיט א ברייט אויס־

געקרימט פּנים". דאָס איז אַ מליצה (אַ „ליטעראַרישע", אַ דוד־קאַסעל'שע מליצה), עס שטעקט דאָך אין איר אַן אמת: די קאַמעדיע פון דער ליבע צווישען מירלען און ראַפאַל'ן. ז י י ע ר ליבע, די אייגענאַרטיגע, זיך קיינמאָל־ניט איבער'חזר'נדיגע ליבע פון אייגענאַרטיגע און קיינמאָל זיך ניט איבער'חזר'נדיגע פּערזאָנען — איז אין בוך ניטאָ. די מדרגה פון קונסט, וואו אַן אייביג און אַלגעמיין לעבענס־געזעץ ווערט אַנטפּלעקט אויף אַ נייעם און אינדיווידועלען אופן — האָט דער ראָמאַן ניט דערגרייכט. אין אים ווערט דאָס אַלגעמיינע געצייגט בלויז אויף אַן אַלגעמיינעם אופן.

אמת, עס טרעפט, אַז אונזער מאָלער לעגט אויפ'ן לייַנוואַנט פרישע, לעבעדיגע שטיקער פאַרב, און אייך דוכט זיך, אַז אָט־אָט וועט איר אים, ראַפאַל ליפּסקי'ן, אָדער איר, מירלען, דערזען אינגאַנצען, ווי זיי זיינען, און איר וועט קאָנען זאָגען: יע, דאָס איז ער, ראַפאַל ליפּסקי, ניט קיין אַנדערער, ניט סתם אַ דיכטער, ניט סתם אַ קלוגער, איידעלער מאַנסביל, אָדער: דאָס איז זי, מירל, ניט סתם אַ שיינע, קאַפּריזנע, פאַרבענקטע און געלאַנגווייליגטע פרוי. אָבער אין אַ מינוט ארום דערזעט איר אויפ'ן לייוואַנט נייע פלעקען פון פאַרב, נייע שטריכען, און זיי קלעפּען זיך ניט צו די פריערדיגע, זיי זיינען אָדער איבעריגע, אָדער פאַלשע, — און דאָס בילד, וואָס האָט זיך געוועסט אָנגעהויבען צו אַנטפּלעקען פאַר אייך, ווערט צערונען, אַזוי, אַז קיין פולע אינדיווידועלע קינסטלערישע געשטאַלטען (אַחוץ אפשר אַ פּאָר אומבאַדייטיגע עפּיזאָדישע פּערזאָנען, ווי דער הער און די פרוי שטיינבערג אין קאַפּיטעל זעקס) — זיינען אין ראָמאַן ניטאָ. עס זיינען דאָ נאָר עטליכע אַלגעמיינע פּסיכאָלאָגישע שטריכען און פאַרשידענע איינציגע סיטואַציעס און מאָמענטען, אין וועלכע עס פילט זיך די פייאיגקייט פון אַ קינסטלער.

איינציגע פון די דאָזיגע שטריכען האָב איך דערמאָנט אויבען, וואו איך האָב (אויף מיין אייגענע פאַראַנטוואָרטליכקייט) געפּרואווט אויסטייטשען דעם אַלגעמיינעם כאַראַקטער פון מירל'ס און ראַפאַל'ס ליבע: אין מירלען האָב איך געפונען די קינסטלערין פון ליבע, אין ראַפאַל'ן — די ליבע פון אַ קינסטלער. דאָ

וויל איך נאך דערמאנען איינינע פון די אלגעמיינע סיטואציעס, וועלכע זיינען קינסטלעריש געלונגען. דאס זיינען, פריער ווי אלץ, די שילדערונגען פון דעם באל און פון מירל׳ס בודואר, ווען זי איז דארט אליין און אויך ווען זי נעמט דארט אויף ראפאל׳ן. די דאזיגע און איינינע קאנצענטרירטע און מיט א זיכערער האנט געמאלטע בילדער צייגען, אז אין יהושע פערלע וואקסט א דיכטער (דערצו נאך א דיכטער, וואס קוקט אריין אין א ביי אונז ניט גאר געוויינליכער ספערע פון לעבען — אין „סאלאן“). אבער עס איז נאך ניטא אין אים די פייאיגקייט צו זען קלאר און שילדערען בולט גאנצע, אינדיווידועלע טיפען, ער קאן נאך אויך ניט זיפען די איינדריקען און לייטערען דעם מאטעריאל פון לעבען, אזוי, אז עס זאל בלייבען נאר א געדיכטע און קלארע עסענץ. און, אחוץ דעם, פלאנטערט ער זיך נאך אמאל אויך אין דעם טויטען נעץ פון „ליטעראטור„. מען מוז אבער צוגעבען, אז אים געלינגט א סך אפטער, ווי קאסעל׳ן, ארויסצוגיין אויף דער פריי און א נ ט פ ל ע ק ע ן פאר אונז דעם אינעווייניגסטען לעבען, אנשטאט אים איינצוּאוויקלען — און דערשטיקען — אין ווייכער וואטע פון מליצות.

(1921)

## עוזר ווארשאווסקי: שמוגלערס*)

אינגאנצען און לחלוטין פריי פון מליצות און „ליטעראטור" איז דער ראמאן „שמוגלערס" פון עוזר ווארשאווסקי (אפנים חדשות אין אונזער ליטעראטור.) דאס איז א שטיק נאקעט לעבען. ניט אפגעדעקט, נאר לכתחילה נאקעט. אריינגעפירט אונז אין א ווינקעל, אין א וועלטעל, וואו עס לעבען א געוויסער סארט מענשען. ביי געוויסע אומשטענדען. אוועקגעשטעלט אונז אין רעכטען מיטען און געהייסען עפענען ברייט די אויגען — און קוקען, אנשטעלען די אויערן — און הערען. אן קיים שום פארמיטלונג, אן קיין שום מחיצה. אפילו דער פערפאסער שטייט ניט צווישען אונז און דעם לעבען, וואס מיר זאפען אין זיך איין. ער האט געלאזען זיין איך הינטער דער טיר, וועלכע ער האט געעפענט פאר אונז, אדער אפשר איז ער אליין א ד א ר ט י ג ע ר, דערפאר זעט מען אים ניט אן. ער גיסט זיך אויף מיט די ארומיגע. אפילו קיין שפראך, וואס זאל זיין אנדערש פון זייערער, האט ער ניט. זייערע רייד און זיינע איז כמעט איין זאך. דאס הייסט ניט, אז זיי ריידען, ווי ער, דער שרייבער: דאס וואלט געווען שלעכט. נאר ער רעדט, ווי זיי. אזוי, אז אויך די שפראך פון בוך איז ניט קיין בוך־שפראך, נאר א טייל אין אן עכא פון רויען לעבען. דאס איז כמעט ווי א ג ע ר ע ד ט בוך, ניט קיין געשריבענס. עס שטייט אויפ'ן גרענעץ פון פאלקלאר.

אבער עס איז דאך אן א י נ ד י ו ו י ד ו ע ל ע שאפונג: א י י נ ע ר איז געווארען דעם לעבענס מויל. און מסתמא איז עס ניט קיין צופאל, וואס ער רעדט צו אונז דורך אים דוקא אט דער און ניט קיין אנדער סארט לעבען. מסתמא פילט ער אין זיך

*) ווייסענבערג־פארלאג, ווארשע, 1920.

א באזונדער פייאיגקייט צו ווערן דער ארגאן דוקא פון אזא מין סארט לעבען.

און ער נארט זיך ניט אפ: ער האט די פייאיגקייט. ער גיט אונז די שמוגלערס אזוי רוי און ברוטאל, און אפשר נאך רויער און ברוטאלער, ווי זיי זיינען. און ניט נאר זיי אליין, אויך זיין שילדערען זיי איז פריש און פייכט, ווי א נאר וואס אויפגעאקערט שטיק פעלד. ער מאכט ניט קיין „טעמע" פון די שמוגלערס. ער שטעלט זיי ניט אויס אין מאלערישע גרופעס. ער פארגינט זיך אפילו ניט צו האבען קיין „צענטראלע פיגור". ער זארגט ניט פאר דער „קאמפאזיציע". דער ספור־המעשה איז אן אן אנהויב, אן א מיטען און אן אן אויסלאז. מען קאן דורכלאזען אין בוך קאפיטלאך און צושרייבען נייע. עס איז ניטא בכלל קיין פאבעל, וואס זאל זיך האלטען אויף די אדער יענע דערציילונגס־כללים. עס איז א פנקס — דער פנקס פון א פויליש־אידישען שטעטעל בעת דער דייטשער אקופאציע. גייט, פאדערט פון כרא־ניקעס איינהייטליכקייט פון פאבעל, גאנצקייט פון קאמפאזיציע, א. ד. ג.

אין א כראניק איז דא די אויסערליכע „אומארדענונג" אין איינעם מיט דער טיפער געזעצמעסיגקייט פון לעבען. און דאס איז דא אויך אין דעם „ראמאן" פון עוזר ווארשאווסקי. הינטער זיינע צופעליגע טאג־טעגליכקייטען באהאלט זיך אן אלגעמיינע קראפט און א געזעץ: די קראפט און דאס געזעץ פון רויען לעבען.

דאס לעבען איז, איז תוד, שטענדיג רוי. נאר פאר דער מלחמה איז די רויקייט געווען פארבארגען, פארשטעלט, פאר־האנגען. עס זיינען געווען כללים, טראדיציעס, פירונגען, מנהגים, צוימען. עס זיינען געווען זאכען, וואס מען האט געמעגט, און זא־כען, וואס מען האט ניט געטארט טאן. עס זיינען געווען ווענט־לאך, מחיצות, וואס האבען אפגעטיילט איידעלע פון פראסטע, לומדים פון עם־הארצים, רייכע פון ארימע... עס איז געווען אויך געווים פריער א „קוילער־געסעל", וואו אלץ איז פרייער, ווילדער, נאקעטער, ווי אין „בית מדרש געסעל". און דאס קוילער־געסעל האט געקראגען א פלאץ אין דער ליטעראטור: מיר האבען עס גע־

זען — ראָמאַנטיש פאַרפּוצט — ביי אַש׳ן און — פּריש רעאַליס־טיש — ביי ווייסענבערג׳ן (אין רוסלאַנד), ביי לעאָ קאָבריג׳ען, י. אָפּאַטאָשו׳ן (אין אַמעריקע). אָבער עס האָט ניט פאַרנומען קיין אָרט אויבנאָן. עס איז געשטאַנען הינטער דער בימה. אַ דעה האָט געזאָגט דער „מזרח". דאָס קוילער־געסעל איז געווען אַ קראַפט, אָבער ניט די קראַפט פון לעבן. איז געקומען די מלחמה — די געזעץ־געוואָרענע ברוטאַליטעט — די געקרויגטע בעסטיע — און דאָס קוילער־געסעל האָט, אין איר רויסטער געשטאַלט — זיך אויסגעשפּרייט איבער׳ן גאַנצן שטעטל. דאָס בית־מדרש־געסעל איז חרוב געוואָרען און צעטראָטען געוואָרען מיט די פיס פון דער מאַרשירענדער פרעכהייט. עס איז געבליבן נאָר דאָס — איצט נאָך מער הפקר־געוואָרענע און צעריסענע — קוילער־געסעל... אַזוי איז עס ביי אַנדערע פעלקער, אַזוי איז עס אויך ביי אונז, אידען. מער ניט אויף אַן אַנדער אופן. ביי זיי האָבען די ה ע נ ט אָנ־געהויבען אַרבעטען ברוטאַלער, ווי פריער, ביי אונז — דער ק אָ פּ, דער דריי־קאָפּ. ביי זיי האָט זיך אָנגעהויבען אַ סדרה ב ל ו ט, ביי אונז — אַ סדרה ש מ ו ג ע ל (אָדער שמוכל, ווי דאָס האָט געהייסען אין ווילנע).

אַמאָל איז שמוגעל געווען איינע פון די אידישע פרנסות, איצט איז עס געוואָרען ד י אידישע פרנסה. אַנדערע קוואַלען פון חיונה זיינען אויסגעטריקענט געוואָרען: „...ווער אַרבעט דאָס היינט? ווער מאַכט זיך עפּעס? טויט, אָפּגעשטאָרבען. אַלע האַנד־לען: סוחרים פאַרקויפען די סחורות בחצי חנם, כדי צו האָבען פאַרוואָס צו קויפען ברויט. און בעלי מלאכות! בעלי מלאכות גייען אַרום מיט ליכט אין די הענט און מען זוכט און מען „זאָכט" דעם פויער... איז טאַקע געוואָרען שלעכט, וואָס שלעכט הייסט. מען דרייט זיך פּוסט און פּאַס, דער לעצטער רובעל איז שוין לאַנג אויפגעגעסען. וואָס־זשע טוט מען ווייטער?"*) הויבט מען אָן

---

*) דאָס אויסלייגעכץ איז אין טעקסט פּאַנעטיש, ד. ה., געשריבען ווי גערעדט, און ערגעץ פּאַסט זיך עס טאַקע ניט אַזוי, ווי אין אָט דעם דיאַלעקט־בוך.

שמוגלען, ד. ה., מאכען געשעפט מיט פארבאטענע זאכען. פריער נעמען זיך פאר די געפערליכע פרנסות די דרייסטערע און די שטארקערע, דערנאך — א ל ע : „דאס שטעטעל האט דער שמוג־לער ארומגענומען, ווי א פייער, וואס כאפט אלץ ארום און וואס קריכט, שמעקט און לעקט אויס אלע באהאלטענסטע ערטער, אלע פארהוילענסטע ווינקעלאך... עס פארען מיט'ן שמוגעל שוין נישט נאר אזעלכע, ווי דוד'ל און שייקע, נאר אויך א סטודענט, אז ער דארף טוישען אדער קויפען אין ווארשע די לער־ביכלאך, פאקט ער זיך איין א פעקעל און פארדעקענדיג עס מיט די ביכלאך, פארט ער און שלאגט זיך אויס די הוצאות... — — פארט אויך דער איינציגער לערער פון שטעטעל, וואס איז אנגעדונגען ביי קהל און האט נאך פאר דער מלחמה געפירט די חשבונות פון דער לייַ־קאסע, וועלכע איז היינט שוין נישטא — — —, עס פארט אפילו אויך דעם דינ'ס טאכטער — א כלה־מיידעל — — —."

עס פארען אלע : בעל עגלות און סוחרים, בעלי מלאכות און זיידענע יונגעלייט, פראפעסיאנעלע גנבים און חשוב'ע בעלי־בתים. מאנסביל און ווייבער, אלטע און יונגע און אפילו קליינע קינדער, — יע, דאס שוידערליכסטע : אפילו קליינע קינדער האנדלען און שמוג־לען ! עס זיינען געפאלען די צאמען פון קלאס און קלאס, גע־שלעכט און געשלעכט, עלטער און עלטער. דער ריינסטער ברונ־נען — די קינדהייט — איז פאראומריייניגט געווארען ! עס זיינען בטל געווארען אלע דינים, אלע געזעצען, אלע געוואוינהייטען : מען מעג אלץ טאן, אבי נאר עס זאל זיין פרנסה. פון די געזעץ־היטער (די דייטשע אקופאנטען) קויפט מען זיך אפ פאר געלט, אבער נאך בעסער ווי געלט איז — פרויען. יעדער אמת'ער שמוגלער האט א שותפ'טע — אן אויסגעלאסענע פרוי. זי פירט מיט אים איננאיי־נעם די פארבאטענע סחורה, און אז מען קומט צוריק אהיים פון וועג, וואוינט זי ביי אים אין הויז. די פרטים דערפון איז שווער צו ברענגען, נאר איין שטעלע — „א צניעות'דיגע" אין פארגלייך מיט אנדערע שטעלען — וועל איך ציטירען : „...אויף די פורען (וואס פירען דעם שמוגעל) האט שוין יעדער איינציגער זיין „כלה". דער בלינדער גרונם, וואס פארט מיט יאנקעל טשאפ, האט באלד

ביים ערשטען מאָל אריינגעפירט זיין „כלה" צו זיך אין שטוב. דאָס ווייב האָט ער געהייסען זיך אויפהויבען פון בעט. „גענוג געבאַ־ליעט!" האָט ער געזאָגט, און די שיקסע זיינע האָט זיך דעריין אריינגעלייגט שלאָפען". אזוי — און נאָך א סך, א סך „איידע־לער" — באַגייט מען זיך מיט די ווייבער. און מען שעמט זיך ניט „אוועקצולייגען אַז אַ זייט" אויך די ערע פון די טעכטער. דאָס טוען ניט נאָר די בלינדע גרונמ'ס און די יאַנקעל טשאַפּס. דאָס טוען אויך אזוינע בכבוד'יגע בעלי בתים, ווי דער זאַלץ־סוחר ר' וואָווע: — „...און איצט, אַז ער זעט די כוואָרינאַרסקים אַרויפּ־גיין צום קאָמענדאַנט מיט בלומען — מקבל פנים זיין, פאַלט אים איין דער געדאַנק, ער זאָל זיין טאָכטער אויך אַרויפשיקען צו אים. ס'פאַרשטייט זיך, ער דאַרף איר אָנזאָגען, ווי זי זאָל רעדען מיט אים און ווי זי זאָל קוקען, ווי זי זאָל גיין, ווי זי זאָל שטיין און ווי זי זאָל זיצען: ניש'קאָ' קליינינקייט... וואָרען איז ער דען ניש' אַ טאַטע... אַזוי טרייסט זיך רב וואָווע. און ער שטעלט זיך פאָר, ווי זיין טאָכטער שטייט אַזוי פאַר'ן קאָמענדאַנט און בעט אים, ער זאָל איר פאָטער אַרויסגעבען אַז ערלויבניש צו ברענגען אַ וואָגען זאַלץ און ווי ער, דער קאָמענדאַנט, קוקט איר אין ד'אויגען אַריין — זיי קריגען דאָך די כפרה פאַר איר — און ער קאָן איר נישט אָפּזאָגען..."

עס איז אָנגעשטאַנען אַ וועלט, וואו עס זיינען אָפּגעריסען גע־וואָרען אַלע פייגען־בלעטער, אַ וועלט, וואו מען שעמט זיך ניט, אַ וועלט פון אָפענער, נאַקעטער, רויער, רויטער ברוטאַליטעט. און אַט די ברוטאַליטעט פּילט אַז דעם גאַנצען בוך.

די איינציגע זייטלאַך, וואו עס איז דאָ עפּעס אַ סימן פון מענשליכקייט, פון איידעלקייט, — זיינען די, וואו עס דערציילט זיך וועגען דער ליבע צווישען... אַ שמוגלער אַ אינגעל און אַ שמוג־לערקע אַ פּראָסטיטוטקע. די ריינע, צאַרטע, האַלב־קינדישע ליבע צווישען דעם יונגען שמוגלער און דעם גאַסען־מיידעל איז דער איינציגער טראָפּען ליכט, וואָס גנב'עט זיך אַריין אין דער דאָזיגער אונטערוועלט. דעם פאַרפאַסערס שפּראַך הערט אויף צו זיין שמוגלעריש און ווערט גאָר פלוצלונג דיכטעריש, ווען ער רירט זיך

צו צו אַט דער אײדעלער בלום אין מדבר: „... דאַמאַלט ציען אים זיך אַלײן אוים די הענט און ער נעמט זי אַרום מיט דער אײגענער ליכטיגקייט, וואָס ער האָט איצט אַזויפיל אין זיין קאָפּ און אַפּדרי־קענדיג אַ הייסען קוש אויף איר פּנים, בלייבען זיי ליגען שטיל־שטיל. — מענדעל'ס ווייכקייט איז געווען די, וואָס דער גרעבס־טער יונג, ווען ער דערשפּירט זי אין זיך, קאָן ער דאַמאַלט נעמען די צאַרטסטע זאַך אין דער האַנט אַריין, די ווייסטע ליליע, און שום שאַדען, און זי וועט אַרוים פון זיין האַנט אומבאַפלעקט... און אפשר — אפשר נאָך ווייסער, ווי פריער, ווייל זי איז געלייטערט דורך נאָך אַ צווייטער צאַרטקייט..."

אָבער אי אַט דער סטיל, אי אַט דער אינהאַלט איז אין בוך אַן אויסנאַם. דער כלל איז — ר ו י ק י י ט. רויעם געזען — און רויערהייט עס אונז געוויזען.

אין דעם ליגט די אײגענאַרטיגקייט, די דרייסטקייט, די פרישקייט — און די סימפּטאַמאַטישע באַדייטונג פון דעם ראָמאַן: דאָס איז דער ערשטער מלחמה־ראָמאַן אויף אידיש, דער ערשטער א י־ ד י ש ע ר מלחמה־ראָמאַן!

אַ מלחמה־ראָמאַן אָן מיליטערישע אַקציעס! אָן בלוט! דער־פאַר אָבער פול מיט האַנדעל און מיט שמוגעל! דאָס איז א ו נ־ ז ע ר אײנטייל אין דער שמוציגער קריגס־אַרגיע...

מיר האָבען געבראַכט נאָך קרבנות, ריינע און הייליגע, יענע, וואָס זיינען צו כשר דערמאָנט צו ווערען דאָ. — אָבער דעם מזבח פאַר זיי — דעם פּאַגראָם־מזבח — האָבען דאָך ניט מיר געבויט, נאָר אַנדערע. דעם מזבח פאַר די קרבנות פון שמוגלען האָבען מ י ר געבויט. אפשר ניט מיר אַליין, אָבער מיר א ו י ך. און ווען די פינסטערע סעודה פון טויט האָט געהאַלטען ביי אויפהער־רען, האָבען עס ביי אַנדערע פעלקער באַדויערט די קריגס־העלדען. ביי אונז — די שמוכל־העלדען: „...אפילו יצחק יונה, אונזער יצחק יונה, דער שטילער, דער טאַנדעט־שניידער, וואָס איז ניט געווען ווי אַלע טאַנדעטניקעס; ער, וואָס רירט זיך ניט אָן אַ ברכה'לע, אָן אַ שקעטאַלע טאַבאַק — איז ער אויך ניט צופרידען געווען, וואָס ס'גייט זיך מאַכען שלום"...

אזוי איז מען עס איינגעוועבט געווארען אין דעם פרעכער, שמוציגען געוועב פון קריג. אזוי זיינען עס פארטיליגט געווארען די נשמות אין די גראַטעוועטע קערפּערס!

אבער דער פּראָפעסאָר מאַראַליזירט ניט, ווען ער ציִיגט עס אונז: דערפאַר געלינגט עס אים אונז צו צייגען אזוי קלאָר. די פאַרשווינען, וואָס גייען דורך פאַרביי אונז, פילען אויף זיך ניט דעם אויטאָר׳ס שטראָפענדיגען אָדער גלעטענדיגען בליק, זיי פילען נאָר זיין טיף־אויפריכטיגע אויפמערקזאַמקייט צו זיי: דערפאַר באַוועגען זיי זיך, האַנדלען און רעדען אזוי פריי און אזוי פריש.

זיי רעדען אין בוך, ווי אין לעבען, אויף זייער אייגענעם דיאַלעקט — און דאָס איז ניט נאָר רעאַליסטיש, דאָס איז סימבאָליש: — דער ד י א ל ע ק ט — דאָס רויע, עלעמענטאַרע און אורשפּרינגליכע — האָט גובר געווען די באַאַרבעטע, קולטווירטע און פאַרוויקעלטע ליטעראַטור־ש פּ ר אַ ך! דאָס איז דער סך הכל פון קריג. ווער עס פילט עס, קאָן שרייבען וועגען דעם. עוזר וואַרשאַווסקי האָט עס — אויף זיין שמאָלען געביט — דערפילט. איז אים געלונגען צו ווערען ביי אונז דער פּראָפעסאָר פון דעם ערשטען מלחמה־ראָמאַן. אין דעם ראָמאַן איז דער הויפּט־העלד ניט אַן איינציגע פּערזאָן, נאָר עפּעס אַ קאָלעקטיווער עלעמענט, אַ דבוק פון גאַנצען כלל, און דאָס איז: דאָס נאַקעט געוואָרענע ברוטאַלע ל ע ב ע ן...

דאָס רויע לעבען רוי געמאָלט — דאָס זיינען „די שמוגלאַרס" — אַן אויסשפּראַצונג פון אַ נאָך ניט צייטיגען, אָבער פרישען און פולען קונסט־קערענדעל.

1921.

# אינהאלט:

## פאַרשמועסען.


זייט

פאַרשמועסען — — — — — — — — — — — — — — 7

I ליטעראַטור — און קריג — — — — — — — — — — 7

II אין יאָר 1917 — — — — — — — — — — — — — 37

III דער הויכער פּונקט — — — — — — — — — — — 47

IV פריער און איצט — — — — — — — — — — — — — 61

V פאָלק און פאָלקלאָר — — — — — — — — — — — 69

VI „אידישע קונסט" — — — — — — — — — — — — 74

VII די נייע מיסיע פון דעם אידישען בוך — — — — — — — 98

VIII ראָמאַן און ראָמאַנטיזם — — — — — — — — — — 105


## ראָמאַנען.


דוד בערגעלסאָן: נאָך אַלעמען — — — — — — — — — 137

שלום אַש: מערי — — — — — — — — — — — — 162

שלום אַש: אָנקעל מאָזעס — — — — — — — — — — 183

שלום אַש: קדוש השם — — — — — — — — — — — 192

שלום אַש: די כשופ'מאַכערין פון קאַסטיליען — — — — — 207

לעאָן קאָברין: ארע די באָרד — — — — — — — — — 215

לעאָן קאָברין: די ערוואַכונג — — — — — — — — — 223

י. אָפּאַטאָשו: היברו — — — — — — — — — — — 230

י. אָפּאַטאָשו: אין פּוילישע וועלדער — — — — — — — 238

א. ראַבאָי: דריי ראָמאַנען — — — — — — — — — 254

יואל מאַסטבוים: דריי דורות — — — — — — — — — 262

צבי הירשקאַן: צוויי וועלטען — — — — — — — — — 274

דוד איגנאַטאָוו: אין קעסעלגרוב — — — — — — — — 286

דוד קאַסעל: אונטער א ווייסען פאַרהאַנג — — — — — — 295

יהושע פּערלע: מירל — — — — — — — — — — — 304

עוזר וואַרשאַווסקי: שמוגלערס — — — — — — — — — 309